STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09458

OYF DI HURVES FUN MAYN HEYM

Melech Fainzilber

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלימלך פײנזילבער

אויף די חורבות פון מײן היים

(חורבן שעדלעץ)

PUBLIC LIBRARY, TORONTO

תל־אביב 1952

דאס בוך איז ארויסגעגעבן דורכן געזעלשאפטלעכן קאמי-טעט פון בני-עיר און פריינט:

מאניש רידעל (פארזיצער), לעאן גליקסבערג (קאסירער), יצחק ארזשעל, אברהם משה זילבערשטיין, אריה ליבערמאן, ישראל טאבאקמאן, יהודה מאיר פינקלשטיין, ב. נ. שליפקע, דוד לוסטיק, דב לעווין, שמואל לעוו, מענדל בורשטין און די שרייבער:

יואל מאסטבוים, ד״ר מ. דווארזשעצקי, גבריאל וויסמאן, מרדכי עובדיהו (גאטעסדינער), ק. שבתאי, אליעזר רובינשטיין, לייב ראכמאן און רעזשיסער יעקב מאנסדארף.

כל הזכויות שמורות
copyright by **M. FAINZILBER**
Tel-Aviv, 1952

הילע געצייכנט: **יצחק מרגליות**

נדפס בישראל
דפוס „הכרמל", תל־אביב

Printed in Israel
„Hacarmel", Tel-Aviv

געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין ליב־האר־ציקע מאמע, טאָבע, מיינע ברידער: מאָטל, יע־קב, שלמה, דוד און שוועסטער אסתר מיט זייערע משפחות, וועלכע זענען אומגעקומען אין טויט־לאגער מיידאנעק; מיין פרוי חנה־רבקה (פון דער היים: יום־טוב), געשטאָרבן אויפן וואָגל־וועג — אינעם ווייטן אוזבעקיסטאן און — מיין פארשניטענער עדה, די 25.000 קרבנות פון שעד־לעץ און אומגעגנט, וועלכע זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם דורך די דייטשע טמאים.

א פאר ווערטער

אלימלך פיינזילבערס בוך „חורבן שעדלעץ" האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט ארומנעמען און אויסשעפּן דעם גאַנצן מאַטעריאַל פון דער פּרעכטי־קער שטאָט שעדלעץ. עס איז אָבער א וואָגיקע און ערנסטע ארבעט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט, ווו עס קניפּן זיך צוזאַמען די טייערע לע־בנס־פעדעם פון דורות מענטשן, וואָס האָבן עקשנותדיק געקעמפט פאַר א בעסער און שענער לעבן.

מיט גרויס שלימות האָט דער מחבר געשילדערט די אידייען און מענ־טשן, וואָס האָבן געלעבט און געקעמפט אין דער דאָזיקער שטאָט, וואָס רע־כנט זיך פון די אוואַנגאַרד־שטעט אין יידישן פּוילן. מיט התלהבות און יוגנט־לעכן ברען האָבן שעדלעצער יידן זיך געוואָרפן אין די רייען פון די ציוניסטי־שע בוייער און קעמפער, פונקט, ווי די שעדלעצער יידישע ארבעטער האָבן זיך מיטן גאַנצן ברען געוואָרפן אין די רעוואָלוציאָנערע רייען אין 1905, וואָס האָט שטאַרק געווירקט אויף דער ארומיקער סביבה.

אין בולטע פאַרבן איז פיינזילבערן געלונגען צו געבן דעם כאַראַקטער פון מענטשן און טיפּן. מיר זעען מענטשן אייגנאַרטיקע, גאַנץ אַנדערע פון אַנדערע שטעט. דערמיט איז פיינזילבערן געלונגען צו ווייזן אונז דעם כאַ־ראַקטער און אייגנאַרט פון דורות יידן, וואָס האָבן געלעבט אין שעדלעץ.

פאַרשטייט זיך, אז עס האָבן געקאָנט אריינקומען אינעם בוך נאָך א סך אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון אַמאָליקן שעדלעץ.

פון די אַמאָליקע צייטן האָט פיינזילבער נאָר געהערט און דאָך זענען די אַלע בילדער פון דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט געגעבן אין א ריכטיקן טאָן. אָבער דער עיקר ברענגט אונז א. פיינזילבער ארויס די שרעקלעכע היטלער־יאָרן פון חורבן און פאַרוויסטונג.

עס פאַרשטייט זיך, אז אינעם בוך זענען אויך פאַראַן בלויזן — מאַנכע שילדערונגען צו לאַנגע און א טייל נעמען פון מענטשן, וואָס זאָגן נישט קיין סך. אָבער אין אַלגעמיין האָט דאָס בוך א וויכטיקן ווערט, נישט נאָר בלויז פאַר היימישע מענטשן פון דער שטאָט, נאָר אויך פאַר דער ברייטער וועלט, וואָס וועט א סך לערנען פון דער פאַרגאַנגענהייט פון דער גייסטרייכער שטאָט, שעדלעץ.

יואל מאַסטבוים

א וואָרט פון מחבר

שווער צו שרייבן וועגן חורבן פון אן אייגענער שטאָט, מיט אייגענע ליבע מענטשן, קרובים, פריינט און חברים, פון וועלכע עס איז מער נישט געבליבן, ווי א ביסל צעשאָטן אש, ארומוואלגערנדיקע, נישט דערברענטע ביינער, צעקלאַפּטע מצבות, איינברוקירטע אויף די גאסן, און מיט גראָז־באוואקסענע בערגלעך, ווי קברים אויפן אָרט פון זייערע היימען.

שווער צוצורירן און גריבלען זיך אין מאטעריאלן, וואָס דערציילן, ווי אזוי אונזערע אייגענע, נאָענטע, ליבע און טייערע זענען פארפייניקט געוואָרן דורך הונגער און ענגשאפט, דורך שמוץ און עפּידעמיעס, ווי אזוי זיי זענען דערשטיקט געוואָרן אין גאז־קאמערן, דערשאָסן אָדער צעהאקט געוואָרן מיט טעמפּע אייזנס, באגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט; מאטעריאלן, וואָס דערציילן, ווי אזוי קינדער זענען צעפּערטלט געוואָרן אָדער באקומען קוילן אין זייערע אויפגעעפנטע מיילעכלעך פאר די אויגן, אָדער אין די אָרעמס פון זייערע מאמעס.

אָבער, ווען איך האָב געוואָגלט אויף די חורבות פון אונזער אונטער־געגאנגענער היים, אויף די קברים פון אונזער פארשניטענער עדה, אלץ געזען און געהערט, וואָס עס דערציילן די געציילטע לעבנגעבליבענע, האָב איך געטראכט און זיך דערטראכט: אויב א בלינדער צופאל איז געווען דער גורם, וואָס מען האָט נישט געטיילט דעם גורל פון דער עדה און מען איז צופעליק לעבן געבליבן, פארפליכטעט דאָס צו עפּעס. מיר מוזן צאָלן א גרויסן און הייליקן חוב, וואָס מיר זענען שולדיק אונזער טראגיש־פאר־שניטענער עדה; פארצייכענען אויפן סמך פון באווייזן און פון דעם, וואָס עס דערציילן די לעבנגעבליבענע און דערמיט מקיים צו זיין דעם געבאָט פון זכור און פון והגדת לבנך — דערציילן פאר די קינפטיקע דורות די מגילה פון זייער פיין און ליידן און אויך דערפון עפּעס לערנען.

איך האָב אָנגעהויבן פארצייכענען, זאמלען, שרייבן און דערביי געמוזט קעמפן מיט פארשידענע שטערונגען און שוועריקייטן: שווערע קראנקהייט, וואָס האָט אויף א לאנגער צייט געשטערט אין מיין ארבעט; היימלאָזיקייט און דער וואנדער־וועג קיין ישראל, ווי אויך קעמפן מיט דער גלייכגילטי־קער אייז־קאלטער באציאונג פון אונזערע לאנדסלייט אין לאנד און אין אויסלאנד, וואָס האָבן נישט, נישט נאָר קיין שום מיטהילף ארויסגעוויזן צום דערשיינען פון בוך, נאָר אפילו נישט באוויליקט צו ענטפערן אויף ברייוו,

וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַרבעט. זעט־אויס מען וויל פאַרגעסן...

צוגעהאָלפן צום דערשיינען פון בוך האָט דער געזעלשאַפטלעכער קאָ־מיטעט, וואָס האָט זיך צו דעם צוועק געשאַפן. ווי אויך א דאַנק דער דערמו־טיקונג פון די שרייבער:

יואל מאַסטבוים, ד״ר מ. דוואָרזשעצקי, גבריאל ווייסמאַן, מרדכי עוב־דיהו, ק. שבתאי, אליעזר רובינשטיין, לייב ראָכמאַן, רעזשיסער יעקב מאַנס־דאָרף.

א גרויסן יישר־כוח קומט מיין פריינט, דעם שרייבער גבריאל ווייסמאַן פאַר זיין ממשותדיקער און פּראַקטישער מיטהילף ביים העלפן צוגרייטן דאָס בוך צום דרוק, ווי אויך מיין קוזין, יהודה מאיר פינקלשטיין פאַרן העלפן איי־בערשרייבן דעם מאַנוסקריפּט אויף דער שרייב־מאַשין — זיי אַלע זאָגט איצט דער מחבר זיין עפנטלעכן און האַרציקן דאַנק.

דאָס בוך פּרעטענדירט נישט צו זיין דער פולער מאָנומענט נאָך אונ־זער חרובער היים־שטאָט און פאַרשניטענער עדה. צו־גרויס איז דער חורבן, אַז א יחיד זאָל אַלץ קאָנען אויסשעפּן. דאָס דאָזיקע בוך איז א באַשיידענער צושטייער צו אַזא מאָנומענט.

איך האָב זיך קוים צוגערירט צום טרויעריקן קאַפּיטל, וואָס הייסט: יו־דנראַט און יידישע פּאָליציי, אָבער — אויסגעמיטן צו משפטן, האַלטנדיק זיך ביים כלל פון: אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו... און איך בין אויף זייער אָרט נישט געווען.

צוליב פאַרשידענע סיבות איז אין דעם באַנד נישט אַריין א באַדייטנ־דיקער טייל פון מיין אָנגעצייכנטער אַרבעט, דערהויפּט וועגן פאַרשידענע אינ־סטיטוציעס, געזעלשאַפטן, פּאַרטייען און שטעדלעצער געשטאַלטן. דאָ קומען נאָר אַריין עטלעכע פון זיי. די אַנדערע וועלן קומען אין א צווייטן באַנד.

דער מחבר

1. צוריק אַהיים

אין יענע פינצטערע טעג פון גרויל און שאנד, ווען דער בלוטיקער משחית האָט פארשפרייט זיינע שווארצע פליגלען איבערן גרעסטן טייל פון אייראָפּע, האָט זיך דערטראָגן צו אונז אהין, אין וויטן מיטל־אזיע — וווהין די מלחמה־זאווערוכע האָט אונז פארוואָרפן — די בייזע ידיעה, אז אונזערע ליבע היימען זענען חרוב ומוחרב געוואָרן און די לעבנס פון אונזערע טייערסטע, אונזערע נאָענטסטע זענען פארשניטן געוואָרן.

די דאָזיקע איוב־בשורות האָבן ביזן סאמע טיף צעטרייסלט אונזערע צעווייטיקטע נשמות און אָנגעפילט אונז מיט א שרעקלעכער עצבות.

דאָך האָט מען זיך עקשנותדיק געקלאמערט אינעם קלענסטן שאָטן פון א האָפענונג, וואָס יעדער פון אונז האָט זיך באמיט אויפצוהאלטן. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אינעם נישט־געזאָגטן: אפשר וועל איך פאָרט נאָך וועמען דאָרט טרעפן? נאָך מערער געשטארקט איז די האָפענונג געוואָרן אין די לאנגע, גרויע טעג און נעכט ,וואָס מיר האָבן זיך געפונען אין די פראכט־וואגאָנען פון דעם לאנגן עשאלאָן, וואָס האָט זיך מיט אונז געשלענגלט איבער די ברייטע קאזאכסטאנישע סטעפּעס און רחבותדיקע רוסישע פעלדער, און געפירט אונז אין דער ריכטונג פון אונזער פאַרלאָזענער היים. דאָס וויגן זיך פון די וואגאָנען, באגלייט מיט דעם ריטמישן קלאפּן פון די רעדער־מוזיק, וואָס האָט עטלעכע וואָכן כסדר געגלעט אונזער צעבראָכן געמיט, איז געווען, ווי א סגולה ארויסצורופן אין שלאָף און אין האלב־וואכנדיקן דרימל, שיינע, זיסע האלוצינאציעס און חלומות וועגן הייסע טרערן, וואָס גיסן זיך אויפן פּנים פון אן אלטער מאמען, וואָס מען האָט דאָרט געלאָזן; וועגן הייסע קושן, וואָס עסן זיך איין פון א געפונענעם ברודער, און וועגן ריח פון ווארעמע אָרעמס, ווו מען געפינט זיך איינגעפרעסט פון א געראטעוועטער שוועסטער.

אָבער חלומות, און נאָך דערצו שיינע, זיסע, קענען לאַנג נישט אָנהאַלטן. זיי זענען זיך צערונען גלייך, ווי דער צוג האָט אונז געבראכט אויף דער ערד פון אונזער טרויעריקער ווירקלעכקייט.

א סך צוגעהאָלפן צו דער אויסניכטערונג האָט אויך דער „קבלת־פּנים", וואָס א כאפּטע שקצים האָבן אונז געמאכט באלד ביי דער גרענעץ: ווי נאָר דער צוג איז ארויף אויף דער פּוילישער ערד, האָבן זיי באוואָרפן די וואגאָנען פון עשאלאָן מיט א האָגל שטיינער, און פרײלעך־חוזקדיק אויסגערופן:

„אָ זשידי יאדאָן! זשידי! זשידי! (אָ יידן פאָרן! יידן! יידן!).

און עפּעס סימבאָלישס איז געווען אין דעם, וואָס מען האָט אונזערע עשאלאָנען געפירט אויף דער „דעראָבערטער ערד" און געוויזן אונז, איידער מיר באַקענען זיך מיט אונזערע אייגענע חורבות, די חורבות פון די דייטשע שטעט: די גרויסע קופּעס שטיינער, ציגל און אייזן־ברוך, אונטער וועלכע עס ליגן באַגראָבן פיל פון די מערדער פון אונזער אומגעברענגט פאָלק. אונזערע ליפּן האָבן שטיל געשעפּטשעט אַ תּפילה: געבענטשט זאָלן זיין די הענט, וואָס האָבן נקמה גענומען פאַר אונזערע אומזיסט פאַרשניטענע לעבנס...

ווי נאָר מיר האָבן זיך געשאפן אַ דאַך איבערן קאָפּ, און אַראָפּגעוואָרפן פון די מידע פּלייצעס די אָרעמע פּעקלעך, וואָס באַגלייטן אונזער וואַנדער־וועג שוין טויזנטער יאָרן, איז דער ערשטער געדאַנק געווען: פאָרן אויף קבר־אָבות, פאָרן לאָזן אַ טרער אויף דער חרובער פאַרוויסטער היים, און רייסן קריעה איבער דעם צעשאָטענעם אַש פון אונזערע טייערע ליבע, און אויך זוכן — אפשר? אפשר?..

באַלאָדן מיט ח. נ. ביאַליקס שורות:

> פון שטאָל און אייזן, קאַלט און האַרט און שטום,
> שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענטש — און קום!
> קום גיי אין שחיטה־שטאָט, זאָלסט זעען מיט דיינע אויגן
> זאָלסט אָנטאַפּן מיט דיינע אייגענע הענט,
> אויף צוימען, סלופּעס, טויערן און ווענט,
> אויף שטיינער פון דער גאַס, אויף אַלע העלצער,
> דאָס שוואַרץ־פאַרטריקנט בלוט מיט די געהירן
> פון דיינע ברידערס קעפּ און העלזער.

האָב איך זיך געלאָזט אין וועג, צו דער שחיטה־שטאָט.

אריינקומענדיק אין וואַגאָן אויף דער באַן־סטאַציע פון דער גרויסער פּאָרט־שטאָט, האָבן מיר געהאַט דעם געהעריקן „קבלת־פּנים", ווי עס קומט פאַר געסט שוין לאַנג נישט געזעענע: אַ ווילד געלעכטער מיט אַ שושקען זיך אויפן חשבון פון מיר מיט מיינע נאָך צוויי יידישע מיטפאָרער. דאָס שושקען זיך איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ פּרעכן אויגן־ווינקעריי פון די גוט־באַקאַנטע פּוילישע נשים־צדקניות, וואָס דערמאָנען ביי יעדן וואָרט, וואָס זיי ברענגען אַרויס אויף זייערע פרומע ליפּן, די הייליקע פריילין מאַריע מיט איר זון יעזוס, און באַלד דערויף איז געקומען אַ קלאָרער פּירוש:

— צום טייוול! מען זאָגט, אַז היטלער האָט אַלע זשידקעס אויסגעהרגעט, און צום סוף — פון וואַנען האָבן זיך ווידער אַזוי פיל גענומען?

דער זאָגער פון די ווערטער איז געווען אַ מיטל־יאָריקער בלאָנדער מאַנספּאַרשוין מיט אַ זאַט צופרידענעם פּנים, שפּיציקע וואָנצעס און וואַסער־

דיקע באוועגלעכע אויגן, וואָס די אַנוועזנהייט פון די דריי יידן אין וואַגאָן (א זאַך, וואָס ער האָט דאָס שוין פון עטלעכע יאָר נישט געזען), האָט אים צערייצט, ווי אַ הונגעריקן וואָלף, וואָס דערשמעקט דעם ריח פון פריש געבראָטן פלייש...

עס איז אוועק א לאַנגער געשפּרעך וועגן אַלט־באַקאַנטע טעמעס. א גאַנצע נאַכט זענען מיר געווען געצווונגען אויסצוהערן די אייביק אַלט־נייע לידער, וואָס מיר הערן זיי ממצרים ועד הנה, און דער עיקר האָט מען גע־רעדט וועגן אונזערע חטאים אויף וועלכע עס איז גאָר קיין תשובה נישטאָ. דהיינו: פאַר אומבריינגען דעם שעפער פון קריסטנטום; פאַרן קוילענען קריסטלעכע קינדער אויף ריטועלע צוועקן; פאַר פאַרסמען ברונעמס; פאַר פאַרשפּרייטן עפּידעמיעס, קאָמוניזם, סאָציאַליזם, אפּיקורסות, און וואָס נישט? און אויסגעפירט, אַז גערעכט איז געווען היטלער, מען האָט די יידן פון לאַנג שוין געדאַרפט אויסראָטן.

פאַרשטענדלעך, אַז מיר, די דריי יידן אין וואַגאָן, האָבן קיין אַנטייל אין אַזלעכע געשפּרעכן נישט געקאָנט נעמען, נאָר געטראַכט ביי זיך: (א זאַך, וואָס קיינער קאָן אונז נישט שטערן) א שאָד, וואָס גאָט האָט געשוווירן, מער קיין מבול אויף דער וועלט נישט צו ברענגען. ווי וואָלט איצט צונויץ געקומען אַזאַ באָד, ווי יענע אין נח'ס צייטן, וואָס זאָל אָפּוואַשן דאָס שמוץ, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אויפן וועלטל...

א הייזעריקער אויסרוף פון פאַרשלאָפענעם באַן־וועכטער: „וואַר־שאַווא גלוונא" האָט איבערגעריסן די געשפּרעכן פון אונזערע פרומע וואַ־גאָן־שכנים און דאָס טראַכטן פון דריי יידישע נע־ונד'ניקעס, וועלכע פאָרן זוכן דאָס אַש פון זייערע צעשטערטע היימען...

אויף דער באַן־סטאַציע „וואַרשע מזרח־וואָקזאַל", ווו מיר זענען געקו־מען ספּעציעל מיט עטלעכע שעה פריער פאַרן אָפּגיין פון צוג קיין שעדלעץ, האָבן מיר אומזיסט איינגעגראָבן אונזערע אויגן אין יעדן פאַרבייגייערס פּנים, אין יעדן איילנדיקן אדורכלויפער — זוכנדיק אין אים א היימישן, א באַקאַנטן. נישטאָ אַזעלכער! צוזאַמען מיט דעם אָפּגעקילטן פאַרנאַכטיקן פרילינגס־ווינטל, בלאָזט פון אַלעמענס אויגן און פון גאַנצן וואָקזאַלישן אַרום, א קאַלטע פרעמדקייט. אויב עס האָט וועלכער פאַרבייגייער פאַרלאַנג־זאַמט זיינע טריט און אויף אונז אָנגעשטעלט זיין בליק, עפּעס, ווי אויף אַן עקזאָטיש ווונדער, האָבן מיר פון זיינע אויגן אַרויסגעלייענט די פראַגע:

— וואָס, שוין ווידער יידן?

נישטאָ מער די באַוועגלעכע הינטער־שטאָטישע יידן, מיט די ספּעציפי־שע קוישלעך און בלעכלעך פון זייער אָרעמען דאַטשע־האַנדל. נישטאָ מער די אַמאָליקע טאָג־טעגלעכע פּאָרערס, די שפּיליטערן און קאָמיסיאָנערן פון מינסק, קאַלושין, שעדלעץ — די זלאַטאָווסקיס, אייזנבערגס און גוטגאָלדס,

מיט זייער ספעציפיש־יידיש איילעניש, באלאָדן מיט פארשידן־קאָלירטע און פארשידן־פארפאקטע פעקלעך, מיט וועלכע זיי פלעגן מכבד זיין יעדן איינעם פון די באקאנטע מיטפאָרער, צו העלפן אדורכטראָגן זיי דורך דער באגאזש־קאָנטראָל. אויב מיר האָבן אמאָל פאראיבל געהאט אויף די יידן, וואָס האָבן אליין נישט גערוט און יענעם נישט געלאָזט רוען, מיט זייער צודרינגלעכ־קייט און באוועגלעכקייט; מיט זייערע לאנגע שווארצע קאפאָטעס און בא־וואקסענע פנימער, — גייט איצט, אין פארנאכטיקן חשכות, אין ענגן וואגאָן דאָס הארץ אויס פון נאָגנדיקער בענקשאפט נאָך זיי.

און נישט נאָר דאָס אייגענע הארץ קארטשעט זיך פון בענקשאפט און פון טרויער — אלץ ארום איז איינגעהילט אין שווארצן טרויער: דער דרויסן, וואָס קוקט אריין דורך די קליינע וואגאָן־פענצטער; די וואגאָנען, אלע היי־זער, די גאנצע, ווי די צעשמעטערטע; אלע הינטער־שטאָטישע דאטשע־ווילעס; אין פייף פון לאָקאָמאָטיוו דוכט זיך, הערט מען דאָס קול פון א וויי־נענדיק קינד. גאנץ באזונדערס זעט מען דאָס אבלות אויף די קליינע וואקזא־לעכלעך: רעמבערטאָוו—מילאָסנע—מינסק—מאָראָזי. עס דאכט זיך, אז זיי זענען קלענער געוואָרן, האָבן זיך טיפער אראָפּגעלאָזן אויף דער ערד, זיצן שבעה נאָך זייערע פארשוואונדענע יידישע פאסאזשירן, וואָס מיט זיי איז אויף די וואקזאלן און פעראָנען געווען באוועגלעכקייט און היימלעכקייט און אָן זיי הערשט דאָ פארגליווערטע פוסטקייט און שטילקייט, וואָס ווערט נאָר צייטנווייז געשטערט דורך א לאנגן געוועץ פון א פארשלאָפענעם פאסא־זשיר. אויך דאָס קליינע שעמערירנדיקע ליכט, וואָס פאלט איינזאם און פארשעמט פון די הויכע סטאציע־לאָמפן — זעט אויס, ווי א נר־תמיד וואָלט געברענט לזכרון פון די פארשוואונדענע יידישע פאסאזשירן.

נאָך פיר שעה לאנגווייליקן שלעפן זיך פון ווארשע ביז שעדלעץ — אנ־שטאט די אמאָליקע אנדערטהאלבן שעה — שטעלט זיך דער צוג אָפּ עלף ביינאכט ביי די איינגעפאלענע חורבות און קופעס גרוז פון אמאָליקן שיינעם וואקזאל־בנין. שטארקער קלאפט דאָס הארץ; מיט היץ זעצט דאָס בלוט צום מוח ביים באטרעטן די שוועל פון דער היים־שטאָט, וואָס דער בלוטיקער משחית האָט געצוואונגען צו פארלאָזן, צוריק מיט זיבן יאָר, טאקע שוין א האלב חרובע א צעקלאפטע, אָבער פאָרט נאָך מיט קארגע צוואנציק טויזנט לעבעדיקע, אייגענע, לייבלעכע שוועסטער און ברידער. און איצט קלערט מען פארצווייפלט: צי וועט זיך געפינען א יידישע שטוב, וווהין אריינצוגיין, ווו איבערצונעכטיקן? און א וואונדער! איינקוקנדיק זיך אין די געציילטע אויסשטייגנדיקע פאסאזשירן, ביים שטילן פארשעמטן ליכט פון וואקזאל־לאָמפּ (ס׳ווילט זיך זאָגן פון נר תמיד) האָב איך אָנגעטראָפן א באקאנט יי־דיש פנים: פריילין סוקעניק, א מיטגליד פון אמאָליקער חלוצישער יוגנט־אָרגאניזאציע. אויך זי האָט געזוכט צווישן די פאסאזשירן דאָס זעלבע, וואָס

איך, און שטיל אויסגעדריקט איר צופרידנקייט, וואָס זי וועט נישט דאַרפֿן גיין אַליין אין דער חרובער שטאָט אין דער פֿינצטערניש, אין אַזאַ שפּעט־נאַכטיקער שעה.

מיר גייען צוזאַמען. איך גיי אויטאָמאַטיש נאָך מיין וועג־ווייזערין. אַלץ אַרום האַלט עקשנותדיק איין דעם אָטעם און מיר באַמיען זיך אויך דעם אָטעם איינצוהאַלטן. אַ בית־עולם־שטילקייט. מען הערט גאָרנישט, אַ חוץ אונזערע אייגענע טריט, וואָס מיר באַמיען זיך, אַז זיי זאָלן אויך אַרויסקומען וואָס שטילער, געדעמפּטער. אַלץ איז איינגעהילט אין אַ געדיכטער אויסטערלישער פֿינצטערניש, וואָס קלאַפּט זיך אָן אין אונז און שטערט אונזער גאַנג. אין געדאַנק לויפֿט אַדורך דער טייטש פֿון אַלטן ביבלישן אויסדרוק „וימש חושך". דאָרט אין מצרים האָט אוודאי אויך געמוזט זיין אַזאַ פֿינצטערניש. אָבער ביי יענעם חושך אין מצרים זענען יידן אַרויס מעבדות לחרות, וברכוש גדול; און די פֿינצטערניש, וואָס איז געבליבן נאָכן איצטיקן בלוטיקן מבול, דער־ציילט פֿון עפּעס אַנדערש.. און ווען די געדיכטע פֿינצטערניש ווערט צעש־טערט דורך אַ פֿאַריתומט שטיק ליכט, וואָס רייסט זיך ערגעץ פֿאַרשעמט אַ־רויס דורך אַ פֿענצטער, פֿאַלט עס אַנטקעגן אויף אַ פֿאַררויכערטן סקעלעט פֿון אַ געוועזן הויז, וואָס זיין איינגעווייד האָט אַ פֿייער אויסגעפּרעסן, און שטייט איצט נאַקעט און פֿאַרשעמט און שרייט אויס זיין שטומען ווי אין דער טויבער וועלט אַריין; אָדער אויף קופּעס גרוז, שטיינער, ציגל און איי־זן, וואָס חלומען אין דער שוואַרצער נאַכט־אַריין וועגן זייער אַמאָליקן יחוס, ווען זיי זענען נאָך יוסטע בעל־הבתישע הייזער געווען, און קלאָגן אויף זיי־ער איצטיקן עלנט און וויסטער פֿאַרמלאָזיקייט.

און מערקווירדיק! די לופֿט איז אויך אַן אַנדערע. אַנשטאָט די אַמאָליקע שעדלעצער לופֿט מיט איר ספּעציפֿישן פֿייכטלעכן פֿאַדלאַשער אַראָמאַט, וואָס פֿלעגט אַזוי עלאַסטיש ווייך גלעטן, ווי צאַרטע סאַמעטענע מאַמע־הענט, איז היינט אַזוי האַרט, טרוקן און שווער, אַז עס רייסט די אויגן, שטיקט אין האַלדז און פֿילט אָן דעם גאַנצן קערפּער מיט בליי; און אַנשטאָט דעם אַמאָ־ליקן נאַטירלעכן פֿאַרפֿום־ריח פֿון פֿרישן בליעכץ פֿון אַלטע הויכע קאַשטאַ־נען, ברייטע מיושבדיקע ליפּעס און יונגע שלאַנקע אַקאַציע, וואָס האָבן אָנ־געפֿילט די שעדלעצער גאַסן אין די פֿרילינגס־אָוונטן — פֿילט זיך איצט דער איבלדיקער ריח פֿון בית־עולם־לופֿט געמישט מיט זויערן שימל און אָנגע־רויכערטן קאָפּיטש, וואָס דער מלאך־המות האָט איבערגעלאָזט נאָך זיין ווילד־דער אָרגיע, וואָס ער האָט דאָ געפּראַוועט.

און ווען די אויגן הויבן זיך אויף צו זען, ווי עס זעט אויס אין אַ היינטיקן פֿרילינגס־אָוונט דער הימל איבער שעדלעץ, האָט מען פֿאַרדרוס אויף די קליינע בלישטשנדיקע שטערנדלעך, וואָס ווינקען נאָך אַלץ אַראָפּ אַזוי חוצ־פּה׳דיק, וויל־יונגעריש, פּונקט ווי אין אַמאָליקע גוטע צייטן.

2. אויף די חורבות

איך געפין זיך אין א שטוב. אין מיין היים־שטאָט, שעדלעץ און אין א יידישער שטוב. איך קוק אויף די מענטשן, אויף די שטוב־זאכן, אויף די ווענט אלץ דערציילט, וואָס דאָ איז געווען. עס דערציילן די באוועגלעכע אומרואי־קע אויגן פון מיינע גאסט־געבערס, וואָס בלאָנדזשען פון אָרט צו אָרט. די געבראָכענע שטימען מיטן שטי̇לן רעדן, צו וואָס דאָס קאָנספּיראטיווע אונ־טערערדישע בונקער־לעבן האָט זיי צוגעווינט. די אָרעמע צעשעדיקטע אָפּ־געבראָכענע מעבל־שטיקער, וואָס סטארטשען ארויס זייערע אינוואלידישע אבֵרים, זענען די איינציקע שטומע עדות, וואָס דערציילן אויף שטום־לשון, וואָס דאָ איז געווען. שווער, מרה־שחורה׳דיק לייגט זיך אויפן געמיט דער טונקל־גרויער אומעט, וואָס קוקט אראָפּ פון די פארחושכטע אָפּגעריסענע ווענט און פון דעם אָפּגעהאקטן סופיט, וואָס דערציילן וועגן ביטערן גורל, וואָס עס האָבן געהאט די מענטשן, וואָס האָבן געוווינט דאָ. און ווען אויף מיין ביטע דערציילט מיר מיין גאסט־געבער א קליינעם „עפּעס״ פון דעם, וואָס ער האָט דורכגעלעבט אין „יענע טעג״, ווילט זיך ארויסרופן צו יענעם איטאליענער, דאנטע, וואָס האָט מיט זיין רייכער פאנטאזיע אונז געוואָלט געבן א בילד, ווי עס דארף אויסזען א גיהנום, ווי אויך צו אונזער ליב־האצרי־קן „שבט מוסר״, וואָס האָט מיט אזא תמימות געשילדערט זיינע באקאנטע שבעה מדורי גיהנום, — ווילט זיך צו זיי אויסרופן: קומט אהער, ליבע גיי־הנום־דיכטער און רעדט מיט א ייד, וואָס האָט איבערגעלעבט די היטלער־תקופה, און איר וועט ענדערן די נעמען פון אייערע ווערק אויף — גן־עדן־ביל־דער...

עס קומט נאָך דעם א לאנגע שלאָפלאָזע נאכט.

די פריערדיקע נאכט האָבן אונזערע פרומע וואגאָן־שכנים שוין געזאָרגט דערפאר — מיט זייערע גאָטס־פאַרכטיקע מעשיות — אז מען זאָל נישט קאָ־נען שלאָפן. און אז די צווייטע נאכט זאָל אויך זיין א שלאָפלאָזע — האָבן דערפאר געזאָרגט די אינערלעכע אויפטרייסלונגען און דערשיטערונגען פון דעם צוזאמענטרעפן זיך נאָך זיבן יאָר מיט דער חרובער היים־שטאָט.

מיינע גאסט־געבער האָבן זיך באמיט צו מאכן פאר מיר דאָס געלעגער וואָס מער באַקוועמער. דער קערפער איז אָנגעשטרענגט, פארמאטערט, אָבער ס׳שלאָפט זיך נישט. שטארקער פון דער פיזישער מידקייט איז די צעשרויפטע פאנטאזיע, וואָס וויל אלץ נישט שלום מאכן מיטן געדאנק, אז דאָ איז מער נישטאָ קיין יידיש לעבן, אז מיר האָבן שוין קיינעם נישט מער פון די, וועלכע מיר האָבן דאָ געלאָזן מיט זיבן יאָר צוריק און דער מוח פילמט איין בילד נאָכן צווייטן:

...אָט איז מען אין א שבתדיקן פארמיטאָג אין שטאָטישן פּארק צווישן די

שפּאַצירנדיקע, וועלכע פּילן אָן אַלע אַלייען, אַלע אָפּרו־בענק באַזעצט. דאָ טרעפט מען זיך מיט באַקאַנטע, וואָס מען האָט אַ גאַנצע וואָך נישט געזען. מען גריסט זיך, מען דערפרייט זיך. דאָ טרעפן זיך די קאָמיטעטן פון פּאָליטישע פּאַרטייען, פון קולטורעלע און וווילטעטיקע אינסטיטוציעס און האַלטן אָפּ באַראַטונגען.

אויף אַ באַנק אין דער הויפּט־אַלייע, אין שאָטן פון אַן אַלטן קאַשטאַן זיצט די פאַרוואַלטונג פון „הזמיר”: יוסף ראָזענזונ:ען, אהרן שפּילפּידל, בעריל טשאַרנאָבראָדע, חיים שלייפער, משה גראַביע, הערש מענדל שאַפּיראָ, מנשה טשאַרנאָבראָדע און צו לאַנגע יאָר — משה מאַנדעלמאַן, און באַטראַכטן פאַרשידענע הזמיר־ און ביבליאָטעק־פּראָגן.

אַ ביסל ווייטער, אויף אַ צווייטער באַנק, צופוסנס פון אַן אַלטן טאָפּאָל זיצן: אשר אָרזשעל, לוי און יוסף גוטגעלד, יהושע עקערמאַן, אברהם שלמה ענגלענדער, שלום זאַלצמאַן, חנוך ריבאַק, משה יודענגלויבן און צו לאַנגע יאָר — פישל פּאָפּאָווסקי, און מען באַראַט זיך וועגן פאַרשידענע ציוניסטישע־ און תרבות־ענינים.

און דאָ, פאָרנט ביים זומער־טעאַטער, אויפן האַלב־אָפענעם גאַניקל געפינען זיך די פּראָלעטאַרישע טוער: אברהם ווייַנאַפּל, אברהם סלושנע, מאיר רזאַנצאַדזשעווא, יידל פרידריך, און באַראַטן זיך וועגן פאַרשידענע פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע ענינים.

און דאָרט, אויף דער טריבונע, ווו עס שפּילט בעת אַ גאָרטן־פאַרווייַלונג דער מיליטער־ישער אָרקעסטער, זיצט די שעדלעצער ליטעראַרישע גרופּע: יעקב טענענבוים, יהושע גאָלדבערג, דוד גרינפאַרב, י. ח. אייזענבערג, פאַר וועלכע דער יונגערער חבר י. פ. גרינבערג לייענט זיינס אַ נאַר־וואָס אָנגעשריבענער דערציילונג.

און אָט, גייט אַ שפּאַצירנדיקע באַראַטונג: אברהם ברעסלער, אסתר לעווענשטיין, גוטשע פערסטער, לייבוש וויינשטיין, יעקב יום־טוב, חיה טענענבוים, הערשל ראָזענגאַרטן — די פאַרוואַלטונג פון עזרת־יתומים. שפּאַצירנדיק באַראַט מען זיך, ווי אויסצובעסערן די מאַטעריעלע און דערציערישע לאַגע פון די יתומים־קינדער.

און דאָרט ווידער, אין אַ זייטיקער, טונקעלער אַלייע, שפּאַצירט אַ ביסל פאַרשעמט אַ חסידישער בחור אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און קליין היטעלע, מיט זיין באַקאַנט מיידל. און דאָרט, אין יענעם זייטיקן ווינקל, וואָס האָט נישט קיין סך שפּאַצירער, קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן אַן עלטערער בעל־הבית׳ל, און ווען ער איבערצייגט זיך, אַז קיין „שלעכט אויג” איז דאָ נישטאָ, פאַררויכערט ער בנעימות אַ פּאַפּיראָסל. און דאָרט, צווישן באַרג און אָנגעשאָטענעם ערד־וואַל, צווישן די געדיכטע קוסטעס און יונגע בעז־בוימלעך, איז איצט פאַרזאַמלט די אַרבעטער־יוגנט אויף אַ געהיימער שבתדיקער „מאַ־

סוווקע". זיי זענען היינט פריי פון ארבעט, האָבן צייט. און אויף דעם האלב־ביידל, האלב־ווערענדע, וואָס שטייט צוקאָפּנס פון וואסער אויפן בארג שטייט א יוגנטלעכער אויף דער וואך, קוקט אין אלע זייטן, צי עס דערנענטערט זיך נישט א נישט־געוווּנטשענער אויסשפּירער.

און דאָ, אין דער לינקער זייט ביים וואסער, שטייען ארומגעשטעלט יידי־שע קינדערלעך — יינגעלעך, מיידעלעך, אָנגעטאָן אין שיינע שבתדיקע בגדימלעך, שטיפן מיט קלינגענדיקע קול'עכלעך, פּליעסקן מיט הענטלעך, רופן די ווילדע גענדז, וואָס שווימען אויפן וואסער און קאָרמען זיי אָן מיט שבת־דיקער חלה און קיכעלעך, וואָס די מאמעס האָבן זיי מיטגעגעבן אויפן שבת־דיקן שפּאציר. דער פּארק איז איצט א יידישער. אלע, אלע דאָ זענען יידן, רעדן יידיש, זינגען יידישע לידער, זאָגן יידישע וויצן און לאכן יידיש. און ווען א ווינטל גיט א בלאָז איבערן גרינעם וואלד פון בלומען און ביימער, שאָקלען זיי זיך אויך אויף יידיש...

פארנאכט, פארן שבת'דיקן בין־השמשות, האָט דאָס יידישע שעדלעץ זיך ארויסגעלאָזט שפּאצירן אויף די צוויי הויפּט־גאסן: ווארשעווער און קילינס־קיעגאָ, אויפן אזוי גערופענעם „דעפּטאַק", וואָס האָבן איצט א שבת'דיקן אויסזען, צוליב די פארמאכטע קראָמען און ווארשטאטן. ווּעמען טרעפט מען דאָ נישט? חסידישע פרומע יידן, לומדים, וואָס גייען זיך א ביסל איבער נאָכן שבת'דיקן „שיעור" אָדער פּרק־לערנען, מיט די סאמעטענע היטלען און יארמלקעס אויף די לומדישע קעפּ, — איידער זיי זעצן זיך אוועק צום שלש־סעודות, באזינגען די אוועקגייענדיקע מלכה שבת; און אָט שפּאצירן קרע־מערס לאנגזאם באלעבאטיש, די הענט פארלייגט אויף הינטן, מיט א רואיקן טריט. זיי איילן זיך נישט, זיי האָבן זיך איצט מסיח־דעת געווען פון זייערע געשעפטן, און באקוקן כאָטש איינמאָל אין וואָך גאָטס וועלטל. און אָט שפּא־צירן בעלי־מלאָכות מיט זייערע פרויען און קינדער, אָפּגעוואשענע, אויסגע־פוצטע און אויסגעגלייכטע, נאָך א גאנצער וואָך שווערער ארבעט. אויף זיי־ערע פּנימער איז אויסגעגאָסן א רואיקע שלוה. מען דערקענט אויף זיי די הנאה, וואָס זיי האָבן פון שבת'דיקן רו־טאָג. אָט, שפּאצירן גרופּעס ווייבלעך, אָנגעטוענע אין די שענסטע סעזאָן־קליידער און היטעלעך, עקסטרע געמאכ־טע צום שבת'דיקן שפּאציר. יעדע איינע וויל איבערשטייגן די צווייטע מיט עלעגאנץ און שיק; ס'מאכט דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט זיך געפונען אויף א באוועגלעכער מאָדע־אויסשטעלונג. עס שפּאצירן אויך עלטערע יוסטע בעל־הבית'טעס, מיט פון פרייטיק נאָך פארקעמטע שייטלען אויף די אָפּגע־שוירענע קעפּ, אָנגעטון אין זייערע חתונה־קליידער, וואָס זיי לופטערן אויס משבת לשבת. זיי זיפצן און שאָקלען מיט די קעפּ אויף הייננטיקע פארשייטע מאָדעס מיט גרויסע דעקאָלטן און קורצע, אָן־ארבלדיקע קליידער אין וועלכע עס קליידן זיך די יונגע ווייבלעך און מיידלעך.

אַט שפּאַצירן אין גרעסערע גרופּן, לוסטיקע יונגוואַרג — יינגלעך און מיידלעך, שטיפנדיקע, לאַכנדיקע, מיט קלינגענדיקער פריילעכקייט, וואָס שטעקט אָן און רייסט מיט אפילו די אממערסטן אָנגעכמורעטע און זויערע דורכגייער.

עס מאַכט דעם איינדרוק פון א דעפּילאַדע. דאָס יידישע שעדלעץ דעפּי־לירט אויף די גאַסן יום־טובדיק, נשמה־יתרה׳דיק — ווי י. ל. פרץ האָט זיי געזען — פאַר איר מאַיעסטעט, די מלכה שבת. מיטן אָנקומען פון דער וואָ־כנדיקער נאַכט ווערן שיטערער די גאַסן. א טייל פון עולם גייען צו זייערע וואָכנדיקע באַשעפטיקונגען עפּענען די קראָמען און וואַרשטאַטן.

א טייל — די יינגערע — וואָס האָבן פּרעטענסיעס אויף אינטעליגענץ און היינט־צייטיקייט פּילן אָן די קינאָס, טעאַטערס און קאָנצערט־זאַלן. דער פרומערער און עלטערער עולם זיצט אין די נישט־באַלויכטענע „שטיבלעך״, פון וואַנען עס טראָגן זיך פון אָפענע פענצטער פאַרדבקות׳דיקע געזאַנגען, און פון פרומע ווייבער הערט מען זאָגן מיט דעם סקאַרבאָוון ווייבערשן ניגון: „גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב״, ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין.

— — — * — — —

און אזוי א גאַנצע נאַכט לויפן אַדורך בילדער, וואָס האָבן זיך איינגע־קריצט אין זכרון, איינגעקנעטן אין בלוט און אין מאַרך, בילדער פון אַלץ, וואָס מען האָט אליין מיטגעמאַכט און אליין געווען א לעבעדיקער אַנטייל־נעמער אין אָט דעם אַלעם. און כאָטש די בילדער בריען מיט שטאַרקער היץ דעם מוח און דעם גאַנצן קערפּער, רויבן אוועק דעם שלאָף, וואָס וואָלט איצט געווען א רפואה, ווען ער קומט — ווילט זיך פונדעסטוועגן לאַנג־לאַנג אויפהאַלטן דאָס פילמען פון אָט די היימישע בילדער, זיך איינקוקן אין זיי, פונקט, ווי מען קלאַמערט זיך אין א מצבה, וואָס שטייט צוקאָפּנס פון קבר פון א נאָענטן און ליבן.

בלויע פאַסן־ליכט רייסן זיך אַריין דורך די פענצטער און זאָגן אָן, אז א פרישער יונגער פריילינגס־טאָג איז געקומען. די מידקייט פאַרשווינדט, די בילדער צערינען. דער אימפּעט רייסט אויף און טרייבט אַרויס פון שטוב. עס ווילט זיך שוין אָנקוקן די חרובע היים ביי דער שיין פון טאָג.

ווי א פרומער חזן, וואָס גייט צום ימים־נוראים׳דיקן עמוד מיט א שטילער תפילה פון „הנני העני ממעש״, האָב איך מיט אַן ענלעך געפיל, געמישט מיט אַן אינערלעכן פחד און אומרו, זיך געלאָזט אין שחיטה־שטאָט אויף די חור־בות פון מיין צעשטערטער היים. איך קוק זיך אַרום און דערקען אין קליינעם רעשטל גאַס, וואָס איז על פי נס ניצול געוואָרן פון פאַרניכטונג, אז איך גע־פין זיך אויף דער אַמאָליקער שלום־אַש־גאַס. די האַלב־חרובע שטאָט איז נאָך פאַרזונקען אין שטילן פרימאָרגן־דרימל.

איך הויב אָן גיין, אָבער... קיילעכדיקע רעדער, פאַרשידנפאַרביקע, מער־

סטנס פון פייער־קאַליר טאַנצן פאַר די אויגן, טרייבן האַסטיקער דאָס בלוט אין די אָדערן, זעצן מיט אימפּעט, מיט היץ, צום האַרצן, צום מוח. די פיס נעמען זיך פּלאָנטערן, קאָנען נישט גיין. זיי געפינען זיך צווישן אויסגעפּלאַס־טערטע גלאַטע שוואַרץ־געפאַרבטע שטיינער, מיט אויסגעהוילטע ווייסע און גאָלד־פאַרביקע אותיות — קאַנטיקע יידישע אותיות. איך שטרענג אָן אויף זיי מיין צעשראָקענעם בליק און לייען: פ. נ. האיש הישר החסיד והנדבן שהלך כל ימיו בדרך צדיקים ר׳ חיים יעקב ב״ר שלמה ז״ל שנפטר... איך שפּיר אַ ווייטיק אין די פיס, גלייך אַ שלאַנג וואָלט אַ ביס געטאָן, אָדער ס׳וואָלט אונטער זיי ברענען. איך שפּרינג־אָפּ פון דעם אָרט אַ ביסל ווייטער, אָבער איך געפין זיך אויף אַ צווייטן ענלעכן שטיין מיט ענלעכע אותיות און לייען ווייטער: פ. נ. האשה הצנועה... חי׳ גיטל בת אברהם שהלכה לעולמה ביום... איך וואַרף ווייטער מיין בליק אויף דעם אויסגעפּלאַסטערטן טראָטואַר און זע נאָך פיל אַזעלכע שטיינער אויסגעלייגטע, איינגעמויערטע מיט ענלעכע אויפשריפטן, נאָר אַנדערע נעמען. איך שטיי און קלער: צי חלום איך, אָדער איך געפין זיך אויפן בית עולם? ניין, איך פיל בפירוש, אַז איך בין וואַך. עס איז נישט קיין חלום און אויך נישט אויפן בית עולם, ווייל דאָ און דאָרט זעען זיך דאָך פאָרט סימנים פון אַ שטאָט. דער אַלטער וואַסער־טרעגער יוזעף גייט פאַרביי, זעט מיין צעטראָגנקייט, שטעלט אַוועק זיינע צוויי עמער וואַ־סער, צלמט זיך איבער און רעדט ווי צו זיך אַליין: וווּנדערסט זיך, וואָס דאָס איז? דאָס האָבן דאָך די כּאַרשאַלטענע שוואָבן געצווּנגען אַראָפּצונעמען פון אייער בית־עולם די מצבות און אויספּלאַסטערן די טראָטואַרן פון שטאָט. דערפאַר גיי איך אין מיטן גאַס. אַ פרומער קריסט וועט דאָ נישט טרעטן.

פאַר מיר ווערט אַלץ קלאָר, און מיט טיפן ווייטיק רוף איך אויס צו זיך אַליין: רבונו של עולם! אַזוי ווייט איז דערגאַנגען אונזער חרפּה?

3. פּ י ע נ ק נ ע ג אַ ס

ווי פון פייער שפּרינג איך אָפּ אויף אַ שטח, וואָס איז נישט באַרוקירט און נישט געפּלאַסטערט. איך קוק זיך אַרום: אַ פּוסט ברייט און לאַנג פעלד איז אויסגעשפּרייט ווייט ביז דער בליק גרייכט, מיט אַ קלאָגנדיקן מדבר־אויס־זען, ערטערווייז באַוואַקסן מיט ווילדע שטעכיקע גראָזן. בלויז די אָנגעוואַר־פענע קופּעס שטיינער און באַרגלעך גרוז דערציילן, אַז דאָ זענען אַמאָל גע־שטאַנען הייזער און עס איז אַ באַוווינטע גאַס געווען. אַנטקעגן אין דער לינ־קער זייט שטייען עטלעכע הייזער אָפּגעלאָזענע, פאַרשעמטע, אַרומגעהאַקטע, אַדורכגעלעכערטע פון קוילן. אין זיי דערקענט מען די אַמאָליקע פּיענקנע גאַס — דאָס האַרץ פון יידישן שטעדלעץ.

דורות האָבן דאָ געלעבט, געשאפן און אויפגעשטעלט אן אייגנארטיק יידיש לעבן. קיין נישט־ייד האָט דאָ נישט געוווינט, ווי נישט געוואָלט שטערן דעם ספּעציפיש־יידישן אויסזען פון דער גאַס. יידן האָבן זיך דאָ געמערט, חתונה געמאכט קינדער, און אז עס איז געוואָרן ענג אין שטוב, האָט מען צוגעבויט א פליגל צום הויז, אָדער אן אָפּיצינע אויפן הויף, פאר קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך. און אזוי זענען אויסגעוואקסן די באַרימטע פּיענקנע געסלעך, וואָס זענען געוואָרן א סימבאָל פון יידישן שטעדלעך.

דאָ האָט מען — אמאָל — געזען אין איין הויז פיר דורות: אן אלטיטשקן ווייס־גרויען זיידן, מיט א ברייטער לאנגער ווייסער באָרד, מיט א ברייט געל הדרת־פּנים פון פאַרמעט־קאָליר, מיט א סך קנייטשן אויפן טיפן שטערן. א זיידע, וואָס שטייט אויף צוועלף ביינאכט, ווען עס הערט זיך דער ערשטער קריי פון האָן און ריכט אָפּ תּיקון־חצות, וויינט אויף גלות־השכינה און חורבן בית־המקדש; איז עוסק א גאנצן טאָג אין תורה ועבודה, און ווען ער האָט נאָר פאר וועמען, וואָס וויל אים הערן — דערציילט ער מעשיות פון אלטן קאָצקער. און באלד דערנעבן וווינט דער זון, שוין אויך אין די עלטערע יאָרן, פּירט צוזאמען מיטן בני בית א געשעפט, גייט יעדן פרימאָרגן מיטן אָנגעפּראָפּטן טלית־זאק און צוויי פּאָר תּפילין צום דאַווענען אין שטיבל. ביי־טאָג איז מען עוסק א ביסל בצרכי ציבור, א ביסל אין תּלמוד־תּורה. פארנאכט בין־מנחה־ומעריב לערנט ער מיט נאָך יידן א שיעור, און ווען עס קומט פאר ימים־נוראים, לאָזט ער איבער ווייב־און־קינדער מיטן געשעפט צוזאמען און פּאָרט צום רבין.

אָפּגעטיילט אין צוגעבויטן פליגל וווינט דאָס אייניקל, א יונגערמאן שוין א היינטיקער, א משכיל, א טוער אין א פּאָליטישער פּאַרטיי. א מיטגליד אין „הזמיר", און כאָטש שוין א פופצן יאָר נאָך דער חתונה, עסט ער נאָך קעסט און העלפט דעם טאטן אין געשעפט, שיקט זיין יונגן זון אין א מיטל־שול, גייט מיט אים צוזאמען אויף א פוטבאָל־מעטש, אויף וואָס דער אלטער על־טער־זיידע און זיידע שאָקלען באדויערנדיק מיט די קעפּ.

און האָט ווער געהאט א הארבע קשיא אויף א תּוספות און נישט גע־קאָנט איר פארענטפערן, אָדער געוואָלט אזוי זיך אדורכשמועסן וועגן חסי־דות, איז ער אריין צו די לומדים־משפחה אויף פּיענקנע גאַס, צו ר' חיים שמערל גאָלדזאק מיט זיינע צוויי זין, וואָס האָבן געלעבט פון דער בעקעריי, וואָס עס האָבן געפירט די אלטעטשקע טויבע מוטער מיט אירע צוויי טעכ־טער; מפרנס געווען די מענער די לומדים, זיי זאָלן קאָנען זיצן און לערנען, אָן געגרייט זיך צו זיין זייערע פּיס־בענקעלעך אחרי מאה ועשרים שנה. דאָרט איז די קשיא לייכט פארענטפערט געוואָרן, און דערביי איז מען גע־וויר געוואָרן א פרישן אויפטו אויף דער סדרה פון דער וואָך לויטן חידושי הרי"ם.

און האָט װער געװאָלט הערן אַ ביסל טשיקאַװע מעשיות פֿון פּױלישן אױפֿשטאַנד אין 1863־טן יאָר, איז ער אַרײַן צו דעם אַלטיטשקן ישׂראלקעלע שלאָסער (זײַן פּאָפּולערער נאָמען — „ילד"), װעלכער שטײט נאָך בײַ זײַן שלאָסער־װאַרשטאַט, װאָס ער האָט אים געשאַפֿן מיט אַכציק יאָר צוריק און אַרבעט צוזאַמען מיט זײַנע זין, אײניקלעך און אור־אײניקלעך. דערבײַ האָט מען זיך געמוזט לאָזן אַ קװעטש געבן די האַנט פֿון דעם זקן ישׂראלקע ילד, און ער האָט נישט אָפּגעלאָזט ביז דער געקװעטשטער האָט זיך נישט געבױגן אין דרײַען פֿאַר יסורים, און דערבײַ געפֿרעגט: װאָס זאָגסטו אױף מײַנע הונדערט און זיבן יאָר? װאָס מער מ'האָט זיך געלאָזט קװעטשן די האַנט, אַלץ מער פּאָװסטאַניע־מעשיות האָט מען פֿון אים געהערט. און האָט װער געװאָלט װיסן דעם סוד, װי אַזױ ער האָט דערלעבט צו אַזאַ געזונטער עלטער זאָגט ער גלײַך: װײַל ער האָט כּל ימיו אױסגעטרונקען יעדן פֿרימאָרגן אױפֿן ניכטערן מאָגן אַ גלעזל רײנעם ספּירט.

האָט מען געדאַרפֿט זיך אַדורכרעדן װעגן לױפֿנדיקע ציוניסטישע אָדער תּרבות־ענינים — װאָס האָבן געפֿאָדערט אַ באַלדיקע באַהאַנדלונג — איז מען אַרײַן צו יהושע עקערמאַן אױף פּיענקנע גאַס, װעלכער האָט יעדן אױפֿגענומען מיט אַ פֿרײַנטלעך אָפֿן פּנים און ליכטיקע אױגן, אױסגעלאָזט די געשעפֿטלעכע ענינים און מיט כּבֿוד־ראָש אַלזײטיק באַהאַנדלט אַלע פֿראַגן.

איז אַ ייִד אַ קלײנהענדלער געװען פֿאַרביטערט, שיקאַנירט געװאָרן פֿון שטײַער־אַמט אָדער פֿון אַן אַנדער אָנשיקעניש, איז ער אַרײַן אין זײַן פֿאַרײַן אױף פּיענקנע גאַס, זיך אַראָפּגערעדט פֿון האַרצן פֿאַרן גוטמוטיקן, שטענדיק־פֿרײַנטלעכן סעקרעטאַר, יחיאל מאיר זײַדענצײַג און איז אַװעק אַ צופֿרידע־נער מיט אַ גוטער פֿרײַנטלעכער עצה.

און האָט אַ ייִד באַדאַרפֿט אױסלײזן אַ ביסל סחורה, װאָס ליגט שױן עטלעכע טעג אױף דער באַן־סטאַציע, אָדער באַדאַרפֿט צאָלן אַ װעקסל, אױס־קױפֿן אַ פּאַטענט, צי גאָר סילוקן אַ נדן, איז ער אַרײַן אין זײַן באַנק קרעדי־טאָװע אױף פּיענקנע גאַס, זיך מתנצל געװען פֿאַרן באַנק־דירעקטאָר און גרינ־דער ר' מאַניש רײדעל, און דער ייִד איז אַרױס אַ צופֿרידענער, אַ געהאָלפֿע־נער.

און דאָ נישט װײַט, אין שטוב בײַם פּאָפּולערן אַרבעטער־טוער מאיר ראַדזאַנצאַדזשעװאַ (שמעון װעכטערס זון) איז שטענדיק אַ שטאַרקע באַװע־גונג. מען באַהאַנדלט דאָ װיכטיקע פֿראַגן: װעגן דערקלערן אַ שטרײַק פֿון די שוסטער־אַרבעטער; װעגן דורכפֿירן אַ זאַמלונג פֿאַר פּאָליטישע אַרעס־טירטע, וכדומה.

און אָט גײט מען אין אַ מאַרק־טאָג אַדורך די פּיענקנע גאַס, און מען זעט אַ געזעמל פֿון הונדערטער מענטשן, װאָס שטײען מיט פּאַרריסענע קעפּ און קוקן אָנגעשטרענגט אַרױף צום הימל. אין מיטן פֿון אָט דער אָריגינעלער

פארזאמלונג זעט מען ארויס דעם פּאָפּולערסטן מענטש פון פּיענקנע גאַס, דעם העכסטן לויטן וווקס באַקאַנטן וויצלער אין שעדלעץ ר׳ פּייוול גרינש־פאַן, וועלכער שטייט אויך פאַרריסן דעם קאָפּ ארויף און ווייזט מיטן ווייז־פינגער ארויף צום הימל. אויף דער פראַגע, וואָס איז דאָ פאַר אַן אָנגעלויף און וואָס זעט מען דאָרט אויבן אין הימל, ווייסט קיינער נישט צו ענטפערן. ווען גרינשפאַן צעלאַכט זיך און רופט אויס: בהמות, וואָס האָט איר זיך פאַר־זאמלט אין מיטן א מאַרק־טאָג, און וואָס קוקט איר אין הימל? — לאָזט דער עולם פאַרשעמט אראָפּ די קעפּ און מען צעגייט זיך מיט פאַרדרוס, פאַרוואָס מען האָט זיך געלאָזט צו נאַר־מאַכן.

גייט מען אדורך וועלכע־עס־איז שטוב פון די פּיענקנע געסלעך און מען הערט דאָס כאָרכלען פון א זעג, אָדער דאָס פישטשען פון א הובעל, באַגלייט פונעם ליד: „דער ארבעטער שאַפט נאָר פאַר יענעם דאָס גוטס" — ווייסט מען, אז דאָ איז א סטאָליער־וואַרשטאַט. און א פּאָר טריט ווייטער טראָגט זיך דורך דער אָפענער טיר דער טיק־טאַק פון א ניי־מאַשין באַגלייט מיט יאָסעלע ראָזנבלאַטס „רחם־נא" אָדער סיראָטאַס „כבקרת" — ווייסט מען, אז דאָ וווינט א שניידער פון עלטערן דור, א מתפלל פון זייער אייגענער שניידער־שול „פּרחי שושנים", וואָס געפינט זיך טאַקע אויף דער פּיענקנע גאַס 25. פון א צווייט פענצטער טראָגט זיך אן אנדער טיק־טאַק אויך פון א שניידער־מאַשין, שוין א ביסל אן אומעטיקערער, וואָס קלאַפּט צום טאַקט פון י. ל. פּרץ׳ס „די אויגן רויט, די ליפּן בלוי", וואָס עס זינגט ביי איר ארבעט אן איינזאַמע בלאַ־סע שניידערין; און גייט מען א פּאָר טריט ווייטער, הערט מען דאָס שנעלע קלאַפּן פון א שוסטער־האַמער, וואָס קלאַפּט אין דער זויל פון שטיוול צום טאַקט פון מאָריס ראָזנפעלדס: „איך האָב א קליינעם יינגעלע".

איך זע דעם באַזונדער פייערלעכן אויסזען, וואָס עס באַקומט די פּיענ־קנע גאַס פרייטיק נאָך האַלבן טאָג: די גאַס איז אָנגעפילט מיטן ריח פון פריש־געקאָכטע פיש און פריש־געבאַקענע חלות. די פּיענקנע גאַס גייט בישט איצט נאָר זי לויפט. עס לויפן ווייבער, ווער פון מאַרק מיט זייערע איינגע־קויפטע ערב־שבת׳דיקע מציאות, און ווער פון בעקער מיטן שבת־געבעקס. עס לויפן שניידער פאַרוואָרפן אויף די אָרעמס פריש־אויפגעניייטע מלבושים, און עס לויפן שוסטער מיט נאָר־וואָס אויסגעפּאַרטיקטע שטיוול, שיך — דאָס טראָגן זיי אָפּ צו די בעלי־בתים, וואָס האָבן דאָס באַשטעלט. עס לויפן יידן אין מקווה מיט פּעקלעך וועש אונטער די אָרעמס און עס לויפן יידן שוין צו־ריק פון מקווה, אויסגעפּאַרעטע, פאַרויטלטע, דערשוויצטע און עס קאַפּען טראָפּנס מקווה־וואַסער פון די בערד. אָט לויפן אדורך די גאַס מיטגלידער פון דער חברה „שומרי שבת" און שרייען: שבת! שבת! און באַלד ווערן פאַרמאַכט אַלע קראָמען, אַלע וואַרשטאַטן. דורך די פענצטער פון דער פּיענ־קנע גאַס זעט מען די שבת׳דיקע אילומינאַציע, דאָס פינקלען פון די שבת־

ליכט, וואָס עס האָבן אָנגעצונדן מיט שטיל־שעפּטשנדיקע תפילות און מיט די הענט פאַרשטעלטע אויגן — די יידישע פרויען פון פּיענקנע גאַס.

די גרעסטע צאָל „הזמיר"־מיטגלידער און לייענער פון א יידיש בוך, האָט געליפערט די פּיענקנע גאַס און אירע זייטיקע ארומיקע געסלעך, ווו עס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט דער ספּעציפיש־יידישער אָרעמקייט. זיי האָבן געליפערט אנטיילנעמער אין פאַרשידענע חלוצישע און רעוואָלוציאָנערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. נאָך אין יאָר 1905 האָט איבערן גאַנצן לאַנד געקלונגען דער צושטייער צו דער רעוואָלוציע, וואָס שעדלעץ האָט געגעבן. און שעד־לעץ אליין האָט געוווסט, אז דאָס איז דער גרעסטער פאַרדינסט פון די פּיענק־נע גאַס מיט אירע ארומיקע געסלעך. און האָט מען אין יענער צייט געדאַרפט אראָפּרוימען פון וועג א צאַרישן סאַטראַפּ, א דינער פון דער אָכראַנע, א פאַרפאָלגער פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, האָט די פּיענקנע גאַס געליפערט אזא פריייוויליקן העלד, ווי משה ראַדזינסקי (משה גבאי), וואָס האָט אזא שטיקל ארבעט דורכגעפירט. און ווען די צאַרישע הינט האָבן זיך צעיושעט אין א ווילדן פּאָגראָם איבער די שעדלעצער יידן, האָבן זיי־ער גרעסטן צאָרן אויסגעלאָזט צו דער פּיענקנע גאַס מיט אירע ארומיקע געסלעך.

די גרעסטע צאָל יידישע אינסטיטוציעס אין שטאָט האָבן זיך געפונען אויף דער פּיענקנע גאַס, ווי: די ערשטע יידישע פאָלקס־באַנק, די אזוי גע־רופענע ליי־קאַסע, קליינהענדלער־באַנק, דער סוחרים־פאַראיין, קליינהענד־לער־פאַראיין, אלערליי נישט לעגאַלע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס און קעמער־לעך. עטלעכע שולן, ספּעציעל בעל־מלאכה'שע, ווי די שניידער־שול „פרחי שושנים", שעפּלאַנס שול, הכנסת אורחים און אנדערע, ווו עמך שער־און־אייזן־יידן האָבן יעדן אָוונט געלערנט עין־יעקב און א פּרק משניות, א חוץ פיל חסידים־שטיבלעך און צדקה־חברות.

אָבער ...וויי און ווינד! דאָס איז דאָך אָבער געווען אלץ אמאָל. דאָס זע איך דאָך אלץ אין דמיון, אין דער פאַנטאַזיע. אין דער ווירקלעכקייט אָבער שטיי איך אויפן בית־עולם פון יידישן שעדלעץ, ביי די שטיינער און בערג־לעך גרוז, וואָס זענען געבליבן, ווי א זכר לחורבן, ווי מצבות אויף אן אונ־טערגעגאַנגען לעבן.

ס'איז אצינד פרימאָרגן־שעה. אמאָל אין דער שעה איז די פּיענקנע גאַס געווען פול מיט יידישע קינדערלעך, וואָס האָבן שנעל געאיילט מיט די שול־ראַניצעלעך אויף די פּלייצעלעך און אונטער די אָרעמלעך אין דער תלמוד־תורה, תרבות אָדער פאָלקס־שולן. ווו זענט איר בלייכע יידישע קינדערלעך? שוין עטלעכע שעה, ווי איך גיי ארום צווישן די חורבות און האָב קיין איין יידיש קינד נישט באַגעגנט, ווי בכלל קיין שום ייד נישט. איך טרעט אויף א פּוסט פעלד צווישן שטיינער און שטעכיקע גראָזן. איך ווייס, אז דאָ איז אמאָל

אַ גאַנצע ריי יידישע גאַסן געווען, צווישן פּיענקנע און וואַרשעווער — די קאָזשע, פּשעיאַזד, פּראָסטע, שפּיטאַלנע. איך ווייס, אַז איך טרעט אויף קבֿרים פון אַן אונטערגעגאַנגען יידיש לעבן, אָבער צי וועלן דאָס די קינפטיקע דורות אויך וויסן, ווען זיי וועלן דאָ טרעטן? אָדער צי וועט דאָ נאָך בכלל אַמאָל אַ יידישער פוס טרעטן?

— — — * — — —

דריי אייגנטימלעכקייטן האָבן באַצירט די פּיענקנע גאַס. נישט פון ספּעציעל־יידישן, נאָר פון אַלגעמיין־שטאָטישן כאַראַקטער; אין אָנהויב מזרח־זייט איז געשטאַנען דער אַלטער ראָטהויז מיט זיין ספּעציפישן אַלט־פּוילישן אַרכיטעקטאָנישן סטיל, וואָס די גרינדערין פון שעדלעץ, די פירשטין אָגינסקא האָט געלאָזט אויפשטעלן פאַר די הצטרכותן פון דער שטאָט, און די אַרומיקע קראָמען, פאַר אַ האַנדלס־צענטער. פון דעם ראָטהויז האָט געפירט אַן אונטערערדישער הייל צו איר שלאָס, דעם אַלטן אָגינסקי־פּאַלאַץ ביים שטאָטישן פּאַרק. לעצטנס איז אין דער היסטאָרישער געביידע געווען די שטאָטישע ביבליאָטעק.

אויף דעם הויכן טורעם פון דעם אַלטן ראָטהויז איז געשטאַנען דער נאָקעטער גאָלד־געפאַרבטער „יאַצעק" און געטראָגן אויף זיינע אָרעמע פּלייצעס אין משך פון פיל דורות, די שווערע משא פון ערד־קיילעך, וואָס איינעווייניק האָט זיך געדאַרפט געפינען, אויף פּאַרמעט געשריבן, די געשיכטע ווי אַזוי מיט פינף הונדערט יאָר צוריק איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דער הויפּט־שטאָט פון פּאָדליאַשע.

אַנטקעגן, אין צווייטן עק גאַס פון מערבֿ־זייט, פאַרשטעלט דעם אויסגאַנג פון גאַס אַ הויכע גרויע פעסטונג־וואַנט מיט קליינע, פון אייזן געקאָוועטע פענצטערלעך. דאָס איז די באַרימטע שעדלעצער תּפיסה. אַ ירושה פון אַמאָליקע צאַרישע צייטן, וואָס מען האָט זי געבויט אַנטקעגן יידישן צענטער — די פּיענקנע גאַס, ווי בכיון אָנצוּוואַרפן אַ פּחד אויף די יידישע איינוווינער, וואָס זענען נישט געווען „בלאַגאָראָדנע" צו די הערשער פון גאָטס גענאַד.

אין סאַמע מיטן גאַס, אויף אַ בכבֿודיקן אָרט איז געשטאַנען דער „מאַגיסטראַט", אַ פּשוטע איינשטאָקיקע געביידע, אָן גרויסע אַרכיטעקטאָרישע און היסטאָרישע פּרעטענסיעס, האָט זי אָבער פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט צווישן פיר גאַסן. נאָר דער עיקר האָט זי באַשיינט די פּיענקנע גאַס מיט איר הויכן טורעם, וווּ עס איז געווען איינגעפּאַסט אַ מאַסיוו־גרויסער קיילעכיקער זייגער, וואָס האָט אין אַלע פיר זייטן שטאָט געוויזן די שעה און צווישן געגעבן דערפון מיט זיינע הויכע קלעפּ אין די שכנותדיקע גאַסן, וואָס האָבן אים נישט געקאָנט זעען. אויף זיין הויכן שפּיץ האָט שטענדיק אַרומשפּאַצירט אַ וועכטער פון די פייערלעשער און אויסגעקוקט צי עס מאַכט זיך נישט ערגעץ אַ שטיקל אַרבעט פאַר זיין חבֿרה.

דער מאגיסטראַט מיט זיין ארום איז געווען דער מיטלפונקט, דאָס האַרץ פון שעדלעץ. יעדער שעדלעצער איינוווינער, האָט כאָטש איינמאָל אין טאָג געמוזט דאָ אדורכגיין דורך איינע פון זיינע פיר גאסן. — האָט ווער געוואָלט עמעצן טרעפן, איז געגוג געווען צו שטיין א ביסל אין שטח פון מאגיסטראַט, און דער אָפּגעוואַרטער איז אָנגעקומען. א חוץ צופעליקע דורכגייער, זענען אויף דעם שטח געווען שטענדיקע סטאבילע פאר־מאגיסטראַט־שטייער, אָדער זיצער. אזוי האָט מען אָפט געזען זומער ביי זיין זייט פון פיענקנע גאס, הארט ביי דער וואנט, צופוסנס פון הויכן טורעם־זייגער, ווי עס רוען אין שאָטן פון דער מאסיווער מאגיסטראַט־וואנט א גרופע טראנספּאָרט־ארבעטער, פורמאַ־נעם און טרעגער מיט שטריק ארומגעבונדן ביי די לענדן, טייל מיט בייטשן אין די הענט, טייל זיצנדיק אויף דער ערד מיט די באשטיוולטע פיס ארויס־געסטארטשעט פריי אין דער וועלט אריין; ווער שטייענדיק מיט די ברייטע פלייצעס, שטענדיק גרייט צו טראָגן משאות, אונטערגעשפּאַרט אונטער דער שווערער גרויסער מאגיסטראַט־וואנט, פונקט זיי וואָלטן איר טראָגן אויף זייע רע פלייצעס. און צווישן דעם טרעגער־עולם אינמיטן זיצט אברהם וויינאפעל, דער פאָרזיצער פון טראנספּאָרט־פאראיין, דאָס היטל ווייט פאררוקט איבערן שטערן, אויף דער נאָז אָנגעזאַטלט די גרויסע ברילן און לייענט פאר חברה די „פאָלקס־צייטונג" און טייטשט זיי אויס די פּאָליטישע לאגע אין דער וועלט.

זיין צווייטער זייט — ביים אריינגאנג פון וואַרשעווער גאס—האָט אויס־געזען, ווי א בירזשע פון לײדיקגייער. בשותפותדיקע פון יידן מיט נישט־יידן־גרופּן ארבעטסלאָזע ווארטן דאָ א גאנצן חודש אויף דעם אויסצאָלן פון ארבעטסלאָזן־פאָנד זייער אָרעמע אונטערשטיצונג. אין געפעפערטע ווערט־לעך פארטרייבן זיי די גרויע לאנגווייליקייט.

אין שכנות שטייען גרופּקעלעך עלטערע יידן, אונטערגעשפּאַרט מיט די שטעקעלעך פון הינטן; אָפּגעקומענע סוחרים דערציילן וועגן די גרויסע גע־שעפטן, וואָס זיי האָבן אמאָל געפירט, און וועגן די גרויסע פריצים, וועלכע זענען געלעגן אין זייערע בוזעם־קעשענעס; קייען די שפּיצן בערד און קוקן אויס דעם בריוו־טרעגער, וואָס דארף ברענגען א בריוו מיט א בייגעלייגטן טשעק פון א רייכן קרוב פון אמעריקע.

אינמיטן פון דעם מדבר־פעלד, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט ווייט און ברייט, שטיי איך איצט ביי א יונגן פרישן סקווער, פול מיט גרינס און בלומען. עס גלאנצט נאָך אויף זיי קליינע ברילִיאנטעלעך טוי־טראָפּנס, וואָס די יונגע פרימאָרגן־זון האָט נאָך נישט באוויזן אָפּצוטריקענען. עס מאכט דעם איינ־דרוק פון אן אָאזיס אין א וויסטע. איך זעץ זיך אוועק אויף איינע פון די אָפּ־רו־בענק, וואָס שטייען דאָ אויסגעשטעלט און שטעל פעסט, אז איך געפין זיך אויפן שטח פון אמאָליקן מאגיסטראַט, וואָס איך האָב אים געזען אין די ער־

שטע טעג פון בלוטיקן מבול א האלב־צעשמעטערטן מיטן איינגעפאלענעם זייגער־טורעם. ווי אזוי איז פון זיינע חורבות אויסגעוואקסן אזא שיינער סקווער מיט אַפּרו־בענק? איך קוק זיך ארום אין אַלע זייטן. די אויגן האָבן נישט קיין שום שטערונג. מען זעט פריי ווייט און ברייט. גאָרנישט איז נישטאָ אין וועג, וואָס זאָל עפּעס פאַרשטעלן.

אָט זעט מען די לאַנגע תפיסה־געביידע. די צאַרישע ירושה האָט געהאַט מזל — עס איז איר גאָרנישט געשען. זי האָט איבערגעלעבט די פּיענקנע גאַס מיט אַלע איינוווינער און שטייט צוקאָפּנס פון אירע חורבות. אָט זעט מען דעם אלטן ראַטהויז, אָבער בלויז נאָר זיין אויסגעהוילטן סקעלעט. אויף זיין פאַררויכערטן הויכן טורעם איז געבליבן שטיין אזוי נעבעכדיק פאַרשעמט בלויז די אונטערשטע טייל פון נאַקעטן יאַצעק, אָן א קאָפּ און אָן דעם ערד־קיילעך, וואָס איז געווען צונויפגעוואַקסן מיט זיינע פּלייצעס. אָרעמער יאַ־צעק, נעבעך, ער האָט געטיילט דעם שווערן גורל פון זיינע יידישע מיטביר־גער.

4. קיילינסקע גאַס

ס׳איז גוט דאָ צו זיצן אצינד צווישן גרינס און בלומען, איינזאַפּן אין זיך די פרישע פרימאַרגן־לופט. עס ווילט זיך א ביסל פאַרגעסן אין דעם טראַגישן אַרום. דער געדאַנק וויל אָפּרוען א מאָמענט פון די חורבן־בילדער. און צו דעם העלפט טאַקע צו דאָס אויסזען פון דער אנטקעגן־ליגנדיקער געמיטלעך־ברייטער קילינסקע גאַס, וואָס האָט מיט קליינע אויסנאַמען נישט געהאַט דעם גורל פון איר נאָענטער שוועסטער — די פּיענקנע. אָט שטייט זי אין ביידע זייטן מיט אירע גלייכע הייזער־ליניען און פּאַר זיי, ווי זעלנער — גלייכע אויסגעשטעלטע צום אפּעל צוויי רייען צעוואַקסענע בוימער, מיט געדיכטע ברייטע קעפּ פון גרינע בלעטער, וואָס וואַרפן געדיכטע שאָטנס אין די גערטנ־דלעך אין וועלכע עס שטייען זייערע שטאַמען.

אָבער לאַנג זיצן און רוען לאָזט עס נישט. דער ווילן צו זען מיט איין בליק, שנעל מיט איין אָטעם אויסמעסטן די גאַנצע גרויס פון חורבן — הויבט אונטער פון אָרט. עס באַווייזן זיך משה ראַטביין, די ברידער האַלבערשטאַט, גאָלדמאַן, קראַוויעץ און נאָך עטלעכע, וואָס האָבן געשטעקט טיף אין וואַל־פישן פּיסק. זיך אַרויסגעריסן, אוועק אין אונטערערדישע היילן, בונקערס, וועלדער — איבערגעלעבט. איבערגעלעבט, כדי צו דערציילן, וואָס דאָ איז געווען. זיי, און נאָך עטלעכע, וואָס זענען געקומען פון ווייטן מזרח, וועלכע בלאָנקען דאָ, ווי איך און זוכן א געביין פון א טאַטן, א מאַמען, פון א שוועס־טער, א ברודער — דאָס גאַנצע רעשטל פון דער שעדלעצער עדה. מיר שפּאַ־

נען איצט צוזאמען בציבור. אונזערע שאָטנס גייען פאָראויס, און מיר גייען נאָך, שווייגנדיקע, ווי נאָך א לוויה.

עס זעען זיך אין דער רעכטער זייט גאס די שיך־געשעפטן, וואָס זענען דאָרט שטענדיק געווען איינס לעבן אנדערן, און אין דער לינקער — די צעל־ניק, גאלאנטעריע, שרייב־ און ביכער־געשעפטן, פונקט, ווי אמאָל אין יענע צייטן. איך קוק זיך איין אין די שילדן־אויפשריפטן און לייען אנדערע נעמען, אומבאקאנטע, פונקט, ווי עס זענען אומבאקאנט די בעלי־בתים זייערע, וואָס קוקן ארויס פון די אָפענע טירן פון די געשעפטן, וואָס האָבן זיך נאָר־וואָס גע־עפנט מיט א טראָסקערריי זיכער, ווי אלטע איינגעזעסענע תושבים.

די אויגן עסן זיך איין אין די גאנץ־געבליבענע הייזער אויף דעם אמאָל אזוי ברוינזנדיקן קליינעם שטיקל קילינסקע גאס און זוכן: אפשר וועט מען דאָ עפּעס געפינען פון אמאָל. אָט זענען די פענצטער פון הויז אויף דער ליג־קער זייט, ווו עס איז לאנגע יאָרן געווען די ציוניסטישע אָרגאניזאציע — דער „מרכז". די זעלבע פענצטער פון וואנען עס האָבן זיך געטראָגן אין גאס אריין די טענער פון „עוד לא אבדה תקותנו". עס קוקן ארויס די ווענט אויף וועלכע עס איז געווען אויפגעשריבן מיט גרויסע ווייס־בלויע אותיות דער באזעלער פראָגראַם: „דער ציוניזם שטרעבט צו שאפן פארן יידישן פאָלק אן עפנטלעך־רעכטלעכע געזיכערטע היים אין ארץ־ישראל". לאנגע יאָרן האָט מען דאָ גערעדט און אויפגעקלערט, וואָס עס הייסט א פאָלק אָן א היים און געוואָרנט פאַר די טראגישע קאָנסעקווענצן פון אייביקער היימלאָזיקייט. דאָ איז געווען דאָס ביוראָ פון „קרן קימת לישראל", ווו יידן האָבן געבראַכט זיי־ערע אָפּגעשפאָרטע גראָשנס אויף אויסצוקויפן ערד אין ארץ־ישראל און באַ־זעצן אויף איר יידן; און אויך די רעדאקציע „שעדלעצער וואָכנבלאַט", דאָס פּאָפּולערע יידישע וואָכנבלאַט אין פּאָדלאַשע.

און דאָ, אנטקעגן, פון דער רעכטער זייט שטייט דאָס הויז, ווו עס איז געווען דער לאָקאַל פון פּראָפעסיאָנעלן פאריין פון יידישע לעדער־ארבעטער, אויך פון זיינע ווענט האָט אראָפּגערעדט א וואָרנונג: „פּראָלעטאַריער פון אלע לענדער, פאראייניקט אייך", „צום קאמף קעגן פאשיזם און רעאקציע" א. א. וו. דאָ האָט מען גערעדט וועגן פעלקער־פאַרברידערונג, וועגן בעסערן מאָרגן, וואָס דאַרף קומען. דורך זיינע פענצטער האָבן זיך געטראָגן אין גאס אריין די טענער פון „אינטערנאציאָנאַל" און אנדערע לידער פון האָפענונג און פרייהייט.

אָט זענען די פענצטער פון לאָקאַל, ווו עס איז אמאָל געווען די סוחרים־באַנק, די אינסטיטוציע, וואָס האָט געשפּילט אזא וויכטיקע ראָל פאַר די שעדלעצער יידישע סוחרים אין די „אָושעם"־צייטן. ווען אלע קרעדיטן און האנדלס־אונטערנעמונגען אין שטאָט זענען געווען געשלאָסן פאַר יידן, איז די סוחרים־באַנק געווען פאַר זיי, ווי א מאמע, ווו א חוץ א הלוואה אָדער א

דיסקאָנטאָ, האָט מען דאָ באַקומען אויך א גוט וואָרט פון שטענדיק פריינט־לעך־באַרעדעוודיקן פּרעזעס, ר׳ אשר אָרזשל און א קלוגע עצה פון שטענדיק שווייגנדיקן דירעקטאָר ר׳ אברהם־אשר קוויאטעק.

און דאָ, אין דעם הויז, אָפּגערוקט אין דער זייטיקער אָפּיצינע, איז געווען דער לאָקאַל פון האַנטווערקער־פאַריין. נאָך א טאָג ארבעט האָט דער יידישער בעל־מלאכה יעדן אָוונט דאָ געפונען זיין גייסטיק אָפּרו־אָרט. געקומען דאָ איבערלייענען א צייטונג, שפּילן א שאך, א דאָמינע, און זוכן שוץ קעגן האָגל גזירות און רעפּרעסיעס, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף זיין אָרעמער עקזיס־טענץ מצד די סאַנאַטאָרישע מאַכט־האָבער מיט זייער באָיקאָט־פּאָליטיק.

א וויסטער אומעט קוקט ארויס פון די פענצטער פון די לאָקאַלן, וואָס זענען געווען אמאָל אזוי אייגן, היימיש, נאָענט און טייער. אן אייז־קאַלטע פרעמדקייט בלאָזט פון די געבליבענע הייזער אויף דעם שטיקל קילינסקע גאַס, און כאָטש פון הימל שמייכלט אראָפּ א צעשטראַלטע פרילינגס־זון — פרירט עס אין אלע אברים.

מיר שלייכן זיך צו ביז דער שיענקיעוויטשא (אמאָליקע אָגראָדאָווע גאַס) און — ווידער א מדבר: איןביידע זייטן, רעכטס און לינקס, ווו דאָס אויג גרייכט, זעט מען נישט מער, ווי חורבות, קופּעס שטיינער, ציגל, בערגלעך באַוואַקסענע מיט גראָז. אויף אזא גראָז־פעלד, ווו עס איז אמאָל געשטאַנען דאָס שיינע הויז פון ר׳ ישראל גוטגעלד, פּאַשען זיך פערד מיט פּענטעס אויף די פאָדערשטע פיס.

און אין מיטן גאַס, צווישן מבול פון חורבות און וויסטעניש, שטייט פעסט ווי אמאָל, די גרויסע רוסישע צערקווע, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין א מיליטערישן קאָשטשאָל, מיט א הויכן פאַריסענעם קאָפּ, ארומ־געשטעלט מיט א וועלדל צעוואַקסענע גרינע קאַשטאַנעס און ליפּעס, ווי שומ־רים, וואָס דאַרפן אים פאַרהיטן פון אלדאָס בייז. עס דאַכט זיך, אז דער הויכער פיר־קאַנטיקער טורעם מיטן צלם אויפן שפּיץ, רעדט אראָפּ שטאָלץ: „זעט, איבער מיר האָט דער משחית קיין שליטה נישט געהאַט, איך בין גע־בליבן גאַנץ”. אינסטינקטיוו ווענד איך דעם בליק אהין, צום אויסגאַנג פון פּיענקנע, ביי פלאָריאַנסקע גאַס, און אויף דער זייט פון דלוגע, אנטקעגן דער סאַקאָלאָווער גאַס. און אזוי פון דאָ, ווי פון דאָרטן גלאַנצן פון ווייטנס אנט־קעגן דער פרימאָרגן־זון די מעטאַלענע צלמים, וואָס זיצן פעסט אויף די הויכע שטאָלענע טורעמס, און אויך זיי דערציילן, אז אין גערანגל מיטן בלוטי־קן משחית זענען זיי ארויס גאַנץ אומבאַשעדיקט...

5. אויפן הייליקן שטח

מיר געפינען זיך אויף דעם שטח, וואָס ליגט, ווי א פיר־קאַנטיקער קאַס־טן צווישן פיר גאַסן: וואַרשעווער, דלוגע, סטאַרי־רינעק, יידישע. דער הייליקסטער שטח פון יידישן שעדלעץ. עס דערמאָנט זיך דער אַלטער ביבלישער אויסרוף: „של נעליך מעל רגליך, כי המקום אשר אתה עומד עליו — אדמת קדש הוא״... ווי אַמאָל צום משכן, האָבן אונזערע זיידעס און באָבעס געטראָגן זייערע געשאַנקען און אויפגעשטעלט אויף דעם אָרט א בית־המקדש מיט א שול, אויבנאָן איבערן אריינגאַנג, אויסגעמאָלט ווי אין די אַלטע חומשים, די לוחות מיט די עשרת הדברות, מיט דער אייביקער וואָרנונג: „לא תרצח״. אויך אויפגעשטעלט א בית־דין־שטוב, א דירה פאַרן רב, א קהלה־שטוב און אַלע אַנדערע קהלה׳שע הצטרכותן.

כדי צו האָבן א זיכער באַהעלטעניש פאַר קהלה׳שע פאַרמעגנס און הייליקייטן, וואָס זאָלן זיין געשיצט פאַר גנבות און שריפות, האָבן אונזערע עלטער־זיידעס אויסגעבויט פון שטיין און אייזן אונטערן דיל פון גרויסן בית־המדרש א גניזה. דאָרט האָט זיך געפונען א שלל פון דברי־קדישה, ווי: ספרי־תורות, מגילות, כתבי־תורות, פרוכתן, זילבערנע לייכטער, מנורות, שופרות און פיל אַנדערע זאַכן פון היסטאָרישן און מוזעאַלן ווערט. די גניזה איז געווען פאַרמאַכט מיט דריי טירן פון אייזן און האָלץ, פאַרמאַסקירט און פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. די שליסלען זענען געווען באַהאַלטן ביים גבאי פון בית־המדרש, וואָס האָט זיי קיינעם נישט געטרויט, נאָר אַליין מיט אייגענע הענט אויפגעשלאָסן און צוגעשלאָסן, ווען מען האָט באַדאַרפט עפּעס אַרויסנעמען אין א יום־טוב, אָדער ביי א ספּעציעלער געלעגנהייט.

יעדן פרימאָרגן, ווען עס איז נאָך פינצטער געווען און מען האָט נאָך נישט דערקענט צווישן א הונט ביז א וואָלף, צווישן בלוי און גרין, האָבן אהער געשטראָמט די גלויביקע שעדלעצער יידן אויסצוגיסן זייערע אָנגעווייטיקטע הערצער פאַרן בורא־עולם. איז נאָך געווען צו פרי צו דאַווענען, האָט מען דערווייל געזאָגט א יום תהילים און מיט השתפכות הנפש גערופן: ממעמקים קראתיך ד׳.

ווי עס איז נאָר טאָג געוואָרן, האָט מען געדאַוונט געשמאַק און מיט הארץ בציבור. פריער די פּראָסטע יידן, בעלי־מלאכות, קרעמער, וואָס האָבן זיך געאיילט איידער זיי זענען געגאַנגען צו זייערע וואַרשטאַטן, קראָמען, אָפּצוגעבן דעם רבונו של עולם, וואָס אים קומט. שפּעטער האָבן געדאַוונט „שענערע״ יידן לומדים, וואָס האָבן צייט, איילן זיך נישט, דאַווענען פּאַמעלעך, ציילן די ווערטער ביזן האַלבן טאָג און נאָכן דאַווענען, פאַרן אהיים גיין, נאָך אין טלית און תפילין, כאַפּט מען אריין א בלאַט גמרא. און באַלד איידער נאָך די גייען אוועק, זענען די טישן אין בית־מדרש באַזעצט מיט אַנ־

דערע לערנער, יונגע בחורים און עלטערע יידן, וואָס לערנען וועד ביחידות, וועד אין גרופּן, הויך אויפן קול, מיטן ספּעציפּישן ניגון, וואָס ביאַליק האָט אים פאַראייביקט אין זיין „המתמיד", וואָס טראָגט זיך ווייט ארויס דורך די פענצטער אין גאַס אַריין, זאָגט אָן אַלע דורכגייער, אַז נצח ישראל לא ישקר.

פאַרנאַכט ווערט די שול און דער בית־מדרש זינגעפילט פון עק ביז עק מיט אַן עולם צו מנחה־מעריב. עס פעלן אויך נישט קיין יונגע קינדער, וואָס שרייען אויס מיט זייערע יונגע שטימעלעך, שטייענדיק אויף א באַנק, זייער גרויסן צער אויף דעם אומרעכט, וואָס זיי איז געשען, וואָס זיי האָבן אַזוי יונג פאַרלוירן א טאַטן אָדער א מאַמען — אין דעם אַלטן „יתגדל ויתקדש".

צווישן מנחה און מעריב הערט דער עולם אויס א מגיד, א משולח פון א ישיבה, וועלכער שטייט א צעהיצטער אויפן בית־המדרש־באַלעמער און שילדערט מיט פּאַטאָס, וואָס ס'קומט פאַר אין גיהנום מיט אַזא פּינקטלעכקייט, גלייך ער וואָלט נאָר־וואָס געקומען פון דאָרט: ווי אַזוי מען פּרעגלט רשעים אין גרויסע בראָט־פאַנען, ווי אַזוי מען הענגט זיי אויף די צינגער און מען ברענט זיי אין הייסע צעלאָזענע פּעסער סמאָלע, און פּירט אויס, אַז פאַרהיטן זיך פון דעם קאָן מען נאָר דורך געבן צדקה און שטיצן תלמידי חכמים, און פאַרענדיקט מיטן: ובא לציון גואל במהרה בימינו, אמן...

נאָך מעריב זענען ערשט רעכט אַלע טישן געדיכט באַזעצט און איבערן בית־מדרש צעקלינגט זיך אויפסניי דאָס קול פון תורה.

אָט לערנט ר' שלמה־שמואל אַבאַרבאַנאַל מיט א גרופּע פּשוטע יידן בעלי־מלאכות עין־יעקב, ביי אַן אַנדער טיש — ר' פּלטיאל רובינשטיין, מיט אַן אַנדער גרופּע, א פּרק משניות. און — שאַט, דרך־ארץ! דאָרט אויבן־אָן אין מזרח־וואַנט, נאָענט פון ארון־קודש, ביי א טיש אַרומגעזעצט מיט די לומדים פון שטאָט, זאָגט א שיעור איינער פון די גרעסטע שעדלעצער לומדים, דער טיקטינער עלוי ר' נחמנקע לעוו. און ביי א צווייטן טיש, אויך אין מזרח־וואַנט, אויבן־אָן אַרומגעזעצט פון שיינע יידן, בעלי־בתישע לומדים, האַלבע משכילים, לערנט דעם דף־יומי דער זקן שבחבורה למדן און משכיל, דער זילבער־ווייסער הדרת־פּנימדיקער ר' יצחק נחום וויינטרויב.

און אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס, ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.

אָבער אויך נאָך האַלבער נאַכט איז דער בית־מדרש קיינמאָל אַליין נישט געבליבן. נאָכן אוועקגיין פון עולם־דאַוונער און לערנער, זענען שטענדיק געבליבן אויף א גאַנצער נאַכט, פאַרשטעקט אין א ווינקל צווישן די אויוונס, עטלעכע פון די אייביקע עשרה בטלנים. ביי א קליין פּייערל פון א חלבן ליכטל געברומט עפּעס אויסטערליש־אומעטיק א פאַרשטיקטן שלשלת־ניגון, אין דער נאַכטיקער פוסטקייט אַריין.

אין געדאַנק לויפן אַדורך בילדער, ווי די שול און בית־מדרש האָבן אויסגעזען שבתים און ימים־טובים, און אין באַזונדערע אויסנאַם־מאָמענטן, ווי א

שטייגער אין תשעה־באב: פאַרנאַכט, דער הימל אין מערב הילט זיך איין אין פלאַמען, וואָס דערמאָנען אין יענעם פייער פון נבוכדנצרס צייטן, וואָס האָט פאַרברענט דעם ערשטן בית־המקדש; און אין פייער פון די צייטן פון טיטוס, וואָס האָט פאַרבר־ענט דעם צווייטן בית המקדש; ווי די שול מיטן בית־מדרש זעען אויס, ווי חורבות. די טישן און בענק איבערגעדרייט, דער ארון־קודש מיט די ספרי־תורות שטייט פאַרשעמט, אַראָפּגענומען דאָס פּרוכת, אין האַל־בער פינצטערניש, ביי דער שיין פון אַ קליין ליכטל־פלעמל, איז די גאַנצע עדה אויסגעזעצט אויף דער ערד, ווי אבלים, אין די זאָקן. דער חזן זאָגט „אי־כה" מיט אַן אומעטיקן ניגון, ווי מען באַוויינט אַ טויטן, און דער עולם, אין פאַרגליווערטן טרויער און אומעט, וויינט נאָך שטיל אין זיך אריין „הביטו וראו אם יש מכאוב כמכאובי" און פאַרגיסט דערביי ביטערע טרערן אויפן גורל פון אַ פאָלק, וואָס איז טויזנטער יאָרן נע־ונד, הפקר. און יאָר נאָך יאָר, דור נאָך דור, האָט די ערד אויף וועלכער מיר שטייען איצט, איינגעזאַפּט אין זיך די הייסע קוואַלן טרערן.

אָדער: דאָס בילד, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די שול און דער בית־מדרש אין דער יום־כפור־נאַכט צו כל־נדרי — ווי אין הייליקן, שטילן עקס־טאַז שרייט־אויס דאָס פאָלק זיין אָנמעכטיקן פּראָטעסט קעגן דער רשעות פון דער וועלט אין די טענער, וואָס זענען איינגעוועבט אין כל־נדרי־ניגון; און צו נעילה, ווען די עדה, אַ בלייכע, אַן אויסגעמאַטערטע פון אַ מעת־לעת פאַסטן, געהילטע אין קיטלען און טליתים, שטייען און קלאַפּן זיך על חטא אין די אויסגעטריקנטע הערצער פאַר חטאים קיינמאָל נישט באַגאַנגענע, און אין פאַרנאַכטיקער דעמערונג שניידט אַדורך די געדעמפטע הייליקע לופט דער קרעכץ פון דורות: בראותי כל עיר על תלה בנויה... גיסט אויס זיין האַרץ אין גרויסן צער, וואָס אַלע שטעט און לענדער פון אַלע פעלקער שטיי־ען פעסט־געבויטע, נאָר אונזערע שטעט ליגן אין חורבות — ווי אונזער גאַנץ לעבן.

עס זעט זיך אויך מאָמענטן פון ליכט און פרייד, וואָס די עדה האָט אָ־דורכגעלעבט אויף דעם אָרט. אַ שטייגער, פורים, ווען מען האָט אויפגעוויקלט די אַלטע מגילה און געלייענט פאַרן עולם וועגן דער מפּלה, וואָס עס האָט געהאַט אַן אַלטער צורר היהודים, וועלכער האָט אַמאָל פאַרטראַכט צו פאַר־טיליקן דאָס פאָלק ישראל. אין אַ לוסטיקן זמר פון שושנת יעקב, אין אַ פריי־לעך ריקוד׳ל האָבן זיך צעלאָזט די עלטערע, און אין אַ הילכיקן גרעגערן און פּליעסקעריי מיט די הענטלעך און טופּען מיט די פיסלעך האָבן זיך צע־לאָזט די קינדער, דאָס קליינוואַרג. און אַלץ האָט געשטראַלט פון פרייד דער־פון, וואָס איין מאָל, כאָטש, זייער ווייט און טיף אין דער פאַרגאַנגענהייט, האָט דאָך אונז נישט פאַרלאָזט די גערעכטיקייט, ביי וועלכער מיר זענען אָפט אַ שטיף־קינד.

אָדער, שמחת־תורה: די שול און דער בית־מדרש טונקען זיך אין א ים פון ליכט, דער עולם, אַן אויסגעפוצטער אין די שענסטע בגדים, שטראַלט פון פרייד. עפּעס א קליינּיקייט: שמחת תורה ביי יידן! אויפן באַלעמער שטייען צעשטראַלטע דער חזן אין זיינע יום־טובדיקע בגדי חזנות, דער שטענדיקער גבאי פון שול, דער הדרת־פּנימדיקער, מיט דער זילבערנער באָרד און גאָל־דענע ברילן אויף דער נאָז, ר׳ אליעזר שליפּקע, מיטן פּרייווילליקן געהילף, דעם שטענדיק באַוועגלעכן און רירעוודיקן ר׳ אביגדור קאַרטאָפּליע און טיילן איין כיבודים — זיי רופן אויף צו הקפות. צום ערשט גייען די „שענערע" בעלי בתים, די שטענדיקע שול־מתפּללים — די מזרח־וואַנט. זיי ווערן אויפגערופן מיט כבוד, מיט א ניגון, מיט א גרויסן טיטול, ווי: מורנו הרב הגביר, שלשלת היוחסין, בן־בנו של אברהם יצחק ויעקב, ר׳ — — — מכבד מיט אברהם אבי־נוס הקפה! שפּעטער גייען די פּראָסטע יידן פון מעריב־וואַנט און די צופע־ליקע מתפּללים. זיי ווערן אויפגערופן פּשוט אָן טיטולן, בלויז ר׳ — — — — — מכבד מיט יוסף הצדיקס הקפה. דער עולם לאָזט זיך אין א קאַראַהאַד, מיט די ספרי־תורות געטוליעט צום האַרצן, אַרום באַלעמער, פרייט זיך מיט דער תו־רה, טאַנצט און זינגט: אשריכם ישראל, ווייל איז אייך יידעלעך, וואָס גאָט האָט נאָר אייך אליין אויסגעוויילט פאַר זיין געליבט פאָלק און מזכה געווען מיט דער תורה. דאָס קליינוואַרג, יינגלעך און אויך מיידלעך, וואָס שמחת תורה שרייט מען נישט אויף זיי פאַר זייער קומען אין שול צווישן מאַנסבילן שטראַלן פון פרייד, גלאַנצן מיט די אויגעלעך, מישן זיך אויס מיטן עולם, נעמען אָן די אונטערשטע עץ־חיים׳ס ביי דער ספר תורה, וואָס דער טאַטע האַלט און טאַנצן און טופּען מיט די יינגע פיסלעך, זינגען מיט מיט די גרויסע, אָדער שטייען אויף די טישן און בענק מיט שמחת־תורה־פענער אין די הענט. אויף די פענער רויטע עפּל אין וועלכע עס ברענען ליכטלעך. צוזאַמען מיט זייערע צעפלאַמטע רויטע בעקלעך און שוואַרצע ברענענדיקע אויגעלעך, שאַפט עס א הערלעכע יום־טובדיקע אילומינאַציע.

— — — * — — —

דער בלוטיקער משחית האָט געוווסט, ווי דאָס פאָלק איז צוזאַמענגעבונ־דן מיט זיין שול און בית־מדרש, האָט ער דעריבער איידער ער האָט די עדה אומגעבּרענגט, כדי אזוי אַרום צו פאַרשאַפן, וואָס מערער יסורים און פּיין — פריער אומגעבּרענגט זיין מקום־קדוש און עס איז קיין זכר נישטאָ פון דעם, וואָס דאָ איז אַמאָל געשטאַנען. א לײדיקער גלאַטער פּלאַץ איז אויסגעשפּרייט פאַר די אויגן, און אינמיטן א ברייטער ברידער־קבר פון מאַרמאָר און בעטאָן, צוקאָפּנס איז אויפגעשטעלט א הויכער טורעם — א דענקמאָל באַצירט מיט א האַמער און סערפּ, אונטער וועלכן עס לייענט זיך די אויפשריפט: „אייבי־קער רום און כבוד די העלדן פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף מיט דער ווילדער פאַשיסטישער בעסטיע, ביים באַפרייען די שטאָט".

עס גייט א לאנגער צעטל מיט נעמען פון די געפאַלענע גבורים, וואָס זייערע ביינער רוען דאָ צופוסנס פון דענקמאָל אין גרויסן בשותּפותדיקן ברידער־קבר.

א הייליקער ציטער נעמט אַרום דאָס האַרץ און דעם גאַנצן קערפּער, ביים לייענען די נעמען, וואָס כאָטש זיי קלינגען פרעמד, אומבאַקאַנט, זענען זיי דאָך אַזוי היימיש, נאָענט און טייער.

עס ווילט זיך פאַלן אויף די קני, צוליגן דעם הייסן שטערן צום קאַלטן מאַרמאָר און אויסרופן: ווער נאָך, ווי מיר, דאָס הייפּל איבערגעבליבענע יידן, געפאַנגענע, פאַרפאָלגטע פון ווילדן פאַשיזם, צוריקגעקומענע פון בונ־קערס און אונטערערדישע היילן, וועלדער און טייגעס, קאָנען אָפּשאַצן, וואָס איר האָט געטאָן פאַר אונזער באַפרייאונג און פאַר דער באַפרייאונג פון דער וועלט.

אַן אייביקער נר־תּמיד פון ליבע און דאַנקבאַרקייט וועט שטענדיק ברע־נען אין פאַנטעאָן פון אונזערע צעווייטיקטע הערצער, צום לויב און רום פאַר אייערע יונגע לעבנס, וואָס איר האָט מקריב געווען ביים אָפּראַטעווען די וועלט פון דער שוואַרצער מגפה.

אויף די שענסטע חשובסטע פּלעצער פון אונזערע חרובע שטעט דאַרף מען אויפשטעלן אַזעלכע דענקמעלער, וואָס זאָלן דינען סיי אַלס מאָנומענט פאַר די העלדישע קעמפער און סיי — ווי א וואָרענונג פאַר דור־דורות קעגן ווידערגעבורט פון פאַשיזם.

אָבער צי איז דאָ נישט געווען א טעות אָדער א מיספאַרשטענדעניש? איז דאָס טאַקע דער ריכטיקער פּלאַץ פאַר א ברידער־קבר און פאַר א דענקמאָל נאָך די געפאַלענע העלדן?

דאַכט זיך, אַז אויף דעם שטיקל ערד — וווּ עס איז הונדערטער יאָרן גע־שטאַנען די שול מיטן בית־מדרש און איינגעזאַפּט אין זיך אַזויפיל טרערן און תּפילות פון אַזוי פיל דורות — וואָס איז אַזוי שענדלעך פאַרשוועכט גע־וואָרן און צוגעזען די לעצטע טראַגעדיע — דעם אומקום פון זיין עדה, האָט באַדאַרפט שטיין אַן אַנדער דענקמאָל, א דענקמאָל פון אַן אייביקן ייד, א יהודי הנצחי, וואָס זיצט שבעה אויף דער ערד, אָן שיך, מיט א לאַנגער גרויער באָרד אין טיף געקנייטשטן שטערן, מיט גרויסע צום הימל געווענדעטע אויי־גן, געהילט אין טלית און אין קיטל, א זאַק מיט אַש איבערן גרויען קאָפּ, אין איין ביינערדיקע האַנט זאָל ער האַלטן די צאַל „זעקס מיליאָן" און אין דער צווייטער — דעם סימבאָל פון אייביקן שקר מיט דער אויפשריפט: „ווען דו קריגסט א פּאַטש אין איין באַק — שטעל אָן די צווייטע"... — אָט אַזא מאָנו־מענט האָב איך זיך פאָרגעשטעלט צו טרעפן אויפן אָרט פון פאַרשוועכטן מ־קום־קדוש, וואָס זאָל פאַר די קינפטיקע דורות דערציילן די חרפּה פון די יאָ־רן 1939—1945. און אפשר וועט אַמאָל, אין דער צוקונפט, א פאַרבייגייער זיך

אָפּשטעלן, זיך פאַרטראַכטן און — זיך קלאַפּן אין האַרצן „על חטא" פאַר די זינד פון זיינע זיידעס. — — —

לעבנגעבליבענע דערציילן:

...אין אַ שפּעטער שעה פון אַ קאַלטער פינצטערער ווינטער־נאַכט — אין דער ווײ־נאַכט פון ערשטן יאָר פון דער בלוטיקער היטלער־הערשאַפט אין פּוילן (אין 1939) איז שעדלעך אויפגעציטערט געוואָרן פון דעם אַליאַרם, אַז דער בית־מדרש מיט די שול ברענען! די וואַנדאַלן האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין בענזין מיט נאַפט, בכדי דער ווילדער ספּעקטאַקל זאָל אַרויסקומען וואָס מער אימפּאָזאַנט מיט עפעקט. די פייער־צונגען האָבן געגרייכט מײַלן־ווייט אין באַלויכטן דעם פינצטערן הימל. אַרום דעם אויטאָ־דאַ־פע זענען געשטאַנען צעיושעטע בעסטיעס, באַוואָפנט מיט מאַשין־ און האַנט־געווער און גוט אַכטונג געגעבן עס זאָל חלילה נישט צוגיין אַ ייד און וועלן לעשן די שריפה, אָדער אַרויסראַטעווען אַ ברענענדיקע ספר־תורה. אין שול און אין בית המדרש האָבן זיך געפונען איינגעקוואַרטירטע עטלעכע הונדערט היימלאָזע יידן, אַנטלאָפענע פון קאַליש, וולאָצלאַוועק און אַנדערע שטעט פון מערב־פּוילן. די שרפה איינמיטן דער נאַכט האָט זיי געטראָפן שלאָפנדיקע. זיי זענען געשפּרונגען דורך די ברענענדיקע טירן און פענצטער, ווער מיט קליינע קינדער און ווער מיט אַלטע און קראַנקע אויף די הענט, באַקומען בראַנד־וווּנדן און קלעפּ פון רימענס, ביקסן־קאָלבעס און באַגנעטן פון די צעווילדעוועטע מענטשן־פּרעסער. די ווײ־געשרייען פון די קרבנות זענען אויסגעמישט און פאַרשלונגען געוואָרן פון די פרייד־אויסרופן פון די מנוולים, וואָס האָבן גע־יובלט אַרום דער ווילדער אילומינאַציע, וואָס איז זיי געלונגען אַדורכצופירן אין דער ווייַנאַכט־פייערונג לכבוד דאָס געבוירן ווערן פון אויסלייזער פון דער וועלט, וואָס האָט זיין תורה געבויט אויפן „ואהבת לרעך כמוך"... אויף ליבע צום נאָענטסטן...

בעת דער ווילדער פייער־אָרגיע זענען אין דער נאָענט אויף דער וואַרשעווער גאַס ביים פּילסודסקי־דענקמאָל, אַרום סערווירטע טישן, געווען אויס־געזעצט פאָרשטייער פון דער מערדער־ראַסע — עס־עס־לייט, געסטאַפּאָ, זשאַנדאַרמעריע און אַנדערע נאַציִשע גדולים, געפרעסן, געזויפן, און מיט היי־זעריק־שיכורע קולות געזונגען דאָס „האָרסט־וועסל־ליד", און אין פילם „פאַראייביקט" דאָס ווערק פון זייער ווילדקייט: די ברענענדיקע שול און בית־מדרש מיט די אָפּגעשרפה׳טע און צעקאַטעוועטע יידן...

ווען די וואַנדאַלן זענען געווען שוין גוט צעווילדעוועט, צעהיצטע פון די פייער־צונגען און אַלקאָהאָל, האָט מען זיך דערמאָנט, אַז צום ספּעקטאַקל פעלט נאָך עפּעס — האָבן אַ טייל פון דער באַנדע זיך געלאָזט אין אַ ווילד געיעג אויף די פאַרצווייפלטע יידן, וואָס זענען געשטאַנען אין אַ זייט און אין זייער פאַרשטיקטער אָנמעכטיקייט געבראָכן די הענט און באַוויינט

זייערע פאַרשוועכטע און געשענדעטע הייליקייטן. די מענטשן־חיות האָבן געכאַפּט דעם ערשטן קרבן, וואָס איז זיי געקומען אונטער די בלוטיקע לאַפּעס — דאָס איז געווען פּנחס פון פלאַריאַנסקע גאַס 7 (פּינטשע טשאַך) — אים אַריינגעשלעפּט אין דער ברענענדיקער שול, געהייסן אַרויסנעמען פון ארון־קדוש ספרי־תורות און טאַנצן מיט זיי אַרום באַלעמער. ווען די פייער־צונגען האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער שול, האָבן די רוצ־חים פאַרהאַקט די טירן און דער אומגליקלעכער פּינטשע איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט די ספרי־תורות, וואָס ער האָט געטוליעט צו זיך.

צומאָרגנס נאָך דער שרפה זענען די וואַנדאַלן געקומען אין דער יידישער גמינע און געצוווּנגען אונטערשרייבן אויף אַ דאָקומענט, אַז די שול מיטן בית־מדרש זענען אליין פארברענט געוואָרן דורך אַן אומבאַוווּסטער סיבה.

צופרידענע פון אַזאַ שטיקל ארבעט, זענען שפּעטער אויף אַן ענלעכן אופן ליקווידירט געוואָרן אלע אנדערע שולן און בתי־מדרשים אין שטאָט. שפּעטער זענען די יידן פון אָפּגעשלאָסענעם געטאָ צוניפגעטריבן געוואָרן און די מע־רדער האָבן זיי געצוווּנגען — אונטער מוראדיקע קלעפּ — צו צענעמען די געבליבענע געמויערטע ווענט. די שטיינער, ציגל און אייזנס האָבן די דייטשן גענומען צו זייערע „לעבנס־רוים״־צוועקן.

און ווידער פאַלט דער בליק אין די דריי פּונקטן אין שטאָט: קילינסקע—פלאַריאַנסקע—דלוגע, צו די שפּיצן פון די הויכע טורעמס פון וועלכע עס טאַנ־צן אַראָפּ, קריכן אין די אויגן די מעטאַלענע צלמים, וואָס שפּילן זיך אַזוי קינ־דיש־זאָרגלאָז מיט די שטראַלן פון דער פרילינגס־זון...

6. אויפן אַלטן בית־עולם

מיר מאַכן עטלעכע טריט ווייטער אויף דער הייליקער ערד פון דעם חרו־בן מקום־קדוש און געפינען זיך אויפן אלטן בית־עולם, וואָס איז געווען ביי דער שול...

געווען אַמאָל אין שעדלעץ אַן אלטער בית־עולם. דער ערשטער פון די דריי, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטאָט...

ס׳האָט איין דור דעם צווייטן איבערגעבן, אַז: אַמאָל—אַמאָל מיט הונ־דערטער יאָרן צוריק, ווען גאַנץ פּאַדלאַשע איז געווען איין גרויסער וואַלד, האָט אַן אלטע רייכע שרה׳טע, וואָס צו איר האָט געהערט די געגנט, געהייסן אין סאַמע מיט פון די וועלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן ווייט און ברייט, אויס־האַקן אַ שטח אין בויען אַ שטאָט. צוליב דער שיינקייט פון דער געגנט, וואָס איז אין פּויליש באַצייכנט געוואָרן אלס „פּיענקנע שעדליסקאָ״ האָט מען דער שטאָט אַ נאָמען געגעבן שעדלעץ. וועלנדיק, אַז די שטאָט זאָל זיך שנעלער

די גרויסע שול אין שעדלעץ



פאַרברענט דורך די נאַציס אין דער נאַכט פון 24־טן דעצעמבער 1939

Ludności niemieckiej i polskiej wstęp do dzielnicy żydowskiej zabroniony niebezpieczenstwo e-pidemii.

Der deutscher und polnischer bevölkerung ist das betreten des judischen wohnbezirkes ver boten — Seuchengefahr.

געטאָ־טויער ביים סטאַרי־רינעק מיט דער אויפשריפט:
„דער דייטשער און פולישער באַ־פעלקערונג איינגאנג פאַרבאָטן, צוליב עפּידעמישער געפאר".

געטאָ־עגלה פירט מתים

אויפבויען און אנטוויקלען — האָט די שרה׳טע איינגעלאַדן יידן פון אנדערע שטעט, אור־אייניקלעך פון יענע יידן, וואָס האָבן אמאָל פאר די מצרים אויפ־געבויט פּתום ורעמסס; פאר די אלטע באַבילאָנער — שטעט ביי זייערע טייכן; פאר די אמאַליקע גריכן און רוימער — צירקן און טעאַטערס; פאר די שפּאניער — קאָרדאָווא און טאַלעדאָ; פאר די גערמאַנישע הערצאָגן — מאַינץ, וואָרמס און פראַנקפורט; פאר די אוקראַינישע הײדאַמאַקן — אומאַן, פּראָסקוראָוו, קישיניעוו און אנדערע שטעט, וו מען האָט זיי שפּעטער באַ־רויבט, פארטריבן אָדער פארברענט אויף אויטאָ־דאַ־פע׳ס, — און זי האָט זיי געגעבן פארשידענע פּריווילעגיעס, צווישן אנדערע — דעם שטח ערד אויף וועלכן מיר שטייען איצט. זיי האָבן אין איין זייט אויפגעבויט א שול מיט א בית־מדרש און אויף דער צווייטער זייט — באַשטימט פאר א בית־עולם — אַרומגעצוימען מיט א דיקע שטאַרקע מויער, ווי מען בויט פאר דורות. האָבן דאָ גערוט די ביינער פון די ערשטע יידן אין שטעדלעך. דאָס פאָלק רופט דאָס: דאָס „הייליקע אָרט״. און מיט יראת־הכבוד זענען יידן פארבייגעגאַנגען די גאַסן: יידישע, דלוגע און סטאַרי־רינעק, וו עס האָט זיך געפונען דאָס אלטע „הייליקע אָרט״. ערלעכע קריסטן האָבן די היטלען געצויגן פאַרן אלטן „צמענ־טאַזש״ פון די „סטאַראָ־זאַקאָנניך״. די צייט האָט געטאָן דאָס איריקע און פארשלונגען אין דער ערד אריין די אלטע שטיינערנע מצבות. נאָר עטלעכע זענען געבליבן באַוואַקסענע מיט גרינעם מאָך. די אויסגעקריצטע אותיות אויף זיי זענען שוין נישט לעזבאַר. די ערד, וואָס איז אמאָל פעט געוואָרן מיט מענ־טשלעכע קערפּערס, האָט צוריק ארויסגעגעבן פארשידענע געדיכטע געוויקסן, הויכע ספּעציפישע בית־עולם־גראָזן און פעלד־בלימעלעך, וואָס האָבן באַ־האַלטן אין זיך סודות פון הונדערטער יאָרן, זענען פון קיינעם קיינמאָל נישט געטרעטן און נישט געשטערט געוואָרן אין זייער הייליקער רו. די אַרומיקע מויער האָט דאָס אָרט אַרומגעצוימען, ווי א דבר קדושה, אָפּגעשלאָסן פון אַרו־מיקן גאַסן־גערויש, ווי עס פּאַסט פאר אַן אלט הייליק אָרט.

אלטע לייט פלעגן דערציילן, אז אין זייערע קינדער־יאָרן איז דאָ געווען „הינטער דער שטאָט״, וו מען פלעגט געוויינלעך מאַכן א בית־עולם. שפּע־טער, ווען די שטאָט האָט זיך אויסגעשפּרייט, האָט מען אַרומגעבויט א הויז נאָך א הויז, א גאַס נאָך א גאַס, ביז דאָס אָרט איז געוואָרן דער „אינמיטן שטאָט״. מיטן פאַנאַנדערוואַקסן זיך פון דער שטאָט איז גלייכצייטיק מיט געוואַקסן די היימישקייט און נאָענטקייט פון אלטן בית עולם, וואָס קיינער, אפילו פון די עלטסטע איינוווינער, ווייסן נישט, ווען ער איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן און מער נישט געקאָנט אויפנעמען קיין מתים. ער האָט זיינע שכנים אַרום בלויז דערמאָנט דעם „יסודו מעפר, וסופו לעפר״. אָבער נישט געשראָקן און נישט אָנגעוואָרפן קיין פּחד אויף די דורכגייער. אין שאָטן פון זיינע גע־מויערטע ווענט האָבן זיך יידישע קינדער געשפּילט אין באַלעמס און אין

שפּרינגען איבער שטריקלעך, וואָס צוויי קינדער האָבן געהאַלטן פעסט אויס־געצויגן ביי די עקן. און האָט ווער אין א באַנגען בין־השמשות דורכגייענדיק זיך געשטעלט אויף די פּיס־שפּיצן און אריבערגעקוקט איבערן געמויערטן פּאַרקאַן, האָט ער געזען א געדיכטן וואַלד מיט קעפּלעך פון די הויכע גראָזן סודותפול זיך שאָקלען, פּונקט, ווי זיי וואָלטן ארויפגעטראָגן צום הימל א שטילע תפילה פון די ערשטע דורות שעדלעצער יידן, וואָס רוען דאָ אונטער דער שטילער הייליקער באַוואַקסענער ערד.

קיינער האָט קיינמאָל נישט געוואַגט צו טרעטן אויף דעם הייליקן אָרט און צו שטערן דעם שטילן שלאָף פון די ערשטע שעדלעצער יידן, וואָס רוען דאָ שוין הונדערטער יאָרן, ביז די פּוילישע ערד איז פאַראומרייניקט געוואָרן מיט די בלוטיקע היטלעריסטישע האָרדעס, וועלכע האָבן אויף דעם הייליקן אָרט אדורכגעפירט דעם לעצטן אַקט, פאַרן אומקומען פון דער שעד־לעצער יידישער עדה.

7. די לעצטע שעהן אין גרויסן געטאָ

עטלעכע עדי־ראיה, וואָס זענען על־פּי־נס ניצול געוואָרן פון יענער מאַסן־שחיטה, דערציילן:

...געווען איז עס א פרייטיקדיקער הייסער טאָג. א חוץ די טאָג־טעגלעכע יסורים און פּיין, וואָס ס׳האָבן געהאַט אויסצושטיין די פאַרשפאַרטע געטאָ־איינוווינער פון זייערע פייגיקער מיט זייערע ווילדע סאַדיסטישע אויסטראַכ־טענישן — האָבן זיך אין געטאָ פאַרשפּרייט שוידערלעכע וויסטע ידיעות, וואָס האָבן נאָך מער פאַרביטערט דאָס אַזוי אויך פאַרביטערטע לעבן.

דער יודנראַט האָט באַקומען אַ דרינגנדע אויפפאָדערונג פון אַרבעטס־אמט צוצושטעלן עטלעכע צענדליק ארבעטער אויף אָפּצולאָדן א וואַגאָן ביי דער באַן־סטאַציע, וואָס האָט צוליב אַ שרפה פון די אַקסן נישט געקענט מער גיין אין וועג.

אין געטאָ האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז אין דעם וואַגאָן געפינען זיך יידן פון ראַדאָם. צוליב דעם איז צוזאַמען מיט די אַרבעטער אויך אַוועק צו דער אַרבעט דער ראַדאָמער ייד העניעק אַדלער, וועלכער האָט זיך דע־מאָלט געפונען אין שעדלעצער געטאָ.

שרעקלעך איז געווען דאָס בילד, וואָס די אַרבעטער האָבן דאָרט גע־טראָפן: דער וואַגאָן איז געווען איינער פון טויטן־צוג, וואָס האָט געפירט די ראַדאָמער יידן קיין טרעבלינקע. צוליב אַ שרפה אין די אַקסן האָט דער וואַגאָן ווייטער נישט געקענט גיין און איז פאַרהאַלטן געוואָרן אין שעדלעץ. אין געעפנטן וואַגאָן זענען געווען אָנגעפּאַקט אַ הונדערט מתים. זיי זענען

אויף אַ שווידערלעכן אופן דערשטיקט געוואָרן פון ענגשאַפט, היץ און פון גאַז, וואָס דער אָנגעשאָטענער אויפן דיל פון וואַגאָן, נישט געלאָשענער קאַלך, האָט אַרויסגעגעבן. דער ייִד אַדלער האָט אין זיי דערקענט אָנגעזעענע איינוווינער פון ראַדאָם. דער ס.ס.־קאָנוואָי, וואָס האָט באַוואַכט די ייִדישע אַרבעטער, האָט מיט קלעפּ פון קאָלבעס זיי געצוווּנגען שנעל אָפּצולײדיקן דעם וואַגאָן פון די דערשטיקטע ייִדן. זיי זענען אָפּגעפירט געוואָרן אויפן בית־הקברות און דאָרט באַגראָבן געוואָרן אין א בשותפותדיקן ברידער־קבר.

אין אָנבליק פון דעם שווידערלעכן בילד פון וואַגאָן מיט ראַדאָמער ייִדן, האָט נישט איינער געטראַכט: צי דערוואַרט נישט אויך די שעדלעצער ייִדן אַזאַ ווײסטער גורל?

אזוי איז געקומען א ייִדישע פרוי, אַן אַנטלאָפענע פון מינסק־מאַזאָ־וויעצק און דערציילט, ווי מען האָט דאָרט אַלע ייִדן צונויפגעטריבן אין איין אָרט, פיל פון זיי אויסגעשאָסן אויפן אָרט און די איבעריקע אוועקגעפירט אין אַן אומבאַוווּסטער ריכטונג. ד״ר לעבעל, דער פּרעזעס פון יודן־ראַט, האָט געפּרוווט זיך פאַרבינדן טעלעפאָניש מיטן יודן־ראַט אין מינסק, אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט.

דאָ דערציילט מען: אין שטאָט זענען אָנגעקומען א באַזונדערע באַנדע געסטאַפּאָווצעס מיט אוקראַינער, וועלכע האָבן אדורכצופירן א באַזונדערע מיסיע, וואָס ווערט געהאַלטן בסוד.

קריסטן, וואָס האָבן אין משך פון טאָג זיך געטראָפן מיט ייִדן, האָבן איבערגעגעבן, אַז זיי האָבן געהערט פון באַן־אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין דעפּאָ, אַז מען גרייט־צו וואַגאָנען אַוועקצופירן די ייִדן.

און אָט איז געקומען אין געטאָ צו דער שניידערין מאַטיל גרינבערג א זשאַנדאַרם מיט זיין פרוי, וואָס האָט איר געגעבן צו נייען קליידער און געפאָדערט צוריק דעם שטאָף מיטן אויסרייד, אַז... זיי פאָרן אָפּ פון שעדלעץ.

אויך דער קאָמענדאַנט פון דער פּוילישער פּאָליציי, גראַף, איז געקומען צום זייגערמאַכער אין געטאָ און געפאָדערט צוריק זיין זייגערל, וואָס ער האָט אַנומלט געגעבן צו פאַריכטן.

שטאַרק אויפפאַלנדיק איז אויך געווען דאָס, וואָס פאַרנאַכט זענען אָנגעקומען אין געטאָ פיל „גראַנאַטענע״ פּוילישע פּאָליציי — א זאַך, וואָס האָט זעלטן־ווען געטראָפן. און ווען די דערשלאָגענע און צעשראָקענע געטאָ־איינוווינער האָבן זיך ביי דער פּאָליציי געפרעגט, וואָס איז געווען אין מינסק־מאזאָוויעצק, האָבן יענע געזוכט צו באַרואיקן און געזאָגט, אַז נאָענט פון וואַרשע איז געווען א באַן־קאַטאַסטראָפע, האָט מען אַהין גענומען צוויי טויזנט ייִדן אויף אַרבעט.

די, און נאָך אנדערע פאַקטן האָבן געזאָגט, אַז עפּעס גרייט זיך, אַז עפּעס דאַרף פאָרקומען. און כאָטש קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס און ווען,

האָט מען אָבער אינסטינקטיוו געפילט, אז עס קומט אָן עפּעס שרעקלעכס, שוידערלעכס.

— — — * — — —

...און עס איז געקומען א פיינלעכע פינצטערע נאַכט — די נאַכט פון פרייטיק אויף שבת, ניין טעג אין חודש אלול תש״ב, נאָך דריי יאָר בלוטי־קער היטלער־הערשאַפט אין לאַנד, ווען די שעדלעצער יידן, אויסגעמאַטערטע און דערשלאָגענע פון די שווערע קאַטאָרגע־אַרבעטן, צו וועלכער זיי ווערן טאָג־טעגלעך געטריבן, געשוואָלענע פון הונגער־רעזשים, וואָס די נאַציס האָבן פאר זיי געשאפן; דערנידעריקטע און באַליידיקטע דורך די אויסטער־לישע משוגעתן פון די ווילדע סאַדיסטן; באַרויבטע פון גלויבן אין גאָט, מענטש און וועלט, זענען געלעגן צונויפגעקאָרטשעטע אין זייערע ענגע, שמוציקע געטאָ־נאַרעס און געחלומט, ווער — ווי צו באַקומען עטלעכע קאַרטאָפל אויפן מאָרגנדיקן טאָג איבערצוקומען מיטן ווייב און קינדער; און ווער — ווי אזוי אַרויסצוקריגן זיך פון דער ענגער, פינצטערער געטאָ־תפיסה, גיין אין וואַלד צו די פאַרטיזאַנער און העלפן שלאָגן דעם בלוטיקן שונא; ווער ס׳האָט אין שטילן יאָמער אויסגעגאָסן זיין צעווייטיקט האַרץ אין א קאַפּיטל תהלים און געוואַרט נאָך אויף א נס, און ווער עס האָט אין העכסטער פאַרצווייפלונג א רעזיגנירטער מיט בענקשאַפט אויסגעקוקט אויפן טויט ער זאָל שוין קומען, ווי די איינציקע זאַך, וואָס קען באַפרייען פון די שרעקלעכע יסורים, אָדער ווער עס האָט אויסגייענדיק פון הערשנדיקן אין געטאָ בויך־טיפוס, אָדער הונגער־טויט זיך געקאָרטשעט אין זיינע לעצטע גסיסה־ווייען, לאָזנדיק אין דער טויבער פינצטערניש פון דער פאַרשטיינער־טער פינצטערער וועלט זיין לעצטע פאַרצווייפלטע קללה.

אין דער דאָזיקער פינצטערער נאַכט איז דער געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן פון א שוואַרצן בלוט־דורשטיקן אינטערנאַציאָנאַלן געהינטעכץ: פון אוקראַאינישע היידאַמאַקעס, וואָס ציען זייער רויבערישן יחוס נאָך פון זייערע בלוטיקע זיידעס, די כמעלניצקעס, גאָנטעס און פּעטלורעס, וואָס האָבן פון אייביק אָן זיך געבאָדן אין יידיש בלוט; פון לעטישע אונטער־וועלט־יונגען, וואָס דאָס רויבן און מאָרדן ליגט אין זייער בלוט, איז פאַר זיי א פאַרגעניגן, א ספּאָרט, א שטייגער, ווי גיין אויף געיעג נאָך האָזן און ווילדע קאַטשקעס; פון ליטווישע נאַכשלעפּער, וואָס האָבן זיך פרייוויליק געשטעלט אין די דייטשע מערדער־באַנדעס, כדי צו קענען פריי מאָרדן און רויבן א יידיש בגד; און פון היימישע „גראַנאַטענע״ און אַנדערש קאָלירטע אויסוורפן, וואָס דינען איצט אזוי הינטיש־טריי דעם בלוטיקן דייטשן אָקו־פּאַנט, פּונקט ווי זיי האָבן פריער טריי געדינט די פאַשיסטישע סאַנאַציע־מושלים אין לאַנד און נאָך פריער טריי געווען דעם קנוט פון דער צאַרישער נאָהייקע.

אָנגעפירט מיט דעם בלוטיקן געזינדל האָבן, ווי ס׳פּאַרשטייט זיך, די ראַפינירטע מערדער פון אַלע צייטן און דורות: דייטשע ס.ס.־לייט.

די באַלאַגערונגס־קייט איז געווען אַן אייזן־פעסטע, מיט האַנט־גראַנאַטן, מאַשין־געווער און אַנדערע כלי־משחית, גלייך ווי מען וואָלט דאַרפן איינגעמען א שטאַרק באַפעסטיקטן שונא און נישט — דערשלאָגענע און פאַרפייניקטע סקעלעטן־יידן, וואָס זייערע לעבנס זענען שוין פון דריי יאָר הפקר ווי שטויב.

אַרויסקריגן זיך פון געטאָ „אויף יענער זייט” איז געווען שוין אוממעגלעך. האָבן זיך ווי אַן אייביקייט געצויגן די טראַגישע שעה׳ן פון דער פינצטערער נאַכט. דער האַלב־טויטער געטאָ־עולם האָט פאָרגעפילט, אז עס דערנענטערט זיך דער סוף, האָבן זיך צוזאַמענגעפרעסט די סקעלעטן־לייבער, שטאַרקער האָט די געשוואָלענע מאמע צוגעדריקט צו איר אויסגעטרייקנטער ברוסט דאָס פאַרחלשטע סקעלעטל פון איר קינד, פעסטער האָבן זיך איינגעקלאַמערט א שוועסטער צו א שוועסטער, א ברודער צו א ברודער, איינער צום צווייטן, און אלע צוזאמען זיך צונויפגעטוליעט, ווי די בוימער אין וואַלדביים אָנקומען פון די העקער און — געוואַרט אויפן פרימאָרגן.

און דער פרימאָרגן איז געקומען מיט זיין גרויזאַמקייט און אַכזריות —

— — — — — — — — — — — — —.

ווען די ערשטע בלויע פאסן ליכט האָבן צעריסן דעם פינצטערן הימל איבער דעם שעדלעצער געטאָ, האָבן שוין אלע געוווסט פון דעם גרויזאמען באַפעל, וואָס איז געווען שרעקלעכער פון אַלע ביז־איצטיקע ווילדע באַפעלן, וואָס די נאַצישע מערדער האָבן געשאָטן די גאַנצע דריי יאָר פון זייער בלוטיקער הערשאַפט איבער די אומגליקלעכע יידן:

„אלע יידן מוזן זאָפאָרט פאַרלאָזן דאָס געטאָ, מיטנעמען מיט זיך נאָר דעם קלענסטן האנט־באגאזש און זיך שטעלן אויפן פלאץ פון אלטן בית־עולם. — — — — — — — — — — — — —

ווען די זון איז צומאָרגנס ארויסגעקומען אויף מזרח־זייט, ווי שטענדיק ווי יעדן טאָג, א פרישע, א צעשטראַלטע, האָט זי געטראָפן אין אויסגעליידיקטן געטאָ א ווילדן אָנגעלויף פון א בלוטיקן רויב־גיריקן פעבל. ווי שווארצע אויסגעהונגערטע היישעריקן אויף א פארלאָזן תבואה־פעלד זענען זיי געקומען. די אָנגעזעעגסטע מחותנים צו דעם ווילדן רויב־מאָלצייט זענען געווען, ווי ס׳פּאַרשטייט זיך, די ריטער פון דער הויכער ראַסע אין די שטאָלענע העלמען. זיי זענען געקומען אין באַגלייטונג פון זייערע „ליבעס־פרויליין”, וואָס זיי האָבן זיך דאָ איינגעהאַנדלט פאַר א זאַטן מיטאָג, אָדער פאַר א צוגערויבט יידיש זייגערל, און איצט זענען זיי געקומען צוקלויבן א גאַרדעראָב. עס האָבן פלייסיק געאַרבעט די היידאַמאַקישע ליטווישע און לעטישע רויבער, וועלכע זענען צוליב דעם „הייליקן צוועק” געגאַנגען אין דער מלחמה.

ווי די שמוציקסטע שרצים אין א מיאוס אָרט, אין א הייסן זומער־טאָג, ראַיען אין אויסגעליידיקטן געטאָ, ביי די זייטן פון די מונדירטע רויבער, כל־ערליי היימישע פינצטערע פּארשוינען:

פּראָפעסיאָנעלע באַנדיטן, וואָס די דייטשן האָבן דאָ נישט לאַנג ארויס־געלאָזן פון די תפיסות; אַרבעטסלאָזע פּראָסטיטוטקעס, וואָס זענען נישט מצליח ביים „פאַך" צוליב זייער הויכן עלטער; געוועזענע פּיקעטניקעס ביי יידישע געוועלבן אין דער „אָושעם"־צייט; פרומע, באצלמטע נשים־צדקניות, וואָס האָבן אליין געהערט, ווי דער גלח האָט אויפן הייליקן אַלטאר אין קאָשטשאָל דערקלערט, אז יידן זענען א זינדיק פאָלק און דערפאר שטראָפט זיי גאָט; עס זענען געקומען פיל פון דער „גאָלדענער יוגנט", דערצויגענע אויפן „אַרענדאָוּוניק" און לעצטנס אויפן „שטירמער" און אויף דער נייעסטער ביבל — „מיין קאַמף" — זיי זענען געקומען זעען די פאַרווירקלעכונג פון א גרויסן אידעאַל, וואָס מען האָט זיי שוין יאָרן־לאַנג צוגעזאָגט — „א פוילן אָן יידן". עס זענען געקומען אויך ציגיינער — די מאָרגנדיקע עקספּאָנאַטן פאַר די טרעבלינקער גאַז־קאַמערן — כאפּן א שטיקל יידיש בעטגעוואַנט.

די פריילעכע ידיעה, אז דער געטאָ איז שוין אָפּגעליידיקט, האָט זיך בליץ שנעל פאַנאַנדערגעטראָגן אין די אַרומיקע דערפער, און מחנות רויב־גיריקע פויערים זענען געקומען מיט פערד־און־וואָגן, מיטגענומען ווייב און קינדער צו העלפן פאקן אין די גרויסע דאַרפישע זעק־אריין דעם רויב. מען האָט גע־גראָבן אין די קעלערס און אין די הויפן זוכנדיק יידיש גאָלד; פאַנאַנדערגע־נומען קוימענס מיט אויוונס, אויפגעריסן פּאָדלאָגעס מיט סופיטן, געניש־טערט אויף בוידעמער, אין אַלע פאַרשטעקטע לעכער, געפּאַקט אין זעק, אין קוישן און אין וואַליזעס, געשלעפּט פאַרשידענע כלים, מעבל־שטיקער, ניי־מאַשינען, גאַנצע און צעשניטענע ספרי־תורות, וואָס קענען אויף עפּעס צו־נוץ קומען און וועז נישט — וועלן אמעריקאַנער יידן אַמאָל דערפאַר גוט באַצאָלן מיט דאָלאַרן. און אַלע, אַלע — די בלוטיקע, רויב־גיריקע אינטער־נאַציאָנאלע האָלאָטע האָבן צעהיצטע, צעפּארעטע, געשטראַלט פון פרייד און געדאַנקט גאָט, וואָס ענדלעך, כאָטש לאַנג געוואַרט, אָבער דאָך זיך דער־וואַרט אויף דעם גרויסן גליקלעכן טאָג...

8. אויפן אומשלאג־פּלאַץ

און דער אלטער בית־עולם — דאָס שטילע הייליקע אָרט, ווו הונדערטער יאָרן האָבן דאָ שטיל גערוט די ביינער פון די ערשטע שעדלעצער יידן, האָט באַקומען א נייעם נאָמען, לויט דער נייער מערדער־טערמינאָלאָגיע: „אומ־שלאַג־פּלאַץ".

דורך דער ברייטער עפענונג, וואָס האָט זיך געשאפן ביים בית־עולם אין דער זייט, ווו עס איז געשטאנען די שול מיטן בית־מדרש, וואָס די נאַצישע וואנדאלן האָבן אונטערגעצונדן פאר אן אילומינאציע — לכבוד זייער ער־שטער וויינאכט־פייערונג אין שעדלעץ — דורך דער עפענונג זענען אריינ־געטריבן געוואָרן די פופצן טויזנט יידן פון שעדלעץ, צוזאמען מיט די יידן פון אנדערע און ארומיקע שטעט, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין געטאָ. אריינגעטריבן געוואָרן, ווי פארפאָלגטע חיות אין אן אָפגעשלאָסענער שטייג, ווי א הילפלאָזע סטאדע אָקסן אין שעכט־הויז־הויף פאר דער שחיטה.

א חוץ די געמויערטע ווענט ארום, וואָס דער בית־עולם — אומשלאג־פלאץ — האָט געהאט בירושה פון אמאָליקע צייטן, איז אוועקגעשטעלט גע־וואָרן נאָך אמאָל אייזן־פעסטע ווענט פון באוואָפנטע אוקראינער, ליטווינער, לעטן און אייגענע גראנאטענע פאָליציי, אויך אייגענע, היימישע פארשוינען, אפילו קינדער און יוגנט, האָבן זיך פריוויליק געשטעלט אנטיילצונעמען אין דער „הייליקער" ארבעט, בפרט, אז מען איז פאר דעם באלוינט געוואָרן: די דייטשן האָבן דערלויבט אראָפּצוציען פון א טויטן, אָדער לעבעדיקן יידן זיי־נע בגדים און שיך, און די אלע האָבן שוין געזאָרגט דערפאר, עס זאָל זיך חלילה עמעצער נישט ארויסכאפּן פון דעם ארומגערינגלטן גיהנום.

די תלינים האָבן נישט באלד און נישט מיט אמאָל פארענדיקט מיט זיי־ער׳ע קרבנות. לאנגזאם, אויסגערעכנט — לויט א פון פריער באטראכטן און צוגעגרייטן פלאן, וואָס זאָל אָנזעטיקן און באפרידיקן די ווילדע חיה׳שע אינ־סטינקטן — איז די ארבעט אדורכגעפירט געוואָרן לויט אלע פאָרשריפטן און כללים, ווי מען האָט זיי דאָס יאָרן־לאנג געלערנט אין די קאזארמע־שולן און אין דער ליטעראטור פאר תלינים.

די ארבעט איז פארטיילט געוואָרן אויף א סיסטעמאטישן אופן לויט גרופּן. יעדע גרופּע האָט געהאט אויסצופירן אירע אויפגאבן אויף איר באשטימטן שטח.

איין גרופּע באוואָפנטע מערדער האָט זיך געלאָזן אין א ווילדן געיעג איבערן געטאָ ארויסצוטרייבן די אומגליקלעכע אויפן אומשלאג־פלאץ און אָרגאניזירן דאָס אויסרויבן דאָס איבערגעלאָזענע האָב־און־גוטס. מיט אויס־טערליש ווילדע קולות און אומאויפהערלעכע שיסערייען האָבן זיי אָנגע־וואָרפן א שרעקלעכע בהלה און פאַניק, געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, גע־זוכט אין אלע באהעלטענישן, אין אלע קעלערן, בוידעמער און פארשטעקטע לעכער, געשאָסן אין יעדן געפונענעם ייד, וואָס איז דורך זיי אַרויסגעצויגן געוואָרן פון באַהעלטעניש, געמאָרדעט, געפלינדערט, גערויבט און פאַרניכ־טעט אַלץ, וואָס איז נאָר געקומען אונטער די הענט. אזוי, אז די גאַסן אין געטאָ זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א שעכט־הויז. אַלע הויפן, אַלע ברוקן און טראָטוארן זענען באלייגט געוואָרן מיט טויטע גופים, אָנגעוואָרפענע, ווי

פֿאַרמלאַזע קופּעס שמאַטעס, איבער וועלכע ס׳האָבן געטרעטן שווערע גע־קאָוועטע מערדער־שטיוול. די שיכורע נצחון־געשרייען און פֿרייד־אויסרופֿן פֿון די צעיושעטע מענטשן־פּרעסער האָבן זיך אויסגעמישט מיט די פֿאַר־צווייפֿלטע ווײ־געשרייען פֿון די הילפֿלאָזע קרבנות, מיט דעם יאָמערלעכן געוויין פֿון דערשראָקענע און פֿון הונגער־פֿאַרפּייניקטע קינדער און אָנגע־פּילט דעם חלל פֿון געטאָ פֿאַרטויבט און משוגע צו ווערן.

א צווייטע מערדער־באַנדע איז אַוועק אין יענעם טייל געטאָ, וואָס ליגט ווי א דרייעק, וווּ עס קומען זיך צוזאַמען די גאַסן סאַקאַלאָווער, אסלאַנאָווי־טשע, אַקאַפּאָווע, בכּדי דאָרט צוצוגרייטן אַן אָרט, וווּ צו פֿאַרשטעקן די אַרבעטספּעאיקע מענער, וואָס דאַרפֿן הײַנט אָפּגעקליבן ווערן אין דער סע־לעקציע אויפֿן אומשלאַג־פּלאַץ. און דאָס איז געמאַכט געוואָרן גאַנץ פּשוט: אַלע איינוווינער פֿון דעם דריי־עק זענען צוזאַמען געטריבן געוואָרן אין איין הויף און אַלע אויסגעשאָסן געוואָרן.

אין דער זעלבער צייט האָט נאָך א מערדער־באַנדע, באַוואָפֿנט מיט כּל־ערליי מאָרד־מכשירים, שוין אָפּגעוואַרט און „אויפֿגענומען" די אומגליקלעכע קרבנות באַלד ב׳ים אַריינגאַנג אויפֿן שול־הויף־אומשלאַג־פּלאַץ. די צעוויל־דעוועטע מענטשן־חיות האָבן זיך אויסגעשטעלט אין א שפּאַלער פֿון צוויי רייען — אַזאַ בראַנד־וועג — דורך וועלכן די קרבנות זענען געטריבן געוואָרן. דער גאַנצער מערדערישער רעקוויזיט איז געלאָזט געוואָרן איבער די קעפּ און רוקנס פֿון די מענטשן, וואָס זענען דערקלערט געוואָרן פֿאַר הפקר און — דער הייליקער שטח פֿון שול־הויף איז פֿאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט און באַ־לייגט געוואָרן מיט טויטע קערפּערס.

נאָך א גרופּע מערדער — און דאָס בלויז אוקראַינער — האָבן זיך אויס־געזעצט אויף די אַרומיקע אַלטע בית־עולם־ווענט מיט האַנט־ און מאַשין־געווער און נישט אויפֿגעהערט שיסן אין דער האַלב־טויטער צונויפֿגעקנויל־טער מענטשן־מאַסע.

זיי האָבן אויך געהאַט די אויפֿגאַבע אַכטונג צו געבן, ס׳זאָל אויסגעפֿירט ווערן זייער באַפֿעל, אַז: אַלע מוזן זיצן מיט די קעפּ אַראָפּ צו דער ערד און שווייגן; פֿאַר אויפֿשטעלן זיך אָדער אויפֿהויבן דעם קאָפּ ווערט מען דער־שאָסן. דאָס האָט זיי געגעבן די געלעגנהייט, די יורשים פֿון כמעלניצקי און פּעטלוראַ, צו שיסן אין יעדן יידן פֿאַר דער קלענסטער באַוועגונג. יעדער ייד איז געווען א ציל־ברעט, יעדער שאָס האָט געטראָפֿן אין ציל.

באַזונדערע גרופּן זענען געוואָרן אויסגעטיילט אַדורכצופֿירן די דעקאָ־ראַטיווע טיילן פֿון פּראָגראַם, ווי א שטייגער: אָפּנעמען דעם מיטאָג פֿון דער יידישער גמינע, וואָס איז נאָך גאַנץ פֿרי באַשטעלט געוואָרן פֿאַר די תּליינים.

א באַזונדערע גרופּע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין פֿאַרשידענע פּונקטן אַרום אומשלאַג־פּלאַץ מיט פֿאָטאָ־ און פֿילם־אַפּאַראַטן, כּדי אין בילד

צו פאַראייביקן אַלע דעטיילן פון דער אויסערגעוויינלעכער „אונטערנע־
מונג" — דאָס בלוטיקע ספּעקטאַקל.

אויך די שטאַטישע פּוילישע פייערלעשער זענען מאָביליזירט געוואָרן אָנטייל צו נעמען אין דער „אויסנאַם־אימפּרעזע". זייער אויפגאַבע איז געווען: פון צייט־צו־צייט צו באַגיסן מיט וואַסער די פאַרחלשטע עדה — אַזוי האָבן די תּלינים זיי באַפוילן — און זיי האָבן בשלמות און מיט ווילדער הנאה אויסגעפירט זייער אויפגאַבע.

עס זענען אויך נישט געבליבן הינטערשטעליק די א. ג. גראַנאַטענע פּוילישע פּאָליציי: זיי קענען גוט פון לאַנג זייערע געוועזענע שכנים, די יידן, און זיי ווייסן, אַז זיי, די יידן, קענען זיך אויסבאַהאַלטן אָדער זיך ארויסדריִען פון דעם אומשלאַג־פּלאַץ, אָדער קענען ערגעץ־ווו אין וועלכן באַהעלטעניש פאַרשטעקן זייער פאַרמעגן — זייער גאָלד און צירונג, וואָס זיי, די זשידקעס, האָבן אַזוי פיל. זיי זענען דעריבער דאָ אומעטום די חשובע גראַנאַטענע פּאָליציי־לייט: אין געטאָ, ווו מען קען געפינען א פּאָר יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און זיי דערהרגענען אומגעשטערט; זיי זענען אָרטיקע און ווייסן גענוי אַלע באַהעלטענישן, אַלע לעכער און ווייסן ווו צו זוכן... אויך דאָ, אויפן אומשלאַג־פּלאַץ און אַרום דעם פּלאַץ זענען זיי פאַראַן. דאָ טרעפט מען אַזוי פיל באַקאַנטע זשידקעס, וואָס גיבן נאָך אָפּ אין די לעצטע שעה'ן פון זייער לעבן דאָס לעצטע זייגערל, אָדער באַהאַלטענע פּאָר זלאָטעס, מיט דעם נאַיוון גלויבן, אַז דער באַקאַנטער היימישער פּאָליציאַנט וועט נאָך אפשר ראַטעווען אָדער אַמווייניקסטן ברענגען אַ ביסל וואַסער צו לעשן דעם שרעקלעכן דורשט. און ער, דער באַקאַנטער היימישער פּאָליציאַנט, שטייט נישט אָפּ פון זיינע דייטשע און אוקראַיִנישע קאָלעגן: שלאָגט, רויבט און מאָרדעט גלייך מיט זיי, די פון דורות פאַרהאַסטע זשידקעס, פון וועלכע מען ווערט ענדלעך שוין פּטור.

אָן אַנגעזען אָרט אין פּראָגראַם איז געווען דאָס מאָלצייט פאַר די תּלינים. נאָענט פון פּילסודסקי־גאַס, דאָרט, ווו ס'איז געשטאַנען דער בית־המדרש, זענען אָוועקגעשטעלט געוואָרן די סערווירטע טישן, אַרום וועלכע ס'האָבן זיך אויסגעזעצט די תּלינים און גענומען פרעסן און זויפן, ווען אַרום וואַלגערן זיך אין זייער אייגן בלוט הונדערטער צאַקאַטעוועטע און צעשאָסענע יידן און אַנדערע צעפּייניקטע יידן מיט געל־בלייכע פּנימער ווערן אַהערגעשלעפּט צום סעודה־טיש און מיט קלעפּ געצוווּנגען צו זינגען און טאַנצן פאַר די שיכורע מנוולים. מען קלאַפּט זיך אָן קעגנזייטיק אין די פינקלדיקע גלעזער ווײַן און רויטע צעיאָכמעטע מאָרדעס זינגען אין כאָר „ווען דאָס יודען־בלוט אויפן מעסער שפּריצט".

פון סעודה־טיש שטייט־אויף איינער פון די תּלינים, אַן אָבערגרופּענפירער פון ס. ס., א צעפלאַמטער, אַ שיכורער אָנגעפרעסענער, ער מאַכט

א האַנט־באַוועגונג, א צייכן, אַז ער האָט וואָס צו זאָגן. דאָס כאַפּן אונטער זיינע אונטערגעאָרדנטע דייטשן, אוקראַינער, און מיט דער מיטהילף פון זייערע בייטשן און ביקסן־קאָלבעס שטילן זיי איין דעם צעשלאָגענעם עולם. דאָס גראָבע הייזעריקע קול פון תלין אין די ווייסע הענטשקעס דונערט אי־בערן אומשלאָג־פּלאַץ: ער דאַרף 2 פּאָר זיידענע זאָקן פאַר זיין פרויליין, וואָס זיצט דאָ נעבן אים; ער גיט 15 מינוט צייט די זאָקן אים צוצושטעלן.

פאַרענדיקט מיט דער סעודה, איז מען צוגעטרעטן צום הויפּט־פּונקט פונעם פּראָגראַם — צום אָפּקלייב פון יונגע, געזונטע אַרבעטס־פעאיקע מענער פון 16 ביז 40 יאָר, וועמענס אַרבעטס־קראַפט קען נאָך נוצן ברענגען פאַר דער דייטשער טייוולאָנישער קריגס־מאַשין. סעלעקציע — הייסט דאָס ביי די תלינים אויף זייער מערדער־שפּראַך.

עס איז דערמיט קלאָר געוואָרן, אַז אַלע פרויען, אַלע קינדער ביז 16 און מענער עלטער פון 40 יאָר, זענען אַלע פאַראורטיילט צום אומברענגען.

ביים סעלעקציע־טיש האָבן זיך אויסגעזעצט די פירער פון כל־ערליי מאָרד־באַנדעס, אויסראָטונגס־ און פאַרניכטונגס־קאָמפּאַניעס, געסטאַפּאָ און אַרבעטס־אַנפירער — מיטן הויפּט־תלין, פּאַביש בראש.

אַלע מוזן פאַרבייגיין דעם בראַנד־וועג — פון סעלעקציע־טיש ביז ווייט אַראָפּ צו דער דלוגע־גאַס — דורך א צוויי־רייעדיקן שפּאַליער פון צעיר־שעטע מערדער, וועלכע קאַטעווען, הרגענען און ממיתן די פאַרבייגעטריבענע עדה יידן מיט זייערע ספּעציעל־צוגעגרייטע מאָרד־מכשירים.

די גאַנצע עדה איז געוואָרן געטריבן דורך דעם בלוטיקן גיהנום־וועג אין אזא טויטן־דעפילאַדע פאַר די ווילדע האָרדעס. שיכורע און צעיאָכמעטע פון דער געלונגענער אונטערנעמונג, האָבן זיי אין איין אָטעם אויסגערופן: לינקס, לינקס, וואָס דאָס האָט געהייסן — פאַר די טרעבלינקער גאַז־אויוונס. זייער אָרט איז געווען אויף דער לינקער זייט פון שול און בית־עולם־פּלאַץ, צו דער סטאַרי רינעק־זייט. זעלטן האָבן די הענקער אויסגערופן: רעכטס, און דאָס נאָר צו די יונגע מענער, וואָס האָבן געקענט באַווייזן מיט זייערע געזונטע מוסקולן און אויסגעאַרבעטע הענט, אַז זיי קענען נאָך נוצן ברענגען פאַר די ווילדע אויסטראַכטענישן פון די בלוטיקע סאַדיסטן. רעכטס האָט גע־הייסן: דערווייל נאָך איבערלאָזן. זייער אָרט איז געווען אין דער רעכטער זייט פון פּלאַץ ביי דער בער־יאָסעלעוויטש־גאַס, (געוועזענע יידישע).

זיי האָבן זיך גוט אַמוזירט, די ווילדע סאַדיסטן, ביים סעלעקציע־טיש נאָכן זאַטן מיטאָג פון הינער מיט וויין, צווישן פאַרפייניקטע און טויטע יידן.

אָט לויפן יידן מיט אויפגעשפּאָלטענע קעפּ, אויסגעשטאָכענע אויגן, אויסגעהאַקטע ציין און אַלע, אַלע — באַגאָסענע מיט בלוט. אָט שלעפּט א מאַמע אוועק אין א זייט ביי א הענטל א גוסטדיק קינד; אָט קריכט אויף דער ערד א גרויער זקן מיט א דורכגעשטאָכענער זייט, און אַלע מאַכן זיי אַזעלכע

משונהדיקע גרימאסעס און הועיות, לאָזן דערביי ארויס אויסטערלישע קולות, און — די רוצחים קאָטשען זיך פּאַר געלעכטער.

אנדערע באוויזן שוין נישט אָפּצוגיין אויפן באשטימטן פּלאַץ, רעכטס אָדער לינקס און בלייבן ליגן אין מיטן בראַנד־וועג צעקאָטעוועטע, צעהאַקטע אויף דער ערד. די דאָזיקע פליישׂ־מאַסע ווערט געטרעטן פון געקאָוועטע מערדער־שטיוול און אויך פון די אייגענע אומגליקלעכע ברידער, וואָס לויפן איבער זיי, כדי וואָס שנעלער איבערקומען דעם בראַנד־וועג און כדי וואָס שנעלער צו קומען אהין — לינקס, לינקס, לינקס...

ס'זענען אויך געווען געציילטע „גליקלעכע", וואָס דאָס מזל האָט זיי צוגעדינט און געהאט קפיצת־הדרך אין זייער לעצטן וועג: עס איז זיי „געלונגען" אומבאַמערקט פון די תלינים אַריינצושלייכן זיך צו די פּאַר־אורטיילטע צעקאָטעוועטע אויף לינקס פון עקזעקוציע־פּלאַץ און אזוי אַרום אויסצומיידן דעם בלוטיקן וועג. אַזאַ „מוצלח" איז געווען דער בלייכער, קראַנקער ישׂראלטשע יום־טוב.

נאָך האַלבן טאָג איז די סעלעקציע געוואָרן פאַרענדיקט, די געהילף־תלינים ציילן און רעגיסטרירן די אויף דער רעכטער זייט אָפּגעקליבענע יונגע מענער. מען ציילט זיי ווי פערד, אָקסן, אָדער ווי אַן אַנדער אַרבעטס־געצייג. פינף הונדערט זיבעצן איז זייער צאָל.

אונטער אַ קאָנוואָי און קלעפּ ווערן זיי אָפּגעפירט אינעם דריי־עק פונעם געטאָ: אַסלאַנאָוויטש—סאָקאָלאָווער־אָקאָפּאָווע, וואָס האָט פון איצט באַקו־מען דעם נאָמען: קליינער געטאָ.

יענע דאָרט, לינקס, די גרויסע צעשלאָגענע מאַסע, ציילט מען שוין נישט — א שאָד די טרחה. באַלד ווערן זיי אָפּגעשיקט קיין טרעבלינקע אין די גאַז־קאַמערן. וואָס איז דען זיי דער אונטערשייד, א ביסל יידן מער אָדער ווייניקער, ווער דאַרף זיך נאָך מיט זיי צערעמאָניען? מען דאַרף זיי נאָר וואָס מער מבזה זיין, דערנידעריקן, פּייניקן, שלאָגן, הרגענען. זיי ווייסן, די ראַפינירטע מערדער, אַז מאָרגן וועלן די יידן שוין נישט זיין מער און מען דאַרף זיך, דעריבער, היינט גוט אָנזעטיקן מיט זייערע פּיין און יסורים.

מיטן אָנקומען פון דער נאַכט, האָבן די צעיושעטע מערדער נאָך מער פאַרשטאַרקט זייער טייוולאָנישע אַרבעט איבער די שוצלאָזע קרבנות. וואָס שטאַרקער די קרבנות קאָרטשען זיך אין זייערע יסורים, אַלץ מער וואַקסט־אויס דער חיה'שער עקסטאַז ביי זיי, אַלץ שטאַרקער ווערט די ווילדע וואַק־כאַנאַליע. זיי זענען דערפינדעריש, זוכן־אויס וואָס מער נייע אויפטועך פון פּיין און טויט, האַקן־אָפּ קעפּ, צילעווען און שיסן אין אויגן און אין אויע־רן אַריין, רייסן־אַרויס פון מאַמעס אָרעמס קליינע קינדער, צעפליקן זיי אויף העלפטן, צעשמעטערן קינדערשע קעפּלעך אין די שטיינערנע מצבות, וואָס וואַלגערן זיך דאָ אַרום, אָדער אין די אַרומיקע בית־עולם־ווענט.

א גראָבער, רויט־אָנגעפּרעסענער דייטש טראָגט־אונטער א שטיקל שאָ־קאָלאַד פאַר א בלייך אויסגעדאַרט קינד. דאָס אויסגעהונגערטע קינד עפנט דאָס מיילעכל, אָבער... אנשטאט די שאָקאָלאַד באַקומט עס א קויל אין גע־עפנטן מיילעכל. און אז די אומגליקלעכע מאַמע, וואָס רייסט זיך די האָר פון קאָפּ, בעט זיך אויך א קויל, טוט דער דייטש איר דאָס צוליב. איר דורכגע־שאָסענער קערפּער פאַלט און דעקט צו דאָס צאַפּלדיקע גופל פון אויסגייענ־דיקן קינד.

א צווייטער מערדער שטופּט אין מויל פון א יידן א שטיק האַרטן צוקער. ווען דער אויסגעהונגערטער ייד האָט שוין דעם שטיק צוקער אין מויל, באַקומט ער אין באַק — וואָס איז העכער געוואָרן פון צוקער — אַזאַ קלאַפּ, אז די באַק ווערט אים געלעכערט און אויף דער ערד וואַלגערן זיך דעם יידס ציין אין אַ קאַלוזשע בלוט.

אויף דער באַק פון שאלקע פעלזנשטיין האָט א צעווילדעוועטער דייטש דערזען אַ בראָדעווקע. דער דייטש צילט אין איר. דריי מאָל האָט דער רע־וואָלווער זיך פאַרהאַקט, אָבער צום פערטן מאָל געטראָפן און ער פאַלט א טויטער אויף דער ערד.

לייבל מאַנדלבוים האָט אָפּגעגליקט — פאַר גוט געלט האָט א פּאָלי־ציאַנט אים געבראַנגט א פלאַש וואַסער. אין שכנות איז געלעגן פריידע באַרכאָווסקי מיט אירע קליינע קינדער, זיי האָבן צוזאַמען זיך געמאַטערט אין אַנגסטלעכע יסורים פון דער ברענענדיקער היץ. מאַנדעלצווייג האָט איר געגעבן א ביסל וואַסער פאַר די קינדער. פאַר דעם חטא האָט א ס.ס.־מאַן צו אים געשאָסן.

דער יונגער פּסח ראָזענבערג האָט נישט אויסגעהאַלטן די יסורים פון היץ און פּיין. ער האָט עטוואָס אויפגעהויבן דעם קאָפּ אויסצוגלייכן דעם פאַרשטייפטן רוקן, מיט די אויגן געזוכט אַ ביסל וואַסער. באַלד האָט אַ האָגל קוילן אדורכגעלעכערט זיין קאָפּ. ראָזענבערג איז געבליבן ליגן א טויטער אין אַ קאַלוזשע בלוט.

ישראל׳קע טעלער, דער „רב״ פון דער שעדלעצער אונטערוועלט הויבט אויף עטוואָס דעם קאָפּ פון דער ערד. דאָס דערזעט אַן אוקראַינער און — זיין קאָפּ ווערט אָפּגעהאַקט מיט א האַק.

עס פאַרשטאַרקן אויך זייער טייוולאָנישע אַרבעט יענע, וואָס זענען אויס־געזעצט אויף די אַרומיקע בית־עולם־מויערן, כמעלניצקעס און פּעטלורעס אייניקלעך, וואָס רופן זיך, היינט, אויפן נאָמען פון נייעם „העלד״ זייערן: „וולאַסאָווצעס״ — זיי הערן נישט אויף אַראָפּצושיסן אין דער אַנגעקנוילטער דערשלאָגענער מאַסע. אַנדערע רייסן־אויס שטיינער, ציגל, פון דער אַלטער בית־עולם־מויער, אויך פלעשער, שטיקער אייזן, העלצער, און — אַלץ, וואָס קען נאָר ממיתן, הרגענען, ווערט געוואָרפן פון דער הויך אויף די אומגליק־

לעכע קרבנות. יעדער נייער „אויפטו", יעדער „געלונגענער" איינפאַל זייערער, ווערט ענטוזיאַסטיש באַגעגנט מיט פרייד און ווילדע אָנערקענונגס־אויסרופן פון זייערע דייטשע קאַמעראַדן און באַפעלער.

די ווילדע וואַקכאַנאַליע און בלוטיקע ארגיע האָט אזוי אָנגעהאַלטן א גאַנצע נאַכט פון שבת אויף זונטיק, און אויך די שפּעטערע דריי טעג.

—*—*—

און די גרויסע צעשלאָגענע מאַסע איז געלעגן אָנגעקנוילט אויף דער ערד מיט די קעפּ געבויגן אַראָפּ, ווי געזעסן שבעה נאָכן אייגענעם לעבן, וואָס ווערט איצט איבערגעריסן; נאָך דער גרויסער עדה, וואָס ווערט פאַרשניטן, זיך געטוליעט איינער צום צווייטן. און כדי נישט צו פאַרשאַפן די מערדער קיין הנאה, זיך באמיט פארשטיקן אין זיך דעם וויי און פּראָטעסט, וואָס די שווידערלעכע קלעפּ און בזיונות האָבן אַרויסגערופן. בלויז די פאַרפייניקטע אברים האָבן דערביי שטיל געציקט. דער איינציקער אידעאַל איז געווען: צו זיין אַ וואָרעם, אַ מוראַשקע, נאָך ווען מען לעבן קיינער יאָגט זיך נישט און קענען פריי אומגעשטערט אַריינקריכן און באַהאַלטן זיך אין דער ערד.

די מאַסע איז געוואָרן באַהערשט פון אַ טעמפּן פאַרגליווערטן יאוש. פון אַ פּאַסיווער רעזיגנאַציע, וואָס קומט נאָך דער הכרה, אַז די וועלט איז הפקר, לית דין ולית דיין, נאָכן פאַרלירן דעם גלויבן אין גאָט, מענטש און וועלט, נישט געהאָפט שוין אַפילו אויף קיין נס, נישט געקלערט שוין פון קיין פּלענער, פון ראַטעווען זיך, פון אַנטלויפן. וווהין לויפן? האָט דאָך דער בלוטיקער משחית אויסגעשפּרייט זיין פינצטערע ממשלה אין גאַנצן לאַנד און אין כמעט אַלע לענדער פון אייראָפּע. דריי יאָר דורך אַנאַנד געגרייט זיך צו דעם טאָג און אויך די מאַסן צוגעגרייט דורך הונגער און פּיין; איזאָלירטע אין פינצטערע געטאָס; מיט טרעטן טאָג־איין טאָג־אויס די מענטשלעכע געפילן; דערנידעריקט און באַרויבט דעם מענטשלעכן „איך" און דערפירט די מענטשן צו דער מדרגה, אַז מען קוקט אויס דעם טויט, ווי אויף דעם איינציקן באַפרייער פון די אלע ליידן. דעריבער שרייט שוין נישט די מאַסע, קלאָגט נישט, פּראָטעסטירט נישט און נעמט אַלץ אויף מיט אַ רעזיגנירטער גלייכגילטיקייט, ווי אַ זאַך, וואָס מוז און דאַרף אַזוי זיין.

זי איז צונויפגעגאָסן געוואָרן, די גרויסע אָנגעקנוילטע מאַסע אין איין פאַרגליווערט שטיק אומגליק. דאָס באַוווסטזיין איז ביי איר פאַרטעמפּט און אַטראָפירט געוואָרן פון דער ווילדער דריי־יאָריקער סאַדיסטישער אַרבעט, פון די ראַפינירטע מענטשן־פרעסער איבער איר. זייער גרויסער ווייטיק, צער און צאָרן קאָן שוין נישט אויפברויזן און ארויסרופן דאָס געפיל פון „תמות נפשי עם פלשתים", אָדער אַנדערע טאַטן פון נקמה און רעוואָלט. זי באַמיט זיך צו שווייגן, די גרויסע מאַסע. בלויז די אויסגעלאָשענע אויגן בלאָנדזשען

אַרום. דאָ, אויפן הימל, וואָס האָט זיך היינט נאָך מער ווי תמיד, פאַרפאַנצערט אין זיין בלויען בליי און שווייגט אזוי עקשנותדיק, שיקט נישט אַראָפּ קיין האָגל פון פייער, שוועבל און שטיינער ווי יענער ברד, וואָס האָט זיך נוקם געווען אמאָל אין אונזערע פייניקער אין מצרים; דאָ — אויף דער זון, וואָס בריט היינט מער ווי תמיד, שטעכט מיט די הייסע שטראַלן, ווי מיט אָנגע־גליטע שפּיזן, אין די אויסגעלאָשענע אויגן מישן זיך אויס מיטן טרוקענעם הייסן שטויב, קריכט אין נאָז, אין האַלדז, טריקנט טיף אַראָפּ אין די ליידיקע, אויסגעצערטע געדערים, ווי ספּעציעל אָנגעשיקט אויף צו שרפה׳ן די אומ־גליקלעכע קרבנות, וואָס גייען־אויס נאָך אַ שלוק וואַסער און האָבן נישט, און די זעלבע זון איז צו קאַרג אויף פאַנאַנדערצוגליען אַזאַ פייער, וואָס זאָל אונטערצינדן און פאַרברענען אַלץ — די גאַנצע וועלט מיט די פייניקער צוזאַמען.

און דאָ פאַלן די אויסגעלאָשענע אויגן אויף דער ערד, וואָס ליגט זיך אַזוי רואיק, שטום, קוקט זיך צו צו אַלץ און שווייגט. און כאָטש אונטער דער אויבערפלאַך פון עקזעקוציע־פּלאַץ רוען די ביינער פון די עלטער־זיידעס פון די קרבנות, האָבן זיי זיך נישט געמיט, אַז די ערד זאָל זיך עפע־נען, אויפרייסן אין אַ שטורמישער ערד־ציטערניש און זאָל אַלץ אין זיך אריין איינשלינגען, ווי ס׳איז געווען אמאָל מיט דער זינדיקער שטאָט סאָמ־פּעאָ.

בלויז די הויכע בית־עולם־גראָזן, און די פיל קאָלירטע פעלד־בלימלעך, וואָס דער שפּעטער זומער האָט געצייטיקט אויף דעם אָרט און זענען נאָך נעכטן דאָ געשטאַנען שטאָלצע און שטיפערישע, ליגן איצט צעטראָטענע, אויסגעמישט מיט ערד און בלוט, וואַלגערן זיך אונטער די פיס און טיילן דעם גורל פון זייערע אומגליקלעכע שכנים, די צעטראָטענע עדה.

—*—*—

געווען אָבער אויך איינצלנע פאַלן פון אינדיווידועלער גבורה, אויפ־ברויז און פּראָטעסט, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק דורך פאַרשידענע פאָרמען אין יענעם טראַגישן מאָמענט אויפן אומשלאַג־פּלאַץ.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געריכט אויף דעם, וואָס דאַרף פאַרקו־מען און נישט געוואַרט אומגעקומען צו ווערן פון די מערדערס הענט. זיי האָבן זיך באַצייטנס צוגעגרייט ציאַנקאַלי — די טייערסטע סחורה אין געטאָ — און אַליין דאָ אויפן פּלאַץ פאַרענדיקט מיט זייער לעבן. אַ שטייגער ווי פרוי ד״ר פּפאַו און אויך אַנדערע, וואָס זייערע נעמען זענען נישט באַקאַנט. אַנדערע האָבן מיט ראַזיר־מעסערלעך זיך אויפגעעשניטן די אָדערן און שטיל אויסגעגאַנגען מיטן אָפּפלוס פון בלוט.

אַן אַלטער גרייז־גרויער ייד איז געקומען אויפן אומשלאַג־פּלאַץ אין טלית און אין קיטל, אַ גאַנצן שבת און אויך אַ גאַנצע נאַכט פאַרברענגט אין

שטילע, האַרצרייסנדיקע תפילות און סליחות, געזאָגט ודוי און פאַרענדיקט מיט דעם אייביקן „שמע־ישראל"!

ערגעץ אין אַ ווינקל זיצט אַ ייד, ברעכט די הענט און טענה'ט זיך אויס מיטן רבונו־של־עולם. ער פרעגט: היתכן? ווער וועט אָפּהיטן דיין תורה הקדושה אויב האָסט באַשלאָסן צו פאַרטיליקן דיין פאָלק ישראל? דערמאָנט אַז ס'איז היינט שבת־קודש, אין חודש אלול, נאָענט צו די ימים־נוראים, און דאָס דאַרף מגן־זיין אויף די עדה הקדושה, עס זאָל נאָך געשען אַ נס, למה יאמרו הגויים פאָטער אין הימל???

אין אן אנדער ווינקל יאָמערט א פרומע מאמע איבער דעם טויטן גופל פון איר פאַרפייניקט קינד. זי קרעכצט־אַרויס, די אומגליקלעכע מאַמע איר גרויסן ווייטיק און צער אין שאַרפע ווערטער קעגן הימל, פרעגט זי פאַרביי־טערט: ווו איז דער כרחם אָב על בנים? זי דערציילט די שכנטעס, וואָס ליגן פאַרחלשטע אַרום איר, אַז זי האָט אַליין געלייענט אין אַן אַלטן ספר אויף עברי־טייטש, אַז אַמאָל, ווען ס'איז געווען אַן עת־צרה אויף יידן זענען געווען גרויסע צדיקים, וואָס האָבן גערופן דעם בורא־עולם צו אַ דין־תורה. היינט, בעוונותנו הרבים, זענען מיר אזוי זינדיק, אַז ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל כביכול מזמין זיי לדין.

און דאָרט, טיף־אַראָפּ אונטער דער וואַנט פון הויז ביים עק סטאַרי רינעק און דלוגע, צווישן אלע אָנגעקנוילטע האלבע מתים, טיילן זיי זיך אויס, דאָס יונגע פּאָרל. אויף זייערע קיילעכדיקע, בלייכע כמעט קינדערשע פּנימער און אָפענע גרויסע, בלויע אויגן, וואָס זענען געווענדעט אין די ווייטע אומענדלעכקייטן, איז אַריינגעגליווערט — צוזאַמען מיטן יוגנטלעכן פייער, וואָס עס קען נאָר אָנצינדן די ליבע אין איר ערשטן פרילינגס־פּעריאָד, אויף דער גאַנצער צאָרן, האַס און פאַראַכטונג צו דער פאַרשאָלטענער וועלט, וואָס קען צעטרעטן אזעלכע יונגע לעבנס צוזאמען מיט זייער נאָר־וואָס אויפגע־וואַכטער ליבע. זיי האָבן זיך געקענט נאָך פון זייערע גאַנץ פריע קינדער־יאָרן. צוזאַמען אין שול געגאַנגען, די שותפותדיקע ליידן און פּיין אין געטאָ האָט זיי נאָך מער דערנענטערט. זיצן זיי צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, האַלטן זיך צוזאַמענגעשלאָסן מיט די הענט און בליקן, האָבן מורא נישט צו פאַרלירן זיך אין דער ווילדער בהלה אויפן שוועל פון טויט. מען לאָזט זיי צוזאַמען נישט לעבן — גרייטן זיי זיך כאָטש שטאַרבן צוזאַמען: בחייהם ובמותם לא נפרדו...

—*—*—

ווי שוין דערמאָנט, האָבן די תלינים באַפוילן די קרבנות צו זיצן מיט די קעפּ געבויגן אַראָפּ צו דער ערד און שווייגן.

פלוצלונג איז דאָס שווייגן איבערגעריסן געוואָרן פון איינעם צווישן די פאַרמשפטע — פון שטענדיק שטילן, פאַרטראַכטן, רעליגיע־לערער,

אברהם וואַסערצוג, וואָס פלעגט לערנען יידישע קינדער די געשיכטע, ווי אַזוי אַ קליינע גרופּע פאַרפאָלגטע און באַליידיקטע יידן, וואָס האָבן זיך גערופן מאַקאַבייער זענען אויפגעשטאַנען צום קאַמף קעגן זייערע פייניקער, גרויס אין צאָל און זיי מנצח געווען. ער איז אויפגעשפּרונגען ווי א געבונדענער לייב, וואָס האָט צעריסן די קייטן, זיך געשטעלט אויף א שטיין און פון זיינע אויגן האָט געשפּריצט מיט פייער. זיין שטימע האָט געדונערט ווי דער אויסברוך פון א ווולקאַן מיט טרייסט־ווערטער צו די אומגליקלעכע, וועגן דער אייביקער יידישער טראַגעדיע, וואָס אין יעדן דור איז דאָ א פּרעה, א המן, א טאָרקוועמאַדע, א היטלער, וואָס ווי־לן אונז אומברענגען; און וועגן נצח־ישראל, וואָס ברענט אייביק, ווי יענער סנה אין מדבר און ווערט קיינמאָל נישט פאַרברענט. צו די תלינים האָט ער אויסגערופן: „איר זענט היינט שטאַרק, באַוואָפנט און קענט אייער גבורה אויסנוצן אויף אונז, שוצלאָזע אומצוברענגען, ס'איז אָבער נאָענט דער טאָג ווען איר וועט פאַר אייערע בלוטיקע מעשים דאַרפן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון! איר זענט שיכור און בלינד פון בלוט און רשעות און זעט נישט די האַנט, וואָס האָט אויף אייערע מערדער־געצעלטן אויפגעשריבן: מנא!. מנא!.. ציילט די טעג פון אייער בלוטיקער הערשאַפט איר פעלקער־מערדער!..

ווי אַן אונטערגעשניטענער בוים איז וואַסערצוג געפאַלן פון א האַגל קוילן, וואָס האָבן אַדורכגעלעכערט זיין צעשטורעמטן קערפּער און איבערגעריסן זיין טרייסט־ און נקמה־וואָרט.

די איבערגעריסענע רעדע פון געפאַלענעם וואַסערצוג האָט פאַרענדיקט דער יונגער נחמן ראַגאָוויקאַמיען (זון פון פלטיאל) אויך איינער פון די אָפּגעקליבענע קיין טרעבלינקע. ער איז אויפגעשפּרונגען און מיט דעם גאַנצן צאָרן פון זיין יונגער, צעווייטיקטער נשמה אויסגערופן: „נישט קיין פאָלק פון דענקער און דיכטער זענט איר, נאָר פון רויבער און מערדער"! די שטאַרקע האַנט, וואָס גייט פון מזרח וועט אין אייך נקמה נעמען פאַר אונזער אומשולדיק בלוט און אייך, פאַר אייערע בלוטיקע מעשים אָפּווישן פון ערד־קיילעך...!"

ווי וואַסערצוג, האָט אויך ראַגאָוויקאַמיען פאַרענדיקט זיין יונג לעבן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ.

—*—*—

מען האָט די אומגליקלעכע נישט אָפּגעפירט באַלד צו דער באַן־סטאַציע. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, טראָץ דעם, וואָס אַלץ האָט געקלאַפּט מיט אַן אויסגערעכנטער פּינקטלעכקייט זענען ניט געווען נאָך צוגעגרייט גענוג וואַגאָנען אָפּצופירן זיי קיין טרעבלינקע. צי איז דאָס געווען בכיוון, כדי די קרבנות זאָלן זיך לענגער מאַטערן אין זייערע לעצטע טעג פאַרן טויט, אָדער

גלאַט אַ צופאַל? ווער קאָן וויסן די כוונות און פּלענער פון אַזעלכע מאַסן־מערדער!

ערשט אויפן צווייטן טאָג, זונטיק, האָט מען אָנגעהויבן אָפּפירן צום באַן די ערשטע פּאַרטיעס. איינגעשטעלט אין רייען, צו פינף פּערזאָן, די הענט געשלאָסן איינער אין צווייטן. ווער עס האָט נאָר געקאָנט, האָט זיך באמת צו זיין פון די ערשטע — געוואָלט אַזוי אַרום, וואָס גיכער איבערקומען, פאַרענדיקן, פּטור־ווערן און — אַ סוף! ווער עס האָט פון הונגער, קלעפּ און חרפּה שוין נישט געקאָנט זיך אויפשטעלן און מיטמאַכן דעם טויטן־מאַרש, איז דאָ שוין פאַרבליבן פון אַ מערדער־קויל. פיל שוואַכע זענען אונטער די הענט געפירט געוואָרן פון געזונטערע.

דער לעצטער שאַנד־מאַרש פון דער גרויסער עדה צו די טויט־וואַגאָנען האָט פאַרנומען אַ גאַנצן מעת־לעת, ביז מאָנטיק בייטאָג.

די קרבנות זענען אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין די פאַרקראַטעוועטע פראַכט־וואַגאָנען, ווי טויטע קעגנשטאַנדן. זיי זענען געוואָרן אַריינגעשטויסן און אַ־ריינגעקוועטשט מיט דער הילף פון ביקסן־קאָלבעס, העק און אַנדערע כלי־משחית. דערביי זענען פאָרגעקומען שוידערלעך־דאַנטישע סצענעס: אָט האָט מען אַ פרוי אַריינגעשטויסן אין איין וואַגאָן און דאָס קינד אירס, וואָס זי האָט געטוליעט די גאַנצע צייט צו זיך, האָט מען פון איר אָפּגעריסן און אַריינ־געשליידערט אין אַ צווייטן וואַגאָן אויף די קעפּ פון די פאַרלאָדנטע און אַז די אומגליקלעכע מאַמע און דאָס קינד שרייען און וויינען פאַלן צוויי קורצע שאָסן און — זיי ווערן איינגעשטילט.

אָט ווערט אַ ייד געשטופּט אין אַ פול־געפּאַקטן וואַגאָן. ער קאָן שוין דאָרט נישט אַריין. אָבער די הענקער פאַרקלאַפּן מיטן גאַנצן כוח די טיר פון וואַגאָן און דער ייד בלייבט אַ צעשמעטערטער הענגען צווישן וואַנט און וואַ־גאָן־טיר — אַ האַלבער קערפּער אין וואַגאָן און דער צווייטער אינדרויסן.

שמואל לעוויטע איז נישט אַריין אין וואַגאָן אַזוי שנעל, ווי די מערדער האָבן געוואָלט און ער ווערט צעפּערטלט פון אַ צעיושעטן אוקראַינער מיט זיין באַליבט נאַציאָנאַל געווער — מיט אַ האַק.

די וואַגאָנען זענען געווען אויסגעשיט מיט נישט־געלאָשענעם קאַלך. צוליב דער שרעקלעכער ענגשאַפט און ברענענדיקער חמימה האָט זיך גע־שאַפן אַ פאַרסמטע לופט פון וואָס פיל קרבנות האָבן פאַרלוירן דאָס באַ־וווסטזיין, אַראָפּ פון זינען און דערשטיקט געוואָרן אין שרעקלעכע יסורים.

דער וועג פון שעדלעץ קיין טרעבלינקע איז נישט קיין ווייטער — ס״ה עטלעכע דרייסיק קילאָמעטער — אָבער עס איז גענוג געווען, אַז אַ העלפט פון די קרבנות זאָלן דעם קורצן וועג נישט אויסהאַלטן און אָנקומען אויף זייער לעצטער סטאַציע שוין טויטע.

צוויי טעג האָט פאַרנומען דאָס לאָדענען און אָפּשיקן די טראַנספּאָרטן —

מאָנטיק און דינסטיק — דער לעצטער טראַנספּאָרט איז אוועק מיטוואָך פרי. א לאַנגער אימה׳דיקער פייף פון לאָקאָמאָטיוו פון טויטן־צוג האָט צוויסן גע־געבן, אז ער פירט פרישן ברען־מאַטעריאַל פאַר דער לעצטער דערפינדונג פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — פאַר די טרעבלינקער גאַז־קאַמערן.

—*—*—

איבער דער גאַנצער צייט פון דעם נאָך קיינמאָל נישט געזעענעם, אומ־געוויינלעכן „ספּעקטאַקל״, ווי: אַקציע, סעלעקציע און טויטן־מאַרש, זענען די גאַסן, ווו דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען געווען אָנגעפּילט מיט נייגעריקע היי־מישע איינוווינער. די נעכטיקע שכנים מיט וועלכע מען האָט געלעבט, גע־אַרבעט און געהאַנדלט צוזאַמען זענען געקומען אויפן בייזן ווונדער. זיי האָבן מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעקוקט צו דעם הערלעכן בילד און אין די זיסע שמייכלען אויף זייערע פרומע קריסטלעכע פּנימער און בלישטשנדיקע פייערלעך אין זייערע לייכטנדיקע אויגן, אויסגעדריקט זייער צופרידנהייט און דאַנקבאַרקייט די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אינטערעסאַנטער אונטערנע־מונג. נישט איינער האָט געריבן די הענט פון גרויסער הנאה און אויסגערופן אויפן קול אזוי, אז די קרבנות, ווי אויך די מערדער זאָלן הערן: ענדלעך פּטור געוואָרן פון די וואַנצן! איצט וועט מען שוין קאָנען לעבן אין פּוילן...

9. בלוטיקע סטאַטיסטיק

פיר טעג האָט געדויערט דאָס, וואָס מען רופט אָן „די ערשטע אַקציע״. פיר אומגליקלעכע פאַרשאָלטענע טעג און נעכט האָט געדויערט דאָס „ליק־ווידירן״ אַן אַלטע יידישע קהלה, וואָס איז דורך לאַנגע הונדערטער יאָרן מי און פלייס אויסגעוואַקסן צו אַן עיר ואם בישראל; צו איינע פון די שעפע־רישסטע קהלות אין פּוילן מיט בערך צוואַנציק טויזנט יידן. אויף אירע חור־בות זענען געבליבן — א חוץ די פינף הונדערט און זיבעצן יונגע מענער, וואָס די תלינים האָבן געלאָזן צו זייערע ליקווידאַציע־צוועקן — נאָך א טוי־זנט לעבעדיקע שאָטנס, וואָס האָבן זיך בעת דער אַקציע אויסבאַהאַלטן אין פאַרשידענע בונקערס, היילן, פאַרשטעקטע לעכער און זענען זיך איצט אַלע צונויפגעקומען אין קליינעם געטאָ, נאָך דעם, ווי די רוצחים האָבן „פייערלעך״ פאַרזיכערט, אז זי בלייבט שוין אומבאַרירט.

און נאָך עפּעס איז געבליבן: אַן אָפענער בית־עולם מיט נישט אויפגע־רוימטע מתים, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף אַלע גאַסן פון ליקווידירטן געטאָ, אויף אַלע הויפן, בוידעמער און מיסטן.

אַמשווידערלעכסטן האָט אויסגעזען דער אַלטער בית־עולם־אומשלאַג־פּלאַץ מיט די אַרומיקע גאַסן: סטאַרי רינעק, זשידאָווסקע און ערשטער מאַי.

דאָ האָבן זיך געוואַלגערט הונדערטער הרוגים אומגעקומענע דורך כלערליי מיתות משונות — צעטרעטענע, פאַרשטייפטע לעבן פאַרטריקנטע שוואַרצע בלוט־קאַלוזשעס. עס האָבן זיך אויך געוואַלגערט פאַרשידענע אָפּגעהאַקטע שטיקער אברים.

ביים גרעסטן טייל הרוגים זענען די מלבושים, שיך און וועש געווען שוין אַראָפּגעצויגן. דערפאַר האָבן שוין געזאָרגט די היימישע רויבער.

די גאַנצע פיר טעג פון דער ווילדער וואַקכאַנאַליע, האָבן די רוצחים נישט דערלויבט אויפצורוימען די הרוגים און זיי מקבר זיין. אַזוי ווי די זון האָט געטאָן דאָס איריקע און כסדר געבאַקן, האָט זיך אין דער לופט שטאַרק שוין געפילט אַן איבלדיקער ריח פון די נישט באַערדיקטע מתים.

ערשט מיטוואָך האָט די יידישע פּאָליציי באַקומען די דערלויבעניש אויפצורוימען די טויטע.

מיט דער הילף פון אַ טייל אָפּגעקליבענע יידישע אַרבעטער פון קליינעם געטאָ, האָבן זיך צו עטלעכע פּערזאָן איינגעשפּאַנט אין וואָגנס, געשלעפּט זיי איבער די גאַסן פון ליקווידירטן גרויסן געטאָ, אַרויפגעוואָרפן די הרוגים אויף די וועגענער, ווי געשאָכטענע קעלבער, ווי שטיקער האָלץ, צוגעשלעפּט זיי צום טויער פון אָפּגעצוימטן געטאָ, ווו אויף דער צווייטער אַרישער זייט האָבן שוין אָפּגעוואַרט קריסטלעכע אַרבעטער, וואָס האָבן צוגענומען די פאַרלאָדנ־טע הרוגים, אָפּגעפירט זיי אויפן בית עולם און באַגראָבן זיי אין שותפותדיקע ברידער־קברים.

וויפל יידן עס זענען אומגעקומען אין די שוידערלעכע פיר טעג זענען קיין גענויע ציפערן נישטאָ. אין אַ צייט, ווען יידיש לעבן איז געווען הפקר, איז נישט געווען, ווער עס זאָל אַזאַ סטאַטיסטיק פירן. דעריבער זענען די ציפערן, וואָס עס גיבן איבער די לעבנגעבליבענע עדות, פאַרשידן און סתי־רה׳דיק.

אין יענע פינצטערע גיהנום־טעג האָט די יידישע אָפּטיילונג אין מאַגיס־טראַט געפירט ראַטמאַן גלוכאָווסקי. ווי עס דערציילט לייבל מאַנדלבוים (גע־ווען צווישן די אָפּגעקליבענע פינף הונדערט זיבעצן, שפּעטער געווען אויס־באַהאַלטן אין וועלדער און אין דערפער) זאָל אים דער לעצטער האָבן איבער־געגעבן, אַז די צאָל אומגעקומענע יידן אין יענע טעג איז געווען דריי טויזנט צוויי הונדערט. דאַקעגן די עדי ראיה, וואָס האָבן דעמאָלט געדינט אין דער יידישער פּאָליציי און געהאָלפן אויפקלויבן די טויטע, גיבן אָן די צאָל פון צוויי טויזנט.

אויך זענען נישטאָ קיין פּינקטלעכע ידיעות וועגן דער צאָל יידן, וואָס זענען אָפּטראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין טרעבלינקע. אַ טייל עדי ראיה גיבן אָן די צאָל פון צוועלף טויזנט, אַנדערע אויף פופצן, און נאָך אַנדערע — אַכצן טויזנט.

די בלוטיקע סטאַטיסטיק וועט מען שוין קיינמאָל נישט וויסן. די פאַקטי־שע עדי־ראיה, די גאַסן פון געטאָ און די ערד פון אַלטן בית עולם, וואָס האָבן אין זיך אַריינגעזאַפּט דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון אַ טייל פון דער עדה, און די פאַרשאָלטענע פעלדער און וועלדער פון טרעבלינקע, ווו עס איז פאַר־שפּרייט געוואָרן דאָס אַש פון די פאַרברענטע קדושים, שווייגן מיט עקשנות און זאָגן נישט אויס דעם טראַגישן סוד.

נישטאָ מער די אַלטע פיל הונדערט־יאָריקע קהלה — שעדלעץ! נישטאָ מער אירע צוואַנציק טויזנט יידישע איינוווינער!

איצט, ווען מיר נאָטירן דאָס, וואָס מיר האָבן געטראָפן אויף די חורבות פון אונזער אונטערגעגאַנגענער היים, האָבן מיר דעם טראַגישן סך־הכל פון דער איבערגעבליבענער סטאַטיסטיק: אַ צוויי צענדליק אויסגעבלייכטע מענטשן־שאָטנס מיט טיף־געקאַרבטע שטערנס, אויסגעלאָשענע אויגן און כמעט אַלע מיט גרויע קעפּ אויף זייערע יונגע גופים, וואָס האָבן עטלעכע יאָר געפּוילט, ווי ווערעם אונטער דער ערד צווישן לעבן און טויט; און עטלעכע צענדליק צעבראָכענע נע־ונעדניקעס, צוריקגעקומענע פון סיבירער און קאַ־זאַכסטאַנער טייגעס, איינצל־געבליבענע פון גרויסע משפּחות. און ביידע צו־זאַמען — איין אומגליקלעכע קליינע גרופּע עלנטע יתומים, וואָס וואָגלען אַרום אויף אַלע וועגן און פעלדער, נישטערן און זוכן אַ צייכן, אַ ביסל אַש פון זייערע ליבסטע און נאָענטסטע און פון זייערע צעשטערטע היימען.

עטלעכע צענדליק הילפלאָזע מענטשן־שאָטנס — דאָס איז געבליבן פון דער גרויסער אַלטער יידישער קהלה שעדלעץ!

10. דאָס גרויסע געטאָ

אַ. סטאַרי רינעק

מיר וואָגלען ווייטער אויף די חורבות פון דער חרובער היים און געפי־נען זיך אויף סטאַרי רינעק.

די גאַס איז אַן אַלטע. פון די ערשטע יידישע גאַסן אין שעדלעץ. דער נאָמען סטאַרי רינעק — אַלטער מאַרק, איז איר געבליבן פון די צייטן, ווען זי צוזאַמען מיטן שכנותדיקן בית־עולם זענען געווען הינטער־דער־שטאָט און דאָ איז געווען אַ האַנדלס־מאַרק פון קי, אָקסן, שעפּסן און פערד. פון דעמאָלט שטאַמט אויך איר צווייטער נאָמען, וואָס אַלטע לייט רופן — קאָנסקי רינעק (פערד־מאַרק).

כאָטש זי טראָגט אַן עכט פּוילישן נאָמען, איז זי דורכאויס אַ יידישע גאַס, פונקט, ווי די פּיענקנע. אמת, זי איז נישט אַזוי גרויס און נישט אַזוי לאַנג, ווי די פּיענקנע, זי האָט נישט אַזויפיל איינוווינער, נישט אַרויסגעגעבן

אזויפיל רעוואָלוציאָנערע קעמפער אין די צארישע צייטן, ווי די פּיענקנע גאס און אויך נישט ארויסגעגעבן אזויפיל משכילים, געזעלשאפטלעכע טוער און גלאט שיינע יידן לומדים, ווי די פּיענקנע גאס — האָט זי אָבער איר ספּעציפיש באזונדערן יחוס.

קודם־כל גרויסט זיך דער סטארי רינעק מיט זיינע אלטע, אָנגעזעענע יוסטע בעלי בתים, מיט זייערע אלטע פון לאנגע יאָרן איינגעפונדעוועטע קאָלאָניאל, מעל און טאבאק־געשעפטן, וואָס האָבן זיך געצויגן לענג־אויס דער לינקער זייט גאס, איינס לעבן צווייטן — פון ווארשעווער ביז דלוגע — און געמאכט איר פאר דעם וויכטיקסטן האנדלס־צענטער אין שטאָט.

אויפן סטארי רינעק האָבן געוווינט יידן פאטריארכאלע, אָפּגעהיטענע, ערלעכע פאר גאָט און פאר לייט, ווי דער אלטיטשקער 95־יאָריקער בעקער אלט־גראָדזשיסקער חסיד ר׳ לייבל פּריוועס ; דאָ האָט ר׳ חיים שלמה יאבלאָן מיט זיינע זין געפירט דאָס עלטסטע קאָלאָניאל־געשעפט אין שטאָט ; דאָ האָט געוווינט און געפירט זיינע פּארצווייגטע געשעפטן אזא אלט־געזעסענער תושב, ווי ר׳ אביגדור רידעל מיט זיין פאַרצווייגטער משפחה: זיין זון, דער חשובסטער מוהל אין שעדלעץ, ר׳ שמעון רידעל, וואָס פרנסה האָט ער טאקע געצויגן פון זיין מעל־געשעפט אויפן סטארי רינעק, אָבער דער עיקר־חיות זיינער איז געווען דאָס, וואָס פון זיינע הענט זענען שעדלעצער יידישע קינדער געוואָרן יידן, און אן אָרעמען ייד נאָך צוגעגעבן עטלעכע רובל אויף איינצוואָרדענען דעם ברית; דאָ האָבן געוווינט זיינע לומדישע איידעמס ; ר׳ נחמן לעוו, דער טיקטינער עילוי ; ר׳ דב בעריש יום־טוב, דער אָפּגעציטערטער בן־יחיד פון זשעלעכאָווער רב ; ר׳ אליעזר ליפּע יום־טוב, וואָס האָט זיך געגרויסט, אז ער שטאמט פון תוספת יום־טוב און ר׳ יוסף ראָזענבוים דער שארפער למדן און טיש־זיצער ביים גערער רבין. אויפן סטארי רינעק האָבן געוווינט דער סאָלידער בורר פון סוחרישע דין־תורות, ר׳ סנדר קאנטאָר, דער זשעלעכאָווער רבי ר׳ יהושועלע און נאָך פיל אנדערע אָנגעזעענע יידן אין שטאָט.

צווייטנס, האָט דער סטארי רינעק זוכה געווען, אז אין זיין גבול זאָל שטיין די גרויסע שטאָטישע שול. אין דער רעכטער זייט גאס, הארט ביים אלטן בית עולם, איז זי געשטאנען א הויכע, א שטאָלצע, הינטער א קלאָרן ווייס־געקאלכטן פּארקן, און פיין געפלאָכטענעם אייזערנעם טויער ; זי האָט מיט אירע אויבן אויסגעמאָלטע עשרת־הדברות כסדר דערמאָנט די פיל אדורכגייער, אז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט...

די פיל געשעפטן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן סטארי רינעק האָבן צוגעצויגן די קלענערע קרעמער פון שטאָט. פיל סוחרימלעך פון די שכנותדיקע שטעטלעך, וואָס זענען געקומען דאָ איינקויפן סחורות. פיל האנדלס־אגענטן, וואָיאזשאָרן, מעקלער, באַלעגאָלעס, דראָזשקאזשעס און טרעגער מיט זייערע

פערד, וועגענער און האַנט־וועגעלעך, א חוץ גלאַט סתם־יידן ליידיקגייער, וואָס זענען געקומען קוקן, ווי אנדערע יידן האַנדלען־וואַנדלען — און אַלץ צוזאַמען האָט געפּילדערט, געטומלט און געדרייט זיך אַזוי, אַז עס האָט גע־מאַכט אַן איינדרוק, אַז דאָ איז אַ שטענדיקער יאַריד. נאָר אַז עס איז געקומען אַ שבת, און ווער שמועסט נאָך אַ יום־טוב אָדער אַ שבת־מברכים, ווען פאַרן עמוד אין שול האָט געדאַוונט דער שטאָט־חזן מיט זיין כאָר און אין שול אַריין האָבן געשטראָמט פון אַלע געגנטן פון שטאָט מאַסן מתפּללים און גלאַט ליבהאָבער פון נגינה, יידן אויסגעפּוצטע אין בגדי־שבת, מיט די ספּע־ציפישע לאַנגזאַמע שבת־טריט מיט טליתים אונטער די אָרעמס, און ווייבער אויסגעסטראָיעטע אין זייד און אין סאַמעט, אין אַטלאַס און אין זשאָרזשעט. די שבתדיקע העלדזער באַהאָנגען מיט פאַרשידענע שנירן פּערל און גאָלדענע קייטעלעך. מיט בלישטשנדיקע פינגערלעך און בראַסלעטן אויף די ווייסע שבת'דיקע הענט, מיט גראָבע אין לעדער־געבונדענע און מיט זילבער־שלע־סער פאַרמאַכטע קרבן־מנחה־סדורים אונטער די אָרעמס. דעמאָלט איז אינ־גאַנצן פאַרשווונדן דער געפּילדער און טומל. די גאַס האָט אויסגעטאָן איר וואָכעדיקייט, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ מאַנטל פון שבת'דיקער קדושה, און די גאַנצע גאַס האָט אויסגעזען, ווי זי זאָל זיין אַ פּרוזדור פון דער שול, אַזאַ פאָרהויז, ווו עס זענען געשטאַנען אַ גרויסער טייל פון די מתפּללים און נגינה־ליבהאָבער, וואָס האָבן צוליב מאַנגל אין פּלאַץ נישט געקאָנט אַריינקו־מען אינעווייניק אין שול און האָבן דורך די אָפענע ברייטע שול־טירן געשע־לונגען די שיינע חזנישע שטיקלעך, וואָס האָבן פאַרקלונגען דעם גאַנצן אַרו־מיקן דרויסן.

אויך ביי נישט־יידן, האָט דער סטאַרי־רינעק געהאַט זיין חשיבות און אָנ־זען שוין צוליב דעם, וואָס אַנטקעגן דער גאַס, ביים אויסגאַנג צו דער וואַר־שעווער איז געווען דער מאַגיסטראַט, און דעריבער איז דאָס אָרט געווען דער הויפּט־צענטער, דער מיטלפּונקט פון שטאָט. נאָכן טויט פון יוזעף פּילסוד־סקי, ווען די שטאָט האָט געוואָלט אויפשטעלן אַ דענקמאָל פאַר פּוילנס העלד, האָט מען איינגעפונען, אַז דאָס פּאַסיקסטע אָרט פאַר אַזאַ דענקמאָל וועט זיין דער פּלאַץ ביים סקווער פון סטאַרי־רינעק.

צוליב די פיל הורט־געשעפטן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן סטאַרי־רינעק, האָבן זיך דאָ אין מיטן גאַס אָפּגעשטעלט די באַלעגאָלעס פון די אַרו־מיקע שטעטלעך מיט זייערע פערד און וועגענער, וואָס זענען געקומען דאָ איינקויפן פאַרשידענע סחורות, האָבן אויסגעשפּאַנט די שווערע פאַרהאָרע־וועטע פערד, זיי צוגעבונדן צו די שווערע ברייטע וועגענער, איבערגעלאָזן זיי אַליין ביי די טאָרבעס האָבער, ווען זיי זענען אַוועק איבער די געשעפטן אויף אַ האַלבן טאָג. און ווען זיי זענען צוריקגעקומען, אָוועקגעלייגט זיך אויף

די וועגענער שלאָפן היימיש, באַלעגאַליש, הויך געשנאָרכט אויפן קול, ווי ביי זיך אינדערהיים...

אנטקעגן די געשעפטן פון מעל, צוקער, הערינג, רייז זיצן אויסגעזעצט אויף דער ערד, אָדער אויף דער אייזערנער באַריערע, וואָס נעמט ארום דעם סטארי־רינעק־סקווער, גרופנווייז טרעגער מיט שטריק ארום געבונדן ביי די לענדן, וואַרטן דאָ אויס אויף א פארדינסטל, רוען אָפּ נאָך א שווער שטיקל אַרבעט, ווער עס עסט פון א שווארץ פּאָרקאָפּטשעט טעפּל דעם מיטאָג, וואָס דאָס ווייב האָט ארויסגעבראכט און ווער עס דערציילט א חכמה, א מעשה׳לע אָדער א גראָבן טרעגערישן וויץ פון וואָס עס צעקלינגט זיך א הויך געלעכטער איבער דער גאנצער גאַס.

יידישע דראָזשקאזשעס האָבן יאָרן ניט געהאַט קיין מקום־מנוחה. אין וועלכע שטאָט־טיילן און גאסן זיי זענען געשטאַנען מיט זייערע דראָזשקעס, האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין פון זייערע קריסטלעכע קאָנקורענטן, ווי אויך פון די שטאָטישע מאכטהאָבער פארשידענע צרות און נגישות, ביז זיי האָבן קובע מקום געווען דאָ אויף דעם יידישן סטארי־רינעק, ווו זיי זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט מיט א לאַנגער רייע שווארץ־גלאַנציקע דראָזשקעס אין א גלייכער ליניע אויף א האַלבער גאַס אנטקעגן די הורט־געשעפטן. די איינגעשפאנטע פערד, באַצירטע מיט פארשידענע בלעכלעך, זענען געשטאַנען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ און האַלב־דרימלענדיק געמעלה־גרה׳ט, אָדער מיטן לאַנגן עק געטריבן פון זיך די זלידנע פליגן, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויפן קאַרק. אין דראָזשקע איז געזעסן זיין בעל הבית אָנגעטאָן אין זיין דראָזשקארסקן גראַנאַטענעם מונדיר און פונקט, ווי זיין פערד, אויך האַלב־געדרימלט אין ווייכן געזעס, ביז עס איז צוגעקומען א פּאַסאַזשיר, אים אויפגעוועקט צו מאַכן א „יאַזדע״. אַנדערע האָבן זיך אויסגעזעצט בחברותא אין איינע פון די דראָזשקעס און געשמועסט וועגן דעם, ווי שווער עס איז געוואָרן צו פארדיינען א זלאָטע, זינט אַלע קריסטלעכע דראָזשקאַזשעס האָבן, אונטערן לאָזונג פון „סוואָי דאָ סוואָגאָ״ אויפגעבייט אַרום די היטלען טראַנספּאַרענטן פון רויטע אותיות אויף ווייסע לייוונט: „דראָזשקאַ כזשעשטשיאַנסקאַ״ און זיי, די יידישע דראָזשקאַזשעס אָן דעם אויפשריפט ווערן באָיקאָטירט פון קריסטלעכע פּאַסאַזשירן און הונגערן צוזאַמען מיט ווייב און קינדער, מיטן אָרעמען פערדל נעבעך...

גאָר א גרויס חשיבות גיט צו דעם סטארי רינעק דער ברייטער און לאַנגער סקווער, דער איינציקער סקווער אין יידישן געגנט, וואָס ציט זיך לענגאויס אין דערמיט גאס פון וואַרשעווער ביז דלוגע. דאָס איז א סקווער ספּעציעל פאר יידן און יידישע קינדער, וואָס האָבן מורא צו גיין אין שטאָטישן פּאַרק, עס זאָל זיי נישט טרעפן א שטיין אין קאָפּ, געוואָרפן פון דער פּוילישער גאָלדענער יוגנט, אָדער אַן אָנגערייצטער הונט זאָל די בגדים נישט צערייסן,

דאָ פילן זיך יידישע קינדער זיכערער, קיין גויאישע שטיין־וואַרפער קומען נישט אהער, זיי האָבן בעסערע ערטער... און די הינט, וואָס קומען אין די יידישע יאַטקעס זוכן אַביינדל, זענען אַזעלכע רואיקע און שטילע, זיי זע־נען צופרידן, אַז מען טשעפּעט זיי נישט, לאָזן זיך אַפילו אַ גלעט טאָן פון אַ יידיש יינגל.

אמת, קיין סך ביימער און גרינס האָט נישט דער סקווער. דאָס קאַרגע ביסל גראָז, וואָס הויבט נאָר אָן אַרויסשפּראָצן פון דער צעגראָבענער ערד, ווערט באַלד צעטרעטן פון די יונגע האַפּערדיקע פיסלעך, צוזאַמען מיט די ברעטלעך, וואָס טראָגן די אויפשריפטן: „נישט טרעטן אויף געוויקסן". עס העלפט נישט דאָס שרייען פון שטאָטישן גערטנער־אויפזעער, אַפילו נישט דאָס נאָכיאָגן דאָס קליינוואַרג מיט זיין גרויסן בעזעם. ער איז שוין לאַנג מיד געוואָרן און חברה שפּילט זיך דאָ אין „קלאַסן", צייכנט אָן אויף דער ערד פאַרשידענע קאַסטנס, ווו מען שפּרינגט פון איינעם אין צווייטן אויף איין פיסל. אַנדערע שפּילן אין רייטערס מיט פערד: איינער זיצט אויפן אַנדערן און מען לויפט אין גאַלאָפּ; נאָך אַנדערע שפּילן אין מיליטער, אין צוויי פיינט־לעכע אַרמייען. מען פירט מלחמה און מען צעקלאַפּט זיך גאַנץ אָפט גאָר ליי־טיש אַזוי, אַז עס מוזן זיך אַריינמישן עלטערע און מאַכן אַ שלום...

מיידלעך שפּילן זיך דאָ אין „מאַמעס", וויגן איין זייערע קינדער־ליאַל־קעס אין בלעכענע אָדער פּאַפּירענע וויגעלעך, וואַשן וועש און קאָכן פון זאַמד די טייערסטע מאכלים פאַר זייערע קינדער־ליאַלקעס...

אין סקווער פלעגן אַרויסקומען אויך פיל אמתע מאַמעס מיט אמתע ווע־געלעך, אין וועלכע עס זענען געלעגן אָדער געזעסן אמתע קינדער. זיי זענען געקומען כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט. כאַפּן פאַר איין וועג אַ פלירט מיט אַ יונגעמאַן באַקאַנט נאָך „פון יענע צייטן", און וויגנדיק דאָס קינד כאַפּן אַ לשון־הרע׳דיקן שמועס מיט נאָך אַנדערע מאַמעס...

דער סקווער האָט אויך געדינט פאַר אַ שפּאַציר און אָפּרו־אָרט פאַר פאַר־שידענע קאַטעגאָריעס יידן פון פאַרשידענע שיכטן:

מען האָט דאָ געטראָפן שפּאַצירן די פאַרנעמסטע הורט־סוחרים, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און זיך געהיצט וועגן דער קאָנקורענץ פון אַנדערע סוחרים, וועגן פרישע „פליטות" פון טייל בייזוויליקע קונים און וועגן דער שווערער שטייער־שרויף, וואָס אַלץ צוזאַמען לאָזט נישט לעבן.

די שטענדיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַר־מאַגיסטראַט שטייער, ווען זיי זענען מיד געוואָרן פון לאַנגע שעה׳ן שטיין אין גאַס, האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין נאָענטן סקווער, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ באַנק און אויסגעהערט אַ חכמה פון אַלטן סטאַרי־רינעק לץ ר׳ שלמה ניסמאַן.

פון נאָענטן בית המדרש האָבן זיך אָפט אַריינגעכאַפּט אין שכנותדיקן סקווער, ווער פון זיינע שטענדיקע זיצערס און לערנערס, צו כאַפּן אַ ביסעלע

פרישע לופט און אגב געוואויר ווערן, וואָס מען הערט נייעס אין שטאָט און וואָס עס שרייבן די בלעטער פון דער גרויסער וועלט.

האָבן יידן געהאט צווישן זיך א סכסוך און געוואָלט האָבן א דין־תורה, איז מען ארויס אין סקווער פון סטארי־רינעק און גאַנץ אָפט האָט מען געקאָנט טרעפן ארום א באנק אין סקווער אנטקעגן דער שול, א רעדל מיט יידן אמפע־רן זיך, שרייען, זידלען און קריגן זיך. אין מיטן אויף דער באנק זיצן, ר׳ שלמה שמואל אבארבאנעל, אלס בורר פון איין צד און ר׳ סענדער קאַנטאָר—אלס בורר פון צווייטן צד. זיי הערן זיך צו צו דעם מבול פון רייד און געשרייען פון ביידע צדדים, זיי דארפן דאָס אנטשיידן, ווער עס איז דאָ דער גערעכטער און ארויסטראָגן א פסק אין א סוחרישער דין־תורה.

און דאָרט אויבן, אין שאָטן פון די ברייטע פלייצעס פון פילסודסקי־דענקמאָל מאכן יידן פארשידענע טראנזאקציעס, מען באקוקט פּרובן פון פארשידענע תבואות, מוסטערן פון מאנופאקטור; מען דיסקאָנטירט א וועקסל און מען רעדט גלאט פון נעכטיקע טעג.

פאראלעל צו די גרויסע הורט־געשעפטן האָט אויפן סטארי־רינעק אויך געבליט אַן אָרעמער קליין־האנדל:

אזוי האָט א שטענדיקן מסחר צווישן עולם אין סקווער געפירט דער בלינ־דער יודל. ער פלעגט ארייַנפאלן צווישן דעם קליינוואַרג, אויפגעפּאקט זיין קרעמל און געוויזן פאר חברה, וואָס רייסן איבער זייערע שפּילן און רינגלען אים ארום, זיין גרויסן אויסוואל: פארשידן־קאָלירטע אָנגעבלאָזענע לופט־באַלאָנען, וואָס ווארטן, מען זאָל זיי אָפּלאָזן פון שטריקל, וועלן זיי באלד מאכן ויברח צו די וואָלקנס; מעכאַניזירטע שווערע הארמאטן, וואָס לויפן אליין, אז מען שטעלט זיי נאָר אוועק אויף דער ערד; גומענע הינטלעך, וואָס בילן הייזעריק, הויך, ווען מען גיט זיי א קוועטש אונטער דער פּאכווע און אָנגעטאָענע ליאלקעס, וואָס מאכן אליין צו די אויגן, ווען מען לייגט זיי שלאָפן. א חוץ א שלל פון זיסע סחורות: שאָקאָלאדקעס, געפילטע מיט מאנ־דלען, איינגעפּרוירענע איריסן, רויטע צוקערדיקע הענדעלעך, וואָס קרייען און אויף העלצלעך ארויפגעזעצטע פארשידנפארביקע לעקערס. און כאָטש עס איז היינט נישט שמחת־תורה, נישט חנוכה און נישט פּורים, דאָך האָט ער אויך די סעזאָן־ארטיקלען: שמחת תורה פענער, חנוכה־דריידלעך און פורים־גרעגערס. קליינוואַרג קויפט, כאַפּט פון די הענט, און טאָמער האָט ווער נישט קיין געלט, איז אויך נישט שרעקלעך. יודל גיט אויף קרעדיט, פארשרייבט אפילו נישט, ער ווייסט: מאָרגן וועט מען אים אָפּברענגען דעם חוב.

א שטענדיקער קאָנקורענט אין יודלס מסחר איז געווען נעמה׳לע. זי איז געווען פונקט דער היפך פון יודלען. ער, יודל, איז געווען א הויכער, א דאַ־רער, א שנעל־באוועגלעכער, און זי, נעמה׳לע — א פּיצלס, א ליליפּוטל און א דיקס. זי האָט זיך באוויגן לאנגזאם מיט קליינע טריטלעך און האָט אויס־

געזעען, ווי אַן אויסגעפּאַשעטע קינד. מען האָט אין איר נישט דערקענט, אַז זי האָט שוין עטלעכע און דרייסיק יאָר. אַן אָרעמע יתומה געווען, האָט קהל זי חתונה געמאַכט מיט ארקעלען — אויך אַ לילִיפּוט, די זעלבע גרויס, ווי זי און אויך אַן אָרעמער יתום. זי, נעמה׳לע, איז געווען די פּרנסה־געבערין, זי האָט ארומגעטראָגן, אָנגעהאָנגען אויףביידע הענט צוויי גרויסע קוישן מיט סחורה. אין איין קויש איז געווען פאַרשידענע קיכעלעך, שטיקלעך האָניק־לעקעך, גרעטשענע באָבעלעך, אייער־בייגעלעך און פאַרשידענע זיסוואַרג. אין צווייטן קויש איז געווען אַ שלל פון פאַרשידענע שרייב־געצייג: העפטן, פענעס, בלייפעדערס, שניצערס, גומקעס און נאָך אַזעלכע סחורות, וואָס קינ־דער דאַרפן האָבן.

פון פרימאָרגן־אָן איז נעמה׳לע ארומגעגאַנגען מיט אירע קוישן סחורות אין די שולן: תרבות־שול, פאָלקס־שול, תלמוד־תורה און אין די אַלגעמיינע שולן פאַר יידישע קינדער. אָט די ערטער זענען געווען איר האַנדלס־שטח. בייטאָג, ווען די שולן זענען געווען געשלאָסן, האָט נעמה׳לע אריבערגעטראָגן איר באַוועגלעכע קראָם אין סקווער פון סטאַרי רינעק, וווּ עס האָבן זיך גע־פונען פיל קינדער.

ווען זי האָט זיך באַוויזן מיט אירע צוויי ברייטע קוישן ביי די זייטן, וואָס זענען געווען אַזוי גרויס, ווי זי אַליין, האָט זי אויסגעזען, ווי אַ באַוועגלעכע פּיראַמידע. צוליב איר קאָמישן, קליינעם און ברייטן אויסזען האָבן די קינדער איר ארומגערינגלט, ווי נאָר זי האָט זיך באַוויזן, שטיפעריש געשפּאַסט מיט איר און געקויפט אירע סחורות.

נאַטירלעך איז יודל נישט געווען צופרידן פון דעם, וואָס נעמה׳לע איז אים משיג גבול און קומט מיט איר מסחר אין זיין שטח, אין סקווער פון סטאַ־רי רינעק, אויף וואָס ער האָט שוין פון לאַנג אַ חזקה. ער האָט זיך אָבער מיט איר קיינמאָל נישט געקריגט, נאָר, ווען זי האָט זיך באַוויזן, פלעגט ער מאַכן אַ באַוועגונג, אַ ביסל מיט דער האַנט און מער מיט די בלינדע אויגן, וואָס זע־נען דערביי אינגאַנצן ווייס געוואָרן — ווי איינער זאָגט: „וואָס זאָל איך מיט איר טאָן? זי דאַרף דאָך אויך לעבן״. דערפאַר פלעגט יודל אויך אַמאָל זיך אריינכאַפּן מיט זיין קראָם אין וועלכער עס איז שול, וואָס האָט געהערט צו נעמה׳לעס האַנדלס־שטח.

נאָך אַ שטענדיקן מסחר צווישן עולם אין סקווער האָט געפירט צלאָווע די קלעפּקעליכע. זי איז אַ קאַליקע געווען צלאָווע, ביידע פיס פּאַראַליזירט. זי האָט נישט געקאָנט ארומגיין, איז זי געזעסן אויף אַ קליין בענקעלע און מיט דעם בענקעלע אַזוי מאַניפּולירט, אַז זי האָט זיך דערמיט גערוקט אין אַלע זייטן, וווּ זי האָט נאָר געוואָלט. אין שויס איז ביי איר געשטאַנען אַ שיסל אויסגעזאָדענע ארבעס מיט באָב צעטיילט אויף העלפט: אַ האַלבע שיסל מיט גרויסע געלע ארבעס, און אַ האַלבע שיסל מיט גרויסן ברוינעם באָב, באַשאָטן

מיט פעפער. אינמיטן שיסל איז געשטאַנען דאָס שבתדיקע קידוש־גלעזל, וואָס האָט א גאַנצע וואָך צוגעהאָלפן צו דער פּרנסה. זי האָט פאַרקויפט בײַ־ליק — פינף גראָשן א קידוש־גלעזל אַרבעס מיט באָב געמישט צוזאַמען. אַלס צולאָג האָט זי נאָך צוגעגעבן דעם קונה א ברכה. דער אינהאַלט פון דער ברכה איז געווען אָפּהענגיק פון דעם קונה׳ס עלטער: א ייִנג ייִנגל האָט זי געווינ־טשן, אַז צו זײַן בר־מצווה זאָל מען עסן אַזאַ באַטעמטן באָב מיט אַרבעס; א דערוואַקסענעם בחור אָדער מיידל — אַז צו דער חתונה אם ירצה השם זאָל מען אַזעלכעס עסן; א בעל הבית׳ל אָדער אַ יונג ווײַבל איז די ברכה געווען: צו עסן אַזאַ מאכל אי״ה אויף א ברית. עלטערע — בײַ אן אייניקל, אור־איי־ניקל א. א. וו.

א גאַנצן טאָג איז צלאָווע אַרומגעפאָרן אויף איר קליין בענקעלע מיט דער גרויסער שיסל סחורה צווישן עולם אין סקווער. פאַרנאַכט, ווען דער עו־לם הויבט אָן גיין אין שול אַריין צו מנחה־מעריב, האָט זי זיך באַזעצט האַרט בײַם טויער פון שול מיט דער שיסל אויף די קני. די פּאַרע פון הייסע אַרבעס מיט באָב געמישט מיטן שאַרפן ריח פון פעפער זעצט אין נאָז פון די פאַר־בײַגייער, און דער עולם מוז נאָכגעבן דעם יצר־הרע און קויפט. אפילו ווינטער אין א קעלט זיצט אויך צלאָווע אויף איר בענקעלע מיט איר סחורה. דערבײַ האַלט זי אַ פײַערטאָפּ מיט גליענדיקע קוילן צו וואַרעמען זיך. זי איז אויך מכבד א געפרוווירענעם קונה צו דערוואַרעמען זיך בײַ איר טאָפּ.

א דאַנק די גוטע „געאָגראַפישע לאַגע” פון דעם סקווער, וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמע צענטער פון ייִדישן געגנט, צווישן ריין־ייִדישע גאַסן און מען האָט געקאָנט אין אים „אַרײַנשפּרינגען”, ווען מען האָט געוואָלט, צו־ליב זײַן נאָענטקייט; א דאַנק זײַן ייִדישלעכער היימישקייט, וואָס מען האָט געקאָנט אין אים קומען אין די געוויינלעכע שטוב־בגדים, נישט געדאַרפט זיך ספּעציעל איבערטאָן. מען האָט אפילו געקאָנט דאָרט איבערלאָזן אַליין, אָן א באַזונדערער השגחה, א שלאָפנדיק קינד אין וועגעלע, און דערווײַל זיך אַרײַנכאַפּן אין שטוב צוגרייטן דעם מיטאָג — איז דער סקווער און דער גאַנ־צער סטאַרי רינעק געווען דאָס פּאָפּולערסטע און באַוועגלעכסטע אָרט אין ייִדישן שעדלעץ פאַר דערוואַקסענע און פאַר קינדער.

יאָ, געווען אַמאָל א ייִדישע גאַס — סטאַרי רינעק.

און ווען דער בלוטיקער משחית האָט פאַרטראַכט דעם טײַוולאָנישן פּלאַן אײַנצושליסן די שעדלעצער ייִדישע עדה אין א לעבעדיקן קבר — אין געטאָ — איז דער סטאַרי רינעק געווען די שוועל פון דעם קבר.

דער אויסגאַנג אויף דער וואַרשעווער גאַס איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן מיט א וואַנט פון שטעכל־דראָט. בײַ דער זײַט, צווישן פּילסודסקי־דענקמאָל און קהל׳שע געוועלבן איז אויפגעשטעלט געוואָרן א טויער צו דעם לעבעדיקן קבר. איבערן טויער — אַן אויפשריפט מיט גרויסע פעטע אותיות: „דער ייִ־

טשער און פוילישער באפעלקערונג איז פארבאָטן אריינצוגיין אין יידישן קוואַרטאַל צוליב דער הערשנדיקער עפידעמיע". אַ פּאָליציאַנט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן ביים טויער אָפּצוהיטן עס זאָל ווער ניט פון די פאַרשפאַרטע יידן אין לעבעדיקן קבר נישט ארויסכאַפּן זיך אַמאָל אינדרויסן, אין דער פרייער וועלט. און פון דרויסן זאָל אַמאָל נישט ווער זיך אריינכאַפּן צו די פאַרשפאַרטע און ברענגען זיי עפּעס הילף: אַ שטיקל ברויט אָדער עטלעכע קאַרטאָפל.

די צווייטע אויפגאַבע פון פּאָליציאַנט ביים געטאָ־טויער איז געווען, אין די פרימאָרגן־שעהן עפענען דאָס טויער און ארויסלאָזן די שקלאַפן־יידן, וואָס זענען אין מאַרש געפירט געוואָרן צו זייער טאָג־טעגלעכער קאַטאָרגע־אַרבעט, און פאַרנאַכט צוריק אריינלאָזן די אויסגעמאַטערטע און דערשעפּטע, וואָס שלעפּן זיך צוריק „אַהיים" פון זייער וויסטער אַרבעט.

און נאָך אן אויפגאַבע האָט געהאַט דער וואַך־פּאָליציאַנט ביים געטאָ־טויער, וואָס האָט אים נישט געלאָזט רוען: דאָס כסדרדיקע עפענען און פאַרמאַכן דעם טויער פאַר דער שוואַרצער עגלה, וואָס איז פון פרימאָרגן ביז ביינאַכט געווען טעטיק ביים אויפקלויבן און אוועקפירן אויפן בית עולם די גרויסע צאָל מתים, וואָס עס האָבן געליפערט מיט אַזאַ שפע די צוויי שליחים פון מלאך־המוות אין געטאָ — פון איין זייט די ווילדע הוליאַנקעס פון די צעירשעטע מערדער־באַנדעס, און פון דער צווייטער זייט — דער הונגער, ענגשאַפט און שמוץ, און דער קאָנסעקווענטער רעזולטאַט — די עפידעמיעס, וואָס די באַדינגונגען האָבן אַרויסגערופן.

דאָ ביי דער וואַנט פון שטעכל־דראָט אויפן סטאַרי רינעק נאָענט פון געטאָ־טויער, איז געווען דאָס ליבלינגס־אָרט, וווּ צווילדעוועטע דייטשן זענען געקומען זיך פאַרוויילן, אַמוזירן — און דאָס איז געווען פון די טאָג־טעגלעכע זאַכן — זיי זענען באַנדעסווייז אַרויסגעקומען צו דעם טויער אויף יאַגד, צעזעצט זיך ביי סערווירטע טישן, וואָס דער יודנראַט האָט געמוזט צושטעלן, און בעתן פרעסן און זויפן — געצילט זייערע קוילן, דורך דער נעץ פון שטעכעדיקן דראָט, אין די פאַרשפאַרטע יידן, וואָס האָבן זיך נאָר הינטער די דראָטן באַוויזן. און אַז דער געטראָפענער קרבן האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אומגעפאַלן אויפן ברוק, האָט זיך איבער דער גאַס צעטראָגן אַ הויך ווילד געלעכטער. מען האָט אָנגעקלאַפּט אין די אָנגעגאָסענע גלעזער און געטרונקען לכבוד דעם זיג פון דייטשן געווער, וואָס טרעפט שטענדיק אין ציל.

באַלד נאָך דעם איז געקומען די עגלה און אוועקגעפירט די קרבנות אויפן בית עולם.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז דאָס פייער, וואָס די וואַנדאַלן האָבן אונטערגעצונדן ביים פאַרברענען די קהלה־בנינים מיט דער שול און בית המדרש, האָט אויסגעמיטן דריי פון די געוועלבער, וואָס קהל האָט אַמאָל דאָ, אין שכנות פון שול, אויפגעבויט צוליב הכנסה־צוועקן: זיי האָבן געדינט פאַר יאַט־

קעס, ווו מען האָט פארקויפט כשר פלייש. אָט די אומשולדיקע געוועלבער זענען פון די תלינים פארוואנדלט געוואָרן אין יאטקעס פון יידישע לעבנס. דאָ איז געווען די געטאָ־תפיסה און ווי איז געווען צו דעם, וואָס האָט געהאט דאָס אומגליק דאָ אריינצופאלן. פון דאנען האָט דער וועג געפירט שוין צום בית הקברות.

פיל טראגישע געשיכטעס גיט מען איבער, וואָס האָבן זיך דאָ אָפּגע־שפּילט אין די דריי געוועלבער אין דער צייט פון געטאָ־רעזשים. דאָס טרויע־ריקע קאפּיטל „געטאָ־תפיסה" האָט זיך אָפּגעשלאָסן מיטן פארשפּארן דאָ נאָך דער ליקווידאציע פון גרויסן געטאָ די דרייסיק מיידלעך און פרויען, וואָס זענען דאָ עטלעכע שעה געפייניקט געוואָרן איידער זיי זענען אָפּגעפירט גע־וואָרן אויפן בית עולם און דערשאָסן געוואָרן (גענויער וועגן די טראגיש־אומגעקומענע דרייסיק פרויען — אין א ווייטערדיקן קאפּיטל).

באלד אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה־וואקכאנאליע, ווען די שטאָט, א הפקר־געלאָזענע, איז פון שונאס אעראָפּלאנען באהאָגלט געוואָרן מיט פייער און טויט, האָט אויך דער סטארי רינעק, ווי אלע אנדערע יידישע גאסן, געגעבן זיין צושטייער: א ריי הייזער ביים עק ווארשעווער גאס זענען אוועק אין פלאמען, אָדער צעקלאפּט געוואָרן און איינגעפאלן, באגראָבנדיק אונטער זיך זייערע איינוווינער.

שפּעטער, בעת דער ליקווידאציע פון געטאָ, האָבן א גרופּע פון עטלעכע און צוואנציק אומגליקלעכע יידן אין דעם ווינקל־גאס, צווישן די חורבות און גרוז, אין א פינצטערן זייטיקן קעלער זיך געמאכט אן אונטערערדישן בונקער און דאָרט זיך אויסבאהאלטן א גאנץ יאָר. זומער 1943 איז צופעליק אן אויטאָ מיט דייטשן ארויפגעפאָרן אויף דעם קעלער־בונקער. דער דאך, וואָס איז געווען באוואָרפן מיט א שיכט ערד און גראָז האָט זיך איינגעבראָכן און די באהאלטענע יידן זענען אנטדעקט געוואָרן.

די אומגליקלעכע זענען געשמידטע אין קייטן געהאלטן געוואָרן עטלעכע וואָכן אויפן בית־עולם, ווו זיי זענען געצוווּנגען געוואָרן צו ארבעטן ביים פארברענען מתים, וואָס האָבן זיך דאָרט געוואלגערט אזוי פיל, און אויפרוי־מען אנדערע שפּורן פון די דייטשע פארברעכנס און גרויל־טאטן, ביז זיי זע־נען פון דער שווערער ארבעט, הונגער און פּיין אויסגעגאנגען.

אין יענעם פינצטערן טאָג פון לעצטן גזר־דין פון די שעדלעצער יידן, וואָס די תלינים האָבן גערופן סעלעקציע; ווען דער אלטער בית עולם איז שוין געווען איבערפולט און נישט געקאָנט אריינעמען אין זיין שטח די גאנצע גרויסע עדה, איז דער עקזעקוציע־פּלאץ אויסגעברייטערט געוואָרן אויך אויף דעם שכנותדיקן סטארי רינעק און זיין סקווער. די אמאָליקע אזוי היימישע און ליבע ערד האָט, אזוי ווי דער אַלטער בית־עולם אין זיך אַריינ־געזאפּט די לעצטע טרערן און בלוט פון די פארפייניקטע קרבנות.

פונקט, ווי דאָרטן אויפן בית־עולם־אומשלאג־פּלאַץ, אזוי אויך דאָ אין סקוועד, רוט די קללה פון דער צייט: כאָטש די ערד דאָ איז פּעט געוואָרן מיטן בלוט פון דער פאַרפּייניקטער עדה, און כאָטש שוין עטלעכע יאָר, ווי דאָ שפּרינגען מער נישט ארום די פּיסלעך פון יידישע קינדערלעך, דאָך ליגט די ערד טויט, א נאַקעטע, א פאַרשעמטע, מיט נאָך ווייניקער גרינס, ווי אַמאָל.

שטיל איז איצט אויפן סטאַרי רינעק, ווי אויף א בית־עולם. נישטאָ יענע שטיפערלעך, וואָס האָבן אמאָל פאַרקלונגען די גאס מיט זייערע קינדערשע קולות ביים שפּילן זיך אין סקוועד אין „קלאַסן", אין „פערדלעך" און אין „מאַמעס".

דער אלטער שטאָטישער גאָרטן־וועכטער האָט נישט וועמען צו טרייבן מיט זיין גרויסן בעזעם, נישטאָ ווער עס זאָל אים שטערן זיין רו און ער זיצט פויל, פאַרלייגט די הענט און וואַרעמט זיך אויף דער זון.

נישטאָ קיין צייכן פון יענע שווארץ־גלאַנציקע דראָזשקעס מיט זייערע גראַנאַט־מונדירטע בעלי־בתים, וואָס דער סטאַרי רינעק איז געווען פול מיט זיי; נישטאָ יענע ברייטע שווערע פּראָווינצער וועגענער מיט זייערע ברייטע באוואַקסענע באַלעגאַלעס; נישטאָ די טרעגערס מיט די ארומגעבונדענע שטריק ביי די לענדן אויסגעזעצטע אויף דער אייזערנער באַריערע פון סקוועד, נישטאָ קיינער פון יענע סוחרים, באַלעבאַטים, בוררים, בית־המדרש־לערנער און סתם יידן פון דער גאס, וואָס דער סקוועד פון סטאַרי רינעק איז געווען זייער צווייטע היים.

שטיל איז אויף דער גאס, ווי אויף א בית עולם. געהילט אין אבלות שטייען די עטלעכע געבליבענע הייזער, וואָס דעם שונאס דינאַמיט און פייער האָבן נישט פאַרשלונגען. שווארצע, ארומגעהאַקטע, קאַלט־פרעמדע, בלויז די קליינע שילדלעך ביי זייערע טויערן דערציילן זייער אמאָליקן יחוס און מיר לייענען: יורשים פון ח. ש. יאַבלאָן, רייכענבאַך, ניסמאַן, רידעל — הויז נומער 9. דאָ ווערן די פיס ווי אונטערגעהאַקט, שטעלן זיך אויטאָמאַטיש אָפּ. א שוידערלעכע קעלט לויפט אדורך אין די ביינער. דער בליק עסט זיך איין אין די אָפענע פענצטער פון צווייטן שטאָק, ווו עס האָבן געוווינט די עלטערן און די משפּחה פון מיין פרוי.

דאָס האַרץ קאָרטשעט זיך פאַר ווייטיק ביים איינקוקן זיך אין דער שטוב, וואָס האָט מיך מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק מיט אַזוי פיל ליבע אויפגענומען און איינגעשלאָסן פאַר אַן אייגענעם, געוואָרן א מיטגליד אין דער משפחה יום־טוב, איבערגעפלאַנצט זיך אין דער שטאָט. וויפל שיינע דראַיבערונגען טויכן־אויף אין באַוווסטזיין, וויפל הערלעכע זכרונות פון יענער צייט זעצן אין מוח, מישן זיך אויס אין אומענדלעכן ים פון יסורים, טרויער, און ווערן אין אים דערטרונקען, פאַרשוואונקט, פאַרפּלייצט.

פון דער־אַ שטוב פאַרשלעפּט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים אין תפי־

סה, אין לאגער, געלאָזן דאָ אין דער שטוב אַ גרויסע משפּחה. אין א רגע ווערט געבוירן אַ ווילן, א בענקשאַפט אַרויפצוגיין אָנקוקן די היימישע ווענט, דאָס היימישע מעבל — נאָר די פיס פאָלגן נישט, זיי שטייען, ווי געליימטע. אין געראַנגל פון ברויזנדיקע געפילן, צווישן יאָ און ניין, איז גובר דאָס געפיל פון ניין, פון נישט ווילן מער אָנקוקן דאָס אָרט פון וואַנען מיינע נאָענטסטע און טייערסטע זענען געפירט געוואָרן צו דער עקדה.

דורך די אָפענע פענצטער קוקן ארויס די זעלבע מלבושים־שענק, די זעלבע ספרים־שענק, וואָס זענען געשטאַנען אמאָל. איך זע די זעלבע לאָמפּן, אפילו די זעלבע בלומען־טעפּ פון אמאָל. און ווען אין די פענצטער באַווייזן זיך אויך פּנימער אומבאַקאַנטע מיט אויגן בייזע, וואָס קוקן מיט קאַלטער פרעמדקייט, פאַרווונדערונג און חוזק, קאָן שוין דער בליק און נאָך מער דאָס האַרץ נישט אויסהאַלטן און איך גיי אוועק, ניין איך לויף אוועק, אוועק פון דאַנען.

ב. דלוגע גאַס

מיר געפינען זיך אויף דער צווייטער גאַס פון לעבעדיקן געטאָ־קבר — די דלוגע, וואָס האָט אין יאָר 1927, ווען די סאָציאַליסטן האָבן געהאַט אַ מער־הייט אין שטאָט־ראַט, באַקומען דעם נאָמען „ערשטער מאַי".

ביידע עקן גאַס אין מזרח און אין מערב זענען געווען באַוווינט אויך פון נישט־יידן. דאָ זענען געווען צענטראַלע אינסטיטוציעס פון גרויסן פאַרנעם, ווי דער גרויסער קאַטעדראַלער קאָשטשאָל פון איין זייט און פון דער צווייטער — דאָס קרייז־געריכט, פּאָסט־געביידע, פּרויען־גימנאַזיע און אַנדערע.

אָבער די מערהייט איינוווינער זענען געווען יידן פון פאַרשידענע קרייזן. דאָ האָבן געוווינט דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ און פּשוטע „עמך"־יידן: גרעסערע סוחרים און אָרעמע בעלי־מלאָכות, אַרבעטער און „שיינע יידן", חסידים, לומדים און זיי האָבן דער גאַס צוגעגעבן א יידישן כאַראַקטער און אויסזען.

אין די ערשטע בלוטיקע מלחמה־טעג, נאָך איידער די שטאָט איז פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשע מערדער־באַנדעס, ווען זייערע לופט־שיפן האָבן לויט א באַשטימטן פּלאַן און סדר „צופעליק" באַוואָרפן מיט פייער, דינאַמיט און טויט, די ריין־יידישע גאַסן אין שטאָט — האָבן די נישט־יידישע טיילן פון דער דלוגע גאַס נישט געקאָנט מגין זיין אויף איר יידישן טייל און איר גרעסטער העלפט איז אויסגעגליכן געוואָרן מיט דער ערד אָדער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וויסטע חורבות; צווישן אַנדערע אויך דאָס פּאָפּולערע „ישראל־יחיאלס בית המדרש'ל" און דאָס א. ג. „פּעטערבורגער" שטיבל.

די שטעכיקע דראָטן פון געטאָ־פּארקאַן האָבן פאַרשטעלט ביידע עקן גאַס: פון איין זייט ביי דער קאָכאַנאָווסקע, אָפּגעטיילט פון געטאָ דעם שטח פון קאָשטשאָל, פון דער צווייטער זייט איז געווען א וואַנט פון שטעכל־דראָט ביי דער סאַנדאָווע־פּוסטע גאַס, וואָס האָט אָפּגעטיילט פון געטאָ דעם שטח פון קרייז־געריכט.

שטעכיקע דראָט־פאַרצוימונגען זענען אויך געווען ביי דער דורכגאַנג־גאַס: בערעק יאָסעלעוויטש, מאַלע און אַזשעשקאָווע, וועלכע האָבן אָפּגע־שלאָסן און פאַרמאַכט דעם וועג, וואָס האָט געפירט פון דלוגע אויף דער וואַר־שעווער גאַס ארויס.

דאָ און דאָרטן טרעפן מיר נאָך פאַרשידענע רעשטלעך, וואָס זענען גע־בליבן פון יענע שטעכל־דראָט־פאַרצוימונגען, וואָס האָבן אַרומגעקלאַמערט די פאַרשפּאַרטע אין געטאָ. ערטערווייז זיצט נאָך א סלופּ איינגעגראָבן טיף אין דער ערד. ערטערווייז וואַלגערן זיך נאָך אויף דער ערד שטיקער דראָטן. און זיי שטעכן די פאַרזשאַווערטע דראָטן, נישט נאָר די פיס נאָר אויך די נשמה און דאָס האַרץ, ווען מען דערמאָנט זיך די פונקציע, וואָס זיי האָבן אויסגעפירט אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט.

עס זענען שטיין געבליבן עטלעכע הייזער צווישן די געסלעך מאַלע און סאַנדאָווע. צווישן זיי געפינט זיך דער דורכגאַנגס־הויף דלוגע־וואַרשעווער. דער הויף איז געווען דאָס פענצטער פון לעבעדיקן געטאָ־קבר אויף דער אַרי־שער זייט ארויס: ווען א היימישער קריסט האָט זיך אמאָל דערמאָנט אין זיין באַקאַנטן יידישן שכן פון ווען ער פלעגט האָבן טובות, האָט ער דורך דעם אריינגאַנגס־הויף אריינבאַזאָרגט א שטיקל ברויט.

דורך דעם הויף איז אויך געגאַנגען דער געטאָ־האַנדל: ווער עס איז גע־ווען א בעלן פאַר א פּאָר קאַרטאָפל צו קריגן א קישן, א מלבוש, א קדושין־רינגל — האָט ער דאָס געקריגן דורך דעם הויף, און אַזעלכע בעלנים זענען געווען א סך אויף „יענער זייט".

אז די דייטשן האָבן זיך דערוווּסט פון דעם דאָזיקן „פאַרברעכן" האָבן זיי אין דעם דורכגאַנגס־הויף אוועקגעשטעלט א הויכע געמויערטע וואַנט, וואָס האָט אוממעגלעך געמאַכט אויף ווייטער אריינצושמוגלען עפּעס לעבנס־מיטל און דערמיט זענען פאַרגרעסערט געוואָרן די טויט־פאַלן פון הונגער אין געטאָ.

אויף די וואַנט איז געבליבן שטיין פאַר א „זכר לחורבן" און זי דערציילט שטומערהייט וועגן פּיין, אכזריות, הונגער און טויט — וואָס האָט זיך הינטער איר אָפּגעטאָן.

און נאָך רעשטלעך טרעפט מען דאָ, וואָס פונדערווייטנס דערמאָנען זיי דעם „אמאָל". עס שטייען אָפענע די זעלבע יאַטקעס, ווי אמאָל אין רויטן ראַגאָוון הויז, באַהאָנגען מיט פאַרשידענע שטיקער פלייש. אַנטקעגנאיבער

שטייט אָפּן דאָס זעלבע גאַלאַנטעריע געוועלב און דער זעלבער אַפּטייק־סקלאַד מיט די זעלבע גרויסע שילדן און אויפשריפטן, ווי אַמאָל. ערשט, אז מען קומט צו נענטער זעט מען, אז נישט יאַנקל טאַבאַקמאַן שטייט דאָרט הינטער זיין בופעט, נישט משה קרוזשעל אין זיין צעלניק־געוועלב און נישט יאַנקל סאַרנאַצקי ביי זיין יאַטקע־קלאָץ, נאָר גאַנץ נייע, פרעמדע באַלע־באַטים, וואָס קוקן אַרויס, ווער מיט אָפענעם און ווער מיט באַהאַלטענעם חוזק אויף די נעבעכדיקע פּאָר יידישע אַדורכגייער.

ג. יודנראט

די דלוגע גאס האָט „זוכה" געווען צו האָבן אין איר גבול צוויי אינסטי־טוציעס פון צענטראַלן כאַראַקטער אין אָפּגעשלאָסענעם געטאָ: דעם יודנ־ראַט, און דעם געטאָ־שפּיטאָל.

ווי דאָס גאַנצע יידישע לעבן מיט אַלע אינסטיטוציעס איז אויך די אַמאָ־ליקע יידישע גמינע אָפּגעשטאָרבן באַלד, ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט.

ס'איז דאָך פאַרשטענדלעך, אז אין דעם מבול פון חשכות און טעראָר, פון כסדרדיקע „לאַפּאַנקעס" און בהלה, וואָס די דייטשן האָבן מיט זיך מיטגע־בראַכט, האָט קיין שום יידישע אינסטיטוציע נישט געקאָנט מער נאָרמאַל אַר־בעטן. אַלע זענען זיי געוואָרן פון זיך אַליין אויפגעלעזט. צוויי אויסנאַמען זענען געווען: די יידישע גמינע אונטערן נייעם נאָמען „יודנראַט" און דער שפּיטאָל.

נאָך אַן איבעררייס אין איר טעטיקייט פון עטלעכע וואָכן, פון תהו ובהו און בלוטיקן טעראָר, איז די יידישע גמינע גערופן געוואָרן צוריק צום לעבן דורך די דייטשן אַליין.

ווי עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, האָבן די דייטשן אַליין זיך גענוי־טיקט אין אַזאַ אינסטיטוציע, וואָס עס האָט זיי אומדירעקט פאַרלייכטערט אַלע זייערע רויבערייען און אויספּרעסונגען פון געלט און חפצים; פון צוש־טעלן אַרבעטס־מענטשן און פון אַלערליי אַנדערע ווילדע פאַרלאַנגען.

סוף אָקטאָבער 1939, איז אַרויס אַ פאַראָרדנונג צו שאַפן אַ יודנראַט פון 25 פּערזאָן.

פאַרשטענדלעך, אז ביי יענע באַדינגונגען, האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד פון וועלכע עס איז וואַלן, נאָר אין רעזולטאַט פון עטלעכע באַראַטונגען פון געזעלשאַפטלעכע עסקנים און פאָרשטייער פון פּאָליטישע פּאַרטייען, איז מען דורכגעקומען אויף אַ צוזאַמענשטעל פון פאָלגנדע פּערזאָנען:

יצחק נחום ווײַנטרויב, ד"ר הענריק לעבל, מנשה טשאַרנאָבראָדע, אייזענ־

בערג הערש, משה ראַטביין, אַדוו. יוסף לאַנדוי, אייזיק ליפּסקער, יוסף ראָ־זענזומען, יהושע עקערמאַן, אברהם אלטענבערג, יואל לעווין, וועלוול באַרג, לעאָן גרינבערג, משה ראדזינסקי, דוד אלטמאַן, יונתן אייבעשיץ, ד״ר לעאָן גלאַזאָווסקי, ד״ר בעלפאַר, ד״ר שאול שווארץ, ד״ר שלמה טענענבוים, אדוו. רובינשטיין, דוד ליבמאַן, משה גרינוואלד, אברהם יוסף קאָרניצקי, בינעם הובערמאַן.

די רשימה איז פאַרגעשטעלט געוואָרן דעם דייטשן לאַנד־ראַט, און איז דורך אים באַשטעטיקט געוואָרן.

שפּעטער, ווען פון די עפּידעמיעס, וואָס האָבן געבושעוועט אין געטאָ זענען געשטאָרבן 3 מיטגלידער פון יודנראַט, מנשה טשאַרנאָבראָדע, יואל לעווין און יונתן אייבעשיץ, זענען אויף זייערע ערטער אריין מענדל גאָלד־בלאַט, ישכר יאַבלאָן און בערל טשעבוצקי.

דער סעניאָר פון די שעדלעצער יידן, דער אלטער ערלעכער עסקן, ר׳ יצחק נחום וויינטרויב איז איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן, ווי אַן ערן־פּאָרזיצער פון יודנראַט, אָבער דאָס האָט נאָר געהאַט אַ דעקאָראַטיווע און מאָ־ראַלישע באַדייטונג. די נייע יידישע אינסטיטוציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין אזא שווערער צייט פאַר די שעדלעצער יידן האָבן דערמיט געוואָלט אַרויס ווייזן זייער ליבע און צוגעבונדנקייט צו דעם אלטן טרייע דינער פון זיין עדה, וואָס איז אַ האַלבן יאָרהונדערט געשטאַנען אין שפּיץ פון די מערסטע קהלה׳־שע און וווילטעטיקע אינסטיטוציעס אין שטאָט און באַזונדער פון דער יידי־שער גמינע און זיי געדינט בלב ובנפש. אָבער אָנצופירן פּאַקטיש מיט אזא פאַרצווייגטע אינסטיטוציע, ווי עס איז געווען דער יודנראַט, און צו זיין אַ שתדלן פאַר זיין עדה ביי די היטלער־מושלים, איז געווען שוין איבער די כוחות פון אזא זקן, ווי ר׳ יצחק וויינטרויב. אלס פאָרזיצער פון יודנראַט איז אויסגעוויילט געוואָרן ד״ר העניק לעבל, דירעקטאָר פון יידישן שפּיטאָל, וואָס איז געווען באַקאַנט אלס מענטש מיט פיל ענערגיע, מיט פיל מענטשלע־כער און יידישער ווירדע און מיט קולטור־קוואַליפיקאַציעס פון גרעסערן אייראָפּעאישן פאַרנעם. ער האָט אין גאַנג פון זיין טעטיקייט אין יודנראַט, ווי אויך אלס דירעקטאָר פון שפּיטאָל, פיל מאָל געוויזן אז ער איז דער ריכטיקער מענטש אויף זיין אָרט. (ביי יענע באַדינגונגען פאַרשטייט זיך).

צוויי אומשטענדן זענען געווען די גורמים, אז דער יודנראַט זאָל שטאַרק זיך צעוואַקסן און ווערן אַ דינאַמיש־פאַרצווייגטע אינסטיטוציע, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שייכות צום דעמאָלטיקן לעבן פון דער געפּלאָגטער עדה. פון איין זייט זענען דאָס געווען, די ווילדע פאַר־לאַנגען פון די דייטשן, זייערע נישט געצוימטע אַפּעטיטן אויף יידיש פאַר־מעגן, אויף יידישע לעבנס, אויף אַרבעטס־מענטשן; דער מבול פון דיסקרי־מינאַציע־פאַראָרדנונגען, וואָס האָבן זיך אָן אויפהער געשיט אויף די יידישע

קעפּ (און דאָס אַלץ, דורך דעם אַדרעס פון יודנראַט) און פון דער צווייטער זייט: די נויט פון די געפּלאָגטע יידן — די מאַטעריעלע, פיזישע, פּסיכישע, היגיעניש־מעדיצינישע באַדינגונגען און אַלע אַנדערע סאָרטן ליידן און פּיין, מיט וואָס אונזערע אומגליקלעכע בני־עיר זענען געווען אַזוי איבערפולט און זענען אין מאָמענטן פון פאַרצווייפלונג און נויט געקומען זוכן שוץ און הילף אין יודנראַט — אָט די צוויי אומשטענדן זענען געווען די גורמים, וואָס דער יודנראַט איז אויסגעוואַקסן מיט אַזאַ גרויסן פאַרנעם, מיט אַזוי פיל אָפּטיילונגען און רעסאָרטן און מיט אַזאַ גרויסן שטאַב פון באַאַמטע.

די אַרבעט פון יודנראַט איז פאַרטיילט געוואָרן אויף פאָלגנדע רעסאָרטן:

אַלגעמיינע ענינים — לייטער: העשל אייזנבערג; פינאַנסן — מנשה טשאַרנאָבראָדע; אַרבעט — משה ראַטביין; סאָציאַלע הילף — אדוו. יוסף לאַנדוי; אַפּראָוויזאַציע — אברהם אַלטנבערג; געזונטהייט — ד״ר לעבעל; יורידישע — לעאָן גרינבערג.

אַלע רעסאָרטן און אָפּטיילונגען זענען געווען גענוג פאַרצווייגט און פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. די אַממערסטן דינאַמישע און רירעוודיקסטע זענען אָבער געווען די רעסאָרטן, וועלכע האָבן געהאַט אויפגאַבן צו באַדינען די ווילדע דייטשע אַפּעטיטן. צו זיי האָבן געהערט: דער אַרבעטס־רעסאָרט, וואָס האָט געדאַרפט צושטעלן פאַר זיי אַרבעטס־שקלאַפן, און דער פינאַנס־רעסאָרט, וואָס האָט כסדר געמוזט אויספּרעסן געלט פון די אויסגעמאַטערטע יידן, כדי צו צאָלן די סטאַבילע קאָנטריבוציעס און אַנדערע חשבונות, וואָס די דייטשן האָבן אָן אויפהער אַרויפגעלייגט אויפן יודנראַט. אַ שטאַרקע טעטיקייט האָבן אויך אַנטוויקלט די רעסאָרטן, וואָס האָבן געהאַט צו באַדינען די אייגענע איינערלעכע נויטן, ווי: סאָציאַלע הילף, געזונטהייט א. א. וו.

אויסער דעם זענען געווען ספּעציעל אויסגעטיילטע פאַרבינדונגס־מענער צווישן יודנראַט און דייטשע אַמטן. דער לאַנגיאָריקער סעקרעטאַר פון דער יידישער קהלה, הערשל טענענבוים איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרבינדונגס מאַן צווישן יודנראַט מיט דער געסטאַפּאָ. זיין אויפגאַבע איז געווען: יעדן פרימאָרגן קומען צו דער געסטאַפּאָ, איבערנעמען זייערע ווילדע סאַדיסטישע פאַרלאַנגען, וואָס דער יודנראַט דאַרף זיי אויספירן.

דער צווייטער קהלה־אָנגעשטעלטער, עזריאל פרידמאַן איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרבינדונגס־מאַן צווישן יודנראַט און דייטשן אַרבעטס־אַמט און מיט דער זשאַנדאַרמעריע. זיין אויפגאַבע איז געווען: צוצושטעלן יידן־שקלאַפן צו אַלערליי עבודות פרך, וואָס די דייטשן האָבן סיסטעמאַטיש געפאָדערט פון יודנראַט.

ד. קאָנטריבוציעס

אין אָקטאָבער 1939, אין ערשטן טאָג פון זיין באַנייטער טעטיקייט, האָט דער יודנראַט באַקומען אַן אויפפאָדערונג פון דער דייטשער מאַכט צו באַצאָלן צען טויזנט זלאָטעס קאָנטריבוציע, וואָס איז ארויפגעלייגט געוואָרן אויף דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען בלויז אַן אָנהויב, ווייל באַלד נאָך דעם האָבן זיך אויפן אַדרעס פון יודנראַט אָנגעהויבן שיטן אומאויפהערלעכע פאָדערונגען פון קאָנטריבוציעס. אַזוי איז אין עטלעכע וואָכן שפּעטער, אין דעצעמבער פון זעלבן יאָר, געקומען אַן אויפפאָדערונג צו באַצאָלן צוואַנציק טויזנט זלאָטעס; אין נאָוועמבער 1940 — שוין הונדערט טויזנט זלאָטעס; אין מערץ 1941 — הונדערט טויזנט און פון יאַנואַר 1942 ביז די ענדגילטיקע פאַרניכטונג פון די יידן אין שעדלעץ, איז דאָס צאָלן די קאָנטריבוציעס געוואָרן אַ סטאַבילע זאַך — אַן אָפּצאָל פון הונדערט טויזנט זלאָטעס יעדן חודש.

א חוץ קאָנטריבוציעס אין מזומן געלט, זענען געווען כמעט טאָג־טעגלעכע אויפפאָדערונגען אויף קאָנטריבוציעס אין נאַטור, ווי: מעבל, גרעשיר, וועש, מלבושים, פוטערוואַרג, צירונג, וואָס די דייטשן האָבן געהאַלטן אין איין אויספּרעסן פון די יידן.

אין דעצעמבער 1941, האָבן די דייטשן באַפוילן דעם יודנראַט צוצושטעלן זיי אַלע פוטערס און פוטער־אויסאַרבעטונגען, וואָס געפינען זיך ביי די יידן.

די געפּלאָגטע יידן, וואָס האָבן אליין אין גרעסטן טייל געליטן הונגער און נויט, געווען באַרויבט פון די עלעמענטאַרסטע נויטווענדיקייטן, נישט געהאַט קיין שום עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן און געלעבט נאָר פון דעם, וואָס מען האָט אויספאַרקויפט פון שטוב ארויס, האָבן אַלץ געמוזט אָפּגעבן דעם יודנראַט אויף צו דעקן די ווילדע פאַרלאַנגען פון קאָנטריבוציעס און אויספּרעסונגען.

אויסער קאָנטריבוציעס פון געלט, חפצים און אַרבעטס־מענטשן, האָבן די וואַנדאַלן אויסגעפּרעסט נאָך אַ סאָרט קאָנטריבוציעס, וואָס זייער צוועק איז געווען נישט אַזוי אין דעם מאַטעריעלן נוצן, וואָס די קאָנטריבוציע האָט זיי געגעבן, ווי אין פאַרשאַפן די יידן מאָראַלישע און פסיכישע ליידן, דערנידעריקן זייערע מענטשלעכע און יידישע געפילן דורך מאַכן דעם יודנראַט פאַר אַ ווערקצייג קעגן זייערע אייגענע ברידער און אויסנוצן אים צו אָפּראַבירן זייערע ווילדע רויבערישע און מאָרד־מעשים. דאָס איז געווען פאַר די אומגליקלעכע יידן פיל שמערצלעכער, ווי די מאַטעריעלע קאָנטריבוציעס און אויספּרעסונגען.

אַזוי, למשל, זענען די וואַנדאַלן געקומען אין יודנראַט ענדע דעצעמבער 1939, צומאָרגנס נאָך דעם, ווי זיי האָבן פאַרברענט די שול מיטן בית־

המדרש און געפאָדערט פון יודנראַט א באשטעטיקונגס־דאָקומענט, אז די שול מיטן בית־המדרש זענען אליין פארברענט געוואָרן פון אן אומבאוווסטער סיבה.

פורים, אין יאָר 1942, האָבן די מערדער געכאפט און אַרעסטירט צען יידן, זיי פארשלעפט קיין סטאַק־לאצקי (א דאָרף לעבן שעדלעץ) און זיי דאָרט דערשאָסן לויטן באפעל פון שעף פון רעגירונגס־ראַט ביים ארבעטס־אמט — זארגער, מיטן אויסרייד, אז זיי האָבן נישט געוואָלט אַרבעטן.

דער יודנראַט איז געצוווּנגען געוואָרן צו פארעפנטלעכן א באַקאַנטמאַ־כונג, אז די דייטשן זענען גערעכט און זייער פסק־דין פון אומברענגען די צען יידן איז א גערעכטער.

צווישן פיל אנדערע ווילדע קאָנטריבוציעס איז באזונדערס כאראַקטע־ריסטיש די אויפפאָדערונג פון דער געסטאַפּאָ צום יודנראַט, צוצוגרייטן און איינצואָרדענען מיט אלע באקוועמלעכקייטן (אויף זיינע קאָסטן פארשטייט זיך) א שאנד־הויז פאר די ריין־ראַסיקע דייטשן, אין העשע קאפּלאנס הויז אויף פּיענקנע 11.

זומער 1942 האָבן די דייטשן געפאָדערט פון יודנראַט צוצושטעלן פאר־שידענע פאַכלייט מיט זייערע מאשינען און ארבעטס־מכשירים. דער יודנראַט האָט עפנטלעך באַקאַנט געמאַכט, אז מען דאַרף אזעלכע פאַכלייט. די צוגע־שטעלטע יידן מיט זייערע ארבעטס־מכשירים זענען ערגעץ־ווּ אוועקגעשיקט געוואָרן. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אז די דערמאָנטע פאַכלייט האָט מען אָפּטראַנספּאָרטירט אין פארניכטונגס־לאַגער.

דעם 22־טן אויגוסט, דעם שוואַרצן שבת, ווען אין שטאָט זענען אָנגעקו־מען די באנדע רוצחים אדורכצופירן די שחיטה, וואָס איז באַקאַנט אלס „די ערשטע אקציע", האָט די געסטאַפּאָ אויפגעפאָדערט דעם יודנראַט צוצושטע־לן הינער, ווייַן און ווייס געבעקס צום מיטאָג, וואָס די תליינים האָבן גע־פראַוועט אויפן אומשלאַג־פּלאַץ בעת דער סעלעקציע.

שפּעטער, ווען דער יודנראַט האָט ווידער באַנייט זיין טעטיקייט (אין א פארקלענערטער פאָרם) אין קליינעם געטאָ, איז ער אויפגעפאָדערט געוואָרן פון די דייטשן צו באצאָלן די שטאָטישע פייערלעשער פאר זייער ארבעט ביים מיטהעלפן פייניקן די יידן: פאר גיסן אויף זיי וואַסער, ווען זיי זענען געמא־טערט געוואָרן יענעם שבת אויפן אומשלאַג־פּלאַץ.

—*—*—

די ערשטע צוויי חדשים פון זיין עקזיסטענץ האָט דער יודנראַט געהאַט זיין זיץ־אָרט אין לאָקאַל פון דער יידישער גמינע אין קהלה־שטוב. סוף דע־צעמבער 1939, נאָך דעם, ווי די וואַנדאַלן האָבן פארברענט די שול, דעם בית המדרש מיט דער קהלה־שטוב, האָט דער יודנראַט זיך אריבערגעטראָגן אין לאָקאַל פון דער ביבליאָטעק ביים „הזמיר" (פּילסודסקי־גאַס 61) די ביב־

ליאַטעק איז שוין דעמאָלט געווען צעראַבירט, חרוב און פֿאַרמאַכט.

א קורצע צייט שפּעטער איז דער לאָקאַל געפֿעלן געוואָרן די דייטשן פֿאַר זייערע צוועקן און זיי האָבן אויפֿגעפֿאָדערט דעם יודנראַט אים צו פֿאַרלאָזן. דער יודנראַט האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף שענקעוויטשאַ 14. שפּעטער אַריבער אויף פּילסודסקי 34 (עפּשטיינס הויז) און דאַן ווידער אויף פּילסודסקי 14 (שמערל גרינבערגס הויז).

מיטן אָפּשליסן פֿון געטאָ, האָט דער יודנראַט ענדלעך געפֿונען זיין מקום־מנוחה אין הויז פֿון צעלניקס יורשים אויף דלוגע 36. דער הויף איז געוואָרן דער עמק הבכא אין אָפּגעשלאָסענעם געטאָ. אַהער זענען געקומען אַלע בייטערע פֿאַראָרדנונגען, אַלע בלוטיקע גזירות און ווילדע פֿאַרלאַנגען, וואָס די וואַנדאַלן האָבן נאָר געקאָנט אויסטראַכטן, בכדי צו שענדן און צוצורויבן די לעבנס און פֿאַרמעגנס פֿון די פֿאַרשפּאַרטע יידן אין געטאָ. אַהער זענען געקומען אַלע פֿאַרצווייפֿלטע און צעבראָכענע יידן אויסצוגיסן פֿאַר די יודנראַט־מיטגלידער זייערע אָנגעווייטיקטע הערצער. ווער אין נאַיוון גלויבן, אַז דער יודנראַט קאָן עפּעס אויפֿטאָן, כדי אָפּצושרייען אַ שלעכטע גזירה און ווער גלאַט אַזוי זיך אַראָפּרעדן אַ ביסל פֿון האַרץ אין אַ מינוט פֿון צער און נויט.

אַהער אין יודנראַט זענען געקומען אין דער אָפּטיילונג פֿאַר סאָציאַלער הילף, אַלע הונגעריקע און געשוואָלענע. זיי זענען געקומען זוכן אַ שטיקל ברויט מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער.

יעדן פֿרימאָרגן זענען אין הויף פֿון יודנראַט זיך צונויפֿגעקומען הונדערטער יידן, וואָס זענען אַרויסגערופֿן געוואָרן צו שטעלן זיך צו שקלאַפֿן־אַרבעט פֿאַר די דייטשע רוצחים. אין שכנותדיקן דורכגאַנגס־געסל פֿון דלוגע אויף בראָוואַרנע האָט מען זיי אויסגעשטעלט אין רייען און אונטער דער קאָמאַנדע פֿון אָרדנונגס־דינסט־פּאָליציי, אָפּגעפֿירט זיי אויף פֿאַרשידענע פּלעצער צו עבודת פּרך אין שטאָט און אויסער דער שטאָט.

ה. טראַגישער סוף פֿון יודנראַט

דעם זעלבן טאָג, ווען עס איז ליקווידירט געוואָרן דאָס גרויסע געטאָ און די גרויסע עדה יידן זענען געטריבן געוואָרן אויפֿן אומשלאַג־פּלאַץ, דעם פֿינצטערן שבת פֿון 22־טן אויגוסט 1942, איז אויך גלייכצייטיק ליקווידירט געוואָרן דער יודנראַט.

פֿאַלש איז געווען די אילוזיע, פּונקט, ווי עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר פֿאַלש פֿיל אַנדערע אילוזיעס, וואָס אַ טייל יידן אין געטאָ האָבן זיך געפּרוווט איינרעדן, אַז דאָס אָנגעהערן צום יודנראַט גיט עפּעס אַ געוויסע פּריווילע־

גיע, אז דאָס לעגיטימירן זיך מיט א פאפירל, אז מען איז א יודנראַט־מיטגליד קאָן זיין א סגולה אין א שווערן מאָמענט. עס זענען דעריבער געוואָרן פיל בעלנים אויף אזא אמט. מען האָט געקוקט אויף א יודנראַט־מיטגליד מיט קנאה ווי אויף א מענטש, וואָס זיין לעבן איז חשובער, זיכערער. געהערט ער דאָך צו אן אינסטיטוציע אין וועלכער די דייטשן אליין נויטיקן זיך, זיי וועלן דאָך אירע מיטגלידער נישט אומברענגען. פיל וואָלטן זיך געלאָזט קאָסטן א סך געלט, כדי צו באקומען אזא קמיה, ווי עס איז געווען א יודנראַט־מיטגלידס־קארטע.

זיין א מיטגליד אין יודנראט האָט אויך געגעבן די פריווילעגיע נישט אויסגעפרעסט צו ווערן מאטעריעל טאָג־איין, טאָג־אויס פון אלערליי קאָנ־טריבוציעס, ווי אויך געגעבן די מעגלעכקייט אויסצומיידן די געצווונגענע שקלאפן־אַרבעט.

און אז עס איז געקומען דער טאָג פון ענדגילטיקן גזר־דין פאר דער גאנצער עדה, זענען די מיטגלידער פון יודנראט און אלע זייערע אָנגעשטעל־טע און מיטארבעטער, אפילו די, וואָס האָבן ביי יעדער געלעגנהייט געזוכט נושא־חן צו זיין ביי די רוצחים, געווען פאר זיי די זעלבע יידן, וואָס אלע, און זיי האָבן געטיילט דעם גורל מיט אלע זייערע ברידער.

נאָך דער גרויסער שחיטה פון דער ערשטער אקציע זענען פון די פינף און צוואנציק מיטגלידער פון יודנראט לעבן געבליבן בלויז פינף, א דאנק דעם, וואָס זיי איז געלונגען זיך אויסצובאהאלטן. דאָס זענען געווען יצחק נחום ווייַנטרויב, משה ראַדזינסקי, משה ראַטביין, העשל אייזנבערג און ד״ר בעלפאר.

פיר מיטגלידער, די דאָקטוירים לעבל, גלאזאָווסקי, שווארץ און טע־נענבוים זענען אומגעקומען מיט צוויי טעג שפּעטער, ווען עס איז ליקווי־דירט געוואָרן דער שפּיטאָל, וווּ זיי האָבן געארבעט.

אלע אנדערע זענען צוזאמען מיט זייער גאנצער עדה געטריבן גע־וואָרן אויפן אומשלאג־פּלאַץ און פון דאָרט, צוזאמען מיט אלע, אָפּגע־טראנספּאָרטירט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

צוזאמען מיטן יודנראט זענען ביי דער ערשטער אקציע אויך ליקווי־דירט געוואָרן כמעט אלע זייערע אָנגעשטעלטע און מיטארבעטער.

אזוי איז אומגעקומען הערשל טענענבוים, דער לאנג־יעריקער סעק־רעטאר פון דער גמינע און לעצטנס, דער פארבינדונגס־מאַן צווישן יודנ־ראט און דער געסטאפּאָ, כאָטש אלע האָבן אים מקנא געווען צוליב זיין ספּע־ציפישן אומגליקלעכן אמט, מיט זיין נאָענטער באקאנטשאפט אין די הויכע פּענצטער פון די תלינים און מערדער ביים צושטעלן זיי פון יודנראט אלץ, וואָס זייער ווילדע פאנטאזיע האָט נאָר געקאָנט אויסטראכטן — ער איז צוזאמען מיט זיין גאנצער פאמיליע אָפּגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

דער פֿאַרבינדונגס־מאַן צווישן יודנראַט און דײַטשן אַרבעט־אַמט עז־ריאַל פֿרידמאַן האָט פֿאַר זײַנע „פֿאַרדינסטן“ בײַם צושטעלן שקלאַפֿן־ייִדן צו אַלערלײַ צוואַנגס־אַרבעטן זוכה געווען צו אַ „ספּעציעלע באַזונדערע באַהאַנדלונג“: אין טאָג פֿון דער סעלעקציע איז ער לעבן געבליבן צוזאַמען מיט די אָפּגעקליבענע אַרבעטס־מענטשן, אָבער מיט צוויי טעג שפּעטער איז ער אַרויסגערופֿן געוואָרן פֿון זײַן וווינונג אויף עק 1־טער מאַי און טאַרגאָווע, פֿון געסטאַפּאָ־שעף דובע, וועלכער האָט אים מיט זײַנע אייגענע בלוטיקע הענט דערשאָסן הינטער דער וואַנט פֿון זײַן שטוב.

—*—*—

אין יענעם חורבן־טאָג פֿון 22־טן אויגוסט איז דער לאָקאַל פֿון יודנראַט געבליבן ליידיק און הפקר. עס זענען דאַן אַרײַן אַהין אַ באַנדע רוצחים, וועלכע האָבן אַלץ פּאָגראָמירט און דעמאָלירט, צוגערויבט דאָס געלט, וואָס האָט זיך געפֿונען אין קאַסע, ווי אויך אַלע ווערט־זאַכן. דעם גרויסן רײַכן אַרכיוו מיט אַלע דאָקומענטן און פּראָטאָקאָלן, וואָס האָבן אין פּשוטע ווערטער און אין ציפֿערן דערציילט וועגן דער מאַרטיראָלאָגיע און פּײַן פֿון דער שעדלעצער צוואַנציק טויזנט קעפּיקער עדה — האָבן זיי פֿאַרניכטעט.

אין דער צײַט פֿון געטאָ־רעזשים זענען ייִדן געוווינט געוואָרן אין אַן עת צרה צו קומען אין יודנראַט זוכן אַן עצה, אַ וואָרט פֿון טרייסט און אפֿשר אויך אַמאָל שוץ.

אויך יענעם טראַגישן שבת, אין טאָג פֿון דער גרויסער שחיטה, ווען אַלע טירען פֿון רעטונג האָבן זיך פֿאַרשלאָסן פֿאַר די אומגליקלעכע בני־עיר אונזערע, זענען פֿיל ייִדן געקומען זוכן שוץ אין יודנראַט, און אַז זיי האָבן דאָרט די געזוכטע הילף נישט געפֿונען, האָבן זיי זיך פֿאַרשטעקט אין קעלער און אין אַנדערע באַהעלטענישן פֿון דעם הויז. די אומגליקלעכע, אין אַ צאָל פֿון דרײַסיק פּערזאָן, זענען דעם זעלבן טאָג אַנטדעקט געוואָרן דורך די דײַטשע און אוקראַינישע מערדער, אַרויסגעשלעפּט געוואָרן אויפֿן הויף און דערשאָסן געוואָרן.

צווישן זיי זענען געווען די משפּחה פֿון אפֿרים צעלניק, יעקב לעווין און אַנדערע באַקאַנטע תּושבים.

11. דער געטאָ־שפּיטאָל און זײַן ליקווידאַציע

אַנטקעגן דעם הפקר־שטח פֿון אַלטן בית עולם אומשלאַג־פּלאַץ, צווישן אַנדערע חורבות אַרום, אַרײַנגערוקט אין אַ גערטנדל, ווי אַן אַלטע פּריצישע מיוחסת, הינטער אַן אײַזערנעם פּאַרקאַן, שטייען אין דער פֿאָרם פֿון אַ „ח“ די ווײַס־געפֿאַרבטע געבײַדעס פֿון הויף נומער 26 אויף דער דלוגע גאַס.

די געביידעס האָבן שטענדיק געדינט פאַר הומאַניטאַרע צוועקן: א ריי יאָרן זענען דאָ געווען פוילישע פאָלקס־שולן פאַר יידישע קינדער, די אַזוי גערופענע „שאַבאַסוווקעס", ווו יידישע לערער האָבן געלערנט מיט יידישע קינדער די געשיכטע פון פוילן און איר קולטור.

פאַרן מלחמה־אויסברוך האָט זיך אין די געביידעס ארייַנגעקליבן דער רויטער קרייץ און געפירט דאָ זיין מעדיצינישע און הילפס־טעטיקייט אין שטאָט.

אין אָקטאָבער 1941, ווען עס איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן דאָס גרויסע געטאָ, איז אהער אין די געביידעס אריבערגעטראָגן געוואָרן דער יידישער שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען אויסער די גרענעצן פון געטאָ — אויף שווינטאָיאַנסקע גאַס.

אין יענע פינצטערע טעג, ווען דער מלאך־המוות האָט געשניטן די גע־טאָ־איינוווינער מיט אַזאַ גרויסער שפע, דורך זיינע פאַרבינדעטע: די פאַר־שידענע עפּידעמיעס, וואָס די ענגשאַפט, הונגער און נויט האָבן ארויסגע־רופן, איז דער שפּיטאָל געווען דער איינציקער אַזיס אין דעם הבכא, וואָס איז כאָטש אין א קליינער מאָס געקומען צו הילף די אומגליקלעכע, גע־געבן פאַר א טייל געטאָ־קראַנקע און ליידנדיקע — פאַר אלע איז דאָך גע־ווען אוממעגלעך — מעדיצין און אויך א ביסל עסן, א דאַך איבערן קאָפּ און א ריין בעט — זאַכן, וואָס פאַרן גרעסטן טייל געטאָ־איינוווינער זענען דאָס געווען פאַנטאַזיעס צו וועלכע ביי „נאָרמאַלע" באַדינגונגען האָט מען דאָס אין קיין פאַל נישט געקאָנט דערגרייכן.

דער דירעקטאָר פון שפּיטאָל איז געווען דער ענערגישער און מיט פיל ליבע פאַר דער זאַך איבערגעגעבענער ד״ר לעבעל, וואָס האָט פיל מי און פלייס אַוועקגעגעבן פאַרן אָרגאַניזירן די הילפס־אַרבעט פון שפּיטאָל. ער האָט פאַר דעם צוועק אויסגענוצט דעם אומשטאַנד, וואָס ער איז גלייכצייַ־טיק געווען אויך פאַרזיצער פון יודנראַט. ער האָט דעריבער געהאַט די מעג־לעכקייט, סיי מיט זיין פּערזענלעכן אויטאָריטעט — אויף וויפל דאָס איז געווען מעגלעך אויסצונוצן ביי יענע באַדינגונגען — און סיי מיט מאַטעריעלע מיטלען, מיט וועלכע דער יודנראַט האָט דיספּאָנירט, נוצן ברענגען דעם שפּיטאָל און זיינע פּאַציענטן.

דער שפּיטאָל האָט געהאַט 4 אָפּטיילונגען:

1) גינעקאָלאָגישע, אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר לעבעל;

2) אינערלעכע, אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר גלאַזאָווסקי;

3) כירורגישע, אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר בעלפּאַר;

4) אָנשטעקנדיקע, אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר טענענבוים און ד״ר שוואַרץ.

אלע אָפּטיילונגען האָבן, מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקענט, געהאָלפן

קראַנקע, ליידנדיקע, הונגעריקע, געשוואָלענע און סתם אומגליקלעכע, וואָס זייער צאָל איז געווען אַזוי גרויס אין געטאָ.

און אַז עס איז געקומען יענער „שוואַרצער שבת" פון 22־טן אויגוסט, ווען אויפן אומשלאַג־פּלאַץ, וואָס געפינט זיך סך־הכל עטלעכע צענדליק טריט פון שפּיטאָל, האָבן זיך געוואַלגערט אַזוי פיל צעשלאָגענע און צעשאָסענע יידן — האָט אויך דעמאָלט דער ענערגישער ד"ר לעבעל אינטערוועניִרט ביי די דייטשע רוצחים און אויסגעפּועלט אַ דערלויבעניש, אַז דער שפּיטאָל זאָל קאָנען קומען צו הילף די אומגליקלעכע.

די דאָקטוירים מיט די קראַנקען־שוועסטערס, אָנגעטאָן אין ווייסע שפּי־טאָל־כאַלאַטן, האָבן פון אומשלאַג־פּלאַץ אַריבערגעטראָגן אין שפּיטאָל־אַריין פיל צעשלאָגענע און צעשאָסענע יידן און זיי געגעבן הילף. די פאַר־וואונדעטע האָבן זיך געפרייט ווי קליינע קינדער: זיי האָבן געוווּנען דאָס לעבן. פאַביש אַליין האָט דערקלערט, אַז דער שפּיטאָל מיט די קראַנקע בלייבן לעבן. די קוילן אין האַנט אָדער אין פוס האָבן זיי געראַטעוועט. ביי דער געלעגנהייט האָבן פון אומשלאַג־פּלאַץ זיך געראַטעוועט אויך אַ קליינע צאָל געזונטע מענטשן: די שפּיטאָל־שוועסטער האָבן אויף יענעם אַרויפגע־וואָרפן אַ ווייסן שפּיטאָל־כאַלאַט און יענער האָט מיטגעהאָלפן זיך פאַרען ביים צונויפקלויבן און אַריסטראָגן די פאַרוואונדעטע און אַזוי אַרום זיך אַרויסבאַקומען אין שפּיטאָל אָדער אויף דער גאַס.

אָבער די פרייד פון די געראַטעוועטע האָט לאַנג נישט געדויערט, די מערדער־פויסט האָט אויך אַהין דערגרייכט.

—*—*—

ווי אַזוי דער שפּיטאָל איז ליקווידירט געוואָרן, ווי אַזוי עס זענען דער־מאָרדעט געוואָרן די קראַנקע, דאָקטוירים, פעלדשער און דער גאַנצער פּער־סאָנאַל פון יידישן שפּיטאָל, דערציילן עטלעכע לעבן־געבליבענע פון יענער צייט און באַזונדער די פרוי לעאָניע האַלבערשטאַט־גרינשפּאַן, די איינציק לעבן־געבליבענע עדות פון דעם־אָ טראַגישן קאַפּיטל:

שבת, דעם 22־טן אויגוסט, אין פינצטערן טאָג פון דער גרויסער שחיטה, האָבן זיך אין שפּיטאָל געפונען בערך הונדערט קראַנקע, מענער, פרויען, זקנים און קינדער, צווישן זיי אויך עטלעכע קראַנקע ציגיינער, וואָס דער שפּיטאָל האָט אַריינגענומען צו היילן. אין פאַרלויף פון דעם טראַגישן טאָג איז די צאָל פילפאַכיק געשטיגן מיט נאָך קראַנקע און אויך געזונטע, וואָס מ'האָט געראַטעוועט פון אומשלאַג־פּלאַץ. אַ גאַנצן טאָג האָט דער שפּיטאָל־פּערסאָנאַל, ווי אויך די קראַנקע געהאַט די אילוזיע, אַז זיי בלייבן אומבאַ־ריִרט. אָבער שוין דעם זעלבן טאָג פאַרנאַכט, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן דאָס קליינע געטאָ פאַר די אַרבעטער־מענער, וואָס זענען אָפּגעקליבן גע־וואָרן ביי דער סעלעקציע, האָט פאַביש באַפוילן דעם שפּיטאָל־דירעקטאָר

ד״ר לעבעל צו פּאַרלאָזן זײַן װוין־אָרט אין שפּיטאָל און אַריבערגיין אין קלײנעם געטאָ. אין דעם האָט מען געזען אַן אָנזאָג, אַז אויך דער שפּיטאָל װעט ליקווידירט װערן.

ד״ר לעבעל האָט מיט שטאָלץ געענטפערט דעם תלין: איך װעל דעם שפּיטאָל נישט פאַרלאָזן, איך װיל טיילן דעם גורל פון מײַנע קראַנקע שוועס־טער און ברידער.

אַזוי האָט דער שפּיטאָל צווײ מעת־לעת זיך געפונען צווישן לעבן און טויט, צווישן שײנע אילוזיעס, וואָס מען האָט אַליין זיך געוואָלט אײַנרעדן, אַז די מערדער װעלן נישט וואַגן אומצוברענגען אַזאַ הייל־אינסטיטוציע מיט קראַנקע — און צווישן שאָטן פון טויט, וואָס האָט געלויערט פון אַלע זײַטן.

מאָנטיק, דעם 24־טן אויגוסט בײַטאָג, ווען די לעצטע קרבנות פון אומ־שלאַג־פּלאַץ זענען געוואָרן אָפּגעפירט צו דער באַן־ראַמפּע, צום טרעבלינקער טויטן־צוג, איז דער שפּיטאָל באַלאַגערט געוואָרן פון אַ באַנדע דײַטשע און אוקראַאינישע מערדער אונטער דער אָנפירונג פון הויפּט־תלין פּאַביש אַליין.

זעט־אויס, אַז דער אָנבליק פון אַזוי פיל קראַנקע און פון שפּיטאָל־פּער־סאָנאַל אין זײערע ווײַסע כאַלאַטן האָט אַ ביסל אַ מיש־געטאָן אין דעם רוצחישן קאָפּ פון דעם בלוטיקן סאַדיסט און ער גיט אַרויס באַפעלן סתירות־דיקע, יעדער נײַער באַפעל רופט אָפּ דעם פריערדיקן.

אַזוי באַפעלט ער, אַז אַלע קראַנקע זאָלן אַרויסגיין אין שפּיטאָל־הויף, באַלד רופט ער דאָס אָפּ: ניין, אַלע קראַנקע זאָלן זיך לייגן אין זײערע בעטן.

אין אַ ווײַטערדיקן באַפעל הייסט ער די דאָקטוירים אַרײַנגיין יעדער אין זײַן אָפּטיילונג, צו זײַנע קראַנקע, און אין אָנוועזנהייט פון די דאָקטוירים באַפעלט ער עפענען אַ שיסערײַ אויף די ליגנדיקע קראַנקע אין די בעטן. די קורצע, אָפּגעהאַקטע שאָסן פון האַנט־געווער האָבן אײַנגעשטילט זײערע קרעכצן — איבערגעריסן זײערע לעבנס.

אין דער גינעקאָלאָגישער אָפּטיילונג האָבן זיך געפונען צען יונגינקע זויג־קינדער, וואָס האָבן געהאַט דאָס אומגליק צו קומען אויף דער רוצחישער וועלט מיט טעג, מיט וואָכן, אָדער מיט חדשים צוריק. זײערע טאַטע־מאַמע האָבן מיט גרויס מסירת־נפש, זײערע שוועלבעלעך אַרײַנבאַקומען אין שפּי־טאָל־אַרײַן, אײדער זײ אַליין זענען אָפּטראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין טרעב־לינקע, אָדער פאַרן אַראָפּלאָזן זיך אין אונטערערדישן בונקער, האַלטנדיק דעם שפּיטאָל פאַרן זיכערסטן אָרט, ווו די קינדערלעך קענען געראַטעוועט ווערן. צווישן זײ — די קינדערלעך פון שרה יום־טוב־האַלבערשטאַט, פון חנה פּיעקאַרזש, סאַבקע בענקאָוויטש, ברכה ראַדאַשינסקי־נײמאַן און אַנ־דערע. די שוועלבעלעך האָבן באַקומען אײַנגעטײלט יעדעס אַ קויל אין הערצל.

אָפּגעפּאַטיקט זיך מיט די קראַנקע, פאַלט אַ ווײַטערדיקער באַפעל:

— אלע דאָקטוירים, פעלדשער, קראַנקען־שוועסטער מיטן גאַנצן פּער־סאָנאַל זאָלן אַרויסגיין אויפן שפּיטאָל־הויף.

אויפן הויף ווערן אויסגעשטעלט אין א רייע ביי דער וואַנט ד״ר הענריך לעבעל מיט זיין פרוי און זון, ד״ר לעאָן גלאַזאָווסקי, ד״ר שאול שוואַרץ, ד״ר שלמה טענענבוים (ד״ר בעלפער האָט, פאַרפילנדיק דעם סוף, אין אַ פריער־דיקער נאַכט זיך אַרויסבאַקומען פון געטאָ, אויסבאַהאַלטן זיך אין אַ דאָרף און שפּעטער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד), די צוויי באַליבטע אַלטע פעלדשער יוסף אַלבערג און יעקב טענענבוים, די קראַנקען־שוועסטער פייגע פרידמאַן, שרה ראַבינאָוויטש, עדזשע אַלבערג, רבקה באַרג, עפּשטיין פון לאָדזש, לאַבאָראַנטקע פון שפּיטאָל לאָלע זאַלצמאַן, די יונגע שפּיטאָל־אָנגעשטעלטע צעשע טעמקין, דבורה גאָלדבלאַט, בראָנקע שאַפּירמאַן און נאָך אַנדערע, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט אין שפּיטאָל.

דער תלין פאַביש באַפעלט די ערשטע קויל געבן דעם „הויפּט־הונט" — ווי ער האָט גערופן דעם ד״ר לעבעל — און ער פאַלט דער ערשטער צוזאַמען מיט זיין פרוי, פון די קורצע שאָסן פון האַנט־געווער מיט די אויסרופן אויף די ליפּן: אַ טויט אייך מערדער, דאָס יידישע און פּוילישע פאָלק וועלן אייך איבערלעבן!

עס פאַלן פון די קורצע, אָפּגעהאַקטע שאָסן אלע דאָקטוירים, פעלדשער, שוועסטער און אַלע מיטאַרבעטער. צוזאַמען מיט זיי זענען אומגעקומען אַלע, וואָס האָבן געגלויבט, אַז די מערדער וועלן דעם שפּיטאָל מיט די קראַנקע נישט וואָגן אומברענגען און דאָרט געזוכט שוץ זיך אויסצובאַהאַלטן אין די לעצטע טעג, סימולירנדיק אַלס קראַנקע, אָדער אַלס מיטאַרבעטער, צווישן זיי — אסתר זאַלצמאַן מיט איר יונגער טאָכטער רחל, בערל טשאַרנאָבראָדע מיט דער פרוי, פרוי לעווין־אייזנשטאַט, עווא גרינשפּאַן און נאָך אַנדערע.

אַ צייט לאַנג האָבן די מענטשן דאָ געלעבט ווי איין שותפותדיקע משפּ־חה: די דאָקטוירים, די פעלדשער, די שוועסטער, די מיטאַרבעטער. צוזאַמען בחברותא געאַרבעט טריי, איבערגעגעבן, מיט ליבע, ביים העלפן די אומ־גליקלעכסטע פון די אומגליקלעכע אין געטאָ. זיי גייען אוועק פון דער וועלט אויך בחברותא, אַלע צוזאַמען, איינגעקלאַמערט איינער אין צווייטן — אַלע פאַלן זיי אָנגעטאָן אין זייערע ווייסע שפּיטאָל־קיטלען, ווי אין צוגעגרייטע תכריכים, אויף איין קופּע. איין קערפּער פאַלט אויפן צווייטן, איין גוף קלאַ־מערט זיך איין אין צווייטן. און דאָס — צווישן גרינס און בלומען, אונטערן ליכטיקן קלאָרן בלויען הימל און ביים שיינען פון אַ פולע צעשטראַלטע שפּעט־זומערדיקע נאָכמיטאָג־זון, וואָס אירע מענגעס שטראַלן שפּילן זיך אַזוי שטיפעריש און שפּיגלען זיך, דאָ אין די בלענדנדיקע ווייסע קיטלען פון די גוססדיקע קופּע מענטשן, און דאָ אין דעם פריש־גלאַנצנדיקן בלוט, וואָס שטראָמט פון אַלע זייטן אין איין קאַלוזשע, מישט זיך אויס אין איין

רויט טייכעלע, טרינקט אָן די שוואַרצע ערד פון שפּיטאָל־הויף און לויפט ווייטער, שנעלער, איילט זיך, איידער עס ווערט פאַרקילט, פאַרגליווערט — איינצוגראָבן זיך טיפער אין דער ערד און אָנטרינקען די וואָרצלען פון די פיל געוויקסן און בלימעלעך, וואָס באַצירן דעם שפּיטאָל־גאָרטן.

דער טיפישער תלין פון דער מערדער־ראַסע, פּאַביש, וואָס האָט אַליין אָנגעפירט מיט דער שחיטה אין שפּיטאָל, איז צופרידן — אין אָנבליק פון אַזוי פיל טויטע מענטשן און אַזוי פיל פאַרגאָסן בלוט, איז ער ממש שיכור, די רוצחישע אויגן גלאַנצן, דאָס טעמפּע פּרצוף — רויט פאַרלאָפן מיט בלוט און פון צופרידנהייט צערטלט ער און גלעט זיין נאַענטסטן קאַמעראַד און מיטאַרבעטער, דעם ריין־ראַסיקן בייזן וואָלף־הונט. ער פירט אים צו צו דער קאַלוזשע בלוט און באַפעלט אים: „טרינק, קאַמעראַד, פון דעם היינטישן בלוט", און אויך דער הונט טרינקט זיך אָן פון דעם פרישן וואַרעמען בלוט.

—*—*—

פון די אויפגעפּראַלטע טירן און פענצטער פון שפּיטאָל־בנין האָבן זיך געטראָגן ווייט אויף דער גאַס אַרויס יאָמערלעכע וידוי־אויסרופן פון די אומגליקלעכסטע קראַנקע אין זייערע בעטן, פאַרצווייפלטע הילפס־רופן, וואָס קיינער האָט זיי נישט געהערט. די קורצע רעוואָלווער־שאָסן האָבן איבערגעריסן די שוידערלעכע רופן און זיי פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרשטיקט כאָרכלען פון גסיסה־ווייען, וואָס איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן פון די פאַרשטיקטע קרעכצן און שוידערלעכע אויסרופן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער נאָענטער אָנגעקנוילטער צעשאָסענער מענטשן־קופּע ביי דער וואַנט פון שפּיטאָל־בנין און זיך צוזאַמענגעמישט אין איין יאָמערלעכער טויטן־סימפאָניע, וואָס איז געוואָרן אַלע מאָל שטילער געדעמפּטער, ביז עס איז אינגאַנצן פאַרלאָשן געוואָרן, אויסגעגאַנגען און פאַרשוואונדן אין טויבן אָנגעגליטן חלל פון פאַרשאָלטענעם הייסן זומער־טאָג.

—*—*—

די בלוטיקע דייטשע מאָרד־טעכניק האָט אויך דאָ, ביים אומברענגען דעם שפּיטאָל, פּינקטלעך געאַרבעט: די צעשאָסענע גופים פון די קינדערלעך, פון די קראַנקע און פון פּערסאָנאַל זענען נאָך נישט געווען אָפּגעקילט, זיי האָבן זיך נאָך געוואָרפן אין גסיסה־קאָנוואולסיעס און שוין זענען זיי אַרויפגעוואָרפן געוואָרן, אין זייערע ווייסע שפּיטאָל־הלבשה, אויף די גרויסע אָפענע וועגענער, וואָס זענען פון פריער נאָך געווען צוגעגרייט און האָבן געוואַרט אויף זיי ביים געטאָ־טויער.

די יידישע פּאָליציי איז געצוואונגען געוואָרן אויסצופירן די שוידערלעכע אַרבעט פון אַרויסציִען די דערשאָסענע קראַנקע פון זייערע בעטן און אָנלאָדן זיי אויף די וועגענער, צוזאמען מיט די דערשאָסענע קופּע אויפן הויף דאָקטוירים, פעלדשער, קראַנקען־שוועסטער און שפּיטאָל־פּערסאָנאַל. אויסער

די קליינע פּיצלעך קינדערלעך, מיט זיי האָבן די רוצחים אַליין זיך „געשפּילט״, ביי די פיסלעך זיי אַרויסגעשלעפּט פון די בעטעלעך, צו עטלעכע אין איין מערדער־האַנט, זיי געטראָגן מיט אַראָפּהענגענדיקע קעפּעלעך און אַזוי זיי אַרויפגעוואָרפן אויפן אָנגעלאָדענעם וואָגן, ווי געשאָכטענע קליינע הינדעלעך. אויף די אָפענע וועגענער, דורך די באַלעבטע גאַסן, זענען זיי אָפּגעפירט געוואָרן אויפן בית־עולם, ווו עס זענען שוין פון פריער געווען צוגעגרייט אויסגעגראָבענע קברים־גריבער. זיי האָבן נאָך באַוויזן אויפן ברוק פון די גאַסן, ווו מען האָט זיי אַדורכגעפירט, צו פאַרצייכענען מיט זייער בלוט, וואָס האָט געטריפט פון די וועגענער אַראָפּ, די געשיכטע פון זייער אומקום.

א לאַנגער צייט האָט דער ווינט געטראָגן שטויב, דער רעגן—געוואשן און די זון געטריקנט, ביז עס איז זיי געלונגען אָפּצומעקן די בלוט־ריטשקעלעך פון ברוק פון די שעדלעצער גאַסן.

פון דער־אָ שחיטה האָבן זיך דעמאָלט געראַטעוועט: לאָלע זאַלצמאַן (טאָכטער פון שלום זאַלצמאַן), וואָס האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל־לאַבאָראַטאָריום. זי האָט באַקומען אַ קויל אין פּאַכווע, אומגעפאַלן אויף דער ערד און זי איז גלייך צוגעדעקט געוואָרן מיט די צעשאָסענע גופים פון איר מוטער אסתר און יונגערער שוועסטער רחל, וואָס האָבן מיט צוויי טעג פריער, דעם טראַגישן שבת, געפונען ביי איר אַ באַהעלטעניש אין שפּיטאָל. נאָכן אַוועקגיין פון די מערדער האָט זי זיך אַרויסגעשלייכט פון אונטער דער קופּע טויטע און דורך הינטער־וועגן, דורך גערטנער און פּלויטן, אויף אַלע פיר, אַריינגעפויזעט אין קליינעם געטאָ, אַדורכגעמאַכט פאַרשידענע גלגולים און נסיונות, ביז זי האָט געפונען א באַהעלטעניש אין אָפּאָלע (אַ דאָרף ביי שעדלעץ) מיט נאָך יידן, און שוין נאָענט פאַר דער באַפרייאונג, דורך אַ מסירה, אַנדעקט געוואָרן און אַלע צוזאַמען אומגעקומען אין זייער באַהעלטעניש.

רוזשע לאַנדוי, די פרוי פון אדוואָקאט יוסף לאַנדוי, וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן דעם טראַגישן שבת דורכן שפּיטאָל־פּערסאָנאַל, דאָרט זיך אויסבאַהאַלטן אַלס קראַנקן־שוועסטער, אומבאַמערקט פון די רוצחים האָט זי זיך אַריינבאַקומען אין שפּיטאָל־גאָרטן, פון דאָרט דורך גערטנער און פעלדער זיך אַריינבאַקומען אין קליינעם געטאָ, ווו זי איז מיט צוויי טעג שפּעטער, מיט נאָך אַכט און צוואַנציק פרויען דערשאָסן געוואָרן אויפן בית־עולם, לויטן באַפעל פון פאַבישן.

עס האָט זיך געראַטעוועט דער יונגער וויטעק לעבעל, זון פון ד״ר לעבעל. אים איז אין די לעצטע מינוטן פאַר דער עקזעקוציע געלונגען צו אנטלויפן דורכן שפּיטאָל־גאָרטן. ער האָט זיך אָפּגעמאַטערט אַ לענגערע צייט אין פאַרשידענע וועלדער און באַהעלטענישן, און סוף־כל־סוף אַריינגעפאַלן

אין די בלוטיקע נעגל פון דער פּוילישער גראַנאַטענער פּאָליציי און פון זיי אומגעקומען.

די לעבן־געבליבענע פון יענער גרויזאַמער שחיטה, פרוי לעאָניע גרינשפּאַן־האַלבערשטאַט דערציילט אונז די בלוטיקע מגילה. עס זעט־אויס ווי די השגחה אַליין זאָל האָבן געזאָרגט דערפאַר, עס זאָל כאָטש בלייבן אַן עדות פון יענער מוראדיקער שחיטה, וואָס זאָל דערציילן פאר דער וועלט, ווי אזוי איין פאָלק — דאָס דייטשע — האָט אויסגעמאָרדעט אַ צווייט פאָלק פון גרויס ביז קליין, מיט זיינע זויג־קינדער און זקנים, מיט זיינע קראַנקע און די, וואָס האָבן די קראַנקע באַדינט — כדי אַנטקעגנצושטעלן די קינפטיקע מליצי־יושר, וואָס וועלן נישט גלויבן און זאָגן, אַז יידן טרייבן גרויל־פּראָפּאַגאַנדע און באַשמוצן אַן אומשולדיק פאָלק.

אויך פרוי גרינשפּאַן־האַלבערשטאַט איז יענעם טראַגישן שבת פון 22־טן אויגוסט געראַטעוועט געוואָרן דורכן שפּיטאָל־פּערסאָנאַל. אָנטוענדיק א ווייסן שפּיטאָל־כאלאַט, האָט זי סימולירט אלס קראַנקען־שוועסטער. מאָנטיק, בעת דער שחיטה אין שפּיטאָל, ווען צוזאַמען מיט אַלע איז זי געטריבן געוואָרן צו דער עקזעקוציע־וואַנט צום שיסן, האָט זי, אומבאַמערקט פון די רוצחים, זיך אַריינבאַקומען אין שפּיטאָל־גאָרטן, זיך באַהאַלטן צווישן די געוויקסן, דורך הינטער־וועגן געקומען אין קליינעם געטאָ, אַדורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהנום פון יענער צייט אין אונטערערדישע בונקערס אויף דער „אַרישער זייט" און — זי גיט אונז איבער די שוידערלעכע פּרטים פון דער שפּיטאָל־טראַגעדיע, וואָס קלינגט פאַר אונז ווי אַ לעצטע צוואה פון אַלע קדושים, וואָס זענען דאָרט פאַרפייניקט געוואָרן. פון די איידעלע דאָקטוירים, פעלדשער, שוועסטער און אלע מיטארבעטער, וואָס האָבן מיט ליבע און מסירת־נפש ביז די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן געטאָן די הייליקע אַרבעט פון העלפן די אומגליקלעכסטע ברידער און שוועסטער אין געטאָ און שטאַרבנדיק אויסגערופן: „א טויט די מערדער"!, „דאָס יידישע פאָלק וועט אייך איבערלעבן"; די צוואה פון אַלע פאַרפייניקטע קראַנקע, צעבראָכענע, וואָס זענען דערשאָסן געוואָרן אויף זייערע בעטן און דער טויט האָט פאַרגליווערט אויף זייערע פאַרשמאַכטע ליפּן זייער לעצטע קללה פאַר דער רוצחישער וועלט, און די צוואה פון די קליינע שוועלבעלעך, די טאָגיקע, וואָכענדיקע, חדשימדיקע עוללים ויונקים, וואָס האָבן ווי מלאכימלעך קיין שום זינד נאָך נישט באַגאַנגען, אויסער דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַט דאָס אומגליק געבוירן צו ווערן יידן אין דער בלוטיקער היטלער־תקופה און האָבן דעריבער באַקומען קוילן אין זייערע וויכע, צאַרטע הערצעלעך־אַריין, בעת זיי זענען געלעגן אין זייערע ווייסע בעטעלעך, מיט אַ זיס צעגאָסן שמייכעלע אויף די מלאכים־פּנימלעך, דרימלענדיק באַוויגן מיט די דינע ליפּעלעך, געחלומט ווי זיי זויגן די ברוסטן פון די מאַמעס, וואָס זענען שוין געווען אָפּ־

טראַנספּאָרטירט קיין טרעבלינקע — די צוואה פון אַלע געשענדעטע און פּאַרפּייניקטע, וואָס האָבן געהאַט איין ווילן: דערציילן, דערציילן, דערציילן! געדענקען, קיינמאָל נישט פאַרגעסן!!!

12. אָשר אַרזשל און זיינע יורשים

דאָס שכנותדיקע הויז אויף דלוגע 24, וואָס שטייט אַריינגערוקט אין גער־טנדל, אָפּגעטיילט פון דער וואַכעדיקער גאַס און איז אויפגעבויט געוואָרן פון די יחוסדיקע אַריסטאָקראַטן־משפּחה אַרזשל־נייגאָלדבערג מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, האָט אויך געהאַט מזל און איז גאַנץ געבליבן. עס שטייט ווי אַמאָל אין שאָטן פון זיינע אַלטע קאַשטאַן־ביימער און חלומט פון זיין אַמאָליקן יחוס.

ווען הייזער זאָלן האָבן מיילער און קענען רעדן, וואָלט דאָס הויז געהאַט צו דערציילן זייער פיל אינטערעסאַנטע געשיכטעס. עס וואָלט דערציילט ווי אַזוי אונטער דעם דאַזיקן דאַך האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן און געלעבט בשלום ווי אַ צווילינג עכטער אַלט־יידישער שטייגער, דאָגמאַטישע יידישע טראַדיציעס צוזאַמען מיט מאָדערנסטע אייראָפּעאישע נייקייטן.

אין אַ זומערדיקן נאָכמיטאָג פלעגט מען אָפט הערן דורך די אָפענע פענצטער דעם באַנגלעך־נאָגנדיקן גמרא־ניגון, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער טייל וווינונג, וווּ עס איז געזעסן דער אַלטער ר׳ נפתלי נייגאָלדבערג, אָדער ר׳ אשר אַרזשל. און באַלד פון צווייטן פענצטער טראָגן זיך אַרויס און פאַרקלינגען די גאַס קלאַוויר־טענער פון טשייקאָווסקיס, אָדער מענדעל־סאָנס קאָמפּאָזיציעס, אויסגעשפּילט פון זייערע קינדער.

עס שטעלן זיך אָפּ אַלטע, פרומע יידן, הערן זיך איין: דאָ אין ערשטן פענצטער, דאָ אין צווייטן, שעפּטשען עפּעס שטיל, הייבן מיט די אַקסלען, מאַכן אַ האַנט־באַוועגונג, וואָס באַדייט: אויסטערלישע דרכים און — גייען ווייטער.

עס שטעלן זיך אָפּ יונגע „היינטיקע", שלינגען מיט דורשט די שיינע קלאַוויר־טענער און קוקן מיט קנאה אַריין אין די אָפענע פענצטער.

ביי זיין פאָטער, דעם אָנגעזעענעם בעל־הבית און שיינעם ייד ר׳ איצל, האָט אשר באַקומען אַ שטרענג־רעליגיעזע דערציאונג און געוואָרן אַ לערן־בחור מיט אַ שאַרפן קאָפּ. צו אַכצן יאָר איז ער געוואָרן דער איידעם פון קאָנסקעוואָליער גביר און אָנגעזעענעם חסיד ביים פּאַריסאָווער רבין, ר׳ מענדל בייער. צוזאַמען מיטן שווער איז אויך אשר אין די ערשטע יאָרן נאָך זיין החתונה געפאָרן צום רבין פאַראָווען חסידות, אָבער דאָס האָט לאַנג נישט גע־דויערט: דער יונגער אַרזשל איז באַלד מיטגעריסן געוואָרן מיט דער פרייער



אָשר אָרזשל

דער 80־יאָריקער זקן, געזעלשאַפטלעכער און ציוניסטישער עסקן — משה אַבא אייזנשטאַט מיט זיין פרוי איטע

אוועקגעפירט געוואָרן ביי דער ערשטער אקציע קיין טרעבלינקע.

מען פירט צום טרעבלינקער טויטן־צוג

השכלה־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אין יענער צייט אַריינגעריסן אין פּיל לומ־דיש־חסידישע קרייזן. באַזונדער האָט אויפן יונגן ארזשל געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה דער אויפקום פון פּאָליטישן ציוניזם. ער האָט זיך מיט יוגנטלעכן ברען אַריינגעוואָרפן אין דער באַוועגונג און געבליבן אַן אַקטיווער עסקן זיין גאַנץ לעבן.

פון פריערדיקן שטייגער לעבן האָט ארזשל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם איבעריקן אָבערגלויבערישן באַלאַסט, אָבער זיך ווייטער געהאַלטן ביי דער טראַדיציע, ווייטער געלערנט גמרא און אַנדערע וויכטיקע ספרי־קודש, אַפילו געהאַט הנאה אַריינצוקוקן אין אַ חסידיש ספר, אָבער גלייכצייטיק געלייענט אַ מאָדערן העברעאיש און יידיש בוך. ער האָט פאַרוואָרפן די לאַנגע קאַפּאָטע מיטן שטריימל און זיך אָנגעטאָן אייראָפּעאיש און אָנשטאָט צום רבין פראווען חסידות — איז ער געפאָרן אויף ציוניסטישע קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן — פראַווען ציוניזם.

פרומע יידן פלעגן צווישן זיך שושקען אין דער שטיל, אַז אָשר ארזשל לערנט אַ בלאַט גמרא בגלוי ראש, פונקט ווי אַ ליטוואַק ר״ל...

ביי ר׳ אָשר ארזשל אין קאַבינעט, אין זיין גרויסער דעמבענער ספרים־שאַנק, זענען אויף די פּאָליצעס געשטאַנען בשלום, ווי אָרגאַניש צוזאַמענגע־וואַקסענע ברידער און שוועסטער, איינס לעבן צווייטן, די אין לעדער געבונ־דענע גמרא׳ס פון ווילנער ש״ס צוזאַמען מיט דער נייער העברעאישער ענצי־קלאָפּעדיע. לעבן די אַלטע ספרים „מורה נבוכים", „הכוזרי", „חובת הלבבות", זענען געשטאַנען בשכנות די לעצטע נומערן „התקופה" און די נייעסטע אויס־גאַבן פון ביאַליקס און טשערניכאָווסקיס שירים; דער „קדושת לוי" פון ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער צוגעטוליעט צו הערצלס „אַלטניילאַנד".

און נישט בלויז אין זיין ספרים־שאַנק זענען זיי געשטאַנען אַזוי בשלום און האַרמאָניש די גייסטיקע אוצרות פון דער אַלטער און נייער צייט. אויך אין זיין גרויען קאָפּ האָט אי „דאָס" אי „יענץ" געהאַט גלייכע וווינונגס־רעכט. איינס האָט דערגאַנצט דאָס צווייטע. און שטענדיק, ווען ר׳ אָשר ארזשל האָט גערעדט, אָדער עפּעס דערציילט, איז דאָס באַגלייט געוואָרן מיט אַ חריפ׳הדיק גמרא־ווערטל, תנ״כישן אויסדרוק, אַדורכגעפלאָכטן מיט אַ געפּעפערט חסידיש מעשה׳לע, צוגעמישט מיט אַ משכילישן פרייען געדאַנק.

אויף צו דערציילן, האָט ר׳ אָשר ארזשל שטענדיק געהאַט צייט און גע־דולד. אַפילו ווען ער איז געווען שטאַרק פאַרנומען, האָט ער געטאָן זיין אַרבעט און דערציילט. ביי יעדער געלעגנהייט, ביי יעדער געשעעניש און אקציע — דערציילט א צוגעפּאַסט מעשה׳לע, אָדער ווערטל, וואָס האָט שטענ־דיק שאַרף געטראָפן אין פּינטל.

איז אַ ייד געקומען אין זיין אייזן־געשעפט, אָדער אין סוחרים־באַנק, וווּ ער איז געווען דירעקטאָר, וועגן אַ געשעפטלעכן ענין — האָט ער פריער

געמוזט אויסהערן א תורה־ווערטל פון ר׳ אָשר אַרזשל; האָט אַ ייד געהאַט עפּעס אַ שווער האַרץ, א פאַרפּלאָנטערניש אין די געשעפטן, אַ פאַרדרייעניש מיטן שטייער־אַמט, א ירושה־קאָנפליקט צווישן יורשים, אָדער א שידוך־פראַגע, איז מען געגאַנגען צו ר׳ אָשר ארזשל פרעגן אַן עצה. די עצה, וואָס ר׳ אשר ארזשל האָט געגעבן, איז געווען באגלייט מיט א שיינעם משל, מיט א פסוק תנ״ך, אָדער גלאַט א גוט וואָרט, וואָס ער האָט געהאַט פאר יעדן און מען פלעגט שטענדיק פון אים אוועקגיין א צופרידענער.

אַן אמתער מזג טוב.

פאר זיין פריינטלעכער באציאונג צו מענטשן, איז ער געווען באליבט און געשעצט ביי אַלעמען, געקריגן דעם נאָמען זיידע — „דזשאַדעק״ און די שטאָט האָט אים צוגעטיילט דעם געהעריקן כבוד: געקליבן אים פאַר א ראַט־מאַן אין שטאָט־ראַט, פאָרזיצער אין דער קהלה־פאַרוואַלטונג, דירעקטאָר אין סוחרים־באַנק, פאָרזיצער פון ציוניסטישן קאָמיטעט, מיטגליד אין תרבות־קאָמיטעט, פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין „עזרת יתומים״, מושב־זקנים״ און ווו נישט? נישט געווען קיין איין אינסטיטוציע אין שטאָט, ווו ר׳ אָשר ארזשל זאָל נישט זיין פון די עשרה ראשונים.

אויף אַלע צוזאַמענקונפטן, אסיפות, אָדער סתם זיצונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין וועלכער עס איז אינסטיטוציע — אָן אונטערשיד, צי דאָס איז געווען ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישע, וווילטעטיקע, אָדער ציוניסטיש־קולטורעלע אינסטיטוציעס — אומעטום איז ארזשל געווען די צענטראַלע פיגור, אומעטום געהאַט וואָס צו זאָגן, נישט אַזוי אַלס רעדנער, נאָר ווי מיט אַ גוטער עצה, מיט א ווערטל, מעשה׳לע און משל. און אַז ער האָט זיך צוזאַ־מענגעטראָפן מיט דער ציוניסטישער, חלוצישער, אָדער תרבות־יוגנט, איז ער ערשט רעכט געווען ווי ביי זיך אין דער היים — ער האָט זיך אונטער־געהאַלטן, נישט ווי אַ מענטש ביי די זיבעציקער יאָרן, נאָר ווי א יוגנטלעכער.

ארזשל איז געווען באַליבט און שטאַרק געשעצט אויך ביי דער קריסט־לעכער באַפעלקערונג און פיל קריסטן פלעגן קומען צו אים נאָך עצות און אויסהערן א מעשה׳לע מיט א משל מיט א גלייכווערטל.

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון ר׳ אָשר ארזשל, איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען דעם פאָלגנדיקן פאַקט:

ביים שטאָטישן שטייער־אַמט האָט מיטגעאַרבעט אַלס באַראַטונגס־אָר־גאַן אַ קאָמיסיע, וואָס אירע מיטגלידער זענען דעלעגירט געוואָרן פון פאַר־שידענע ווירטשאַפטלעכע און קאָמונאַלע אינסטיטוציעס. פון שטאָט־ראַט איז אין דער קאָמיסיע דעלעגירט געוואָרן ארזשל. ער איז איינשטימיק אויסגע־וויילט געוואָרן פון יידן, ווי פון קריסטן. פאַר זיין דרייסטן און ענערגישן פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די שטייער־צאָלער אין דער קאָמיסיע, איז ארזשל פון שטייער־אמט קוועסטיאָנירט געוואָרן און דער שטאָט־ראט איז

אויפגעפּאָדערט געוואָרן צו ווײַלן א צווייטן דעלעגאַט אויפן אָרט פון ראַט־מאַן ארזשל. דער שטאָט־ראַט האָט צום צווייטן מאָל אים איינשטימיק אויס־געוויילט און מיטגעטיילט דער שטייער־מאַכט, אַז ארזשל איז זיין פּאַסיקס־טער קאַנדידאַט אויף דעם אַמט און אויך אָנגעוויזן, אַז די שטייער־מאַכט האָט נישט קיין רעכט אים צו קוועסטיאָנירן.

צווישן שטייער־אַמט און שטאָט־ראַט איז צוליב דעם געקומען צו א שאַרפן סכסוך, וועלכן דער שטאָט־ראַט האָט געוווּנען און ארזשל איז גע־בליבן אַלס פאַרשטייער אין דער שטייער־קאָמיסיע.

דאָס הויז פון ר׳ אשר ארזשל האָט געדינט פאַרן סאלאָן אויפצונעמען וויכטיקע ציוניסטישע מנהיגים. ווען יצחק גרינבוים, ד״ר שיפּער, און אַמאָל אויך שאול טשערניכאָווסקי זענען געווען צוגאַסט אין שעדלעץ, זענען זיי אויפגענומען געוואָרן אין הויז פון ר׳ אָשר ארזשל און דאָרט האָט מען פאַר זיי איינגעאָרדנט פייערלעכע באַנקעטן, אויף וועלכע עס זענען פּראָקלאמירט געוואָרן אַקציעס פאַרן קרן היסוד, קק״ל, אָדער תרבות. און אז קיין שעדלעץ איז אַמאָל געקומען דער גראָדזיסקער רבי, איז ער אויפגענומען געוואָרן אין צווייטן האַלבן הויז, ווו עס האָט געוווינט זיין שוואָגער נפתלי בייגאָלדבערג, וועלכער האָט נישט אינגאַנצן איבערגעריסן די פעדים פון אמאָליקן לעבנס־שטייגער (ער פלעגט נאָך אַמאָל פאָרן צום רבין).

—*—*—

איך האָב געזען ר׳ אָשר ארזשל ז״ל דאָס לעצטע מאָל אין יענע פינצ־טערע טעג, נאָכדעם ווי די דײַטשע האָרדעס האָבן זיך שוין געהאַט אַריינגע־ריסן אין שטאָט. די פייער־קאַנאָנאַדע איבער די קעפּ האָט אויפגעהערט, און מיר זענען אַרויס פון די הינטערשטאָטישע באַהעלטענישן צו זען די חורבות פון די פאַרברענטע היימען. אויף מיין פראַגע: ווו ער איז געווען, און וואָס ער האָט געטאָן אין די טעג, ווען דעם שונא׳ס לופט־שיפן האָבן אָן אויפהער געהאָנגלט איבער די קעפּ טויט און פאַרוויסטונג, האָט ר׳ אָשר ארזשל געענט־פערט מיט א שמייכל: אַזוי ווי אין מיין לעבן האָב איך נאָך קיינמאָל אזא ספּעקטאַקל נישט געזען, בין איך געווען אין דרויסן, לעבן מיין שטוב, אַראָפּ־געגומען די ברילן, כדי בעסער צו זען און באַוווּנדערט די אינטערעסאַנטע שפּיל...

אין אָקטאָבער 1939, אין די ערשטע וואָכן פון זייער פינצטערער ממשלה אין שטאָט, זענען א באַנדע נאַציס מיט אויטאָ־מאַשינען פאַרפאָרן צו זיין אייזן־סקלאַד, אַלץ אויסגערויבט און דערביי אים שטאַרק צעשלאָגן. אָבער אויך דעמאָלט — און אויך שפּעטער — האָט נאָך אַלץ ר׳ אָשר ארזשל דער־ציילט מעשה׳לעך, געזאָגט א תורה מיט א גלייכווערטל פאַר די יידן, וואָס זענען אין יענע שווערע טעג געקומען צום „דזשאַדעק״, ווי פריִער, אין זיין

געזעלשאפט צו פאַרגעסן א ביסל אין דער ביטערער פיינלעכער ווירקלעכ־קייט.

אויך געשטאָרבן איז ר׳ אָשר ארזשל מיט כבוד: ווען ער האָט פאַרגעפילט וואָס די דייטשע מערדער פלאַנעווען צו מאַכן מיט די יידן, האָט ער נישט געוואָרט ביז זיי וועלן אים דערשטיקן אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע, נאָר זיך אַוועקגעלייגט אין בעט און פאַרענדיקט מיט אַ נאָרמאַלן טויט, באַ־ווייגט פון זיינע נאָענטע און פריינט, וואָס ער האָט געהאַט אזוי פיל. נישט איינער האָט מקנא געווען: א ייד א מוצלח, זוכה געווען צו שטאַרבן מיט א לוקסוס־טויט.

—*—*—

יתומדיק, עלנט, צווישן חורבות, שטייט זיין קליין פּאַלאַצל אַריינגערוקט טיף אין גערטנדל, באַהאַלט זיך אין שאָטן פון די אַלטע קאַשטאַן־ביימער און חלומט פארבענקט נאָך דעם אלטן גמרא־ניגון און נייע קלאוויר־טענער, וואָס זענען דאָ אויף אייביק איבערגעריסן און פאַרשטומט געוואָרן. איבערן טויער אין פראָנט, ביי דער גאס, הענגט אַ שילד מיט אַן אויפשריפט פון זיינע נייע יורשים:

„עווידענץ־אָפּטיילונג פון שעדלעצער מאַגיסטראַט״.

ווייטער ליגט שוין א פוסט פעלד, פונקט ווי דאָ וואָלט קיינמאָל קיין לעבן נישט געווען. אין טייל ערטער זענען נאָך געבליבן דראָט־פאַרצוימונגען — אַן איבערבלייבעכץ פון יענע פינצטערע גיהנום־טעג. אַזוי ווי דער באָדן ווערט כּמעט נישט באַטראָטן פון מענטשלעכע פיס, טוט די נאַטור דאָס אי־ריקע: די ערד איז באדעקט געוואָרן געדיכט מיט גראָז און ווילדע געוויקסן.

מיר מעסטן מיט די טריט די שטחים, אויף וועלכע עס זענען געשטאַנען די הייזער: וויינגאָרטן, מאַרכביין, אָפּנהיים, שמערל גרינבערג. איך זוך־אויס דאָס אָרט, אויף וועלכן איך האָב געוווינט אין משך פון די לעצטע זיבעצן יאָר, מיט וועלכן איך בין צוזאַמענגעוואַקסן געוואָרן, וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון אייגענעם „איך״. אָט דאָ איז געווען דער הויף, ווו אין זיין רעכטער זייט איז געשטאַנען דער 2־שטאָקיקער פליגל פון דער גרויסער געביידע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען מיין פאַמיליען־נעסט. באַלד אין די ערשטע טעג פון בלוטיקן מבול האָט דעם שונא׳ס פייער און דינאַמיט דאָ אַלץ צע־שטערט. שפּעטער האָבן די דייטשן, צוזאַמען מיט היימישע רויבער, גיריקע נאָך פארוואַרלאָזט יידיש פאַרמעגן, אויסגערויבט די רעשט: די ציגל, שטיי־נער, אייזנס און אַלץ וואָס דאָס פייער האָט איבערגעלאָזט און עס איז מער נישט געבליבן ווי א קליין פלאַך קבר־בערגל, באַוואַקסן מיט גראָז.

אַזעלכע באַוואַקסענע קברים־בערגלעך געפינען זיך אויפן גאַנצן שטח אַרום ביז עק פוסטע גאַס, ווו עס איז געשטאַנען דאָס קליינע שטילע „ישראל יחיאלס בית־המדרשל״, דאָס ציכטיקע בית־המדרש, ווו עס האָבן אָפט גע־

דאַוונט און אַמאָל אויך געלערנט אַ שיעור אַזעלכע פּאַטריאַרכאַלע אַריסטאָ־קראַטן, ווי ר׳ יצחק נחום ווײַנטרויב, ר׳ הערש יוסף טשאַרנאָבראָדע, ר׳ נתן דוד גליקסבערג, ר׳ משה אבא אײַזנשטאַדט, ר׳ ישראל רובינשטיין, ר׳ ישעיה ראַבינאָוויטש, און ווו עס פּלעגן קומען קדיש זאָגן נאָך זייערע פֿאַרשטאָרבענע עלטערן מאָדערנע משכּילים, אויפֿגעקלערטע ייִדן, וואָס האָבן געוואָלט זיך באַהאַלטן מיט זייער גיין אין שול, אַ שטייגער: דער לידער פֿון דער פֿאָלקס־פּאַרטיי אין שעדלעץ, מנשה טשאַרנאָבראָדע און דער אַל־טער אַריסטאָקראַטישער שמערל גרינבערג. אויך פֿון דעם בית־המדרש איז מער נישט געבליבן, ווי אַזאַ קליין פֿלאַך, מיט גראָז באַוואַקסן בערגעלע.

עס מאַכט דעם אײַנדרוק, ווי מיר וואָלטן זיך געפֿונען אויף אַ פֿאַרלאָזע־נעם בית־עולם. עס הערשט דאָ אַ טויטע פֿאַרגליווערטע שטילקייט. די אײַנ־ציקע לעבעדיקע נפֿשות, וואָס מיר האָבן דאָ געטראָפֿן, אין דעם אַמאָל אַזוי געדיכט־באַוווינטן ייִדישן געגנט, זענען געווען צוויי ציגן. איינע האָט פֿליי־סיק געצופּט די יונגע פּרילינגס־גראָזן, בעת די צווייטע איז געלעגן אויסגע־צויגן, זיך געוואַרעמט ביי די זון־שטראַלן און בהמיש תּמ׳עוואַטע אויסגע־שטעלט אַ פּאָר פֿאַרוווּנדערטע גרויסע אויגן אויף די מאָדנע באַזוכער.

איך צעגראָב אַ ביסל דאָס בערגל, וואָס האָט צוגעדעקט מײַן צעשטערטע היים. איך זוך און וויל געפֿינען עפּעס וואָס זאָל מיך דערמאָנען מײַן אַמאָליקע וואַרעמע שטוב, עפּעס פֿון היימישע ליב־נאָענטע זאַכן. איך געפֿין עטלעכע שטיק פֿאַרברענטע, צעדרייטע שטוב־חפֿצים, וואָס האָבן פֿאַר די רויבער קיין ווערט נישט געהאַט. עס דאַכט זיך ווי זיי יאָמערן אַרויס פֿון זייער אויפֿגע־עפֿנטן פֿאַרזשאַווערטן קבֿר אַרויס און פֿרעגן שטומערהייט: פֿאַרוואָס אַזאַ פֿאַרשעמונג? פֿאַרוואָס אַזאַ וויסטן סוף? און זיי בעטן זיך אָן ווערטער, צוריק זיי פֿאַרשיטן, פֿאַרדעקן זייער שאַנד.

13. די אַלט־שטאָט

דאָס ווײַטערדיקע וואַנדערן איבער די געטאָ־חורבות דורך דער אַמאָ־ליקער פּוסטער גאַס, קומט אָן מיט שוועריקייטן. דאָ איז גאָרנישט געבליבן, וואָס זאָל דערמאָנען דאָס אַמאָליקע ציכטיקע געסל מיט אירע ווייסע, ווי אין איין סטיל געמויערטע הייזער. אַלע ליגן זיי צעקלאַפּטע, צעקרישלטע, אין פֿאַרמלאָזע קופּעס, צעשאָטענע איבער דער גאַנצער ברייט פֿון דער גאַס, אין בערגער, אין טאָלן, דורך וועלכע מען מוז קריכן און שפּרינגען ביז מען קומט אַרויס אין צווייטן עק גאַס אויף אַסלאַנאָוויטשאַ (פּראָספּעקטאָווע), בלאָניע, יאַטקאָווע — אין דער אַזוי־גערופֿענער אַלט־שטאָט, ווו עס איז אַמאָל געווען דער צענטער פֿון ייִדישער אָרעמקייט.

דאָ, אין די גאַסן פון דער אַלטער שטאָט, האָבן געלעבט האָרעפּאַשנע יידישע בעלי־מלאָכות, בעלי־עגלות, קצבים, דאָרפס־גייער, מלמדים, אַזעלכע, וואָס לעבן אין זכות פון א רייכן קרוב אין אמעריקע, וואָס שיקט אמאָל צו עטלעכע דאָלאַר, און גלאַט סתם אביונים, וואָס ווייבען דאָ נאָר צוליב דעם, וואָס דער זיידע, אָדער טאַטע האָט אים דאָ געלאָזן א שטיבל בירושה און פרנסה ציט ער פון זיין אָרעם צעלניק־טישל אין שטאָטישן באזאר, וואָס ער טראָגט עס אַרויס יעדן פרימאָרגן און טראָגט עס צוריק יעדן פאַרנאַכט אין א זעקל אויף די פּלייצעס, אַהיים אין זיין אָרעם שטיבל.

די ווייבער פון דער אלט־שטאָט, זענען אקטיווע מיטהעלפערינס אין די עסקים פון זייערע מענער און אַמאָל טאַקע די גאַנצע פירערין פון זייער אָרעמען מסחר, מוזן א גאַנצן טאָג זיין פאַרנומען אין קראָם, אין יאַטקע, אָדער ביים געשטעל אין באַזאַר. לאָזט מען איבער די קינדערלעך אַליין אויף גאַס באַראַט זיך שפּילן אין הויף מיט די קינדער פון שכנישן קצב, וואָס איז אַוועק אין דאָרף מיט נאָך עטלעכע שותפים קצבים, וואָס האָבן זיך צוזאַמענ־געלייגט מיט זייערע אָרעמע פּאָר גילדן, כדי בשותפות צו קויפן א קו, און זי, די קצב׳טע, מוז א גאַנצן טאָג זיין פאַרנומען אין יאַטקע און מוז איבער־לאָזן די קינדערלעך אַליין. און אז די קינדערלעך וועלן אַרויס אין גאַס זיך שפּילן אויפן ברוק, איז אויך קיין בייז, עס וועט זיי חלילה גאָרנישט געשען. די גאַסן דאָ, אסלאַנאָוויטשא, בלאַניע, יאטקאווע, בראָווארנע, זענען אזעלכע שטילע, רואיקע, ווי שטיל און רואיק ס׳זענען זייערע איינוווינער. זעלטן־ווען עס פאָרט דאָ דורך אַן אויטאָ, א דראָזשקע, אָדער א פור. סיידן — ווען עס פאָרט אַריין, אָדער ארויס מיט זיין געשפאַן דער בעל־עגלה, אָדער דראָזש־קאזש, וואָס וווינט דאָ און ער טוט שוין גוט אכטונג קיין היימיש קינד נישט איבערצופאָרן.

ווען א מאַמע טראָגט אַרויס אין גאַס א שיסעלע ווארעם עסן אַנצוקאָר־מענען אירע פאַרשפּילטע קינדער, געדענקט זי אויך אין די קינדער פון אירע שכנים, וואָס זענען אַליין און זי גיט זיי אויך גלייך מיט אירע אייגענע צו דערכאַפּן די הערצלעך. זי ווייסט, די פרעמדע מאַמע, אַז מאָרגן, אָדער אַן אַנדער טאָג, וועט זי אַוועקגיין און איבערלאָזן אַליין אירע קינדער, וועט אַן אַנדער שכנטע האָבן אויף זיי השגחה און אויך זיי אָנקאָרמען.

שטיל איז געגאַנגען דאָס לעבן אין די געסלעך פון דער אַלט־שטאָט. די יידן דאָ איילן זיך נישט, גייען לאַנגזאַם, מיט מער געלאַסענע טריט ווי די יידן פון פּיענקנע, קילינסקע, וואַרשעווער, אָדער סטאַרי רינעק. אַפילו די, וואָס גייען יעדן פרימאָרגן צו אַן ארבעט, גייען אויך געמיטלעכער, לויפן נישט אַזוי שנעל ווי יענע דאָרט. נישט מחמת דעם, וואָס זיי זענען פוילענ־צער, נישט ארבעטזאַם. חלילה, פאַרקערט, די גרעסטע טייל איינוווינער דאָ, זענען האָרעפּאַשנע אַרבעטס־מענטשן, לעבן פון יגיעת כפיהם. נישט מער,

וואָס דאָס גרויסע שטאָטישע לעבן האָט נאָך אַהער נישט דערגרייכט און נאָך נישט אַרויסגעטריבן די דאָרפישע געמיטלעכקייט. און אַזוי ווי דאָ ליגט נאָך דער דרויסן אַ ברייטערער, אַן אָפענער, מען זעט דאָ גרעסערע שטיקער נאַטור, מער הימל און ערד ווי אין אַנדערע גאַסן און אויך אַ ביסל גרינס, אַ בוימל צווישן די קליינע הילצערנע הייזלעך — האָט דאָס אַלץ אויסגע־בילדעט אַ רואיקערע און געמיטלעכערע לעבנס־פאָרם ביי די איינוווינער און זיי גייען און טוען אַלץ שטיל און געלאסן, ווי די דאָרפס־מענטשן. אפילו די פיר־קאַנטיקע קעסטל־זייגערס מיט זייערע קייטן און געוויכטער, וואָס הענגען אויף די ווענט אין די קליינע שטיבלעך און ווערן אונטערגעטריבן פון געל־מעשענע אומרוען, באַוועגן זיך אויך געלאַסענער, רואיקער און שטילער ווי די מאָדערנע שטיי־זייגערס אין די הייזער פון די אַנדערע גאַסן — באמת, וואָס איז דאָס געאיילעניש? מען וועט אויסקומען.

די איינוווינער דאָ זענען שטילע, רואיקע פאָלקס־מענטשן, אָן פּרעטענ־סיעס אויף דער גרויס־שטאָטישקייט, פירן אַ שטיל, רואיק און גרוי לעבן. אַזוי ווי די געגנט דאָ איז די אַלט־שטאָט פון שעדלעץ, אַזוי איז אויך דער לעבנס־שטייגער דאָ אַן אַלטער, אַ פרימיטיווער, אַ קליינשטעטלדיקער.

מען טרעפט דאָ ביי פיל הייזער, הינטער דער טיר, אָדער פענצטער, אַ צוגעבונדענע יידישע בהמה, אַ ציג, וואָס מעלה־גרה׳ט פאַרטראַכט אין דער וועלט־אַריין, אַן אויסגעדאַרטע הויט און ביינער, פונקט ווי אירע בעלי־בתים. דאָס ביסל מילך, וואָס זי גיט, איז פאַר זיי אַ האַלבע פרנסה. די צווייטע העלפט זוכט מען זיך אָפּ ביי אַ מלומדת, אַ קנעלונג מיט דרדקי־קינדער, אַ שמש אין וועלכער שול, אָדער בית־מדרש, אָדער גאָר אלס מעקלער ביי די־רות, ביי „שטיקלעך", ביי שיך און „ביי וואָס עס לאָזט זיך" — אַלץ אַזעלכע פרנסות, וואָס נאָר יידן אַליין קענען וויסן דעם סוד ווי אַזוי מען לעבט דער־פון.

ערגעץ־ווו געפינט זיך אַ קרעמל, וואָס איז ענלעך צו די קרעמלעך, וואָס עס מאַכן זיך די קינדער אין זייערע שפילערייען: אַ ביסל ציבלקעס, מייער־לעך, פעטרושקעס מיט עטלעכע אָרעמע זעקלעך אויף אַ פאָליצע — אַן אויס־שטעלונג פון יידישן דלות.

דאָס קרעמל האָט זיך געמאַכט אַ ווייב פון אַ מלמד, אַ שמש, אָדער אַ בעל־עגלה, מיט דער מיטהילף פון די קינדער. פון מאַנס פרנסה האָט מען האַלבע טעג געהונגערט, מען מוז זוכן נאָך עפּעס אַ זייטיקע פרנסה — האָט מען איבערגעמאַכט פון אַ פענצטער אויף אַ טיר אין קליינעם ירושה־שטיבל. אויפהויבן העכער דאָס נידעריקע פענצטער, האָט מען נישט געקענט, מוז מען זיך איינבויגן ביים אַריינגיין, ווי להבדיל ביי כורעים אין שול, אויב מען וויל נישט צעהאַקן דעם קאָפּ. און — עס איז דאָ אַ זייטיקע פרנסה.

אנדערע, די מער יוסטע בעלי־בתים דאָ, פירן אַ שטיקלווירטשאַפט: מען

כאָוועט אַ ביסל הינער, קאַטשקעס, גענדז און אַנדערע האָבן אויך אַ מעלקנ־דיקע קו. צו די פּאָר טעפּלעך מילך, וואָס מען האָט פון דער אייגענער קו, נעמט מען נאָך ערגעץ אָפּ א ביסל מילך ביי א הינטער־שטאָטישן פּריצל און מען פירט א מילך־מסחר. דאָס ווייב טראָגט דאָס פאַנאַנדער אין א קענדל, אין די שכנותדיקע הייזער, באַלעבאָסטעס קויפן גערן — מילך פון א היימישער קו...

אַנדערע האָבן אויך שטיקלעך גערטנדלעך, ווו עס וואַקסט פאַרן אייגע־נעם געברויך אַ ביסל גרינס: ציבלקעס, מייערלעך, אַ ביסל אוגערקעס און ביי אַ טייל געפינט זיך אין גערטנדל אַן עפּל, אָדער אַ באַרן־בוים.

אין איינס פון די נידעריקע הייזלעך געפינט זיך דאָס היימישע פאַבריקל, ווו מען אַרבעט אויס קינדער־שפּילצייג, וואָס געהערט צו דעם פּראָלעטאַרישן בורזשוי משה גראַביע. אַ גרופּע ייִנגלעך און מיידלעך זיצן אויף קליינע בענקלעך און אַרבעטן־אויס די שפּילצייג. עס דאַכט זיך ווי קינדער זיצן און שפּילן זיך מיט זייערע אייגענע אויסאַרבעטונגען. זיי זענען פריילעך, די קינדער מיט די בלייכע בעקלעך און גלאַנצנדיקע אויגן, זיי ווייסן, זייער בעל הבית איז אַ סאָציאַליסט, אַ שטיקל קאָמוניסט, ער וועט זיי קיין עולה נישט טאָן און זיי זינגען פריילעכע לידלעך ביי זייער אַרבעט.

—*—*—

אין די שטילע גאַסן פון דער אַלט־שטאָט איז די גרעסטע באַוועגונג ביי די פּלומפּן, וואָס שטעלן צו וואַסער פאַר די איינוווינער. דאָ שטייט אַ דראָזש־קע און איר אייגנטימער, דער דראָזשקאַזש מיט פּאַרקאַטשעטע אַרבל, מיט שמאַטעס אין האַנט, רייניקט און וואַשט זיין דראָשקע פאַרן אַרויספאָרן אין גאַס. א בעל־עגלה שפּאַנט מיט אַן עמער אין האַנט אַנצופּויען זיין פערד פאַרן אַרויספאָרן אין וועג. עס זעט־אויס ווי נישט ער פירט דאָס פערד, נאָר דאָס פערד וואָס גייט פאָראויס פירט אים, דעם בעל־עגלה, צום פּלומפּ. א ברייטפּלייציקער שוואַרץ־באַוואַקסענער ייד אין אַ קאַפּאָטע שטייט מיט די ווייסע העמד־אַרבל פאַרדרייט אַרויף ווי א בייגל, פּוצט און וואַשט זיין קו, וואָס ער האָט דאָ אַרויסגעפירט אָנצוטרינקען. אַ חברה בלייכע שוואַרץ־אויגיקע קליינוואַרג פליעסקען זיך דאָ שטענדיק מיט די באָרוועסע פיסלעך אין די שטענדיקע וואַסער־קאַלוזשעס אַרום דעם פּלומפּ. דאָ טרעפט מען פאַרשידענע יידן, יידענעס, בחורים און מיידלעך, וואָס וואַרטן מיט עמער, אָדער קרוגן אין די הענט, אויף זייער רייע אָנצופּלומפּען וואַסער. וואַרטנ־דיק באַקענט מען זיך דערוויל, כאַפּט מען אַ ווערטל און גאַנץ אָפט קומט דערפון אַרויס א שידוך, פּונקט ווי ביי יענעם ברונעם אין די ביבלישע צייטן, פון יעקב מיט רחלען.

—*—*—

צווישן די גרויע איינוווינער אין די שטילע גאַסן פון אַלט־שטאָט, געפי־

נען זיך איינצלנע אויסנאַמען פון מענטשן, וואָס טיילן זיך אויס פון דער אַרומיקער גרויקייט, ווי עס טיילן זיך אויס איינצלנע ביימער אין וואַלד, צע־וואַקסן זיך ברייטער, העכער, ווי די גאַנצע אַרומיקע מאַסע און מען זעט זיי ערשט דעמאָלט בעסער, בולטער, ווען מען אָבסערווירט זיי פון ווייטנס, ווען זיי טיילט אָפּ אַ געוויסער דיסטאַנס...

אַזוי ווינט דאָ אין זיין אַלט נידעריק ירושה־הייזל, ביים עק פון דער אַלט־שטאָט אויף אסלאָנאָוויטשאַ־טעאַטראַלנע, דער גרויסער למדן, דער שאַרפער גערער חסיד, ר׳ שמואל זיידנצייג. זיין שטוב, וואָס איז אָנגעפילט מיט אַ ים פון ספרים, דינט פאַר אַ בית־ועד לתלמידי חכמים. אין זיין דירה קומען זיך אָפּט צוזאַמען די לומדים פון שטאָט שמועסן א ביסל אין דברי־תורה מיטן אַלטן ר׳ שמואלן.

זומער, נאָך מיטאָג, אין שטוב איז ענג און הייס, שטעלט מען אַרויס אַ באַנק אין דרויסן הינטערן פענצטער. עס זעצן זיך אויס ר׳ איטשע מאיר שוחט, ר׳ לייביש פייוול, ר׳ בן־ציון צוקער, ר׳ אלי הענעך און נאָך אנדערע לומדים פון גערער שטיבל. מען לאָזט זיך אַוועק העט־ווייט אויף די כוואַ־ליעס פון ים התלמוד, מען היצט זיך, מען אַמפּערט זיך הויך אויפן קול, ווי ביי זיך אין דער היים וועגן „פני ישועות קשיא״ אויף א נישט־קלאָרן מאמר אין דער גמרא.

און באַלד אין שכנות הינטער דער וואַנט, אין אַ קליין אָרעם שטיבל, ווינט דער וועטעראַן פון די יידישע אַרבעטער אין שעדלעץ, אברהם וויינאַ־פעל. אין זיין שטיבל קומען זיך אָפּט צונויף, אויף געהיימע באַראַטונגען, הערשל אויפגאַנג, מאיר רזאנצאדזשעוואַ, יודל פרידריך, משה גראַביע, משה קדיש און אַנדערע יידישע און אויך נישט־יידישע אַרבעטער־טוער. דאָ ווערן באַהאַנדלט פאַרשידענע אַרבעטער־פּראָבלעמען און מען פירט וכוחים וועגן סאָציאַליזם, קאָמוניזם, פּאָליטישע און רעוואָלוציאָנערע פראַגן.

זומער נאָך מיטאָג, אין שטוב איז ענג און הייס, שטעלט מען ארויס א באַנק אין דרויסן, מען זעצט זיך אויס און מען פירט ווייטער די וכוחים הויך אויפן קול, (אין צעהיצטקייט פאַרגעסט מען אין קאָנספּיראַציע) ווי ביי זיך אינדערהיים. עס מישן זיך אויס און פלעכטן זיך צונויף אינאיינעם אויסרופן: מארקס, ענגעלס, קאוטסקי, באַגדאנאָוו מיט די נעמען: רמב״ם, רבנו־תם, מהרם, חדושי הרים, וואָס פאַלן מיט היץ פון די מיילער פון ר׳ שמואל זיידנ־צייגס מסיבה.

א ביסל ווייטער, אין אַן אַנדער קליין נידעריק הייזל, אויף דער זעלבער פּראָספּעקטאָווער גאַס, ווינט דער למדן און שאַרפער קאָזשעניצער חסיד ר׳ הערשל קאָזשעניצער. איין גאָט ווייסט, צי דערפאַר רופט מען אים קאָזשע־ניצער, ווייל ער פאָרט צום קאָזשעניצער רבין, אָדער ווייל ער שטאַמט טאַקע פון קאָזשעניץ.

ר׳ הערשעלע קאָזשעניצער האָט געשאַפן די חברה שומרי־שבת אין שעד־לעץ, פון וועלכער ער איז טאַקע דער גבאי. זיינע מיטגלידער, און דער עיקר טאַקע ר׳ הערשעלע אַליין, גייען אַרום פרייטיק פאַרנאַכט אין די האַנדלס־גאַסן און דערמאָנען, אַז עס איז צייט צו שליסן די געוועלבער מיט זייער שרייען: שבת! שבת! זיי היטן־אָפּ אין די בעקערייען, אַז די טשאָלנטער זאָלן אַריינגערוקט ווערן אין די אויוונס נישט צו שפּעט אין שבת־אַריין; זיי דערמאָנען די ווייבער, ווען זיי דאַרפן ליכט־בענטשן, און קריגן זיך אַרום מיט די פריזיר־אַנשטאַלטן, וואָס אַרבעטן אין שבת.

שבת בייטאָג, נאָכן שלאָף, און באַזונדער אין יום־טובים, קומט עולם שומ־רי־שבתניקעס זיך צוזאַמען צו ר׳ הערשלען אין שטוב. אַ ביסל שמועסט מען אין דברי־תורה, אָבער דער עיקר איז דאָס, וואָס מען כאַפּט אַ זמרל: מען באַזינגט דעם שבת, אָדער יום־טוב מיט די אַלט־קאָזשעניצער נגונים. דער־מאָלט לייגט דער עולם זיך צוזאַמען מיט אָרעמע גראַשנס, נישט חלילה אין מזומן — עס איז דאָך שבת, יום־טוב, ווען געלט איז מוקצה — נאָר מיט אַ ווונק, אַ וויַיז מיט די פינגער, וואָס דאָס מיינט: „איך גיב כך וכך, אי״ה מאָרגן צו באַצאָלן״, מען ברענגט עטלעכע פלאַשן, אָדער אַ פעסעלע משקה, עולם לאָזט זיך ווילגיין, מ׳אַן טרינקט „לחיים״, דעמאָלט פאַרלייגט מען האַנט אויף אַקסל און מען צעלאָזט זיך אַרום טיש אין אַ ריקודל, מיט פייער און ב־ען, מיט התלהבותדיקן געזאַנג, אויפן אַלט־קאָזשעניצער שטייגער, אַזוי, אַז דאָס אַלטע הילצערן הייזל טאַנצט־מיט און טרעשטשעט, נאָר וואָס איינ־צופאַלן.

און דאָ אין שכנות, אין אַן איינגעבויגן אָרעם הייזל, וווינט די בונטאַרע, רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־משפחה, סלושנע — די פּאָפּולערסטע שטוב פאַר די יידישע אַרבעטער אין שטאָט. אין דער שטוב זענען אויסגעוואַקסן די צוויי פירער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין שעדלעץ: די ברידער יוסף און אברהם סלושנע. דער ערשטער, אַלס פירער פון די לינקע „פועלי ציון״, דער צווייטער — אַלס פירער פון „בונד״ און שפּעטער פון דער קאָמ־פּאַרטיי. ביידע באַגאַבטע, מיט אייזערנעם ווילן און שטאַרקן רעוואָלו־ציאָנערן טעמפּעראַמענט, האָבן זיי צו זיך צוגעצויגן די אַרבעטער־מאַסן, נישט נאָר מיט זייערע אַרויסטריטן אויף פאַרזאַמלונגען אין די אָרגאַניזאַציעס מיט זייער שטאַרקן רעדנער־טאַלאַנט, נאָר אויך זייער היים איז געוואָרן די היים פון פיל ארבעטער, וואָס האָבן דאָרט געפונען די נייעסטע פאַרבאָטענע צייטונגען און ביכער, אַ חברישע סביבה און אַן אָרט, ווו אמאָל צו פאַרברענ־גען.

אין אַ פרייער צייט, ווען מען האָט נישט געאַרבעט, אין א שבת, אָדער א יום־טוב, איז חברה זיך צוזאמענגעקומען אין דער אָרעמער פּראָלעטאַרי־שער שטוב פון די סלושנעס. פון געמיטלעכע היימישע שמועסן איז מען אַרי־

בער, מיט ברען און טעמפעראַמענט, צו געשפּרעכן וועגן ליטעראַטור, וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע און רעוואָלוציאָנערע טעמעס, אין וועלכע די הויפּט־אָנטיילנעמער און באַלויכטער זענען געווען זיי, די ברידער סלושנע. ווען דער עולם איז געווען שוין גוט צעוואַרעמט פון די הייסע געשפּרעכן און וכוחים, איז מען אריבער צו לידער. אויסגעזונגען מיט פייער און טעמפּעראַ־מענט פאַרשידענע אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערע לידער פון אברהם רייזען, דוד עדלשטאַט, מאָריס ראָזנפעלד און אנדערע. די טענער פון די לידער האָבן זיך אַרויסגעטראָגן פון דעם אָרעמען, ענגן פּראָלעטאַרישן שטיבל אין דער גאַס־אַרויס, אויסגעמישט און אַריינגעפלאָכטן זיך אין התלהבותדיקן געזאַנג פון „מנוחה ושמחה" און „ישמחו במלכותך", וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער שכנותדיקער שטוב, פון ר׳ הערשעלע קאָזשעניצער.

—*—*—

קום מיין פריינט, לאָמיר מאכן א שפּאציר פרייטיק נאָך מיטאָג אין די אָרעמע געסלעך פון דער אַלט־שטאָט און זען ווי אַזוי די פּשוטע פּראָסטע עמך־יידן, וואָס זענען אַ גאַנצע וואָך פאַרהאָרעוועט, פאַרשמאַיעט מיט זוכן פּרנסה, ווי זיי גרייטן זיך צו ווערן פּרינצן, מקבל צו זיין די מלכה שבת.

די באַוועגונג אויף די שטילע, רואיקע געסלעך ווערט אַ שטאַרקערע. ווייבער, באַלאָדענע מיט קוישלעך און טעפּלעך איילן אַהיים פון די קראָמען, געשטעלן, פון מאַרק, מיט די איינגעקויפטע פּראָדוקטן אויף שבת. פון די שטיבער טראָגט זיך אין גאַס אַרויס דאָס ריטמישע קלאַפּן פון די האַקמע־סערס, וואָס צעהאַקן די אָרעמע קליינע פישעלעך. ביי די וואַסער־פּלומפּן איז די באַוועגונג אַ גרעסערע ווי שטענדיק און זיי רוען נישט קיין מינוט די פּלומפּן. היינט דאַרף מען וואַסער מער ווי שטענדיק: צום קאָכן, צו שייערן די דילן און צום אויסצוואַגן זיך און די קינדער לכבוד שבת.

מיט רעש און טומל פאָרן אַריין די בעל־עגלות און דראָזשקאָזשעס. די רעדער קלאַפּן הילכיק אויפן ברוק און זיי הערן נישט אויף שרייען „וויאָ", „וויאָ" צו זייערע אויסגעהאָרעוועטע פערד, וואָס פאַרשטייען נישט אַז עס איז שפּעט, ערב שבת און מען דאַרף זיך צואיילן. עס פאָרן אַריין טרעגער מיט זייערע האַנט־וועגעלעך, מאַרק־קרעמער מיט זייערע אָרעמע ביסלעך סחורה און עס קומען־אָן דאָרפס־גייער מיט זייערע פּעקלעך אויף די פּליי־צעס, אַלע גייען היינט שנעלער, איילן זיך צו.

אין די הייזער איז ענג — ווערן א סך ארבעטן געטאָן אין דרויסן: יידן קומען אַרויס מיט באַרשט און שמירעכץ, פּוצן אָפּ לכבוד שבת די פאַרשטויב־טע שטיוול און שיך; מיידלעך רייבן און פּוצן די מעשענע לייכטער מיט וואַ־סער און זאַמד; אין ברייטע שיסלען וואַרעמע וואַסער צוואָגן מאַמעס אויס די קעפּלעך פון זייערע קינדער, וואָס מאַכן דערביי אַזעלכע קולות, גלייך מען וואָלט זיי געקוילעט.

יידן איילן זיך מיט פּעקלעך וועש אונטער די אָרעמס אין מקוה־אַריין און איילן צוריק אויסגעצוואָגענע, נאַסע, רויט־אויסגעפּאַרעטע.

און אַז די מאַמעס צינדן־אָן די שבת־ליכט אין די גלאַנציקע מעשענע לייכטער, גייען די דערוואַקסענע מיידלעך אַרויס „פּאַר דער טיר" מיט גלאַנציקע נאַסע פאַרפּלאָכטענע צעפּ, אָנגעטאָן אין די שבתדיקע געבלומטע קליידלעך, כדי צו זען די אויסגעפּוצטע בחורים, וואָס גייען צוזאַמען מיט די טאַטעס אין שול־אַריין דאַווענען. און ווען זייערע בליקן טרעפן זיך אָן מיט די בליקן פון די בחורים, ווערן זיי רויט פּונקט ווי זייערע קליידלעך, און זיי לויפן שנעל צוריק אַריין אין די שטובן.

מיט מידע טריט שפּאַנען די אויסגעהאָרעוועטע יידן צוריק אַהיים פון דאַווענען. טייל פירן מיט זיך מיט אַן אורח צו דער שבתדיקער סעודה. פאַרשידן זענען די נגונים, וואָס ווערן דאָ אויסגעזונגען מיט די שבתדיקע זמירות. די פּשוטע, מער אויסגעהאָרעוועטע און מידע יידן, ברומען עפּעס אונטער דער נאָז משונה'דיקע קלאַנגען, וואָס איז שווער צו דערגיין, צי איז דאָס אייגענע אימפּראָוויזאַציע צו די האַרטע ווערטער פון „כל מקדש", אָדער עפּעס א גלגול פון א נגון, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט. פון די הייזער, ווו עס וווינען יונגערע בז:לעבאַטימלעך, האלב „היינטיקע" הערט מען א צוגעפּאַסטע מעלאָדיע צו די זמירות פון אַ ביליק טעאַטער־קופּלעטל, אָדער פון א פּאָפּולער פאָלקס־לידל; פון די געציילטע לומדישע הייזער הערט מען שוין אויסזינגען די זמירות מיט אמתע שבת־נגונים, וואָס ווערן געזונגען אין גערער, קאָזשעניצער שטיבלעך. פון ערגעץ־ווו הערט מען אויך א זמר פון מאָדזשיצער נגינה.. יעדער איינער אזוי, ווי ער קען, אָבער אלע באַזינגען דעם שבת. די אויסגעפּראַצעוועטע האָרעפּאַשנע יידן זענען מיד פון אַ גאַנצער וואָך ארבעט און גייען פריער שלאָפן. נאָר פון די לומדיש־חסידישע הייזער לאָזט זיך הערן שפּעט אין דער נאַכט־אַריין, פריער די זמירות־געזאַנגען, שפּעטער דאָס קול פון תורה־לערנען.

יונגוואַרג — יינגלעך, מיידלעך, שפּאַצירן אַרום ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין, חכמען זיך, וויצלען זיך, „פירן ליבעס", בעת די עלטערן זענען פאַרזונקען אין טיפן פרייטיק־צונאכטס־שלאָף, אָדער פאַרטאָן אין תורה־לערנען.

—*—*—

אַנדערש ווי יעדן טאָג, שטעלט זיך דער שבת־פרימאָרגן אין די געסלעך פון אלט־שטאָט. די ערשטע שטייען־אויף, גלייך ווי עס נעמט נאָר טאָגן אין דרויסן: די בעל־עגלה'ס, דראָשקאַזשעס און קראָוויאַזשעס, זיי פירן־אַרויס זייערע פערד און בהמות צו די פּלומפּן אָנצופּאָיען זיי און עסן געבן. דער אלטער שבת־גוי, פראַנצישעק, וואָס ווארט א גאַנצע וואָך מיט אומגעדולד אויפן שבת, איז זיך אויך מקדים און ווי עס נעמט נאָר בלויען אויפן טאָג, שפּאַנט ער שוין ארום אין די געסלעך מיט זיין גרויסער חלה־טאָרבע אָנגע־

האַנגעגן אויפֿן אָרעם, קלאַפּט אין פֿאַרמאַכטע לאַדנס: יאַנקל, שטיי אויף, שוין צייט אײַנצוהייצן אין אויוון. זײַן ווײַב, די פֿראַנציסקאָווע, גייט אַרום צו די קראָוויאַזשעס אויסמעלקן די בהמות און ציגן. פֿון ערגעץ־וואו טראָגט זיך דאָס קול פֿון דאַוונען פֿון „פּאַרנט" און תּהלים זאָגן. ייִדן אין שוואַרצע שבתדיקע קאַפּאָטעס הויבן אָן גיין אין די שולן מיט די ספּעציפֿישע, לאַנג־זאַמע שבת־טריט, מיט די טליתים און חומשים אונטער די אָרעמס. אויך צוריק גייען זיי לאַנגזאַם, זיי אײַלן זיך נישט, זיי האָבן היינט צייט. אויפֿן וועג רעדט מען „פּאָליטיק", ווי וועגן דער מחלוקת, וואָס האָט זיך צעפֿלאַקערט אין שטאָט מיטן אויפֿנעמען דעם נײַעם רבֿ.

אָט גייען אַ גרופּע ייִדן באַזונדער, האַלטן זיך בחבֿרותא צוזאַמען, שמו־עסן צווישן זיך הויך אויפֿן קול אַזוי, אַז איינער הערט נישט וואָס דער צווייטער רעדט. און דער, וואָס וויל דווקא איבערצײַגן זײַנע מיטשמועסער שטעלט זיך אָפּ, כאַפּט איינעם בײַ דער באָרד, אַ צווייטן — בײַ דער לאַץ פֿון קאַפּאָטע, אַ דריטן — בײַם אַרבל, ער רעדט האַסטיק, גוט־ברודעריש, ער ווײַזט־אויף, אַז נאָר דער כאַדעראָווער רבֿ און נישט קיין אַנדערער איז דער פּאַסיק־סטער קאַנדידאַט צו פֿאַרנעמען דאָס שעדלעצער כּסא הרבנות.

און דאָ, אין דער מיטן גאַס אויפֿן ברוק, גייט אין אַ געשלאָסן קרענצל אַ באַזונדערע גרופּע — דאָס האָט אַ מתפּלל פֿון אַ שול, אָדער שטיבל, פֿאַר־בעטן זײַנע מיטדאַוונער אויף אַ קידוש, צוליב עפּעס אַ געלעגנהייט — אַ יאָרצײַט, אַ בר־מצווה, אָדער צוליב דעם, וואָס ער האָט היינט גומל געבענטשט אין שול, ווײַל ער איז די וואָך ניצול געוואָרן און נישט געממית'ט געוואָרן פֿון אַ שטיין, וואָס אַ שייגעץ האָט אין אים געוואָרפֿן אין דאָרף. און ווען עס איז נישטאָ אַזאַ געלעגנהייט — שאַפֿט מען זי, לייגט מען זיך גלאַט צוזאַמען אויף אַ פֿלעשל מיט פֿאַרבײַסעכץ — ס'איז דאָך שבת — און מען גייט צוזאַ־מען קידוש מאַכן.

עס אײַלן ווײַבער, מיידלעך און ייִנגלעך איבער די געסלעך, באַלאָדן מיט טשאָלנט־טעפּ פֿון בעקער. די טשאָלנט־ און קוגל־ריחות שפּאַרן אַרויס פֿון די פֿאַרדעקטע טעפּ, פֿילן אָן די לופֿט, מישן זיך אויס מיט די ריחות פֿון ציבעלעס מיט שמאַלץ, וואָס טראָגן זיך פֿון די הײַזער. און ווידער צעקלינגען זיך ברומערײַען און געזאַנגען פֿון זמירות — עמך באַזינגט דעם הייליקן שבת, וואָס גיט אַזוי פֿיל רו און מנוחה מיט אַ געשמאַקער סעודה.

אָפּגעגעסן די שבתדיקע סעודה, פֿאַלט אַ תּרדמה אויפֿן עולם: מען שלאָפֿט. עס איז אַ גרויסע זאַך מקיים צו זײַן דעם שינה בשבת און ייִדן פֿון דער אַלט־שטאָט האַלטן שטאַרק פֿון דער מצווה, כאָטש איינמאָל אין וואָך זיך גוט אויסרוען. זומער־לעב, ווען אין דרויסן איז וואַרעם, שלעפּט מען אַרויס אַן אַלטן בגד, מען שפּרייט אים אויס אין שאָטן הינטער דער וואַנט און מען צעלייגט זיך אויף אים ווי בײַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן, אָדער מען ציט זיך

אויס אויף דעם קאַרגן ביסל גראָז, וואָס וואַקסט כמעט אין יעדן הויף (אויב די ציגן האָבן עס נישט פאַרצערט), און מען שלאָפּט הויך אויפן קול מיט א כראָפּעריי און פּייפעריי אויף ביידע נאָזלעכער, אַזוי, אַז מען הערט דאָס אין אַלע געסלעך.

אָבער יידן געדענקען, אַז נישט בלויז צוליבן עסן און שלאָפן האָט גאָט געגעבן דעם הייליקן שבת. מען דאַרף אויך געדענקען אין דער תורה הקדו־שה. הויבט מען זיך אויף און מען לערנט. ווער — דעם פּרק פון דער וואָך, ווער ס׳איז מעביר סדרה און ערגעץ־ווו לערנט מען אויך א בלאט גמרא, און די, וואָס זענען אַליין נישט אַזוי שוה בשוה מיט די קליינע אותיות, גייען אַוועק אין די שטיבלעך, אָדער בתי־מדרשים און הערן זיך צו ווי אַ רבי לערנט פאַרן עולם.

ערגעץ־ווו אין הויף, אין שאָטן פון אַ בוים, אָדער הינטער אַ וואַנט, זעצן זיך אויס א גרופּע, פון א גאַנצער וואָך פאַרהאָרעוועטע ווייבער, אָנגעטוענע אין פאַרשידן קאָלירטע, געבלומטע שבת־קליידער און אין פאַרשידן קאָלירטע קאָפּ־טיכלעך און הויבלעך, שפּאַרן אונטער די הענט אונטער די באַקן, הערן זיך איין ווי די „זאָגערין״, וואָס זיצט אינדערמיט מיט די אָנגעזאָפּטלטע שפּאַקולן אויף דער שפּיץ נאָז, וואָס האַלטן זיך אויף אַ שטריקל פאַרבונדן פון הינטן אויף דער צווייטער זייט פון דער שבתדיקער קופּקע, לייענט פאַר הויך אויפן קול, מיטן אַלט־באָבעשן ניגון, די סדרה פון דער וואָך פון איר אויסגעריבענעם טייטש־חומש.

אין אַ צווייטן הויף־ווינקל, אויפן קאַרגן ביסל גראָז, זענען אויסגעזעצט האַלב־ליגנדיק אַ גרופּע ייִנגלעך און מיידלעך. איינער לייענט פאַרן עולם אויפן קול פּרץ׳ס „באָנטשע שווייג״. נאָכן לייענען אַמפּערט מען זיך, מען איז זיך מתוכח וועמען און וואָס פּרץ האָט געמיינט. און אז עולם באַרואיקט זיך, לערנט מען זיך אויס אַ ניי ליד, וואָס איינער פון חברה האָט געברענגט פון שכנותדיקן, זינגענדיקן סאָקאָלאָוו, ווו ער איז דאָ נישט לאַנג געוועזן.

פאַרנאַכט־צו לאָזט זיך עולם אויפן שבתדיקן שפּאַציר. ווער עס פּוצט זיך אויס און גייט אין דעם אַריסטאָקראַטישן שטאָט־גאָרטן, ווער אויפן שטאָ־טישן „דעפּטאַק״ פון וואַרשעווער־קילינסקע גאַסן זיך אויסמישן מיט די באַלעבאַטיש־סוחרישע שבת־שפּאַצירער. און די, וואָס זענען נישט אַזוינע גרויסע עולם־הזה׳ניקעס, איבערהויפּט די פון א גאַנצער וואָך שווער־פאַר־האָרעוועטע ווייבער און יידן, שפּאַצירן פאַר זייערע הייזער אין די אייגענע געסלעך. נישקשה, אומעטום קאָן מען כאַפּן א ביסל לופט און אָפּרוען, ביז — ביז עס באַווייזן זיך די ערשטע שטערן אין הימל, צינדט מען אָן ליכט, די מענער מאַכן „הבדלה״, די ווייבער זאָגן „גאָט פון אברהם״, מען טוט צוריק אָן די וואָכעדיקע בגדים און מען נעמט זיך צוריק צו וואָכעדיקע זאכן: די בעל־עגלה׳ס און דראָזשקאָזשעס שפּאַנען זייערע אויסגערוטע פערד, די טרע־

גער פאַרן אַרויס מיט זייערע האַנט־וועגעלעך, בעלי־מלאכות גייען צו זייערע וואַרשטאַטן, קרעמער — אין זייערע קראַמען. אויס פּרינצן — צוריק פאַר־האַרעוועטע, פאַרדאגה'טע, פּרנסה־זוכנדיקע יידן.

—*—*—

אַלט זענען די הייזלעך און די גאַסן פון דער אַלט־שטאַט. פיל פון זיי זענען אַזוי אַלט, ווי אַלט ס'איז די שטאָט שעדלעץ און איר יידישער ישוב. זיי באַווייזן זיך און ליציטירן זיך מיט זייער אַלטקייט, די הילצערנע הייזלעך. אַ טייל זיצן טיף אַראָפּגעזעצט אין דער ערד, ביז צו די קליינע פענצטערלעך, און כדי אַריינצוקומען אינעווייניק, מוז מען קריכן אויף עטלעכע אויסגעדריי־טע טרעפּלעך. מען ווייסט נישט צי זענען די הייזלעך געזונקען אין דער ערד אין משך פון פיל צענדליקער און הונדערטער יאָרן, אָדער צי האָט זיך דער דרויסן אַרויפגעהויבן העכער און געלאָזט שטעקן די הייזלעך אין זייער טי־פער אַלטקייט. אין אַ טייל הייזלעך זענען אין פאַרלויף פון דער צייט אויס־געדרייט געוואָרן די טירן מיט די פענצטער און זיי שטעקן אין די אַלטע ווענט, ווי פאַראַליזירטע, אויסגעקרומטע אברים, באלכסון. ווען איין עק פון טיר ליגט האַרט אויף דער ערד ביי די פיס, שטייט דער צווייטער עק פאַריסן אַרויף און גרייכט אייך צום בויך. ביי נאָך אַנדערע זענען די ווענט געהויר־קערטע, פאַררונדיקטע סטאַרטשען זיי אַרויס, ווי ביי א מעוברתע אין די הויכע חדשים און ס'איז א סוד ווי אַזוי זיי האַלטן זיך און פאַלן נישט איין אויף די קעפּ פון די דורכגייער.

צו דעם גרויען לעבן, וואָס ס'האָבן דאָ געפירט די גרויע מענטשן, איז אויך צוגעפּאַסט דער קאָליר פון די הייזלעך — אַלע זענען זיי געפאַרבט גרוי און וואַרפן גרויע שאָטנס אין די גרויע געסלעך צוזאַמען מיט דעם גרויען הימל, וואָס מען זעט אים דאָ מער ווי אין אַנדערע שטאָט־טיילן, שאַפט עס איין הארמאָנישע גרויע גאַנצקייט — דעם אמתן קאָליר פון דער יידישער ווירקלעכקייט.

—*—*—

אַזעלכע איז געווען און אַזוי האָט אויסגעזען די יידישע אַלט־שטאָט אין שעדלעץ פון פאַרן בלוטיקן מבול.

אין יענע פינצטערע טעג פון אויגוסט 1941, ווען עס איז געחתמעט גע־וואָרן דער בזיונדיקער גזר־דין פון איינשפּאַרן די שעדלעצער יידן אין א געטאָ־תפיסה, איז דער גורל געפאַלן אויף די אָרעמע, ענגע, גרויע געסלעך פון דער יידישער אַלט־שטאָט, צו זיין אָט די תפיסה.

די אָרעמע, קליינע הייזלעך פון פּראָספּעקטאָווע, יאַטקאָווע, בלאָניע און בראָוואַרנע, ווו עס האָבן פריער געוווינט משפחות פון 5—6 מענטשן אין איין שטיבל, האָבן ברייט צעעפנט זייערע טירן און אַריינגענומען צו זיך זייערע אומגליקלעכע שוועסטער און ברידער, וואָס די רוצחישע פויסט האָט

צוזאַמענגעטריבן אַהער פון אַלע אַנדערע גאַסן. אין יעדן שטיבל זענען גע־וואָרן אָנגעפּאַקט צו צען, פופצן און אַפילו צוואַנציק מענטשן. אויך אַלע קעלערס, בוידעמער און שטאַלן, אַלע איינגעפאַלענע חורבות, ווו נאָר אַ לאָך, וואָס האָט געקענט שיצן פון היץ און קעלט, פון רעגן און ווינטן און פון די בייזע, ווילדע אויגן פון די דייטשע מענטשן־פרעסער, איז געוואָרן א נעסט פאר די אומגליקלעכע מענטשן.

די צילן און כוונות, וואָס די שעפער פון דער „נייער אָרדענונג" האָבן זיך געשטעלט, זענען פולשטענדיק דערגרייכט געוואָרן: 1) זיי האָבן געהאָט אַלע יידן קאָנצענטרירט אויף איין, דורך זיי, גוט קאָנטראָלירט אָרט; 2) דאָס צוזאַמענפּרעסן אַזאַ גרויסע צאָל יידן אין עטלעכע קליינע ענגע גאַסן, האָט געבערענגט מיט זיך פאַרשידענע עפּידעמיעס און קראַנקהייטן און דעם דער־וואַרטעטן רעזולטאַט; 3) די גוואַלדיק גרויסע שטערבלעכקייט, וואָס די באַ־דיננוגגען האָבן אַרויסגערופן ביי די פאַרשפאַרטע יידן.

—*—*—

מיט פאַרקלעמטע הערצער און ציטערנדיקע, נישט זיכערע טריט, בלאָנ־דזשען מיר דאָ אַרום אויף די חורבות פון דער יידישער אַלט־שטאָט, ווי מען שפּאַנט אויף אַן אַלטן פאַרלאָזענעם בית־הקברות. יעדעס קבר־בערגל, יעדע נישט אויסגעברענטע חורבה, יעדע אַדורכגעלעכערטע וואַנט, יעדעס גאַנץ־געבליבן הויז, יעדער בוידעם, יעדער קעלער און יעדער שטאַל אויפן שטח, ווו עס איז געווען דאָס גרויסע געטאָ־קבר — אַלץ דערציילט פון פּיין און יסורים, פון בלוט און טויט, פון חורבן און אומקום. יעדער שטיין פון ברוק דערציילט וויפל לעבנס עס זענען אויף אים אומגעקומען. פון יעדן שפּאַן ערד שרייט־אַרויס דאָס בלוט, וואָס ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט. ווו נאָר עס פאַלט דער בליק, ווו נאָר מען קערט זיך און מען ווענדט זיך, אַלץ דערציילט פון חורבן, אַלץ דערציילט ווי אַזוי עס איז אומגעקומען אונזער גרויסע עדה.

עס ציט זיך אַ פלאַך אויסגעגלייכט, מיט גראָז באַוואַקסן בערגל — אַ קבר נאָך א רייע יידישע הייזער, וואָס זענען פאַרברענט און צעשטערט פון מענטשלעכער רשעות. צוקאָפּנס פון דעם בערגל שטייט אַ שוואַרצער אָפּגע־סמאַליעטער קוימען, ער שטייט ווי אַ שוואַרצע מצבה — אַ זכר נאָך אַן אָפּ־געשטאָרבענעם לעבן. און נישט ווייט, אָפּגערוקט א ביסל טיפער, ווו עס איז אַמאָל געווען א יידישער הויף מיט אַ קליינע ווירטשאַפט, איז געבליבן שטיין א נאַקעטער, שווארצער בוים, מיט אָפּגעסמאַליעטע דאַרע צווייגן, אויסגע־שטרעקטע הויך צום הימל, ווי די דאַרע ביינערדיקע הענט פון אַן אסקעט, בעת א תפילה. פון ביידע, דאכט זיך, הערט מען, ווי זיי יאָמערן פאַרשעמט אויף זייער אייגענער בראָך און אויפן בראָך פון זייערע אומגעקומענע בעלי־בתים.

אויף אַן אַנדער אָרט ליגט צעגראָבן אַ בערגל מיסט און אַרום — אַ ראַי פון היגער, וואָס שאַרן מיט די פּיסלעך, פּיקן מיט די שנאָבלען, זוכן, נישטערן ענערגיש, מיט אימפּעט. אין קאָפּ פּלאַמט אויף א געדאַנק: דאָ דאַרף מען זוכן, דאָ קען מען עפּעס געפינען פון דעם חורבן „אַמאָל". מיר שטעלן זיך אָפּ, זיי דערשרעקן זיך די אָרעמע הינדלעך פאַר די מאָדנע מענטשן, וואָס זיי זעען אפשר דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן, בייזערן זיך אויף זייער היגער־לשון פאַרוואָס מען שטערט זיי אין זייער אַרבעט און זיי צעלויפן זיך. מיר באַטראַכטן דעם „אוצר", וואָס די הינער האָבן אויפגעגראָבן: אַ פּאָר צעפּויל־טע קינדער־שיכלעך, קליינינקע, פון אַ קינד, וואָס האָט אפשר געמאַכט אין זיי די ערשטע טריט אויף דער פאַרשאָלטענער ערד. נישט באַוויזן נאָך די שיכלעך צו צערייסן, ליגן זיי צעפּוילטע, אָבער נאָך גאַנצע; אַ פאַרזשאַווערט בלעכן חנוכה־לעמפּל, אַזעלכעס, וואָס עס פלעגן ניצן גאַנץ אָרעמע יידן; אַ ביסל צעפּוילטע בלעטער פון ספרים, פון הייליקע יידישע ספרים זענען צע־ריבן און אויסגעמישט מיט ערד און מיסט. שווער שוין איבערצולייענען אויף זיי עפּעס. ווייטער וואַלגערן זיך אַלטע אַלומיניום לעפל־גאָפּל, שערבלעך פון טעלערס און פאַרשידענע שטיקלעך צעבראָזגעט גלאָזוואַרג, צווישן וועלכע עס וואַרפט זיך באַזונדער אין די אויגן אַ רויט גלאַנציק שטיקל גלאָז. איך הויב עס אויף, וויש אָפּ דעם שטויב און לייען איבער די מאַט־אויסגעמאָלענע האַלבע אינוואַלידן־אותיות: „כוס של פּסח".

דאָס אָרעמע שטיקל גלאָז האָט אַרויפגעפירט אויף פאַרשידענע רעיו־נות: אויף דעם שיינעם באַפרייאונגס־יום־טוב פּסח, וואָס איז דאָ געפראַוועט געוואָרן מיט אַזאַ פרייד אין די אָרעמע שטיבלעך פון די פשוטע פאָלקס־מענטשן. עס דערציילט, ווי עס איז אמאָל א גאַנצער שיינער פינקלדיקער כוס געווען, אַ ירושה איבערגעגאַנגען פון איין דור צום צווייטן ווי אַ הייליק־טום, איז געווען באַשטימט בלויז פאַרן כוס של אליהו. און עס דערמאָנט ווי דער פינקלדיקער וויין, וואָס דער אָרעמער ייד האָט אין אים אַריינגעגאָסן, האָט געפלאַטערט און געציטערט, ווען מען איז אויפגעשטאַנען פון סדר־טיש, ברייט געעפנט די טיר און אויסגערופן: „ברוך הבא, אליהו הנביא איז דאָ", און דערציילט אים דעם לעגענדאַרן נביא די אַלטע הגדה פון „שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו" און פון „שפוך חמתך אל הגוים אשר לא ידעוך"..

—*—*—

זיי זענען באַזעצט די געבליבענע הייזלעך פון דער יידישער אַלט־שטאָט מיט פרישע איינוווינער, געקומענע פון אַרומיקע הינטערשטאָטישע דערפער און פון זייטיקע עקשטאָטישע גאַסן. זיי זענען פרומע, די נייע איינוווינער און האָבן אויסגעשטעלט אין די פענצטער פאַרשידענע בילדער פון הייליקע אפאַסטאלן און צלמים. די ווענט, וואָס זענען געווען דאָ ניט לאַנג באהאַנגען מיט בילדער פון ווילנער גאון, פון ר' משה מאָנטיפיורי און כותל המערבי,

זענען איצט באַהאַנגען מיט די בילדער פון דער „הייליקער מאַמען" מיטן „קינד" אויף דער שויס. און אַנטקעגן ברענט אַ נר תמיד. עס זעט אויס ווי די פרומע איינוווינער ווילן מיט די הייליקע בילדער און הייליקן נר־תמיד־פייער פאַרטרייבן די בייזע רוחות פון די אַמאָליקע איינוווינער, וואָס קומען אפשר ביינאַכט זיי צו חלום און שטערן זייער שלאָף

אין דרויסן, פאַר די שטובן, שפּילן זיך גרופּעס קינדער. זיי דערשרעקן זיך ווען זיי דערזעען אונז, אַנטלויפן שנעל אַריין אין הויף און צעשרייען זיך אויפן קול: „זשידזשי אידאַן" (יידן גייען). אויף זייער געשריי קומען אַרויס עטלעכע מאַמעס, באַרואיקן די קינדער און קוקן אונז נאָך ווייבעריש נייגעריק, אַ ביסל מיט אַ חוזק־שמייכל אויף די פרומע פּנימער און אַ ביסל מיט שרעק: צי דאָס זענען נישט געקומען רעכטלעכע יורשים נאָך די אַמאָ־ליקע בעלי־בתים פון די הייזלעך, ווי עס טרעפט אַמאָל לעצטנס.

אַ פלאַג זענען דאָ איצט די גרויסע צאָל הינט, וואָס די נייע בעלי־בתים האָבן מיטגעבראַנגט פון די דערפער און פון די הינטערשטאָטישע גאַסן. זיי זענען דאָ אומעטום, די הינט. אין די הויפן, פאַר די שטובן, אין די גאַסן. קוקן נאָך, לויפן נאָך, באשמעקן די עטלעכע יידישע דורכגייער און ווארפן זיך אויף זיי מיט אַ ווילד געבילעריי, וואָס דאָס מיינט: וואָס בלאָנקעט איר נאָך דאָ אַרום, אַזוינע און אַזעלכע, אין דער יידן־ריינער שטאָט...

14. קינדער פאַר קינדער — אין געטאָ

מיר בלאָנקען ווייטער אין די האַלב און גאַנץ חרובע געסלעך פון דער אַלט־שטאָט. מיר פאַרהאַלטן זיך ביים הויז נומער 28, אויף אסלאנאוויטשא (פּראספּעקטאווע) גאַס.

אין דעם הויז האָט זיך געפונען די קיך פאַר הונגעריקע קינדער אין געטאָ, געשאַפן און אָנגעפירט פון קינדער אַליין. וועגן דער קיך דערציילן אברהם האַלבער, זיין פרוי, האנקע אפּעל און די איינציק לעבן־געבליבענע מיטאר־בעטערין לוסיע גורשטיין:

ווען די נויט און הונגער אין געטאָ האָבן דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט און מאַסן מענטשן, דערוואַקסענע און קינדער זענען געשוואָלענע אַרומגעגאַנגען אויף די מיסטן, צווישן אָפּפאַל געזוכט מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער, האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ גרופּע קינדער, באַטראַכט פּלענער, ווי אַזוי צו לינדערן די נויט פון זייערע הונגעריקע שוועסטערלעך און ברידער־לעך. דער פּלאַן פון דער ערשטער הילף איז געווען, עפענען אַ קיך, וואָס זאָל יעדן טאָג אַרויסגעבן פאַר די הונגעריקע קינדער אַ ביסל וואַרעם עסן.

די קינדער־פאַרזאַמלונג האָט אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט אין באַשטאַנד

פון פאָלגנדע קינדער: חנה׳לע אייזנבערג (אפרים צעלניקס אייניקל), ליליא יאבלאָן, סאלעק יאבלאָן, (יששכר יאבלאָנס קינדער) לוסיע גורשטיין (טעכ־טערל פון דוד אין אידא גורשטיין — זי איינע איז לעבן געבליבן) דינה׳טשע טשיבוצקא (שלמה׳ס טעכטערל), אידא פרידמאן, מארישא לעווין, קובא לעווין (קינדער פון יואלקע לעווין) און פייגעלע יאבלאָן (יוסף׳ס טעכטערל).

אַ דעלעגאַציע פון קינדער־קאָמיטעט האָט זיך געוואָנדן צום יודנראַט, פאָרגעלייגט זייערע פּלענער און געבעטן הילף. דער יודנראַט האָט דעם קינ־דער־קאָמיטעט געגעבן אַ געוויסע סומע געלט, אַ דאַנק דעם איז די קיך געעפנט געוואָרן.

ווייטערע הכנסות, ווי אזוי אויפצוהאלטן די קיך האָבן די קינדער געזוכט פון פאַרשידענע קוועלן: געגומען סטאַבילע אָפּצאָלונגען ביי די פאַרמעגלע־כערע יידן אין געטאָ, אונטערן לאָזונג „קינדער פאר קינדער״ האָבן קינדער־שע פאָרלעך אדורכגעפירט אין די געטאָ־געסלעך געלט־זאמלונגען דורך צייי־כן־פארקויף; דורכגעפירט אָפטע זאמלונגען פון עסנווארג און מלבושים; איינגעאָרדנט פארשידענע עפנטלעכע פאראנשטאלטונגען; אין גאָרטן, וואָס איז געווען אויפן הויף, ווו עס האָט זיך געפונען די קיך און אויפן וואסער פון דער סאדזלקע אין זעלבן הויף האָבן די קינדער איינגעאָרדנט פארשידענע אימפּרעזעס, וואָס האָבן ארייַנגעבראכט הכנסה.

אין דער הילפס־ארבעט פון קינדער־קאָמיטעט און קינדער־קיך זענען ארייַנגעצויגן געוואָרן כמעט אלע קינדער פון געטאָ. אזוי האָבן די קינדער, וואָס האָבן נאָך געהאט אין דער היים אָפּצועסן, זיך געטיילט מיט זייערע מאָלצייטן מיט די קינדער, וואָס האָבן אין זייערע אָרעמע היימען קיין עסן נישט געהאט. קינדער פון פארמעגלעכערע עלטערן האָבן זיך נישט צוגערירט צו זייערע עסנס ביז די עלטערן האָבן נישט אָפּגעצאָלט א געוויסע סומע פארן קינדער־קאָמיטעט.

אין זייער הייליקער הילפס־ארבעט פאר די ליידנדיקע קינדער האָבן דעם קינדער־קאָמיטעט מיטגעהאָלפן א גרופּע פרויען, געהאָלפן זיי איינשאפן פּראָדוקטן — זייער א שווערע אויפגאבע אין יענער צייט — ווי אויך ביי דער ארבעט אין קיך (צווישן אנדערע די פרויען אידא גורשטיין, בראָנקע יאב־לאָן, אנדזשא לעווין). מאטעריעל האָבן פיל מיטגעהאָלפן: דער פּליט פון דייטשלאנד, פרנס, וואָס האָט זיך געפונען אין שעדלעצער געטאָ און דער שעדלעצער משומד גאנצוואָל, וואָס איז אין אָנבליק פון דער מורא׳דיקער יידישער טראַגעדיע געוואָרן א בעל־תשובה און זיך געווידמעט צו העלפן נויט־ליידנדיקע יידן און באזונדערס הונגעריקע קינדער.

דער קינדער־קאָמיטעט האָט געפירט א פּלאנמעסיקע ארבעט לויט אלע כללים פון אן אָרגאניזירטער קערפּערשאפט. דורך זיין פארוואלטונג און סעק־

רעטאַריאַט, געהאַט רעגיסטראַציעס פון נויט־ליידנדיקע קינדער און פּלאַנ־מעסיק פאַרטיילט הילף.

דער קינדער־קאָמיטעט, מיט זיין קיך און הילפס־אַרבעט פאַר די הונגע־ריקע און ליידנדיקע קינדער איז אויסגעוואַקסן אַלס אַ צענטראַלע הילפס־אינסטיטוציע אין געטאָ אין יענער אומגליקלעכער תקופה, ווען קעלט, הונגער, נויט און עפּידעמישע קראַנקהייטן האָבן געבושעוועט אין געטאָ. פון אַלע אַ־רומיקע געסלעך, פון אַלע ענגע אָנגעפּראָפּטע שטיבלעך, בוידעמער, קעלערס און שטאַלן האָבן אין די מיטאָג־שעהן געשטראָמט אַהער אויף אַסלאַנאָוויטשא 28 הונדערטער אָפּגעריסענע און געשוואָלענע קינדער, פאַר וועלכע דאָס אָרעמע ביסל עסן איז געווען דאָס גאַנצע דערנערונג פון טאָג. פיל פון די אומגליקלעכע קינדער האָבן מיט דעם אָרעמען ביסל עסן, וואָס זיי האָבן באַ־קומען אין קיך, זיך געטיילט מיט זייערע אויסגעהונגערטע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן ערגעץ־ווו אין אַ זייטיקן הויף געוואַרט אויף דעם, אוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד און צוזאַמען האָט די גאַנצע משפּחה געגעסן דאָס ביסל עסן.

די הייליקע קינדערשע הילפס־אַרבעט פון די תנוקות של בית רבן פאַר זייערע אומגליקלעכע שוועסטערלעך און ברידערלעך האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט אין פאַרשפּאַרטן געטאָ. זי איז איבערגעריסן געוואָרן ט׳ אלול תש״ב, ווען די קינדער זענען צוזאַמען מיט די עלטערן, דורך די דייטשע, אוקראַינישע און אַנדערע קינדער־מערדער אַרויסגעטריבן געוואָרן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ און פון דאָרט — אין די טרעבלינקער גאַז־קאַמערן.

15. ביי דער חורבה פון קצבים בית־מדרש

און דאָ זענען מיר ביי דער חורבה פון קצבים־בית־מדרש אויף דער אַמאָ־ליקער יאַטקע־גאַס.

פון שטענדיק אָן איז אָנגעגאַנגען אַ שטיקל שנאה צווישן „שיינע״ יידן, שאַרפע חסידים, לומדים און צווישן פּראָסטע איינפאַכע יידן, פּשוטע בעלי־מלאָכות און דער עיקר קצבים, טאַקע די, וואָס האָבן אין דער גרויסער מער־הייט געוווינט דאָ אויף דער יאַטקע גאַס. אַמשטאַרקסטן האָט זיך דער אַנ־טאַגאָניזם געלאָזט פילן אין די שולן און בתי־מדרשים, ווו די „שיינע״ יידן, לומדים און סוחרישע בעלי־בתים האָבן זיך געהאַלטן פאַר מיוחסים. פאַרנומען פאַר זיך די בעסטע שטעט אין מזרח־וואַנט, די פעטסטע עליות אין דער תורה און שמחת־תורה — די חשובסטע הקפות.

די שולן און בתי־מדרשים זענען געווען די פּילבאַרסטע ערטער, ווו די פּראָסטע עמך־יידן זענען איגנאָרירט געוואָרן, ווען מען האָט אַמאָל באַהאַנ־

דלט קהלהשע ענינים. „עמי־הארצים" האָט מען זיי גערופֿן נאָך אין גאָר אַל־טע צייטן און דאָס האָט געמיינט: ווייס פּראָסטאַק דיין מעמד און שטעק נישט די נאָז, וווּ מען דאַרף נישט. זיי, די שיינע יידן אַליין האָבן געהאַט די הויפּט־דעה אין אַזעלכע ענינים, ווי: קלויבן אַ רב, אַ שוחט, אַ חזן און ביים פאַרזאָרגן אַלע אַנדערע קהלהשע הצטרכותן, וואָס די אסיפות וועגן זיי פלעגן, ווי געוויינלעך, פאַרקומען אין די שולן און בתי־מדרשים.

אויף די באַליידיקונגען און איגנאָראַנץ האָבן שעדלעצער פּראָסטע יידן געענטפערט מיט אַ גרויסער „רעוואָלוציע". די סטאָליאַרעס, שניידער און שוסטער פון דער פּיענקנע גאַס האָבן פאַר זיך געשאַפן באַזונדערע שולן, ווי: שעפּלאַנס שול, די שול „פּרחי שושנים". אויך די קצבים פון יאַטקע גאַס האָ־בן פאַר זיך אויפגעבויט אַן אייגענעם בית־מדרש אין זייער גאַס.

מיט אויסערגעוויינלעכער ליבע און איבערגעגעבנקייט האָבן די פּשוטע פאָלקס־מענטשן, די קצבים פון יאַטקע־גאַס און די אַרומיקע געסלעך אויפ־געבויט פאַר זיך זייער בית־מדרש׳ל. אַ געביידע, אַן איינפאַכע, אַן אָרעמע, ווי איינפאַך און אָרעם עס זענען געווען אירע באַלעבאַטים, די בויער. די ווענט — פון איינפאַכע רויטע ציגל, דער סופיט — פּשוטע הילצערנע באַל־קנס און אין דער מיט — אַ פּשוטער הילצערנער איינפאַכער באַלעמער. דערפאַר זענען זיי אַליין געווען די באַלעבאַטים פאַר זיך, געהאַט פאַר זיך די גאַנצע מזרח־וואַנט און אין דער תורה — אַלע עליות, וועלכע זיי האָבן נאָר געוואָלט, און שמחת־תורה אַלע הקפות. זיי זענען געווען גליקלעך מיט זייער אָרעמען אָבער פאַרט אייגענעם גייסטיקן פאַרמעגן.

קיין גרויסע לומדים זענען צווישן די מתפללים פון קצבים בית־מדרש נישט געווען, וואָס זאָלן דאָרט זיצן און לערנען. קיין איבעריקע צייט האָבן זיי אויך נישט, מען איז שטענדיק פאַרנומען: אָדער מען דאַרף אַרומגיין אין דערפער זוכן צו ברענגען אַ „שטיקל" צום שעכטן, אָדער מען דאַרף שטיין אין יאַטקע אויסהאַקן חלקים פלייש פאַר די קאַפּריזנע באַלעבאָסטעס. אָבער פאַרן אוועקגיין אין דאָרף פאַרטאָג, ווען עס איז נאָך פינצטער געווען, ווי אויך פאַרן עפענען די יאַטקע, אַריינגיין אין זיין בית־מדרש׳ל אָפּדאַווענען און אַמאָל אויך זאָגן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים, דאָס איז געווען ווי אַ חוב כמעט פאַר אַלע קצבים און זיי האָבן מקיים געווען, ווי אין פּרק שטייט: עשה לך רב — זיי האָבן זיך געקויפט אַ רבין — אַן אָרעמען ייד, אַ בן־תורה, האָבן אים געצאָלט עטלעכע גילדן אַ וואָך און ער האָט פאַר זיי געלערנט אין די פאַרנאַכטן צווישן מנחה און מעריב אַ פּרק משניות, אַ בלעטל עין יעקב. שבת געלערנט מיט זיי פּרק און פאַרטייטשט די סדרה. און, אַז די נאַוואַרדאַ־קער ישיבה, וואָס איז אַנטלאָפן פאַר די רדיפות פון די באָלשעוויסטישע בעז־באָזשניקעס האָט געפונען איר מקום־מנוחה אין שעדלעץ, האָבן די קצבים איינגעאָרדנט אירע תלמידים, די ישיבה־בחורים, צווישן זיך אויף „טעג"

מיטן תנאי זיי זאָלן לערנען אין זייער בית־מדרש׳ל. און אזוי ארום האָט פון דאָרט געקלונגען אויף דער גאס ארויס, בייטאָג און ביינאכט דאָס קול פון תורה־לערנען.

—*—*—

איך דערמאָן זיך, ווען איך בין עטלעכע מאָל געווען ביי די קצבים אין זייער בית־מדרש׳ל, אין באזונדערע געלעגנהייטן: איינמאָל — אין שליחות פון קרן קימת לישראל איבערצוגעבן די מתפללים דאָרט וועגן די אויפטוען און פלענער פון ק. ק. ל. אין ארץ־ישראל. עס לאָזט זיך נישט פארגעסן מיט וואָס פאר אן אינטערעס די פשוטע יידן האָבן זיך איינגעהערט צו די אויס־פירן; ווי זייערע אויגן האָבן געפינקלט פון נחת, ווען זיי האָבן געהערט, אַז דאָרט אין ארץ־ישראל, אויף די פעלדער פון ק. ק. ל. ארבעטן יידישע פוי־ערים אויף זייער אייגן ברויט. איך האָב געפילט ארום זיך זייער אָטעם, וואָס האָט געברענט פון קנאה, וואָס זיי זענען נישט צווישן יענע גליקלעכע.

אן אנדערש מאָל — דאָס איז געווען ערב יום־כיפור פארנאכט, ווען דער ק. ק. ל. שטעלט אויס קערות פאר א געלט־זאמלונג אין די שולן און בתי־מדרשים, האָב איך באקומען די אויפגאבע פון ק. ק. ל.־קאָמיטעט צו האָבן די השגחה איבער דער קערה אין קצבים בית־מדרש. אויך יענער מאָמענט לאָזט זיך נישט פארגעסן, מיט וואָס פאר א תמימותדיקער הארציקייט, פרייד און ברייטקייט די פשוטע אָרעמע פאָלקס־מענטשן האָבן געוואָרפן זייערע מטב־עות אין דעם ק. ק. ל.־טעלער. זייערע צעשטראָלטע פנימער האָבן אויסגע־דריקט פיל דאנקבארקייט, וואָס דער ק. ק. ל. פארגעסט נישט אין זיי און גיט אויך זיי, די פשוטע יידן די מעגלעכקייט מיט זייערע אָרעמע גראָשנס אנ־טיילצונעמען אין אזא גרויסער און הייליקער פאָלקס־אונטערנעמונג, ווי אויסצולייזן ארץ־ישראל־ערד פון נישט יידישע הענט.

און נאָך אמאָל האָב איך זיי געזען די יידן פון יאטקע גאס אין זייער בית מדרש׳ל אין א באזונדער פייערלעכן מאָמענט, וואָס לאָזט זיך אויך נישט פארגעסן:

א לאנגע רייע יאָרן האָבן זיי אין בית־מדרש׳ל געקליבן א גראָשן צו א גראָשן, פון פארקויפטע עליות, פון מי שברכס און אנדערע הכנסות און האָבן פאר דעם אָנגעזאמלטן געלט געלאָזט שרייבן א ספר תורה.

אז דאָס שרייבן די ספר־תורה איז געוואָרן פארענדיקט, האָבן זיי געמאכט א סיום־הספר, וואָס שעדלעץ האָט נאָך אזעלכעס נישט געהאט. וואָכן און חדשים האָבן געדויערט די הכנות. פיל אָוונטן, ווי נאָר מען האָט געשלאָסן די יאטקעס, האָבן די ווייבער פון די קצבים זיך צוזאמענגעקליבן, געקאָכט און געפרעגלט, געבאקן און געבראָטן, צוגעגרייט די טייערסטע מאכלים אויף דער שמחה; גאנצע טעג און לאנגע נעכט זענען די טעכטער פון די קצבים געזעסן און אויסגענייט מיט גאָלד־ און זילבער־פעדים די הייליקע אותיות,

וואָס דער סופר האָט אָנגעצייכנט אויף דעם טונקל־רויטן סאמעטענעם מענ־טעלע פאר דער ספר־תורה און אויפן פרוכת פארן ארון קודש.

דריי טעג האָט דער עולם קצבים נישט געהאַנדלט, נישט געגאַנגען אויף די דערפער און די יאַטקעס נישט געעפנט. דריי טעג האָט געדויערט די שמ־חה, געפּראַוועט א סעודה כיד־המלך, מיט די טייערסטע מאכלים און גע־טראַנקען, מיט מוזיק און טענץ. אונטער א חופה האָט מען אָפּגעפירט די נייע ספר־תורה אין דער גרויסער שטאָטישער שול אריין, חברה קצבים האָ־בן דערביי פארקאַטשעט די פּאָלעס פון זייערע אויסגעפּוצטע שבתדיקע בג־דים און געטאַנצט אויף די גאַסן, אַזש פונקען פייער האָבן געשפּריצט פון זייערע געקאָוועטע אָפּצאַסן און מיטגעריסן אריין, אין זייער טאַנצנדיקן קאָ־ראַהאָד אַלע פארבייגייער און נאָענטע איינוווינער.

די ספר־תורה אונטער דער חופה, דער טאַנצנדיקער עולם און די שפּילנ־דיקע קאַפּעליע קלעזמאָרים אויף די שעדלעצער גאַסן זענען באַגלייט געוואָרן פון א גאַנצער סאָטניע „רייטער־קאָזאַקן״, מיט זייערע רויטע פּאַסן אויף די הויזן, מיט די גרויסע שוואַרצע טשופּרינעס ארויסגעשטעקט אין א זייט פון הינטערן קאָזאַקן־היטל, באַוואָפנט מיט שווערדן און שפּיזן, האָבן זיי אויס־געזען, ווי אמתע דאָנער קאָזאַקן און נישט, ווי זין פון דער אַלט־שטאָטישער אָרעמקייט.

אין יענעם מאָמענט האָט אויסגעזען, אַז די גאַנצע וועלט פרייט זיך מיט מיט דער פרייד פון די פּשוטע פרימיטיווע יידן. אַלץ טאַנצט מיט מיט זייער טאַנץ און באַזונדער זייער בית־מדרש׳ל, וווּ די גאַנצע שמחה איז געפּראַוועט געוואָרן. די אָרעמע רויטע ציגל־ווענט, די הילצערנע באַלקנס, דער באַלע־מער, די טישן, די בענק און אַלץ ארום דאָ פלעכט זיך איין אין איין שיינענ־דיקן טאַנצנדיקן קאַראַהאָד.

די און נאָך אַנדערע שיינע דעראינערונגען פון דער נישט־ווייטער פאר־גאַנגענהייט, וואָס זענען פארבינדן מיט פארשידענע ערטער אין די געסלעך פון דער נישט־יידישער אַלט־שטאָט, מיט אירע פּשוטע האָרעפּאַשנע יידן, מיט זייער ליב בית־מדרש׳ל טויכן־אויף אין זכרון, בריען דאָס הארץ און דעם מוח ביים טרעטן דאָ אויף דער ערד. זיי ווערן אָבער באַלד צעריבן און פאַריאָגט אין אָנבליק פון די טראַגישע חורבן־בילדער, וואָס מיר טרעפן דאָ אַן אויף יעדן טריט און שריט.

—*—*—

דאָס קצבים בית־־מדרש׳ל איז נישט חרוב געוואָרן אין ערשטן פּעריאָד פון דער באַרבאַרן־הערשאַפט אין שטאָט. ווי די גרויסע שול מיטן בית־מדרש, האָט דאָס דעריבער געדינט פאר א היים פאר די אָרעמסטע און אומגליקלעכ־סטע אין געטאָ. געוועןן פיל הונדערטער יידן (און אפשר טויזנטער), וואָס האָבן מיטן פארלירן זייער היים און אייגנטום אויך פארלוירן דעם ווילן צום

לעבן, האָבן רעזיגנירטע אראָפּגעלאָזן די הענט, נישט געהאַט קיין כוח און קיין מוט צו קעמפן קעגן אַלע צרות און שוועריקייטן און נישט געקאָנט צוקומען צו אַן אייגן ווינקל אין וועלכן שטיבל, בוידעם, קעלער אָדער שטאַל אין אָפּגעשלאָסענעם געטאָ. אָט די אין דרויסן געבליבענע אומגליקלעכע אָן א דאַך איבערן קאָפּ, האָבן זיך צוזאַמענגעקוועטשט אין קצבים בית־מדרש׳ל, דאָרט געפונען זייער „היים״ אויף דעם שטיקל שטח, וואָס דער צעבראָכענער קערפּער האָט געקאָנט פאַרנעמען אין א זיצנדיקער פּאָזע.

די אומגליקלעכע זענען דאָרט געווען אָנגעפּראָפּט ווי הערינג אין א פאַס. געשוואָלענע פון הונגער, פאַראומרייניקטע פון נישט האָבן קיין אייגן געלעגער, פון נישט האָבן וואָס איבערצוטאָן, אָן זייף, אָן די עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע באַדערפענישן, האָט דאָס בית־מדרש׳ל געליפערט די גרעסטע צאָל אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן און די גרעסטע צאָל טויט־פאַלן אין געטאָ. נישט געווען דער טאָג, אַז די „עגלה״ זאָל נישט האָבן ארויסצופירן פון דאָרט עטלעכע טויטע.

די דייטשע רוצחים פלעגן זיין אָפטע געסט ביי די אומגליקלעכע איינוווינער פון בית־מדרש. זיי זענען געקומען אויפן בייזן ווונדער—צו ערשט פאָטאָגראַפירן די צוזאַמענגעדריקטע מענטשן־שאָטנס, דערנאָך ארויספירן עטלעכע הינטער דער בית־מדרש־וואַנט און דערשיסן (צווישן אנדערע אברהמעלען דעם שמש פון דער גרויסער שול).

נאָך דעם, ווי די אומגליקלעכע איינוווינער פון קצבים בית־מדרש זענען אָפּטראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין טרעבלינקע, בעת דער ליקווידאַציע פון גרויסן געטאָ, האָט זייער „היים״ געטיילט דעם גורל פון אַלע אנדערע שולן און בתי־מדרשים אין שטאָט. די דייטשע וואַנדאַלן האָבן עס פאַרברענט, פאַרוויסט און די היימישע רויבער האָבן צעשלעפּט און צעראַבירט אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזן. געבליבן זענען נאָר די נאַקעטע רויטע ווענט, פאַרשעמטע, פאַרשוואַרצטע פון סאַדזעס און רעגן, ווי א פאַרלאָזענע מצבה, וואָס יאָמערט אין שטומען צער אויף איר אייגענעם חורבן און אויפן חורבן פון אירע פאַרשניטענע מתפללים — די פשוטע יידן פון דער אַלט־שטאָט.

ווען מיר דערנענטערן זיך און קוקן אריין אין זיין חורבה דורך די אָפענע טיר־ און פענצטער־לעכער, וואָס גלאָצן אויף דער פוסטער האַלב־חרובער גאַס ארויס, ווי גרויסע אויגן־לעכער פון א מת, גיט א זעץ אין קאָפּ און אין האַרץ א וויסטער פייכטער אומעט און אין נאָז — א שטיקנדיקער טוכלער ריח פון מיסט און מענטשן־אָפּפאַל, אויף וואָס די נייע ארומיקע שכנים האָבן דאָ געפונען דאָס פּאַסיקסטע אָרט.

—*—*—

אויך דאָס אַנטקעגנאיבערדיקע הויז אויף יאַטקע־גאַס נומער 6, ווו עס איז געווען די בעקעריי פון יעקב פּיעקאַזש האָט וואָס צו דערציילן:

אויפן בוידעם פון דעם הויז האָבן זיך אין דעם טראַגישן שבת פון 22־טן אויגוסט אויסבאַהאַלטן דרייסיק יידן, מערסטן באַקאַנטע פון דער משפחה פּיעקאַזש און זייער טאָכטער חנה, צווישן זיי — די טאָכטער פון בן־ציון צו־קער. דאָס איז געווען אַ גוט פאַרמאַסקירטער בוידעם איבער דער בעקעריי און דירה, וווּ מען האָט זיך געקאָנט באַהאַלטן אין אַ צייט, ווען צעווילדע־וועטע דייטשן האָבן געמאַכט אַ געיעג איבער שוצלאָזע יידן אין געטאָ.

מיט דער מערדער־באַנדע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אויסזוכן באַ־האַלטענע יידן אין אויסגעליידיקטן געטאָ האָט אָנגעפירט אַן ס. ס.־מאַן פון זאָנדער־דינסט, דער תלין באַקענשטאַס — אַ פאָלקס־דייטש, אַ רוצח פון ערשטער מדרגה, וואָס האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט מיט זיין ווילדער אכזריות און סאַדיזם אומצוברענגען יידן און באַזונדער — יונגע קינ־דער. ער האָט דאָס אויסגעפונען די באַהאַלטענע דרייסיק יידן אין פּיעקאַזשעס הויז. מיט ווילדער אכזריות האָט ער די אומגליקלעכע אַרויסגעצויגן אויף דער גאַס און אַליין מיט זיינע בלוטיקע הענט אַלעמען דערשאָסן.

די פרוי פּיעקאַזש האָט נאָך געלעבט, נאָך דעם, ווי זי האָט באַקומען עט־לעכע קוילן אין ברוסט־קאַסטן. זי האָט נאָך גערעדט און געבעטן מען זאָל מיט איר פאַרענדיקן, דערשיסן, אָבער עס איז נישט געווען ביי דעם מאָמענט קיין רוצח, וואָס זאָל דאָס וועלן טאָן. אַ לעבעדיקע איז זי געוואָרן אַרויפגעוואָרפן אויפן וואָגן צוזאַמען מיט אַלע טויטע, וואָס זענען אָפּגעפירט געוואָרן אויפן בית־עולם צו זייער קבורה. מען האָט איר נאָכהער צוריקגעפירט פון בית־עולם אין געטאָ אַריין, וווּ עס האָט זיך ענדלעך געפונען אַ תלין, וואָס האָט מיט איר פאַרענדיקט.

אַן ענלעכער פאַל איז געווען מיטן מאַלער פעדערמאַן. אויך ער, ווי עס דערציילט בנימין האַלבערשטאַדט איז אָפּגעפירט געוואָרן אויפן בית־עולם אַן אַדורכגעשאָסענער אָבער נאָך אַ לעבעדיקער. אויך ער האָט געבעטן מען זאָל אים דערשיסן. ער איז צוריקגעפירט געוואָרן פון בית־עולם אין געטאָ אַריין, וווּ עס האָט זיך פונקט געפונען דער הויפּט־תלין, פּאַביש. ער האָט צו־גערופן אַ זשאַנדאַרם און אים באַפוילן ער זאָל דערשיסן דעם פאַרוווּנדעטן האַלב־טויטן פעדערמאַן. דער זשאַנדאַרם האָט אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם באַפעל. איך בין נישט דערצו באַשטימט — האָט דער זשאַנדאַרם געענט־פערט (אַ וווּנדער!) דאַן האָט פּאַביש מיט זיינע אייגענע בלוטיקע הענט פאַרענדיקט מיט פעדערמאַנען, אַריינשיסנדיק אין אים עטלעכע קוילן.

נאָך אַ גרופּע יידן, וואָס זענען געפונען געוואָרן אין אַ באַהעלטעניש זענען אָפּגעפירט געוואָרן אויפן בית־עולם און דאָרט דערשאָסן געוואָרן. צווישן זיי האָט זיך געפונען דער יונגער קובא לעווין (זון פון יואל׳קע לע־ווין). דורך אַ צופאַל האָבן די קוילן אים אויסגעמיטן, ער איז געבליבן ליגן אויפן בית־עולם צוגעדעקט מיט די אַנדערע דערשאָסענע יידן, שפּעטער זיך

ארויסגעקריגן, א צייט זיך באהאלטן אין זיידנס מיל און צוריקגעקומען אין קליינעם געטאָ. שפּעטער געפאַלן אין לובלין אין אונטערערדישן קאַמף מיט די דייטשן.

16. אין דער אַמאָליקער מקוה

און דאָ זענען מיר ביים הויז פון דער אַמאָליקער מקוה אויף יאַטקע־גאַס עק בראָוואַרנע. דאָס איז דאָס איינציקע הויז פון קהלס פאַרמעגן, וואָס א טייל פון אים, אייגנטלעך איין שטוב נאָר, געפינט זיך אין באַזיץ פון יי־דישן קאָמיטעט, און מיר האָבן דעריבער די מעגלעכקייט דאָ פריי אריינ־צוגיין, א ביסל אָפּרוען, עפּעס זען און הערן.

וואָס צו זען און וואָס צו הערן איז דאָ זייער פיל אין דעם הויז פון דער אַמאָליקער מקוה, וואָס איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א צענטראַ־לן פּונקט פון אַלע יידישע „אינסטיטוציעס" אין שעדלעץ.

קודם־כל געפינט זיך דאָ דער בית־יתומים, נישט פאַר קינדער־יתומים — אַזעלכע זענען היינט אין שעדלעץ נישטאָ — נאָר פאַר די עטלעכע דער־וואַקסענע עלנדע יתומים, יונגע מענטשן מיט גרויע קעפּ צעקנייטשטע פּני־מער און אויסגעלאָשענע אויגן, וואָס זענען דאָ ערשט נישט לאַנג ארויס פון אונטערערדישע היילן, בונקערס און וועלדער, און אויך פאַר די עטלע־כע צעבראָכענע עלנדע וואַגלער, צוריקגעקומענע פון ווייטע סיבירער טײ־געס, וואָס זענען געקומען אהער זוכן עמעצן, און אַלע צוזאַמען, האָבן נישט קיין אָרט וווּהין אריינצוגיין, קיין ווינקל מיט א דאַך איבערן קאָפּ, ווו אי־בערצונעכטיקן. פאַר זיי האָט דאָס דער יידישער קאָמיטעט געמאַכט דאָ א „היים": אָפּגעטיילט א האַלבע שטוב, ווו עס ליגן אויסגעלייגט אויפן דיל עטלעכע בינטלעך שטרוי. נאָך א טאָג וואַנדערן אויף די חורבות פון די צעשטערטע היימען און אויף די נישט געפונענע קברים פון זייערע נאָענטע און טייערע אויפן פאַרשוועכטן געשענדעטן בית הקברות, קומען זיי דאָ אָפּרוען, די עלנדע קברים־זוכער.

ס׳איז איצט נאָך האַלבן טאָג, און דאָך טרעפן מיר דאָ ביי א צענדליק אַזעלכע פאַרפינצטערטע יתומים־וואַגלער. זיי זענען פריער מיד געוואָרן און באַצייטנס געקומען דאָ אָפּרוען נאָכן וואַנדערן אויף די חורבות. זיי ליגן אויסגעצויגן אויפן שטרוי אין אָנטועכץ, שווייגנדיקע, פאַרטראַכטע מיט שטאַרק־פאַרנעפּלטע אויגן קוקן זיי ערגעץ ווייט־ווייט... אויף די פענצטער, וואָס קומען אויס צוקאָפּנס ליגן זייער באַגאַזש און פּראָוויאַנט: עטלעכע שטיקער ברויט, א טעפּל וואַסער און עטלעכע שטיקלעך אָנטועכץ, וואָס

זיי האָבן באקומען פון „פור" (פוילישער רעפּאטריאציע־אמט) אָדער פון יידישן קאָמיטעט.

די צווייטע האַלבע שטוב איז צעטיילט אויף צוויי העלפטן. אין איין העלפט, דאָס הייסט אין איין פּערטל שטוב שטייט א טישל מיט א בענקל — דאָס איז דאָס ביוראָ פון יידישן קאָמיטעט. יעדן טאָג אין די פרימאָרגן־שעהן זיצט ביי דעם טישל דער קאָמיטעט־סעקרעטאר אברהם פרידמאַן, ער רע־גיסטרירט די פריש־געקומענע קברים־זוכער.

דאָ אין דעם פּערטל שטוב איז די ביוראָ. דאָ ווערט נאָר אויסגעפירט די טעכנישע ארבעט פון קאָמיטעט. די זיצונגען דאַקעגן קומען פאָר אין די פּריוואַטע דירות פון די קאָמיטעט־מיטגלידער, ישראל קראַוועץ און יאַנטל גאָלדמאַן. ביי זיי געפינט זיך אויך אַן אלבום מיט הונדערטער פאָטאָגראַ־פיעס, וואָס די דייטשע רוצחים האָבן געמאַכט פון די יידן פארן אומברענגען זיי. טראַגישע סצענעס פון טרערן, ספּאַזמעס און חלשות שפּילן זיך אָפּ, ווען די געקומענע דערקענען אין די פאָטאָגראַפיעס זייערע נאָענטע און טייערע טאַטע־מאַמע, קינדער, שוועסטער און ברידער. עס שוידערט־אויף, דאָס בלוט גליווערט אין די אָדערן ווען מען זעט, ווי עס האָבן אויסגעזעען אונזערע נאָענטע און באַקאַנטע פאַר זייער שרעקלעכן סוף: אויסגעצערטע וואַקסענע פּנימער מיט שטאַרק בולטע ארויסגעשטאַרטשעטע קין־ביינער, איינגעפאַלענע באַקן, טויטע אויסגעלאָשענע אויגן, פון וועלכע עס קוקט ארויס א ים פון הילפלאָזיקייט און רעזיגנאַציע, פון פאַראַכטונג און שוידער, ווי פון ערב־טויט מענטשן ביי וועמען עס איז אוועקגענומען געוואָרן דער צלם אלוהים און אויסגעהוילטע פון יעדן גלויבן.

—*—*—

דאָס לעצטע פּערטל מקוה־שטוב, וואָס קומט אויס אין א ווינקל צווישן טיר און פענצטער, דינט פאַר א גאָר הויכן צוועק: דאָרט געפינט זיך דאָס מוזעאום פון דער פאַרשניטענער עדה. אין סאַמע ווינקל שטייט א קאַסטן אָנגעפילט מיט ברוכווארג פון געשענדעטע הייליקייטן.

מיט ציטערנדיקע הענט ריר איך זיך צו צו דער זאַמלונג און קוק אַלץ אי־בער. דאָס ערשטע: א האַלבע ספר תורה, א נאַקעטע, פאַרשעמטע, אויפגע־וויקלט אויף אַן עץ־חיים, א פאַראומרייניקטע פון בלאָטע און פון טמא־הענט און — שוועער צו דערקענען — דאַכט זיך אויך פון פאַרטרוקנטע בלוט־פלעקן. דאָס האָט דער קאָמיטעט אָפּגעקויפט ביי א היימישן גוי פאַר גוט געלט. די צווייטע העלפט ספר־תורה איז שוין נישט געווען, זי איז פאַרנוצט געוואָרן אויף א פּראָדוקציע, וואָס די צייט האָט געפאָדערט: אויף לייכטע זומערדיקע סאַנדאַלן, אויף קליינע קינדערשע היטעלעך, און דער עיקר אויף האַנט־קויש־לעך געפלאָכטן פון געשניטענע פאַסן יריעות, וואָס די שטאָטישע און דאָרפי־

שע באלעבאָסטעס האָבן געזען געקויפט, ווי א מאָדע־זאַך, אין די יאָרן פון טייוולס הערשאפט.

עטלעכע שטיק פון אזעלכע אויסגעארבעטע סחורות, וואָס דער קאָמי־טעט האָט צוזאמענגעקליבן ליגן דאָ אין דעם מוזעאום־קאסטן און טוליען זיך צו דער באקעטער פארשעמטער האלבער ספר־תורה, פונקט, ווי זיי וואָלטן וועלן צוריק זיך צו איר באהעפטן און ווערן צוריק דאָס, וואָס זיי זענען געווען אמאָל פאר דער שענדונג, אין דער ערשטער צייט פון זייער באשערטקייט, ווען זיי זענען אלס גאנצע הייליקע זאך, אנגעטאָן אין א ציכטיק סאמעטן מענטעלע געשטאנען אין א הייליקן אָרון קודש אין וועלכער שול, אָדער בית מדרש, ארומגענומען מיט אן ארעאל פון קדושה און געוואָלט זיין א וועג־ווייזער פאַר דער וועלט מיט דעם אינהאַלט, וואָס איז אין איר פאַרשריבן.

מען דערציילט, אז בעת די וואנדאלן האָבן געפראוועט זייערע ווילדע אָרגיעס מיט שכרות און זנות, האָבן זיי אָפט געהייסן אונטער זייערע פיס זיך אויסשפרייטן ספרי־תורות און אנדערע יידישע הייליקייטן, ווי זיי וואָלטן וועלן דערמיט זיך נוקם זיין פאר דעם „לא תרצח” און אנדערע „לא׳ס”, וואָס זענען אין איר פארשריבן.

ארום דער האלבער ספר־תורה איז אַנגעוואָרפן אין דעם קאסטן א שלל פון אנדערע ספרים און שמות. זייערע לעדער אָדער לייוונט איינבאנד זענען ווען צונויף געקומען און זיי ליגן אָפגעצויגענע נאקעטע פארשעמטע צע־ריסענע און פארבלאָטיקטע, וואָס דאָס דערציילט וועגן די פארשידענע גלגו־לים און דעם גיהנום־וועג, וואָס זיי האָבן דורכגעמאכט פון דעם טאָג, וואָס זיי זענען ארויסגעוואָרפן געוואָרן פון זייערע ספרים־שענק צוזאמען מיט זייערע בעלי־בתים און באשיצער, ביז זיי האָבן שוין געפונען זייער רו אין דעם אָרעמען קאסטן אין ווינקל פון דער מקוה־שטוב.

עס ציטערן די הענט צוזאמען מיטן הארץ ביים איבערלייגן און איבערקו־קן דעם פארשוועכטן שטומען „אוצר”, וואָס איז דאָ צוזאמענגעקליבן געוואָרן אין דעם קאסטן. איך געפין א שטיקל פון דער מסכתא גיטין, פארבויגן דאָרט, וווּ עס ווערט דערציילט פון דעם חורבן בית שני, א צעפליקטן מדרש רבא, א האלבן ספר איוב, א רעשטל פון א חומש, א מחזור, א סדור, א קינה, א סליחה און עטלעכע אויסגעקנאָדערטע תהילימלעך, פארגעלטע, אדורכגעווייקטע פון טרערן. ווייזט־אויס זיי זענען געווען די פארשפרייטסטע ספרים אין געטאָ און נאָך עטלעכע אנדערע ספרים.

אויף א טייל פון די ספרים געפינען זיך אויפשריפטן פון דעם נוסח „הספר הזה שייך לר׳...”, איך געפין דאָרט עטלעכע באקאנטע נעמען פון בתי־תפילות און פון פריוואטע מענטשן צו וועמען די ספרים האָבן געהערט.

ווי עס גיבן איבער די קאָמיטעט־מיטגלידער, וועט בקרוב דאָ צוקומען נאָך אן אינסטיטוציע: די קיך פאר די היימלאָזע נע־ונד׳ניקעס.

זי פונקציאָנירט שוין די קיך. זי גיט ארויס מיטאָגן פאר דעם רעשטל לעבנגעבליבענע און פון וויטן נע־ונד צוריקגעקומענע שעדלעצער יידן, פון דער הילף, וואָס עס קומט אָן פון אמעריקע און פון פראָדוקטן, וואָס עס גיט דער דזשאָינט דורכן צענטראַל־קאָמיטעט. נאָר די קיך געפינט זיך דערווייל אויפן בוידעם אין הויז פון עק סטארי רינעק און ערשטער מאַי, ווו עס האָט אמאָל געהאָנגען וועש; אויף קאָזלעס ליגן אויסגעלייגט עטלעכע ברעטער, וואָס דינען פאר טישן; אויף קעסטלעך ליגן עטלעכע אנדערע ברעטער. זיי דינען פאר בענק. מיטאָג־צייט קומען זיך דאָ צוזאמען דאָס רעשטל היימלאָזע און שטובלאָזע נע־ונד׳ניקעס עסן מיטאָג. איצט גרייט מען צו די קיך אויך אריבערצוטראָגן אהער אין הויז פון דער מקוה.

—*—*—

פון דער מקוה־שטוב קומען מיר אריין אין האלב־פינצטערן פאָרהויז, וואָס דינט פאר א קאמער צו האלטן א ביסל קהלה׳שע גראטעס; פאר א קאָרידאָר צום ווארטן פאר די אינטערעסאנטן, וואָס קומען אין קאָמיטעט; פאר אַ קיך פאַר די דאָרט־איינגעקוואַרטירטע אורחים. און דער עמער מיטן וואַסער, גרויסע שיסל און טעפל, וואָס שטייען אויף דער הוילער ערד, ווי אויך א וואסער־קאלוזשע זענען עדות, אז דאָ איז אויך אן אָרט זיך צום וואשן.

פון אויבן, אנשטאט א סופיט, קוקט אראָפּ א שווארצער פינצטערער חלל פון וואנען עס שוועבט אראָפּ פחד און אימה.

מיר גייען ארויף אויף דעם לייטער, וואָס שטייט אין ווינקל, קוקן ארויף אין פינצטערן בוידעם, און עס גיט א זעץ פון דאָרט מיט שווארצן אומעט, מיט הייסע פארשטיקטע לופט און עס פילט זיך, ווי דער מלאך־המוות וואָלט נאָך דאָ געפאָכעט מיט זיינע טויטע שווארצע פליגל. עס באפאלט א שרעק — און אָט וואָס מיר דערוויסן זיך:

אין יענעם אומגליקלעכן שבת פון דער גרויסער שחיטה, האָבן זיך אויף דעם פינצטערן פארשטיקטן בוידעם, אונטער דעם אָנגעגליטן בלעכענעם דאך, אויסבאהאלטן ביי זיבעציק אומגליקלעכע נפשות, אממערסטן זענען דאָס געווען פרויען און קינדער. זיי האָבן געזוכט שוץ און א באהעלטעניש צווישן די שווארצע בוידעם־שאָטנס און צווישן אָנגעזאמלטן פון לאנגע יאָרן שפינוועבעכץ. זיי זענען דאָ דריי מעת־לעת געפייניקט געוואָרן פון הונגער, דורשט און היץ, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דעם אָנגעגליטן בלעכענעם דאך. די אומגליקלעכע האלבע מתים האָבן איינגעהאלטן דעם אָטעם, פארשטיקט די קרעכצן, כדי נישט צו ווערן באמערקט און אנטדעקט פון די רוצחישע אויסשפירער, וואָס זענען, ווי געניטע שפיר־הינט ארומגעלאָפן אין אויסגעליידיקטן געטאָ און געזוכט באהאלטענע יידן.

אויפן פערטן טאָג, דינסטיק, געטריבן פון הונגער, דורשט און היץ, איז א קינד, א יונג מיידעלע, ארויס פון באהעלטעניש און א פארחלשטע גע־

שלעפּט זיך צו דער נאָענטער פּאָמפּע זוכן וואַסער. דאָס אומגליקלעכע קינד איז באַמערקט געוואָרן דורך דעם דערמאָנטן רוצח, דעם תלין באַקענשטאַס. ער איז, ווי א ראַפּינירטע רויב־חיה דאָס קינד נאָכגעגאַנגען, געגלעט איבערן קעפּל, גערעדט צום קינד שיינע זיסע רייד, געהאָלפן שאַפן וואַסער, געגעבן שאָקאָלאַד און געהייסן אַוועקטראָגן אויף פאַר דער מאַמען און שוועסטער־לעך. דער רוצח איז נאָכגעגאַנגען נאָכן קינד און געטראָפן אַלע אומגליקלעכע באַהאַלטענע אויפן פינצטערן בוידעם און מיט זיינע מערדער־הענט אַליין אַלעמען אויסגעשאָסן.

אל נקמות

עס פאַרקלעמט דאָס האַרץ אין אָנבליק פון דעם אַלעמען, וואָס מיר גע־פינען דאָ אין דער וויסטער פאַרחושכטער מקוה־געביידע.

א פאַרגליווערטער בלייב איך שטיין אויף דער שוועל צווישן פּאָדערהויז און מקוה־שטוב. איך קוק זיך נאָך אַמאָל איין אין די שוואַרצע שאָטנס פון טויט, וואָס שוועבן נאָך דאָ אַרום און קוקן אַראָפּ פון וויסטן חלל פון מקוה־בוידעם, וואָס איז געווען דער שחיטה־קלאָץ פון אַזויפיל לעבנס. און דאָ אויף דעם נעבעכדיקן רעשטל, וואָס איז געבליבן פון אונזער עדה און קהלה און איז דאָ קאָנצענטרירט אין דריי ווינקלען פון דער פאַרחושכטער מקוה־שטוב: אויף די עטלעכע מענטשן־שאָטנס, וואָס קנוילן זיך אויפן שטרוי־ווינקל אין זייערע אומבאַגרענעצטע אומבאַהאָלפענע יתומים־יסורים; אויף דעם אָרעמען צעבראָכענעם טישל און בענקל, וואָס בילדעט די צענטראַלע הילפס־אינסטי־טוציע פון אָט דער „עדה" און אויף דעם צונויפגעקליבענעם גייסטיקן פאַר־מעגן, וואָס ליגט אין דעם קאַסטן אין ווינקל, צו וועלכן עס ציט זיך נאָך אַמאָל אינסטינקטיוו אויס די האַנט. איך נעם אַרויס אַן אָפּגעריסענעם צערי־בענעם תהילים, מאַך אים אויף און עס וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן דאָס פאַרגעלטע, אין טרערן אַדורכגעווייקטע זייטל פון קאַפּיטל צ"ד, וואָס איז געל און צעווייקט פון די טרערן, וואָס עס האָבן דאָ אַריינגעיאָמערט מיינע ליבע תמימותדיקע פראַשניטענע בני־עיר פאַר זייער שרעקלעכן סוף. איך שטעל זיך אַוועק אין א ווינקל, איבערן קאַסטן פון הייליקן ברוכוואַרג און לייען מיט כוונה:

גאָט, דו גאָט פון נקמות! גאָט פון נקמות, שיין אַרויס!
דערהייב זיך, דו ריכטער פון דער וועלט
קער אום פאַרגעלטונג צו די שטאָלצע,
ביז וואַנען וועלן די רשעים, גאָט —
ביז וואַנען וועלן די רשעים זיך פרייען?
זיי גאַווערן, זיי רעדן פאַרשייט,
זיי רימען זיך, אַלע טוער פון אומרעכט.

דיין פאָלק, גאָט, צעדריקן זיי
און זיי פייניקן דיין ארב.
די אלמנה און דעם פרעמדן הרגענען זיי
און יתומים טויטן זיי
און זיי זאָגן: גאָט וועט נישט זעען
און דער גאָט פון יעקב וועט נישט מערקן...

17. דאָס קליינע געטאָ

מיר שפּאַנען פון איין חורבה צו דער צווייטער, פון איין שחיטה־פּלאַץ צום צווייטן, איבער דער אַלט־שטאָט, וואָס האָט אין די טעג פון חורבן באַקומען דעם נאָמען „דאָס קליינע געטאָ". דאָס איז דער דריי־עק, ווו עס קומען זיך צוזאַמען די עקן פון די דריי גאַסן: אָסלאַנאָוויטשאַ, טאַרגאָווע און סאָקאָלאָווער.

אמאָל, פאַרן חורבן, האָבן דאָ אין די אַלטע קליינע הילצערנע הייזלעך געוווינט יידישע טרעגער, באַלעגאָלעס, דאָרפס־גייער און סתם אביונים. דאָ איז געווען דאָס צענטראַלע אָרט אין שטאָט פון יידישער אָרעמקייט און נויט. שפּעטער, אין דער לעצטער תקופה פון חורבן האָט דאָס שטילע אָרעמע ווינקעלע „זוכה" געווען, אַז דאָ זאָל זיין דאָס צענטראַלע אָרט פון דער גרעסטער פּיין און ליידן פאַר דעם קליינעם רעשטל פון אונזער עדה, וואָס זענען דאָ געפּייניקט געוואָרן אין די לעצטע דריי חדשים פון זייער לעבן.

מיר באַטראַכטן די עטלעכע אָרעמע הייזלעך און ווילן זיך שאַפן אַ באַגריף, ווי אַזוי די אומגליקלעכע מענטשן, וואָס זייער צאָל איז געווען צוויי טויזנט נפשות, האָבן דאָ „געלעבט", זיך געמאַטערט און אויסגעהאַלטן גאַנצע דריי חדשים אין אַזאַ אכזריותדיקער ענגשאַפט און ביי די באַדינגונגען, וואָס די נאַציס האָבן פאַר זיי געשאַפן.

זיי שטייען שטומע, פאַרשלאָסענע אין זיך, די געבליבענע הילצערנע הייזלעך פון קליינעם געטאָ מיט זייערע אויסגעקרימטע טירן־פענצטער. זיי דערציילן גאָרנישט פון דער שרעקלעכער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט צווישן זייערע ווענט.

עס שווייגן די אָפענע רינשטאָקן, וואָס ציען זיך לענג־אויס פון ביידע זייטן גאַס. זיי דערציילן נישט וויפל יידיש בלוט עס איז דורך זיי אָפּגעפלאָסן אין יענע גרויזאַמע שחיטה־טעג.

עס שווייגן די שטיינער פון ברוק, די פּראָסטע שטיינער פון אמאָל און אויך די נייע מצבות־שטיינער מיט די פּירקאַנטיקע הייליקע אותיות, וואָס די וואַנדאַלן האָבן געלאָזט ברענגען פון צעשטערטן בית־הקברות און דאָ

אויסגעברוקירט די גאַסן. זיי זאָגן נישט אויס וויפל לעבנס עס זענען אויף זיי איבערגעריסן געוואָרן אין די פינצטערע טעג פון טייוולס הערשאַפט.

עס שווייגן אויך די עטלעכע געציילטע ווערבעס און אקאַציע־בוימער, וואָס שטייען דאָ ביי די שייד־וועגן פון די פאַרלאָזענע האלב־טויטע גאַסן. געטריבן פון פרילינגס־ווינטל שאָקלען זיי זיך און שעפּטשען עפּעס שטיל מיט די ברייטע גרין־בלעטערדיקע קעפּ, וואָס איין גאָט ווייסט צי איז דאָס אזא קדיש נאָך די אמאָליקע אומגעבראַכטע איינוווינער, אָדער זיי טרייבן דאָס אוועק די היץ, זי זאָל נישט בריען די נייע שכנים דאָ? און אפשר איז זייער שעפּטשען אזא תפילה פאַר זייער געזונט און ווילזיין? אָבער זיי דערציילן נישט, די בוימער, וויפל אומגליקלעכע בני־עיר אונזערע עס האָבן אין זייערע שאָטנס אויסגעהויכט די נשמות און וויפל עס זענען אויף די צווייגן געהאָנגען געוואָרן.

עס שווייגט אויך די ערד, דער שחיטה־קלאַץ פון אונזער פאָלק. זי ליגט אויסגעצויגן ווי א שטומער פּגר און אָטעמט מיט עיפּוש. זי דערציילט גאָר־נישט פון דעם ים טרערן און בלוט, וואָס זי האָט אין זיך איינגעזאַפּט, פון דעם מוראַדיקן שניט, וואָס זי האָט פאַרשלונגען, און פון די אומשולדיקע לעבנס, וואָס זי האָט פאַרצערט.

אויך דער הימל דאָ איבער דעם קליינעם געטאָ־גיהנום, וואָס צו אים האָבן אונזערע אומגליקלעכע בני־עיר געוואָנדן זייערע פאַרצווייפלטע בליקן און אין שטילע הארצרייסנדיקע תפילות פאַר אים אויסגעגאָסן זייערע צעווייטיקטע הערצער, די הענט פאַר אים געהויבן אין זייערע שווערסטע טראַגישסטע מינוטן. דער הימל, וואָס האָט זיך צו אלעמען צוגעקוקט, פון אויבן אַלץ געזען — אויך ער ליגט פאַרשלאָסן אין זיין טיפער בלויקייט, שפּילט זיך זאָרגלאָז מיט דעם ים שעמערירנדיקע זון־שטראַלן און שווייגט.

עס שווייגן די נייע איינוווינער דאָ, וואָס האָבן געירשנט, א חוץ די הייז־לעך נאָך די אומגעבראַכטע יידן, אויך דאָס ביסל אָרעמע גראַטעס — די לעגענדאַרע יידישע פאַרמעגנס — זיי קוקן נאָך די עטלעכע בלאָנקענדיקע יידן מיט צוריקגעהאַלטנקייט, אַ ביסל מיט שרעק, ווי אויף געשפּענסטער, צוריקגעקומענע פון יענער וועלט, זיי שווייגן און ענטפערן נישט גערן אויף דעם וואָס מען פרעגט זיי.

שאַ! אַלץ שווייגט! עס זעט אויס, פּונקט ווי פריער, אין די טעג פון חורבן, האָט אַלץ, הימל און ערד, וועלט און נאַטור, מענטש און גאָט, נישט נאָר נישט איבערגעדרייט זיך, נישט חרוב געוואָרן צוזאַמען מיט אונזער פאָלק, נאָר געמאַכט יד אחת מיטן בלוטיקן משחית און מיט שטילשווייגן מש־לים געווען מיט זיין טייוולאָנישער ארבעט. אזוי אויך איצט, נאָכן חורבן, האָט אַלץ געמאַכט יד־אחת און זיך באַשווירן צו שווייגן, גאָרנישט נישט דער־ציילן, עס זאָל אַלץ פאַרשווינדן אין ים פון פאַרגעסנקייט, אָפּגעווישט ווערן

פון געדעכעניש, גלייך עס וואָלט דאָ קיינמאָל גאָרנישט געווען.

צי איז טאַקע אַלץ טויב, בלינד און שטום, אָדער דער ממונה פון געשיכטע שעמט זיך צו דערציילן, צו פאַרצייכענען אַזאַ מיאוס בלוטיק קאַפּיטל? — אפשר ביידע צוזאַמען?

עס וואָלט אפשר אַלץ אַוועק אין תהום פון שכחה, ווען נישט דאָס, וואָס די השגחה האָט אויך דאָ, ווי אין אַנדערע פאַלן געזאָרגט דערפאַר, עס זאָלן איבערבלייבן עטלעכע געציילטע עדות, וואָס האָבן אַליין אַדורכגעשווידערט יענעם גיהנום־פּעריאָד, וואָס ס'האָט דורכגעמאַכט דאָס געבליבענע רעשטל פון אונזער פאַרשניטענער עדה, אין קליינעם געטאָ — וואָס זאָלן דערציילן פאַר אונז, פאַר די קינפטיקע דורות און פאַר דער געשיכטע, ווי גרויס עס קען זיין מענטשלעכע פּיין און יסורים און ביז ווי ווייט עס קענען דערגיין צעווילדעוועטע אכזריות און מענטשלעכער רשעות.

און זיי דערציילן, די עטלעכע לעבן געבליבענע:

דעם טראַגישן שבת, פון 22־טן אויגוסט, ווען די תלינים האָבן „צוגע־גרייט״ דאָס קליינע געטאָ פאַר די אָפּגעקליבענע פון דער סעלעקציע, האָבן זיי געהאט פאַר זיך א צאָל פון פינף הונדערט און זיבעצן פּערזאָן. לויט זייער נאַצישער אויפפאַסונג זענען די עטלעכע קליינע הייזלעך אַ גענוגנדער לע־בנס־רוים פאַר אַזאַ צאָל צום טויט־פאַראורטיילטע יידן, וואָס מען לאָזט זיי נאָר צייטווייליק איבער אויף אַ קורצער צייט.

אַז מען האָט שבת פאַרנאַכט, נאָך דער סעלעקציע, די פינף הונדערט זיבעצן אָפּגעקליבענע, מיט אַ קאָנוואָי און קלעפּ אָפּגעפירט אין קליינעם געטאָ, האָבן די „גליקלעכע״ אָפּגעקליבענע זיך איינגעאָרדנט צו צוואַנציק און צו פינף און צוואַנציק פּערזאָן אין אַזאַ געטאָ־שטיבל, אין אַ שטאַל, בויי־דעם אָדער קעלער.

און כאָטש דאָס קליינע געטאָ איז באַלד, ווי נאָר עס איז געשאַפן גע־וואָרן, אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט אַ קייט פון אוקראַינישע „זאָנדערדינסט״ און פּוילישע פּאָליציי, וואָס האָבן גוט געהיטן, אַז נישט אָפּגעקליבענע זאָלן דאָרט נישט אַריינקומען, האָט זיך דאָך איינגעגעבן, מיט דער הילף פון אי־בערקויפן די פּוילישע פּאָליציי, די ערשטע צייט — איינצלנע, שפּעטער — צענדליקער און נאָך שפּעטער — הונדערטער יידן זיך אַריינצובאַקומען אין דעם קליינעם אינדזעלע פון לעבן, ווי מען האָט זיך דעמאָלט פאָרגעשטעלט דאָס קליינע געטאָ, צווישן אַרומיקן ים, וווּ עס האָט געהערשט נאָר — טויט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די צאָל נפשות איז דערגאַנגען אַריבער צוויי טויזנט פּערזאָן.

בהדרגה איז עס צוגעגאַנגען אויף אַזאַ אופן:

די ערשטע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די נעגל פון מלאך־המות, זענען געווען די געציילטע גליקלעכע, וואָס די סאַניטאַרן און קראַנקען־

שוועסטער פון שפּיטאָל האָבן אַרויסגעטראָגן אַלס פּאַרוואונדעטע אָדער קראַנ־קע, ווי אויך די, וואָס זענען אַלס איבערגעטוענע סאַניטאַרן אַרויס פון אומ־שלאַג־פּלאַץ. טייל האָבן זיך צייטווייליק געראַטעוועט אין שפּיטאָל און א טייל האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער גרופּע אָפּגעקליבענע פון דער סעלעק־ציע און צוזאַמען מיט זיי אַריינבאַקומען זיך אין קליינעם געטאָ.

מאַנטיק האָט פּאַרלאָזט שעדלעץ די „אויסראָטונגס־קאָמאַנדאָ", וואָס איז ספּעציעל געקומען אַדורכצופירן די גרויסע שחיטה. דאָס איבעריקע האָבן די אָרטיקע תלינים שוין אַליין געדאַרפט פאַרענדיקן. מיטן פאַרקלענערן זיך פון דער צאָל דייטשן אין שטאָט, איז לייכטער געוואָרן פאַר א טייל, וואָס זענען געוועזן באַהאַלטן אין פאַרשידענע לעכער אין גרויסן געטאָ, אַריבערצוקריכן זיך, אין שפּעטע שעה׳ן פון פינצטערע נעכט, דורך הינטער־וועגן אין קליינעם געטאָ, איבערקויפנדיק די פּוילישע פּאָליציי.

אין גרויסן געטאָ זענען כסדר אַרומגעגאַנגען באַנדעס דייטשן און אוק־ראַינער מיט היימישע פּוילישע צוהעלפער און ווי גוט דרעסירטע שפּיר־הינט געזוכט יידן אין באַהאַלטענע ערטער, אַרויסגעשלעפּט זיי פון די באַהעלטע־נישן, דערמאָרדעט זיי אויפן אָרט, אָדער אַוועקגעפירט אויפן בית־עולם און דערשאָסן. דאָס האָט געצוואונגען די אומגליקלעכע צו זוכן מיטלען ווי אַזוי זיך אַריבערצוקריגן אין קליינעם געטאָ, וואָס האָט געהאַט לעגאַלע „לעבנס־רעכט". פיל האָבן ביי דעם אַריבערגיין באַצאָלט מיטן לעבן, אָבער אַ טייל האָבן זיך געראַטעוועט.

דאָס צוזאַמעקלייבן די הרוגים פון די גאַסן אין גרויסן געטאָ און פון אומשלאַג־פּלאַץ, דאָס אַנלאָדן זיי אויף וועגענער און שלעפּן זיי צום טויער פון געטאָ, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן דורך די „אָפּגעקליבענע", האָט אויך געגעבן אַ מעגלעכקייט אַ טייל פאַרשטעקטע אַרויסצוקומען פון זייערע באַ־העלטענישן אין געפערלעכן גרויסן געטאָ, צוגעשטאַנען צו דער אַרבעט אַרום די הרוגים און אַזוי אַרום צוזאַמען מיט די אָפּגעקליבענע זיך אַריינבאַקומען אין קליינעם געטאָ.

ווען עס איז דערגאַנגען אין די דערפער די ידיעה, וואָס מען האָט גע־מאַכט מיט די יידן אין שטאָט, האָט דאָס אויפגעוועקט דעם חשק ביי געוויסע טיילן פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג צו „אַקטיווע מעשים" און זיי האָבן איינגעאָרדנט אַבלאַוועס אויף די אומגליקלעכע יידן, וואָס האָבן זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן אין די דערפער, אָדער אַרומגעבלאָנקעט אין וועלדער און פעלדער. די פּויערים האָבן די געפונענע יידן באַרויבט, דערהרגעט, אָדער איבערגעגעבן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. אויך די לאַגע האָט געווירקט, אַז פיל פון די אומגליקלעכע יידן, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די דערפער, אָדער געבלאָנקעט אין וויסטע וועלדער און פעלדער, נישט וועלנדיק אומקו־מען פון די רויבערישע פּויערים, האָבן דורך פאַרשידענע וועגן, אין די פינצ־

טערע נעכט, געצויגן אין קליינעם אינדזועלע פון לעבן — אין קליינעם געטאָ.

אויף וויפל עס איז געווען פינצטער און וויסט דאָס לעבן פון די אָפּגע־קליבענע און צוגעקומענע פון אַנדערע ערטער, אין קליינעם געטאָ, איז אויס־נאַם־טראַגיש און האָפנונגסלאָז געווען די לאַגע פון די זקנים, פרויען און קינדער, וואָס האָבן זיך אין דעם פינצטערן שבת געהאַט אויסבאַהאַלטן. זיי זענען אַלע געווען פאַראורטיילטע, זיי געהערן צו די גאַז־קאַמערן אין טרעב־לינקע. לעגאַל האָבן אין קליינעם געטאָ געקאָנט זיין נאָר מענער, און דאָס בלויז אין עלטער פון פופצן ביז פערציק יאָר, אָבער נישט קיין זקנים, נישט קיין פרויען און נישט קיין קינדער. ווו זאָלן אָט די אַלע פאַראורטיילטע זיך אַהינטאָן? בלייבן אין די פאַרשטעקטע באַהעלטענישן אין ליקווידירטן גרויסן געטאָ, ווו זיי ווערן אַזוי גרונטלעך געזוכט און נאָכגעשפּירט פון די רוצחים, הייסט: זיכערער טויט. אַריינקריגן זיך אין קליינעם געטאָ? וואָס וועט זיין, אַז די דייטשן וועלן זיי דאָרט טרעפן? דער גאַנצער קליינער געטאָ וועט דאָך באַלד ליקווידירט ווערן, און זיי אַלע, די זקנים, פרויען און קינדער, צוזאַמען מיט די אָפּגעקליבענע וועלן אָדער אָפּגעשיקט ווערן קיין טרעבלינקע, אָדער צוגעשטעלט ווערן צו אַ וואַנט און אויסגעשאָסן ווערן. אַזוי האָט דאָך פאַביש אַליין דערקלערט.

אַ טראַגישע לאַגע אָן אַן אויסוועג.

פון די צוויי ביטערע ברירות האָט דער לעבנס־אינסטינקט געפירט די זקנים און פרויען אין קליינעם געטאָ־אַריין. אַ טייל מיט דעם ווילן זיך צו ראַטעווען — אפשר וועט מען פאָרט זיך קענען פאַרשטעקן אין אַ זיכערן אָרט — און א טייל אינגאַנצן שוין דערשלאָגענע און רעזיגנירטע, מיט דער אויסרעכענונג צו פאַלן כאָטש צווישן אייגענע, צווישן יידן. פיל פון די זקנים און פרויען זענען ביי דער איבערוואַנדערונג געפאַלן אין דעם קורצן וועג, אָבער אַ טייל האָבן זיך אין יענעם מאָמענט געראַטעוועט.

צווישן די געראַטעוועטע זקנים, וואָס זענען געקומען אין קליינעם געטאָ זענען געווען: יצחק נחום וויינטרויב, בן־ציון צוקער, שלמה שמואל אבארבא־נעל, קלמן פרידמאַן, הערצל און נחום האַלבערשטאַט, הענעך גאָלדפאַרב, איטשע מאיר שוחט און זיין זון יעקב, יצחק קאַגאַן און נאָך אַנדערע.

די פרויען האָבן זיך באַזאָרגט מיט מענער־מלבושים (אין דעם האָבן פיל צוגעהאָלפן די אָפּגעקליבענע „לעגאַלע") און איבערגעטוענע זיך אויסבאַ־האַלטן אין די פאַרבאָרגנסטע ערטער פון קליינעם געטאָ, זיי זאָלן נישט באַמערקט ווערן פון די דייטשן, אוקראַאינער און פוילישער פאָליציי, וואָס זע־נען געווען פול אומעטום, אויף יעדן טריט. און אין טויט־שרעק האָבן זיי געוואַרט אין די באַהעלטענישן אויף זייער ווייטערדיקן גורל, וואָס איז גע־לעגן אין די הענט פון די בלוטיקע רוצחים.

צו שרעקלעכסטן איז געווען מיט די קליינע פיצלעך קינדער. זיי זענען

הונגעריק, דורשטיק, עס איז זיי שלעכט אין ענגן דושנעם קעלער, בונקער, אָדער אַנדער באַהעלטעניש און זיי שרייען, וויינען. זייער געוויין קען פאַר־ראַטן, די בלוטיקע רוצחים וועלן דערהערן און זיי וועלן אומברענגען נישט נאָר זיי, די אומגליקלעכע קינדערלעך מיט זייערע מאַמעס, נאָר אויך אַלע געפונענע און אַלע אָפּגעקליבענע און ברענגען צו דער ליקווידאַציע פון געטאָ. און ווי און ווינד! געווען צווי פאַלן — דערציילט מען — ווען פּיצלעך עופּהלעך זענען דערשטיקט געוואָרן מיט די הענט פון זייערע אייגענע טאַטע־מאַמע און אַנדערע שכנים, וואָס געפינען זיך מיט זיי אין באַהעלטעניש! צו אַזאַ מדרגה האָבן די רוצחים דערפירט די אומגליקלעכע מענטשן.

נישט געבליבן, כמעט אינגאַנצן נישט, קיין קינדער פון יענער בלוטיקער עפּאָכע.

—*—*—

פון די טרעבלינקער טויט־טראַנספּאָרטן זענען געווען איינצלנע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט דורך אויפרייסן אַ טיר, אָדער דורך אויפרייסן די אייזערנע קראַטן פון אַ וואַגאָן־פענצטער און געשפרונגען פון די וואַגאָנען. די, וואָס זענען נישט אומגעקומען פון די דייטשן און אוקראַינער, וואָס האָבן עסקאָרטירט די טראַנספּאָרטן, אָדער פון די רויבערישע פּויערים, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט די קרבנות ביי די באַן־רעלסן מיט העק און דרענגער און זיי דערהרגעט. די געציילטע האָבן אויך, דורך פאַרשידענע הינטערוועגן זיך אַריינבאַקומען אין קליינעם געטאָ.

געווען אויך איינצלנע יידן, נישט שעדלעצער, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון טרעבלינקע און געקומען קיין שעדלעץ אין קליינעם געטאָ. זיי האָבן געאַרבעט ביים אַנלאָדן וואַגאָנען מיט רויב פון די קרבנות, וואָס די רוצחים האָבן געשיקט אין דער „היימאַט". נישט האָבנדיק וואָס צו ריזיקירן, האָבן זיי זיך פאַרשטעקט צווישן די פאַרלאָדענע פּעק מיט מלבושים און שיך. שעדלעץ איז געווען די נאָענטסטע און ערשטע סטאַציע, ווו די צוגן פון טרעבלינקע האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די געראַטעוועטע יידן פון די צוגן־טראַנספּאָרטן האָבן געזוכט וועגן ווי אַזוי צו בלייבן אין שעדלעץ, ווו עס איז נאָך געווען אַ „לעגאַלער" געטאָ מיט אַ ביסל יידן.

זיי האָבן דאָס, אגב, געברענגט די שוידערלעכע גרוסן און אמתע ידיעות פון „אַרבעטס־לאַגער" — טרעבלינקע.

אַזוי האָבן אַלע פאַראורטיילטע, אַלע אומגליקלעכע, אויסגעשלאָסענע פון ספר החיים, וואָס האָבן זיך נאָך ערגעץ־ווו געראַטעוועט אין שטאָט און אין אומגעגנט, געצויגן אין קליינעם געטאָ.

פאַרשטענדלעך, אַז מיטן וואַקסן פון די צאָל מענטשן, איז מיטגעוואַקסן די ענגשאַפט אויף דעם קליינעם שטח, און אין די עטלעכע קליינע בנינים, אַזוי, אַז נישט נאָר אין קעלערן, בוידעמער און שטאַלן איז מען דערשטיקט

געוואָרן פון ענגשאַפט, נאָר געפונען ערגעץ־ווו אַ שטיקל פרייען פלאַץ אויף דער ערד אין אַ הויף, אָדער גאָרטן, ווו אוועקצולייגן דעם מידן, אויסגעמאַטערטן קערפּער אָפּצורוען, איז געווען פון די גרויסע זאַכן, צו וועלכע עס איז געווען שווער צו דערגרייכן.

—*—*—

פרוי אידאַ טענענבוים־יום־טוב, וועלכע האָט אַליין איבערגעלעבט אין קליינעם געטאָ די גאַנצע דריי חדשים פון זיין עקזיסטענץ, גיט פאָלגנדע שילדערונג פון יענער עפּאָכע:

מיטוואָך, דעם 26־טן אויגוסט, האָט דער שטאָט־קאָמענדאַנט פאַביש, אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג, אַז דאָס קליינע געטאָ בלייבט עקזיסטירן און איז אומבאַרירט מיטן באַדינג אַז אַלע וועלן גיין צו דער אַרבעט.

די פאַראָרדנונג האָט מען אויסגעטייטשט ווי אַן אַמנעסטיע, אָדער „באַגנעדיקונג" פאַר די „נישט לעגאַלע", וואָס האָבן זיך געהאַט אַריינבאַקומען אין דעם קליינעם געטאָ — פרויען און עלטערע און אויך פאַר די, וואָס זענען נאָך געווען פאַרשטעקט אין באַהעלטענישן אין גרויסן געטאָ. זיי האָבן געקענט פריי אין מיטן העלן טאָג אַרויס פון די באַהעלטענישן און אַריבערגיין אין קליינעם געטאָ.

עס איז געקומען אַ קורצע טיילווייזע ענטשפּאַנונג, נאָך די שווערע איבערלעבענישן פון די לעצטע טראַגישע טעג. אַ פונק פון האָפנונג האָט זיך צעגליט ביי אַ טייל נאַיווע: אפשר? אפשר וועט שוין זיין גענוג?

אָבער ווי אַלע דייטשע הבטחות פון יענער צייט, האָט אויך די פאַרזיכערונג פון שטאָט־קאָמענדאַנט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען נאָר אַזאַ שווינדל, אַ ראַפינירט מערדער־שפּיצל, כדי אַרויסצונאַרן די פאַרשטעקטע פון זייערע באַהעלטענישן און זיי אומצוברענגען.

צומאָרגנס, גאַנץ פרי, זענען דרייסיק פרויען און מיידלעך, אונטער אַן עסקאָרטע פון פּוילישער פּאָליציי געגאַנגען צו דער אַרבעט. מען האָט זיי געפירט אויפרוימען די אויסגעליידיקטע הייזער פון גרויסן געטאָ און סעגרעגירן, איינפּאַקן דאָס אַנגערויבטע יידישע האָב־און־גוטס, וואָס די רוצחים האָבן אָנגערויבט ביי זייערע קרבנות.

בייטאָג, נאָך דער אַרבעט, זענען די דרייסיק פרויען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין דער געטאָ־תפיסה — אין די אַמאָליקע קהלה־געוועלבן פון דער שול. נאָך עטלעכע שעה האַלטן זיי דאָרט, האָבן די רוצחים מיט דראָט פאַרבונדן די הענט אויף הינטן ביי די אומגליקלעכע פרויען, אויף אַן אויטאָ אָפּגעפירט זיי אויפן בית־עולם, אויסגעשטעלט זיי ביי אַ וואַנט, און זיי אַלעמען דערשאָסן, אונטער דער כלומרשטער באַשולדיקונג, אַז זיי האָבן געגנבעט — זיי האָבן אָנגעטאָן אויף זיך קליידלעך פון די ראַבירטע יידישע זאַכן.

איינע נאָר פון די אומגליקלעכע פרויען, אסתר ספּעקטאָר, האָט זיך דע־

מאָלט געראַטעוועט אויף אַזאַ אופן: זי האָט מיט אַן אייזן, וואָס זי האָט צו־פעליק געפונען אין דער תפיסה־קאַמער (קהלה־געוועלב) אויסגעהאַקט אַ לאָך אין וואַנט, אין דער גרויס פון צוויי ציגל און אין דער לעצטער מינוט, פאַרן אָפּפירן זיי אויפן בית־עולם, זיך אַרויסבאַקומען אין דרויסן.

(וועגן שענדלעכן מאַסן־מאָרד איבער די ניין און צוואַנציק פרויען, ווערט דערציילט אויף אַן אַנדער אָרט, ווען מיר זענען געווען אויף זייערע פאַרלאָזענע קברים).

צווישן די דערשאָסענע פרויען איז געווען אויך רוזשע לאַנדוי, די פרוי פון אַדוואָקאַט יוסף לאַנדוי, וואָס האָט זיך על־פּי־נס, אין משך פון דער וואָך, געהאַט צוויי מאָל געראַטעוועט: שבת, פון אומשלאַג־פּלאַץ, איז זי געראַטע־וועט געוואָרן דורכן שפּיטאָל־פּערסאָנאַל און דאָרט זיך אויסבאַהאַלטן אַלס קראַנקען־שוועסטער; און מיט דריי טעג שפּעטער — בעת דער מאַסן־שחי־טה אין שפּיטאָל. זי האָט איבערגעלאָזט צוויי יונגע קינדער, אויך על־פּי־נס געראַטעוועטע, בעת מען האָט דעם פאָטער יוסף לאַנדוי, שבת ביי דער סע־לעקציע, קלאַסיפיצירט אויף לינקס, ד. ה. קיין טרעבלינקע.

צומאָרגנס, נאָך דער מוראדיקער שחיטה, האָט פאַביש ווידער אַרויסגע־געבן אַ פאַרזיכערונג, אַז להבא וועט די פרויען גאָרנישט געשען, אויב זיי וועלן רעגולער גיין צו דער אַרבעט און מער נישט גנבענען. פאַרשטענדלעך, אַז קיינער האָט מער נישט געגלויבט פאַבישעס „פאַרזיכערונגען״, די פרויען האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, ווער נאָר ווו עס האָט געקענט, און צו קיין אַרבעט נישט געגאַנגען.

ערשט נאָך עטלעכע טעג, ווען מען האָט זיך איבערצייגט, אַז די געטריי־בענע צו אַרבעט קומען צוריק גאַנצע, לעבעדיקע, און אַמאָל אויך מיט אַ ביסל לעבנסמיטל, וואָס מען געפינט ביים רוימען די שטובן אין ליקווידירטן גרויסן געטאָ, זענען אַלע פרויען אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן און פריי־וויליק געגאַנגען צו דער אַרבעט.

א. אַרבעטס־לאַגערן

אין שטאָט און אַרום שטאָט זענען געווען פאַרשידענע אַרבעטס־לאַגערן. קליינע, ווו עס האָבן געאַרבעט צו עטלעכע פערזאָן און גרעסערע, ווו עס האָ־בן געאַרבעט צו עטלעכע הונדערט פערזאָן. מען האָט זיי גערופן „פּלאַצ־וואָקעס״.

די פּאָפּולערסטע פון די לאַגערן זענען געווען:

1. רעקמאַן — באַן און באַן־וועג אונטערנעמונג — בערך 200 אַרבעטער
2. קיסגרובע — שטיין און זשוויר־גראַבעריי — ״ 150 ״

3. באַוצוג — בערך 100 אַרבעטער

4. אַרמיי־פּאַרפּלעגונגס־לאַגער — ″ 100 ″

5. סינדיקאַט ראָלניטשי — ″ 30 ″

6. גלאָז־הוטע — ″ 60 ″

″ 50 ″

7. אָפּפאַל זאמלשטעלע (געוו. סקלאַד פון ברידער דוא) —

8. וואָלף און געבעל — בעטאָן־אַרבעטן ביי שאָסייען —

″ 150 ″

9. באַן אינספּעקטאָריאַט — פאַרשידענע באַן־אַרבעט —

″ 150 ″

10. לופטוואַפע — ″ 100 ″

11. לומפּען צענטראַלזאמלונג — און נאָך אַנדערע קלענערע אונטערנע־מונגען.

אין טייל פּלאַצווּקעס האָבן די דייטשע אַרבעטס־אָנפירער אָוועקגענו־מען זייערע אַבּרעטער פון קליינעם געטאָ, זיי איינגעאָרדנט ביי זיך אין באַ־ראַקן און אויך איינגעאָרדנט פאַר זיי שותּפותדיקע קיכן.

פאַרשידן זענען געווען די אַרבעטס־און לעבנס־באַדינגונגען אין די „פּלאַ־צווּקעס״, ווי פאַרשידן עס זענען געווען זייערע אָנפירער מיט זייערע שטי־מונגען, קאַפּריזן און ווילדע סאַדיסטישע בייגונגען.

אין אַלגעמיין איז געווען ביי אַלע פּלאַצווּקעס איין סיסטעם: מינימום לוין און דערנערונג, און מאַקסימום אַרבעט אַרויסקריגן פון די יידישע שקלאַ־פן; וואָס שנעלער אַרויסציען פון זיי די כוחות, זיי זאָלן וואָס שנעלער פאַלן. אַזוי איז דער ווילן פון פירער, פון די נייע אָרדנונג־ברענגער. און די אַלע לאַגער־און אַרבעטס־„פירערלעך״ האָבן דאָך געמוזט צוהעלפן פאַרווירקלעכן דעם גרויסן פּלאַן. נאָר אין טייל פּלאַצווּקעס איז דער פּלאַן אַדורכגעפירט געוואָרן שטופנווייז, לאַנגזאַם, געלאַסן; און אין אַנדערע — ברוטאַלער, שנע־לער, אכזריותדיקער.

די בלוטיקסטע און אממייסטן אכזריותדיקע פון די אַרבעטס־לאַגערן אין שטאָט, וואָס האָט פאַרפּייניקט און אומגעברענגט הונדערטער יידן פון קליי־נעם געטאָ, איז געווען די פירמע „רעקמאַן״.

איר צענטראַלע איז געווען אין בערלין. זי האָט זיך פאַרנומען מיט בויען באַן־וועגן און פאַרשידענע טראַנספּאָרט־אָביעקטן פאַרן מיליטער און אמו־ניציע־טראַנספּאָרטן, וואָס זענען געגאַנגען אויף מזרח. אין איר שעדלעצער אָפּטיילונג האָבן געאַרבעט עטלעכע הונדערט יידן.

די טאַקטיק פון די אַרבעטס־פירער אין דער פירמע אין באַצוג צו יידן, איז געווען אַזאַ, ווי עס האָט פאַרלאַנגט דער הערשנדער קורס: פאַרפּייניקן די יידן צום טויט דורך אַרבעט. אַרבעט אָן אויפהער, אָן איבעררייס. בייטאָג,

בייגאַכט, אָן עסן, אָן אָפּרו, באַגלייט מיט בלוטיקע אכזריותדיקע קלעפּ אויף טריט און שריט, האָט מען געלייגט נייע באַן־וועגן, געהאַקט שטיינער, גע־טראָגן שווערע משאות, אַרויסגעלאָדן וואַגאָנען, באַן־רעלסן. און איז מען גע־וואָרן געשוואָלן, געפאַלן אויפן פלאַץ ביי דער ארבעט — האָט מען דעם גוסס אַוועקגעשלעפּט אין אַ זייט, ווו מען האָט מיט אים פאַרענדיקט ביחידות, און אויף זיין אָרט באַלד צוועקגעשטעלט אַ צווייטן, אַ דריטן, אַ פערטן. בישקשה, יידן זענען נאָך דאָ גענוג, צופיל. און אויב אַלע דאָ וועלן פאַלן און קיין יידן וועלן שוין נישט זיין, וועט מען זיי ברענגען פון אַנדערע לענדער, ווו זיי זע־נען נאָך דאָ. און אַלע מוזן זיי אויסגענוצט ווערן, אַוועקגעבן זייערע לעבנס פאַר דער נייער אָרדענונג, וואָס די נאַציס ווילן באַגליקן דער וועלט.

יודל רוזשאָוויקוויאַק, וואָס האָט אַ צייט געאַרבעט ביי רעקמאַנען, דער־ציילט, אַז דער שעף רוצח רעקמאַן אַליין, פלעגט אָפּט זיך רימען, אַז יעדן פרימאָרגן פאַרן פרישטיק, מוז ער דערהרגענען לכל הפחות איין ייד, אַנ־דערש קען ער זיין פרישטיק נישט עסן.

דער געזונטסטער מענטש האָט לענגער ווי עטלעכע וואָכן נישט געקענט אויסהאַלטן די שוידערלעכע באַדינגונגען פון הונגער, שווערער אַרבעט און קלעפּ — אין לאַגער „רעקמאַן". נישט קיין אַרבעטס־לאַגער איז דאָס געווען, נאָר אַ טויט־לאַגער. נישט קיין וווּנדער, וואָס קיינער האָט אַהין נישט געוואָלט גיין אַרבעטן. זענען דעריבער יעדן פרימאָרגן געקומען אין קליינעם געטאָ די שליחים פון לאַגער, געמאַכט אַ ווילד געיעג אויף די אומגליקלעכע יידן, געכאַפּט אַלעמען, וועך עס איז געקומען אונטער דער האַנט, אַפילו פרויען און אַלטע לייט. און דאָס האָט געהייסן, אַז מען האָט פאַר זיך אַן אורטייל פון אַ געמאַטערטן טויט.

אין רעזולטאַט פון דער־אַ טאַקטיק — פאַרמאַטערן דורך הונגער, שווע־רער אַרבעט און קלעפּ — האָט מען טאָג־טעגלעך געזען ווי איבער די שעד־לעצער גאַסן האָבן גרופּעס אָפּגעריסענע, אויסגעדאַרטע בלייכע יידן גע־שטופּט אייזערנע וועגעלעך, אויף וועלכע עס זענען געלעגן אַנדערע יידן מיט געל־וואַקסענע, אָדער גרין־בלייכע פּנימער. טייל געשוואָלענע, אויפגע־בלאָזענע מיט שוואַכע סמנים פון לעבן. פון הינטן, הינטער דער פּראָצעסיע שפּרייזן נאָך דייטשע וואַכמענער. דאָס שיקט אָפּ די פירמע „רעקמאַן" צוריק אין געטאָ אויסגעמאַטערטע, פאַרפייניקטע יידן, פון וועלכע זי קען שוין מער קיין נוצן נישט האָבן. זיי זענען שוין ליקווידירט, פאַרטיק — זי דאַרף זיי שוין נישט מער.

אַז דאָס וועגעלע מיט די סקעלעטן־יידן איז אַריינגעפאָרן אין געטאָ־אַריין הינטער די דראָטן, איז עס געוואָרן איבערגעדרייט, פונקט ווי עס וואָלט געווען פאַרלאָדנט מיט שטיינער אָדער זאַמד. די אומגליקלעכע זענען אַרויס־געפאַלן אויף דער ערד, געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך, אין אייגענעם אויס־

געטיילטן שמוץ. די אויסגעמאַטערטע סקעלעטן־שאָטנס, וואָס האָבן געברענגט די גוסטדיקע יידן אויפן וועגעלע, זענען באַגלייט פון די וואָכלייט צוריקגע־פאָרן צו רעקמאַנען אָפּצוגעבן זייער לעצט ביסל כוח און בלוט, ביז עס וועט קומען זייער רייע אָוועקגעפירט צו ווערן פון אנדערע סקעלעטן אויפן זעלבן וועגעלע צוריק אין געטאָ־אַריין, אויך אין אַזאַ צושטאַנד. די איינציקע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט די אומגליקלעכע, זענען געווען די מענגעס פליגן און ווערים, וואָס האָבן זיי באַלאַגערט און צוגעדעקט.

עס פלעגט אַמאָל ווער פון די געטאָ־איינוווינער אונטעררוקן אַזאַ גע־ברענגטן גוסס אַ שטיקל ברויט, אָדער א ביסל וואַסער, אָבער זעלטן ווער עס האָט שוין געקענט אויסשטרעקן די האַנט נאָך אַזאַ הילף, וואָס איז געקומען צו שפּעט. די מערסטע טייל זענען דעם זעלבן טאָג אויסגעגאַנגען.

לייבל מאַנדלבוים, וואָס האָט געאַרבעט אין דעם גיהנום־לאַגער פון דער פירמע „רעקמאַן" דערציילט:

— איך האָב געאַרבעט ביים האַקן שטיינער. דער דייטשער אויפזעער האָט כסדר אונטערגעטריבן די אַרבעטער, נישט געלאָזט קיין מינוט אָפּרוען. עסן האָט מען באַקומען 80 גראַם ברויט אַ טאָג מיט אַ שיסעלע זופּ — אַזאַ ברודי־קער וואַסער, ווו מען האָט אַמאָל געפונען אַ פאַרפוילט שטיקל קרויט, אָדער אַנדערע גרינס.פאַר אָפּרוען עטלעכע מינוט פון דער שווערער אַרבעט, האָט דער אויפזעער מיר געגעבן אַזאַ קלאַפּ מיט דער לאָפּאַטע איבער דער פּלייצע, אַז די לאָפּאַטע האָט זיך איבערגעבראָכן. נאָך דעם קלאַפּ האָב איך זיך נישט געקענט באַוועגן און רעקמאַן אַליין, וואָס איז געווען ביי דער סצענע, האָט מיר דערלויבט אַ שעה רוען. נאָך דער שעה רו האָט מען מיך צוריקגעטריבן צו דער אַרבעט.

מאַנדלבוים איז אַנטלאָפן פון דער אַרבעט. ער איז געגאַנגען אין קליינעם געטאָ. אויפן וועג, אויף קילינסקע גאַס, האָט אים אַ פּאָליציאַנט פאַרהאַלטן. ער איז צוריק אָפּגעפירט געוואָרן אין רעקמאַן־לאַגער און האָט פאַרן אַנטלויפן באַקומען פינף און צוואַנציק שמיץ. אין עטלעכע טעג אַרום איז ער נאָכאַמאָל אַנטלאָפן, ווידער פאַרהאַלטן געוואָרן און ווידער באַקומען שמיץ. ווען ער האָט געפילט, אַז די כוחות פאַרלאָזן אים און ער וועט ביי דער אַרבעט סיי ווי פאַלן, האָט ער צום דריטן מאָל ריזיקירט אַנטלויפן, ער האָט דאָס מאָל מצליח גע־ווען — פּטור געוואָרן רעקמאַנען.

ב. לעבן און טויט אין קליינעם געטאָ

אויף וויפל דאָס לעבן אין די לאַגערלעך, אָדער „פּלאַצוווקעס" איז געווען שווער און ביטער, איז עס געווען אַ גן־עדן אין פאַרגלייך צום לעבן, וואָס עס

האָבן געהאַט די געבליבענע אין קליינעם געטאָ.

נאָך אַ שווערן לאַנגן אַרבעטס־טאָג, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט הונ־גער, קלעפּ און וויסטע באַליידיקונגען, איז דער אומגליקלעכער אין אָוונט אַריינגעפאַלן הינטער די דראָטן אַ צום טויט־פאַרמאַטערטער און הונגעריקער און אָנגעהויבן טראַכטן, ווו מען נעמט עפּעס צו שטילן דעם הונגער.

פון רעגולערן עסן האָט שוין קיינער אין געטאָ נישט געטראַכט. קיין לע־גאַלער צופיר פון לעבנסמיטל איז נישט געווען. נישט די מאַכט, נישט די אַרבעטס־אונטערנעמונגען האָבן וועגן דעם נישט געזאָרגט. טאָמער האָט ווער אַריינגעשמוגלט אַ ביסל לעבנסמיטל, האָט עס געקאָסט אַזוי טייער, אַז נאָר עטלעכע געציילטע האָבן דאָס געקענט קויפן. מען האָט זיך צוגעוווינט צום הונגער, ווי צו אַ נאָרמאַלער זאַך, וואָס מוז אַזוי זיין, ביז מען וועט אָוועקפאַלן.

נאָכן אָפּנאַרן דעם מאָגן מיט אַ ביסל וואַסער און עפּעס אָן ערזאַץ פון עסן — איז מען געגאַנגען „שלאָפן", כדי אינדערפרי ווידער אויפצושטיין צו דער שקלאַפן־אַרבעט. מען האָט ערגעץ־ווו אין אַ ווינקל זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, דעם קאָלנער פון צעפליקטן מלבוש אַריבערגעצויגן איבער די אוי־ערן און באַמיט זיך אַריינצופאַלן אין טיפער פאַרגעסנקייט, נישט פילן און נישט הערן, וואָס עס טוט זיך אַרום.

באַרויבט פון יעדער עלעמענטאַרער לעבנס־נויטווענדיקייט — זענען די אומגליקלעכע געטאָ־איינוווינער אויך באַרויבט געוואָרן פון שלאָף. צוליב דער ענגשאַפט, וואָס איינער איז געלעגן אויפן צווייטן, איבער דעם שמוץ און מענגעס ווערים, מיט וואָס דאָס געטאָ איז געווען פאַרפלייצט, ווי אויך איבער די וויסטע שיסערייען, וואָס זענען אָנגעגאַנגען איבער די נעכט פון די צעווילדעוועטע דייטשן, וואָס זענען געקומען זיך דאָ אַמוזירן מיט שיסן אין די אומגליקלעכע צונויפגעקנוילטע יידן. די קרבנות פון אַזאַ נאַכט־ספּאָרט זענען אינדערפרי צוזאַמענגעקליבן געוואָרן פון דער יידישער פּאָליציי און אַוועקגעפירט געוואָרן אויפן בית־עולם צום באַגראָבן.

בעטן, מאַטראַצן און בעטגעוואַנט, האָט כמעט שוין קיינער נישט געהאַט. דאָס איז געבליבן אין גרויסן געטאָ פאַר די נייע איינוווינער דאָרט, אָדער צוגערויבט געוואָרן. אַזוי אויך האָט כמעט קיינער נישט געהאַט קיין מלבוש איבערצוטאָן און נישט קיין וועש. לעבנסמיטל־זאַפּאַסן האָט כמעט קיינער נישט געהאַט.

אַ באַזונדערע פּלאָג, אין קליינעם געטאָ, זענען געווען די ציגיינער. זיי זענען געוואָרן באַזעצט אין איינציקן צוויי־שטאָקיקן הויז פון העגעך גאָלד־פאַרב, וואָס האָט זיך געפונען אין מיטן די עטלעכע קליינע הילצערנע געטאָ־הייזלעך. זיי האָבן סטאַביל באַגנבעט די יידן פון זייערע לעצטע געראַטעווע־טע רעשטלעך און כסדר געגאַנגען צו פּאַבישן און אין געסטאַפּאָ מיט מסירות

און אַנקלאַגעס אויף די יידישע שכנים, און דערמיט גורם געווען צו אָפטע צעשיסונגען פון יידן.

דער שטאָט־קאָמענדאַנט, פּאַביש, און געסטאַפּאָ־שעף דובע, זענען גע־ווען פון די טאָג־טעגלעכע באַזוכער אין קליינעם געטאָ. נאָך יעדן וויזיט פון די צוויי תלינים זענען שטענדיק געקומען פרישע משונה־ווילדע ראַפּינירטע סאַדיסטישע אויסטראַכטונגען אויף די קעפּ פון די אומגליקלעכע יידן, אָדער זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך עטלעכע קרבנות און אין עטלעכע שעה שפּע־טער איז אַרויסגערופן געוואָרן די יידישע פּאָליציי, זי זאָל צונעמען און באַ־גראָבן זייערע טויטע צעשאָסענע גופים. בכלל, ווען די פּאָליציי איז גערופן געוואָרן צו דובען אָדער פּאַבישן, האָבן זיי שטענדיק מיט זיך מיטגענומען לאָפּאַטעס מיט גראַבאייזנס. זיי האָבן שוין געוווסט, צו וואָס זיי ווערן גערופן.

דער סטאַבילער הונגער אין קליינעם געטאָ, די שווערע שקלאַפן־אַרבעט, די שרעקלעכע ענגשאַפט, די פּלאָג פון שמוץ, פליגן און ווערים, דערצו דאָס פולשטענדיקע פעלן פון מעדיקאַמענטן און מעדיציניַשער אויפזיכט — דאָס אַלץ האָט געבראַכט פאַרשידענע קראַנקהייטן און עפּידעמיעס, וואָס האָבן געשניטן די געטאָ־איינוווינער ווי מיט קאָסעס. נישט געווען איין טאָג עס זאָלן נישט זיין עטלעכע טויט־פאַלן.

אין צענטער פון געטאָ, אין אַ בלאָטיקן הויף, איז געשטאַנען אַ פאַרלאָ־זענער הילצערנער חזיר־שטאַל. דאָרט אין דעם שטאַל, אויף דער בלאָטיקער ערד, האָט מען אַריינגעלייגט די טויטע.

איינמאָל אין וואָך איז צום שטאַל צוגעפאָרן אַ גרויסער אָפּענער וואָגן, אויף וועלכן עס זענען אַרויפגעוואָרפן געוואָרן די טויטע, וואָס האָבן זיך אָנ־געזאַמלט איבער דער וואָך. זיי זענען אָפּגעפירט געוואָרן אויפן בית־עולם און באַגראָבן געוואָרן אין אַ בשותפותדיקן ברידער־קבר.

עס האָט אָפט געטראָפן, אַז ביים אַרויסוואַרפן די טויטע אויפן וואָגן, זע־נען די הענט, פיס און אַנדערע קערפּער־טיילן צעפאַלן געוואָרן פון לאַנגן ליגן אין חזיר־שטאַל. ס'פלעגט אויך טרעפן, אַז אין אַ פינצטערער נאַכט פלעגט עמעצער פון די נאָך לעבעדיקע מתים אַריינשלייכן זיך אין שטאַל און אַראָפּציען פון די מתים די אָרעמע שמאַטעס, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט אויף זיך, און דערמיט פאַרדעקט די אייגענע נאַקעטקייט.

דאָס פולשטענדיקע פעלן פון לעבנסמיטל און אַלע מינימאַלסטע נויטי־קייטן, האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט די געטאָ־איינוווינער און פיל האָבן איבער דעם אויפגעהערט גיין צו דער אַרבעט.

האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן „לאַפּאַנקעס". יעדן פרימאָרגן, ווען עס פלעגט נאָר אָנהויבן טאָגן, זענען אין געטאָ אַריינגעפאַלן צעווילדעוועטע באַנדעס דייטשן, זאָנדערדינסט און פּאָליציי. זיי האָבן דורכגעפירט אַ ווילד געיעג. מען האָט אַרויסגעשלעפּט אַלטע און יונגע, געזונטע און קראַנקע, אויך

פרויען פלעגן מערדערלעך געשלאָגן און געפייניקט ווערן — און מיט ביי־טשן, שטעקנס און ביקסן־קאָלבעס, געטריבן ווערן צו דער אַרבעט.

אַ באַזונדער ווילדקייט און אכזריות האָבן די רוצחים אַרויסגעוויזן צו זייערע קרבנות אין די אָנגעקומענע ימים־טובים, ראש־השנה, יום־כפור און סוכות (בכלל פלעגן די דייטשן די גאַנצע צייט פון זייער בלוטיקער הער־שאַפט דורכפירן אַלע אַקציעס, סעלעקציעס, אויסזידלונגען און אַנדערע פּיי־ניקונגען — דוקא אין די שבתים און ימים־טובים).

מען דערציילט, אַז יענעם יום־כפור תש״ג, האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַ גרופּע דערשלאָגענע יידן און צווישן זיי די זקנים: יצחק נחום וויינטרויב, איטשע מאיר שוחט, בן־ציון צוקער, שלמה שמואל אבארבאַנעל, הרצל און נחום האַלבערשטאַט, העניך גאָלדפּאַרב, קלמן פרידמאַן און נאָך אַנדערע, וואָס האָבן ווי די אַמאָליקע אַנוסים, אין באַהאַלטענע קעלערס פון קליינעם געטאָ און מיט שטילע, דערשטיקטע (דער שונא זאָל נישט הערן), אָבער האַרצרייסנדיקע יללות אָפּגעריכט די יום־כפורדיקע תפילות. פּלוצלונג האָט זיך דאָרט אַריינגעריסן אַ צעיושעטע באַוואָפנטע באַנדע דייטשן און האָבן אָנגעהויבן כאַפּן די יידן צו אַרבעט — צום אויסגרוזעווען וואַגאָנען קוילן פאַר דער קאָמענדאַטור.

ווען די צעווילדעוועטע מענטשן־חיות האָבן דערזען די צעבראָכענע, אין דרייען געבויגענע זקנים, מיט די טליתים איינגעהילט איבער די געל־בלייכע פּנימער, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען די יונגע און געזונטע יידן, וואָס האָבן פרייוויליק געוואָלט גיין צו דער אַרבעט, נאָר דוקא די אין טליתים געהיל־טע זקנים צו דער אַרבעט געטריבן. פאַרנאַכט, אין צייט פון „נעילה״, האָט מען געזען צוריקטרייבן די פאַרמאַטערטע זקנים, זייערע בלייכע פּנימער אויסגעשמירט, שוואַרץ פון קוילן־שטויב געמישט מיט בלוט פון די ווונדן, וואָס די רוצחים האָבן זיי געמאַכט ביי דער אַרבעט.

ג. דער נייער יודנראַט

דער צושטאַנד אין געטאָ צוליבן הונגער, ענגשאַפט, עפּידעמיעס, לאַ־פּאַנקעס — פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט — דאָס אויפהערן גיין צו דער אַרבעט, האָט געדראָט, אַז די קליינע צאָל אָפּגעראַטעוועטע מענטשן, מיטן גאַנצן געטאָ, זאָלן ליקווידירט ווערן. דאָס האָט געצוווּנגען, אַז דער יודנראַט, וואָס איז ליקווידירט געוואָרן צוזאַמען מיטן גרויסן געטאָ, זאָל צו־ריק באַנייען זיין טעטיקייט און עפּעס טאָן אין אָט דער פאַטאַלער דראָענדי־קער לאַגע.

צו דער אַרבעט האָבן זיך גענומען די דריי געוועזענע יודנראַט־מיטגלי־

דער, וואָס האָבן זיך געפונען אין קליינעם געטאָ: הערש אייזנבערג (פּאַריזער), משה ראַטביין און אַנאַטאָל גאָלדבערג.

די ערשטע אַרבעט פון באַנייטן יודנראַט איז געווען צו שאַפן עטלעכע טויזנט זלאָטעס און רעגולירן דעם חשבון, וואָס פּאַביש האָט צוגעשטעלט: צו באַצאָלן די פייערלעשער פאַר זייער אַרבעט שבת דעם 22־טן אויגוסט, בעת דער סעלעקציע.

די וויכטיקסטע אויפגאַבן, וואָס דער באַנייטער יודנראַט האָט געהאַט אַדורכצופירן, זענען געווען צו זאָרגן פאַר דעם סטאַבילן צופיר פון ברויט צו נאָרמאַלע פּרייזן און איינשאַפן די נויטיקסטע מעדיקאַמענטן פאַר די פאַרשפּאַרטע אין געטאָ. דורך פאַרשידענע אינטערווענצן איז אין אַ קורצער צייט געלונגען די צוויי נויטיקסטע ענינים אַדורכצופירן.

פּאַביש האָט באַפוילן די שטאָט־פאַרוואַלטונג אַרויסצוגעבן לעבנסמיטל־קאַרטן פאַר די געטאָ־איינוווינער. דער געסטאַפּאָ־שעף דובע, האָט די דערמאָנטע דריי יודנראַט־מיטגלידער אַרויסגעגעבן „פּשעפּוסטקעס", וואָס האָט זיי דערלויבט פריי זיך צו באַוועגן אין שטאָט.

אַ דאַנק אָט־די מעגלעכקייטן, האָבן זיי אָפּגעמאַכט מיט בעקערייען וועגן צושטעלן ברויט פאַרן געטאָ און מיט אַפּטייקן — וועגן צושטעלן די נויטיקסטע מעדיקאַמענטן. עס איז אויך געלונגען איינצושאַפן אַ ביסל אַרטיקלען, וואָס ביז איצט איז דאָס געווען אַזאַ גרויסער לוקסוס, צו וואָס אַ געטאָ־איינוווינער האָט נישט געקענט צוקומען, ווי: ליכט (נישט געווען קיין עלעקטריע) שוועבעלעך, וואַש־פּולווער, זאַלץ א. א. וו.

און נאָך אַ באַפעל האָט דער ראַפּינירטער תליון פּאַביש אַרויסגעגעבן: אַז די ציגיינער, וואָס זענען געווען באַזעצט אין גרויסן צוויי־שטאָקיקן הויז, אין קליינעם געטאָ, זאָלן דאָס הויז פאַרלאָזן און איבערגעבן דאָס פאַר די יידן.

אין די אַלע פאַקטן איז נאָכאַמאָל בולט געקומען צום אויסדרוק די ראַפּינירטע און גוט־אויסגעפּלאַנטע טאַקטיק פון די דייטשן, ווי אַזוי איינצושלעפערן די וואַכזאַמקייט ביי זייערע קרבנות, אָפּטעמפּן די פילבאַרקייט, כדי דער פרישער קלאַפּ, וואָס זיי גרייטן זיך געבן, זאָל טרעפן אומגעריכט.

—*—*—

אין קליינעם געטאָ איז כמעט איבערהויפּט נישט געווען קיין גאַנצע משפחות. אַלע זענען זיי געווען אָפּגעריסענע אברים, עלנטע, איינצל־געבליבענע פון פאַרשניטענע משפחות. עס זענען געווען זין און טעכטער, וואָס פאַר זייערע אויגן האָט מען אומגעבראַכט זייערע טאַטע־מאַמע, אָדער אָפּגעריסן פון זיי און אָפּגעשיקט קיין טרעבלינקע; געווען עלטערן, וואָס אין זייערע אויגן האָט מען דערשאָסן זייערע קינדער; מענער פון אומגעבראַכטע פרויען; ברידער פון אויסגעשאָסענע שוועסטערן. נישט געווען אַזעלכע, וואָס זאָלן

נישט האָבן צו באַווייַנען זייערע נאָענטע אומגעקומענע פון די בלוטיקע רוצחישע בעסטיעס. אַלע זענען געווען דערשלאָגענע, צעבראָכענע, פאַרצווייפלטע און זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון וועגן זייער אויסזיכטלאָזער לאַגע; פון דער ווערטלאָזיקייט פון אַ לעבן, וואָס יעדער איינער, ווער נאָר עס וויל, קען עס אומברענגען און דערצו נאָך באַלוינט ווערן דערפאַר. פאַר די אויגן זענען נאָך געשטאַנען פריש די גרויל־בילדער פון די לעצטע טעג, פון דער מאַסן־שחיטה ביים ליקווידירן דאָס גרויסע געטאָ. און דאָך — האָט מען זיך געקלאַמערט צום וויסטן לעבן און זיך אָנגעכאַפּט אין די אַלע לעצטע דייטשע פאַרלייכטערונגען, ווי אַ טרינקנדיקער כאַפּט זיך אָן אין שאַרף פון אַ שווערד. מען האָט שלום געמאַכט מיטן גורל און אָנגעהויבן זיך צופּאַסן צו דער שוידערלעכער לאַגע, צו די נייע באַדינגונגען, ווי צו אַ „נאָרמאַלן" צושטאַנד. מען האָט אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי זיך „איינצואָרדנען" וואָס „בעסער". אַנדערע האָבן זיך באַמיט איינצושאַפן כאָטש עטוואָס זאַפּאַס פון לעבנסמיטל און באַהייצונג־מאַטעריאַל אויפן ווינטער. מען האָט זיך באַמיט אַליין איינצורעדן, אַז יעדנפאַלס, איבערן ווינטער, דראָט נישט קיין שום געפאַר דעם קליינעם געטאָ, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס כמעט אַלע גייען צו דער אַרבעט — אין וואָס די דייטשן נויטיקן זיך אַזוי שטאַרק. זיי וועלן נישט אומברענגען אַזאַ נוצלעכן אַרבעטס־כוח.

די אָנגעצויגענע געשפּאַנטקייט איז פאַרשוואונדן. אין געטאָ איז איינגעטראָטן אַ טיילווייזע באַרואיקונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז ענדע אָקטאָבער.

געווען איז דאָס אַ שטילקייט פאַר אַ גרויזאַמען מוראדיקן שטורעם, פאַרן לעצטן און ענדגילטיקן שטורעם אין געטאָ.

ד. די לעצטע טעג אין קליינעם געטאָ

פרי האָט זיך געשטעלט דער שווערער קאַלטער ווינטער, מיט רעגנס, שנייען, פרעסט און זאַווערוכעס — אין פינצטערן יאָר 1942.

עס האָט אויסגעזען ווי די נאַטור אַליין האָט שותפות געמאַכט מיטן בלוטיקן משחית, געשטעלט זיך ביי זיין זייט ווי אַ מיטהעלפערין צו פייניקן און מאַטערן דאָס געבליבענע רעשטל אומגליקלעכע יידן.

פונקט ווי דעמאָלט, מיט דריי חדשים צוריק, ווען די פאַראורטיילטע עדה איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון גרויסן געטאָ אויפן אומשלאַג־פּלאַץ און די בלוטיקע רוצחים האָבן פאַר איר אויסגעטראַכט די ווילדסטע און ראַפינירסטע איינפאַלן פון פיין, אכזריות און מיתות משונות — איז דעמאָלט די זון זיי געקומען צו הילף, געברענט און געשרפה'ט די קרבנות אָן רחמנות; אַזוי אויך איצט, ווען דאָס געבליבענע קליינע רעשטל פון דער גרויסער עדה האָט

זיך געשטיקט און געפייניקט אין ענגשאַפט און שמוץ פון קליינעם געטאָ, אָן
עסן, אָן וואַרעמע קליידונג, אָן בעטגעוואַנט און אָן הייץ־מאַטעריאַלן — איז
ווידער די נאַטור געקומען צו הילף די פייניקער: באַלד אין פריען האַרבסט
האָבן זיך געשטעלט אויסטערלישע קעלטן. געדיכטע טריבע רעגנס האָבן ווי
מיט נאַסע ריטער געשמיסן דאָס געטאָ און זיינע איינוווינער. געדיכטע טיפע
שנייען האָבן איינגעהילט די הילצערנע הייזלעך אין קליינעם געטאָ. דורך די
שפּאַרעס פון די צעדרייטע שלעכט־פאַרמאַכטע טירן־פענצטער פון די געטאָ־
שטיבלעך און אין האַלב־אָפענע שטאַלן, בוידעמער און קעלערס, ווו עס האָבן
זיך געטוליעט די אויסגעמאַטערטע מענטשן־שאָטנס, האָבן ווי אַ ווילד געבריל
פון גרויסע מחנות שדים אַריינגעיאָמערט קאַלטע, בייזע ווינטן און זיך איינ־
געגעסן אין די אויסגעטריקנטע ביינער און זיי געגריזשעט, ווי בייזע הונגע־
ריקע שלאַנגען.

זעלטן ווער עס האָט געהאַט אַ וואַרעם מלבוש, אַ פּאָר שטיקלעך וועש,
אַ פּאָר שיך אָנצוטאָן, אָדער אַ דעק זיך איינצודעקן און זיך שיצן קעגן דער
ווילדער קעלט. ביי וועמען די רוצחישע דייטשן און אוקראַינער האָבן דאָס
נישט צוגערויבט, האָט מען די זאַכן לאַנג שוין אָפּגעגעבן די היימישע שכנים
פאַר אַ שטיקל ברויט, אָדער עטלעכע קאַרטאָפל. נאָך זעלטענער האָט ווער
געהאַט אַ ביסל קוילן, אָדער האָלץ צו קענען פייער מאַכן און זיך דערוואַרע־
מען. דאָס איינציקע מיטל צו דערוואַרעמען זיך איז געווען דאָס צוזאַמענפרע־
סן זיך פון דער דערשלאָגענער מענטשן־מאַסע אין זייערע וויסטע געטאָ־
נאָרעס, אין איין קופּע, און מיט די אייגענע לייבער קעגנזייטיק אויפהאַלטן
דאָס ביסעלע וואַרעמקייט, וואָס האָט נאָך געצאַנקט אין די שוואַכע אויסגע־
טריקנטע און אויסגעמאַטערטע גופים.

מען האָט געשוידערט אין שרעקלעך־לאַנגע וויסטע שלאָפלאָזע נעכט.
עס האָט געפייניקט דער הונגער, שמוץ און קעלט; עס האָבן געפייניקט די
רוצחישע דייטשן און אוקראַינער, וואָס האָבן גאַנצע נעכט געווילדעוועט אין
געטאָ און נישט אויפגעהערט באַשיסן מיט הוראַגאַנען פון פייער אויף בלינד
און אין ציל; און עס האָט געפייניקט דאָס באַוווסטזיין, דאָס אויסזיכטלאָזי־
קייט פון דעם אומבאַקאַנטן נישט זיכערן מאָרגן, פון דעם נישט זיכערן גורל,
ווו מען איז געוואָרן איינגעקלאַמערט און פון וועלכן מען זעט נישט קיין
אויסוועג.

נאָך אַזאַ וויסטער, לאַנגער, שלאָפלאָזער נאַכט קומט אָן אַ נישט־וויינ־
קער וויסטער טאָג מיט זיינע צרות און דאגות, מיט זיינע בהלות און אָנשי־
קענישן, וואָס פאַר'סמ'ט דאָס לעבן און פאַרוואַנדלט די מענטשן אין געיאָגטע
פאַרפלאָגטע חיות.

יעדן פרימאָרגן, אין דרויסן איז נאָך שטאַרק פינצטער, מוז מען אויפ־
שטיין אַ צעבראָכענער, אַ דורכגעפרוירענער, אַ הונגעריקער, אַרויפציען אויף

זיך די צעריסענע שמוציקע שמאַטעס און גאַנץ, אָדער האַלב־באָרוועס טאָפּ־טשען אין די נאַסע קאַלטע בלאָטעס, אָדער שנייען, צו דער קאַטאָרגע ארבעט. און נישט האָבנדיק די זיכערקייט, אַז מען וועט נאָך צוריקקומען אַ לעבעדי־קער, אַ גאַנצער אין געטאָ־אַריין.

אַזוי ציִען זיך די וויסטע טעג און נעכט ווי אַן אייביקייט. יעדער טאָג איז שרעקלעכער און טראַגישער פון דעם צווייטן.

עס זענען אָנגעקומען די ערשטע טעג פון חודש נאָוועמבער. עס טראָגן זיך אַרום פאַרשידענע אויסטערלישע קלאַנגען צווישן די דערשלאָגענע געטאָ־איינוווינער. עפּעס שפּירט זיך אין דער פאַרסמטער לופט, אַז עפּעס וואָס דאַרף פאַרקומען, נאָר קיינער ווייסט נאָך נישט באַשטימט וואָס און ווען.

עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און מען האָט זיך דערוווּסט, אַז די תּלינים רוען נישט. זיי האַלטן אין איין טראַכטן און זאָרגן וועגן דעם קליינעם רעשטל יידן, וואָס זענען נאָך געבליבן ביים לעבן.

לויט ווי עס גיבן איבער די געציילטע לעבנגעבליבענע עדי ראיה, און באַזונדערס פרוי אידאַ טעטענבוים־יום־טוב, האָבן די געשעענישן אין יענע טראַגישע טעג געהאַט פאָלגנדן פאַרלויף:

דעם ערשטן נאָוועמבער האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג, אַז עס ווערן געשאַפן פינף גרויסע געטאָס אין פוילן, וווּ עס דאַרפן צונויפ־געקליבן ווערן אַלע לעבנגעבליבענע יידן פון דער „גענעראַל־גובערניע". אויך שעדלעץ געהערט צו איינער פון די פינף אויסגעקליבענע שטעט.

ביז דעם ערשטן דעצעמבער דאַרפן אַלע יידן, וואָס געפינען זיך אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך און אין די דערפער, צוזאַמענקומען זיך אין שעדלעץ, אין קליינעם געטאָ.

פאַרשידן זענען געווען די יידישע אויסטייטשונגען צו דער נייער פאַר־אָרדנונג. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס אָנגענומען פאַר אַ גוטן צייכן. די געבליבענע יידן וועלן שוין לעבן בלייבן אין די געטאָס, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס די דייטשן נויטיקן זיך אין זייער אַרבעט־קראַפט. די גרויסע מער־הייט דאַקעגן, האָט אין דער נייער פאַראָרדנונג געזען אַ דראָענדיקע סכנה, אַ כיטרע כוונה פון די ראַפינירטע מערדער. מיט דעם שאַפן די פינף גרויסע געטאָס ווילן די דייטשן צונויפזאַמלען אַלע לעבן־געבליבענע און אַלע באַ־האַלטענע יידן אין עטלעכע קאָנצענטרירטע פונקטן, פון וואַנען עס וועט זיין לייכטער, מיט קלענערע קאָסטן און ווייניקער אָנשטרענגונגען, איבערצושיקן זיי קיין טרעבלינקע.

ווי אַן אכזריותדיקע אייביקייט האָבן זיך געשלעפּט די קאַלטע טריבע טעג און לאַנגע פינצטערע נעכט אין קליינעם געטאָ. מען וואַרט אויף עפּעס, דאָס האַרץ זאָגט נישט קיין גוטס. אין דער לופט שוועבט אַ שרעקלעך־טראַגישער סוד, וואָס קיינער קען אים נישט אנטשיידן: זיין אָדער נישט זיין?

לעבן אָדער טויט? דערנענטערט זיך שוין דער סוף, אָדער מען וועט זיך נאָך ווייטער אַזוי מאַטערן ווי ביז איצט? און אפשר אויך איבערלעבן?

18. „גענשע־בארקי״

אין א פינצטערן קאַלטן נאָוועמבער־פאַרטאָג, ווען די געטאָ־איינוווינער זענען אויפגעשטאַנען, ווי יעדן טאָג, פון זייערע ענגע האַרטע געטאָ־נאַרעס און געגרייט זיך אַרויסצוגיין צו זייער טעגלעכער שקלאַפן־אַרבעט, האָבן זיי געהערט די לעצטע נייעס, וואָס די פּאָליציי האָט געברענגט פון די דייטשע מאַכט־האבער: אַז דאָס קליינע געטאָ ווערט איבערגעטראָגן אין אַ נאָך מער ענגערן און נאָך מער שמוציקערן אָרט הינטער דער שטאָט — קיין „גענשע־בארקי״.

גענשע־בארקי ליגט דריי קילאָמעטער הינטער דער שטאָט און באַשטייט פון דריי גרעסערע דירות־בלאָקן, וואָס די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אַמאָל אויפגעשטעלט אין מיטן צווישן נאַקעטע, פוסטע פעלדער און דאָרט באַזעצט מענטשן, אָן באַשטימטע, און מיט צווייפלהאַפטע פּראָפעסיעס. די דריי הייזער בלאָקן זענען געווען אַ נעסט פאַר כלערליי גנבים, פאסערס, מעסער־שטעכער, פּראָסטיטוטקעס און פאַרשידענע אונטערוועלט־העלדן פון שטאָט און אומגעגנט און אַרויסגערופן ביי אַלע אָרנטלעכע און אַרבעטזאַמע מענטשן אַ געפיל פון עקל און שרעק.

דאָרט אַהין דאַרפן זיך אַריבערטראָגן אַלע יידן פון קליינעם געטאָ, ווייל — לויט ווי די תלינים האָבן דערקלערט — איבער דעם טיפוס, וואָס הערשט דאָרט, דראָט אַ געפאַר, אַז די עפּידעמיע זאָל זיך אַריבערגעטראָגן אויך אויף די אַרומיקע גאַסן אויסערן געטאָ.

דאָס אַריבערטראָגן זיך קיין גענשע־בארקי דאַרף פאַרקומען אין עטלעכע טעג אַרום, דעם 25־טן נאָוועמבער אינדערפרי, מיטנעמען מיט זיך מעג מען נאָר דאָס, וואָס מען קען טראָגן מיט זיך אין די הענט.

די אומגליקלעכע געטאָ־איינוווינער האָבן נאָך גוט געדענקט יענע „אויסזידלונג״ מיט דריי חדשים צוריק, פון גרויסן געטאָ, און האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, וואָס עס מיינט ווידער אַן „אויסזידלונג״ לויטן דייטשן נוסח.

די אומגליקלעכע זענען אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ שרעקלעכער פּאַניק און בהלה. אין געטאָ געפינען זיך אַ געוויסע צאָל קינדער, וואָס מען האָט מיט גרויס מי און מסירת־נפש אָפּגעראַטעוועט און אויסבאַהאַלטן. עס געפינען זיך פיל קראַנקע און אַלטע צעבראָכענע, וואָס וועלן דעם וועג קיין גענשע־בארקי נישט קענען מיטמאַכן, אָט די אומגליקלעכע וועלן דאָך געוויס אַלע באַלד אויסגעשאָסן ווערן ביי דער „איבערזידלונג״. ווו באַהאַלט מען זיי?

געווען אויך אַ טייל, וואָס האָבן געהאַט אַנדערע דאגות. די זעלטענע, וועמען עס איז נאָך געבליבן, אָדער עס איז זיי די לעצטע צייט געלונגען איינ־צושפּאָרן זיך עפּעס בעטגעוואַנט, מלבושים און וואָס נאָך וויכטיקער — אַ ביסל עסנוואַרג, אַ זעקל קאַרטאָפל — זאַכן, וואָס אין געטאָ זענען דאָס געווען לעבנספראַגן — ווי ראַטעווען מען דאָס אַרויס?

צו דעם אַריבערגיין אין גענשע־באַרקי זענען נאָך געבליבן עטלעכע טעג. די ראַפינירטע מערדער האָבן דערפון נישט געמאַכט קיין סוד און פריער מיט־געטיילט וועגן דעם. אַ טייל גיט זיך איין עפּעס אַרויסצוטראָגן פון געטאָ. מען שמוגלט אַרויס אַ פּעקל צו אַ באַקאַנטן קריסט, וואָס נעמט דאָס צו זייער גערן מיט דער אויסרעכנונג,אַז געוויס וועט דאָך דער ייד אומקומען און מען וועט בלייבן דער יורש פון דעם פּעקל.

נאָענט פון גענשע־באַרקי געפינט זיך אַ גלאַז־הוטע, ווו עס אַרבעטן עט־לעכע צענדליק יידן. אַנדערע ריזיקירן און עס געלינגט זיי אַהין אַריבערצו־פירן זייערע לעצט ביסל אָרעמקייט. מען האָט אַפילו אַהין, אין דער לעצטער נאַכט, אַריבערגעפירט עטלעכע אַלטע קראַנקע און עטלעכע קינדער. די יידי־שע אַרבעטער האָבן זיי דאָרט אויסבאַהאַלטן. זיי האָבן געזאָלט מאָרגן אי־בערגעפירט ווערן אין די וווין־בלאָקן פון גענשע־באַרקי.

די געסטאַפּאָ, זשאַנדאַרמעריע און אַנדערע רוצחים, וואָס האָבן כסדר געוואַכט איבערן געטאָ, געוווסט פון אַלץ, וואָס דאָרט קומט פאָר, האָבן דאָס מאָל פאַרמאַכט די אויגן, געמאַכט זיך ווי זיי זעען גאָרנישט, און די נאַאיווע האָבן זיך געפרייט: געלונגען אָפּצונאַרן די דייטשן.

—*—*—

עס איז געקומען די לעצטע שווידערלעכע נאַכט אין קליינעם געטאָ. קיי־נער איז נישט געשלאָפן. אַלע האָבן געפיבערט. אַלע זענען געווען באַהערשט פון דעם געדאַנק, וואָס האָט יעדן געפּייניקט, אָבער קיינער האָט אויף דעם נישט געקענט געבן קיין ענטפער: צי מיינען טאַקע די מערדער צו באַזעצן דאָס הייפל צעבראָכענע, אויסגעפּייניקטע יידן אין גענשע־באַרקי, אָדער שטעקט אין דעם אַ פאַרמאַסקירטער פּלאַן?

נאָך דער לעצטער פיינלעכער נאַכט, וואָס האָט זיך געצויגן ווי אַן אייבי־קייט, איז געקומען דער שווידערלעכער טאָג — מיטוואָך דעם 25־טן נאָוועמ־בער, ט״ז כסלו תש״ג.

עס איז נאָך פינצטער געווען אין דרויסן, ווען די פּאָליציי האָט זיך צעלאָזט איבערן געטאָ און פון די ענגע נאָרעס אַלעמען אַרויסגעטריבן אויפן גאַס, אויסגעשטעלט לויטן באַקאַנטן נוסח אין רייען, צו פינף פּערזאָן, די הענט געשלאָסן איינער אין צווייטן און צעגעגרייט צום אָפּמאַרש.

אַ שניידיקער ווינט פּאַטשט די בלייכע אויסגעדאַרטע פּנימער, אַ וויסטע קעלט עסט זיך איין אין די ביינער און גריזשעט די אויסגעצערטע לייבער,

אָבער מען שטייט, מען מאַרשירט נישט. מען וואַרט, נישטאָ נאָך די אָנפירער פון דעם בלוטיקן אַקט.

אַ זייגער צען זענען אָנגעקומען די הויפּט־תּלינים: פּאַביש, דובע, פּריקע און נאָך אַנדערע מיטהעלפער. זיי קוקן איבער די רייען, נעמען אָפּ ראַפּאָרטן ביי די אונטערגעאָרדנטע, גיבן אַרויס די לעצטע פאַראָרדנונגען און מעלדן דעם יודנראַט וועגן גרויסן חסד, וואָס זיי טוען די יידן: זיי האָבן פאַראָרדנט דעם מאַגיסטראַט אַרויסצושיקן עטלעכע פורן אויף צו פאַרנעמען די קראַנקע און פאַרלאָדן אַ ביסל געפּעק.

ביי האַלבן טאָג פאַלט דער באַפעל צום אָפּמארש. עס ברעכט אויס אַ מוראדיקע יללה: אַלע נאָך נישט אויסגעטריקנטע קוואַלן פון טרערן, וואָס זענען נאָך ערגעץ־ווו געבליבן פאַרבאָרגן ביי די אומגליקלעכע, האָבן מיט־אַמאָל געפּלאַצט און אויפגעשטורעמט אין אַ שרעקלעכן געוויין ביים אָנהויב פון דעם שאַנד־מאַרש. דער גאַנצער אומענדלעך גרויסער באַרג פון פּיין און יסורים, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין פאַרלויף פון די גאַנצע דריי מיט אַ פערטל יאָר פון דער בלוטיקער נאַצי־הערשאַפט און האָט געמאַכט פון די אומגליקלעכע יידן דאָס, וואָס זיי זענען איצט. דאָס אַלץ האָט אין דעם מאָ־מענט אויפגעריסן ווי אַ ווולקאַן, אויסגעיאָמערט זיין מעכטיקן פּראָטעסט און וויי־געשריי, וואָס איז צו קיינעמס אויערן נישט דערגאַנגען. קיינער האָט דאָס נישט געהערט, אַ חוץ די צעווילדעוועטע בלוט־דורשטיקע תּלינים, וועמען דער שוידערלעכער וויי־געשריי און יאָמער האָט פאַרשאַפט אַ סאַדיסטיש פאַרגעניגן. אויך די שכנים פון דער אַרישער זייט, וואָס האָבן געוווינט אין די אַרומיקע גאַסן, האָבן דורך די פענצטער פון זייערע וואַרעמע שטובן גלייכ־גילטיק — און אפשר אויך מיט פרייד — זיך צוגעקוקט צו דעם אַלעמען, וואָס קומט דאָ פאָר.

בלויז דער בייזער, קאַלטער, צאַרנדיקער ווינט, וואָס האָט אָן אויפהער געפּאַטשט און געשמיסן די בלייכע אויסגעצערטע פּנימער פון די דערשלאָגע־נע, הערשעפטע סקעלעטן־יידן, האָט אויפגעכאַפּט דעם שוידערלעכן געיאָמער און אים פאַרטראָגן אין די אומענדלעכע ווייטקייטן...

—*—*—

לאַנגזאַם שלעפּט זיך דער שאַנד־מאַרש פון די מענטשן־שאָטנס. לאַנג־זאַם באַוועגט זיך דער לאַנגער צוג פון די לעבעדיקע מתים. מען זאָגט, אַז מען פירט זיי קיין גענשע־באַרקי. אַנדערע זאָגן, אַז מען פירט זיי קיין קאַ־לושין, ווו מען שאַפט דאָרט אַ נייעם אַרבעטס־לאַגער פאַר יידן — ווירקלעך שפּאַנט מען אויף דעם וועג, וואָס פירט אַהין. אָבער דער אינסטינקט זאָגט, אַז די מערדער מיינען נישט גענשע־באַרקי און נישט קאַלושין — זיי מיינען עפּעס אַנדערש. זיי דאַרפן די לעבנס פון דעם רעשטל דערשלאָגענע יידן. און מען גייט דערשלאָגן און דערדריקט אונטער דער שווערער משא פון חרפּה

און ווייטיק, פון הילפלאָזיקייט און רעזיגנאַציע. מען שפּאַנט דערשעפּטע און פאַרמאַטערטע מיט די לעצטע כּוחות און מען קלערט, מען טראַכט, ווער נאָך עס איז נאָך בכח צו קלערן און טראַכטן, וואָס די רוצחים זענען אויסן, וואָס זיי באַהאַלטן אונטער דער מאַסקע פון גענשע־באַרקי.

און אַ וווּנדער! די תּלינים באַוואָפנט מיט ביקסן, רעוואָלווערן און ביי־טשן, וואָס פירן דעם שאַנד־צוג און רינגלען אים אַרום פון אַלע זייטן — אויך זיי גייען לאַנגזאַם. זיי יאָגן נישט, טרייבן נישט איצט די מענטשן־שאַטנס מיט קיין באַזונדער אכזריות. זיי באַנוגענען זיך בלויז מיט זידלערייען, קלאַ־לות און טרוקענע קלעפּ. פון צייט־צו־צייט, ווי פון זייער געוווינהייט וועגן, שיסט מען איבער די קעפּ פון די דערשראָקענע מענטשן־מאַסע, ווי זיי צו דערמאָנען אין זייער מעמד. קיין באַזונדערע קרבּנות זענען איבערן וועג נישט געווען.

פאַרנאַכט איז דער צוג אָנגעקומען קיין גענשע־באַרקי.

און ווידער אַ וווּנדער! די דריי הייזער־בלאָקן שטייען פרייע אָפענע, אָן דראָט־פאַרצוימונגען, אפילו אָן פּאָליציי־וואַכן.

פיל גייען אין די שכנותדיקע דערפער, קויפן איין ביי די פּויערן עפּעס צו עסן, שטרוי אויסצובעטן. קיינער שטערט זיי נישט, די מערדער־פּויסט האָט א ביסל נאָכגעלאָזן. מען אָטעמט אָפּ עטוואָס פרייער. ביי די, וואָס האָבן נאָך אַ ווילן צום לעבן פלאַמט־אויף אַ פונק פון האָפענונג: אפשר וועט מען שוין דאָ צורו לאָזן. עפּעס ווייזט זיך דאָ אַלץ אַזוי גוט, אַזוי שיין.

—*—*—

ווידער האָבן די רוצחים אויסגענוצט זייער אויסגעפּרוּווטע טאַקטיק, וואָס איז שוין אַריינגעגאַנגען ווי אַ סיסטעם אין זייערע טייוולאָנישע פּלענער — אַז פאַרן אויספירן אַ מאַסן־אַנפאַל, פאַר אַ מאַסן־שחיטה איבער די שוצלאָזע יידן, אָנווענדן די מעטאָדע פון נאָכלאָזן א ביסל די שווערע בלוטיקע מער־דער־שרויף און דערמיט צעמישן די קרבנות, אָפּווענדן זייער אויפמערקזאַמ־קייט און אָפּטעמפּן זייער וואַכזאַמקייט און פילבאַרקייט.

און ווי אַלעמאָל ביי עלנטע סיטואַציעס, האָבן די געשעענישן נישט גע־לאָזן אויף זיך וואַרטן.

באַלד צומאָרגנס, דאָנערשטיק דעם 26־טן נאָוועמבער, האָט דער אַר־בעטס־אַמט ביים לאַנדעס־ראַט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג, אַז אַלע יידן, וואָס ווינען אויף זייערע אַרבעטס־פּלעצער אין די פאַרשידענע פּלאַצוווקעס אין שטאָט און הינטער דער שטאָט מוזן ביז דעם ערשטן דעצעמבער אריבערגיין אין נייעם עררי־מקלט — אין גענשע־באַרקי. אויסערן שטח פון גענשע־באַרקי וועלן זיך קענען געפינען נאָר די יידן, וואָס וועלן האָבן דערויף אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון געסטאַפּאָ.

פון גאַנצן געגנט אַרום, פון אַלע שטעטלעך און דערפער האָבן אָנגעהויבן

אַנקומען פּאַרטיעס יידן קיין גענשע־באַרקי, ווו די פּאָליציי, וואָס האָט זיי עסקאָרטירט, האָט זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשן און אוק־ראַינער. זיי זענען צוזאַמען מיט די יידן, וואָס מען האָט אַריבערגעפירט פון קליינעם געטאָ, אַריינגעקוועטשט געוואָרן אין איין בלאָק, וואָס מען האָט אָפּגעליידיקט פון די ציגיינער, וואָס האָבן דאָרט געווױנט.

קיין שום לעבנסמיטל און באַזונדער ברויט פון שטאָט האָט מען נישט צוגעפירט. אַפילו וואַסער איז נישט געווען. די איינציקע ברונעם, וואָס האָט זיך געפונען אויפן שטח, ווו עס האָבן געווױנט די ציגיינער, האָט נישט גע־קענט אַרויסגעבן גענוג וואַסער פאַר אַלע און די ציגיינער האָבן דעם ברונעם פאַרכאַפּט, ווי זייערס אַן אייגנטום און נישט צוגעלאָזן צו אים די יידן שעפּן וואַסער.

עטלעכע יידן, וואָס זענען אַוועק אין נאָענטן דאָרף אריין צו קויפן עפּעס צו עסן, זענען שוין נישט צוריקגעקומען. זיי זענען דאָרט דערמאָרדעט גע־וואָרן דורך די פּויערים, וועלכע האָבן זיי פריער באַרויבט און דערנאָך באַ־גראָבן הינטער אַ פּלויט.

עס האָבן זיך מיט איינמאָל באַוויזן אַלע סימנים פאַרן אָנקומענדיקן שטור־רעם. מען האָט דערהערט די טריט פון מלאך־המות, און דאָס פאָכען פון די פליגל פון טויט.

—*—*—

לויט ווי עס גיבן איבער די עטלעכע לעבן־געבליבענע עדי־ראיה, איז דער שטורעם געקומען אין דער אומגליקלעכער נאַכט פון שבת, דעם 28־טן אויף זונטיק דעם 29־טן נאָוועמבער (כ׳ כסלו תש״ג).

די נאַכט איז געווען אַ שוידערלעך קאַלטע. אַ פראָסט מיט אַ שניי־זאַווע־רוכע, וואָס אין פּוילן איז עס א זעלטנהייט. עס האָט אויסגעזען, ווי אויך דער ווייטער קאַלטער צפון וויל האָבן אַ חלק אין בלוטיקן שותפות און האָט דערריי־בער אַהערגעשיקט זיין צושטייער, דעם שטאַרקן פראָסט און שניידיקן ווינט, צו העלפן פייניקן די אויסגעמאַטערטע יידן אין זייערע לעצטע טעג, איידער זיי ווערן דורך די מערדער אומגעבראַכט.

די אומגליקלעכע האָבן זיך צוזאַמענגעקנוילט אין די אויסגעפרוירענע שמוציקע און פאַרעיפּושטע שטובן, אין הויז־בלאָק, וואָס די ציגיינער האָבן פריי געלאָזן. די שרעקלעכע ענגשאַפט (דריי טויזנט נפשות אין איין הויז), די וויסטע קעלט און אויסטערלישע פינצטערניש, האָט זיי צונויפגעקוועטשט אין איין מאַסע.

פון נאַרמאַלן שלאָפן זענען די מענטשן פון לאַנג שוין געווען אָפּגעווױנט. בפרט נאָך אין די וויסטע נעכט פון דער לעצטער וואָך, ווען מען איז געהאַנ־גען צווישן לעבן און טויט און געריכט זיך, אַז יעדער מינוט קען קומען דאָס שרעקלעכסטע, דאָס מוראַדיקסטע.

און פּלוצלונג, ווי מחנות שדים צוזאַמענגעבּרענגטע פון אַלע וויסטענישן זענען זיי אָנגעקומען, די פון לאַנג שוין באַקאַנטע בלוט־דורשטיקע חיות, אין געשטאַלט פון געסטאַפּאָווצעס, זשאַנדאַרמען, פּוילישע פּאָליציי און ספּעציעל געקומענע אוקראַאינישע זאַנדערדינסט־באַנדיטן. זיי האָבן מיט אַן אייזערנעם רינג אַרומגענומען גענשע־באַרקי און באַזונדער דעם הויז־בּלאָק, וווּ די אומגליקלעכע זענען געווען צוזאַמענגעפּרעסט. ווי הונגעריקע וועלף האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף די אומגליקלעכע קרבנות מיט ווילדע געשרייען, אומאויפהערלעכע שיסערייען און אכזריותדיקע קלעפּ, אָנמאַכנדיק אַ וויסטע בהלה און צעמישונג. האָבן זיי אַלעמען אַרויסגעטריבן אין פּראָסטיקן פינצטערן דרויסן.

די רוצחים האָבן באַפוילן אויסצוזעצן זיך אויף דער ערד, אויפן שניי און אייז. די אומגליקלעכע זענען אַזוי געזעסן אַ האַלבע נאַכט, און איבער די געבויגענע קעפּ האָט אַן אויפהער געהאַגלט אַ פייער־קאַנאָנאַדע, אַ שיסעריי פון פאַרשידן געווער. און דער בייזער, קאַלטער ווינט האָט נישט אויפגעהערט פּאַטשן די געל־בּלייכע אויסגעלאָשענע פּנימער און ווי מיט שאַרפע מעסערס זיך איינגעשניטן אין די אויסגעצערטע לייבער און אויסגעטריקנטע ביינער פון די מענטשן־שאָטנס.

נאָך פיל שעה׳ן זיצן אויף דער געפרוירענער ערד, האָבן די מערדער באַפוילן די אומגליקלעכע, זיי זאָלן זיך אויסשטעלן אין רייען צום אָפּמאַרשירן, לויטן באַקאַנטן נוסח, צו פינף אין אַ רייע, געשלאָסן איינער אין צווייטן.

פיל פון די קרבנות האָבן זיך שוין נישט געקאָנט אויפשטעלן און זיי זענען געבליבן ליגן שטאַרע, פאַרשטייפטע, צוגעפרוירן צו דער האַרטער ערד. פיל זענען געבליבן ליגן דורכגעשאָסענע אין א פאַרגליווערטע בלוט־קאַלוזשע און זענען אין דער פינצטער צעטרעטן געוואָרן מיט די באַנעגלטע שטיוול פון די בלוטיקע רוצחים און פון די פיס פון די אייגענע דערשלאָגענע מענטשן־מאַסע.

די אומגליקלעכע שטייען גרייט צום אָפּמאַרש, צום לעצטן וועג, אָבער מען מאַרשירט נאָך נישט. עס איז דאָ א ידיעה, אז אויף דער באַן־סטאַציע זענען נאָך נישטאָ קיין צוגעגרייטע וואַגאָנען. די רוצחים האַלטן אָפּ א קורצע באַראַטונג און באַפעלן צוריק אַריינגיין אין די שטובן פון הויז־בּלאָק, נישט אַריבערגיין פון איין שטוב אין דער צווייטער, נישט באַוועגן זיך, נישט רעדן און נישט אַרויסקוקן דורך די פענצטער.

ביים צוריק אַריינשטופּן זיך אין די שטובן זענען פיל אומגעקומען פון די קלעפּ און שיסערייען פון די רוצחים. די דריי־טויזנט־קעפּיקע מאַסע האָט זיך צוריק אַריינגעפּרעסט אין די ענגע שטובן, צוזאַמענגעדריקטע אין איין קנויל, איבערגעגעבענע דער פינצטערער וויסטער נאַכט, וווּ עס געוועלטיקט נאָר דער מַלאך־המוות — די דייטשן און זייערע צוהעלפער.

א גאַנצן זונטיקדיקן טאָג, דעם 29־טן נאָוועמבער זענען די אומגליק־

לעכע קרבנות געפייניקט געוואָרן אָן א שטיקל ברויט און אָן א טראָפּן וואַסער.

אין פארלויף פון טאָג האָט מען נאָך געברענגט צו פירן קיין געגנשע באַרקי גרופּעס יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין ווייטערע הינטערשטאָטישע אַרבעטס־לאַגערן. זיי זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין די בלוטיקע נעגל פון די דייטשן און אוקראַינער. אויך זיי זענען מיט ווילדער רציחה און אכזריות אריינגעשטויסן געוואָרן אין די אָנגעפּראָפּטע שטובן פון דעם איינציקן הויז־בלאָק.

א גאַנצן טאָג האָבן די רוצחים נישט אויפגעהערט ווילדעווען — שיסן, האקן, שלאָגן, פּייניקן די קרבנות. כלומרשט, מען קוקט ארויס דורך די פענצטער.

הודה וואַסערבורג דערציילט: די רוצחים האָבן אַרויסגענומען אַ גרופּע יידן, זיי דערשאָסן. אַרויסגענומען אַן אַנדערע גרופּע יידן און געצוווּנגען זיי זאָלן באַגראָבן די דערשאָסענע, נאָכהער דערשאָסן די באַגרעבער. אַרויסגעשלעפּט אַנדערע יידן, געצוווּנגען צו באַגראָבן די דערשאָסענע און אַזוי ווייטער. די גאַנצע צייט, וואָס עס האָט געדויערט די באלאגערונג פון געגנשע באַרקי האָט אָנגעהאלטן די ווילדע וואקכאנאַליע.

הערש אייזנבערג — דער פּרעזעס פון באַנייטן יודנראַט אין קליינעם געטאָ — ווערט דערשאָסן הינטער דער וואנט פון הויז־בלאָק, צוזאמען מיט זיין פרוי רחל, די טאָכטער פון אפרים צעלניק, און זייער יונג טעכטערל חנה׳לע.׳ די רוצחים האָבן געהאַט אַ „חשד״, אַז זיי ווילן אַנטלויפן...

ווי אלע מאָל ביי ענלעכע סיטואציעס, ווען עס האָט זיך געהאנדלט אין פּייניקן, בארויבן און מאָרדן יידן, זענען אויך דאָס מאָל די פּוילישע פּאָליציאנטן נישט געבליבן הינטערשטעליק לגבי זייערע דייטשע און אוקראַינישע קאָלעגן. דער פּאָליציי־פּשאָדאָווניק יאנקאָווסקי זעט, אז עס האלט שוין ביי די לעצטע יידן, נאָך א טאָג און — אויס... שטופּט ער זיך אריין אין די אָנגעפּאַקטע שטובן, רופט ארויס אברהם ברעסלער, דעם וויצע־קאָמענדאנט פון דער יידישער פּאָליציי, מיט וועמען ער האָט געהאַט פּערזענלעכע חשבונות, יאנקאָווסקי פירט ארויס ברעסלערן הינטער דער וואנט און דערשיסט אים.

אַן אנדער פּוילישער פּאָליציאַנט רופט ארויס דעם אָנגעשטעלטן אין דער ארבעטס־אָפּטיילונג ביים יודנראט יוסף סאדאָווניק און דערשיסט אים.

אַזוי אַ גאַנצן זונטיקדיקן טאָג האָבן די רוצחים פון אַלע מינים זיך „פּאַרוויילט״ מיט די אומגליקלעכע קרבנות.

ווען עס איז געוואָרן נאכט, האָבן פיל פון די אומגליקלעכע קרבנות, וואָס זענען געווען אָנגעקנוילט ביי די טירן און פענצטער, געמאַכט די לעצטע פארצווייפלטע פּרוּוון פון וועלן זיך ראטעווען — נישט געווען שוין, וואָס צו

ריזיקירן — און זענען דורך די טירן־פענצטער געשפרונגען אין דער נאכט־פינצטערניש. איינצלנע איז געלונגען אדורכצוררייסן זיך דורך דער בלאָקאַדע פון פייער און טויט. אָבער צו דעם האָבן זוכה געווען נאָר איינצלנע, די מערהייט זענען געפאלן פון די מערדער־קוילן.

די פארצווייפלטע פרווון פון די קרבנות צו שפרינגען דורך די טירן־פענצטער, האָט געגעבן אַ געלעגנהייט די צעיושעטע רוצחים צו פאַרשטאַרקן זייער טייוולאָנישער ארבעט און זיי האָבן מיט דער גרעסטער אכזריות און בלוט־דורשטיקייט זיך נוקם געווען אין די אומגליקלעכע. זיי האָבן געוויל־דעוועט אַ גאַנצע נאַכט. דער שטח פון געגשע־בארקי איז באַלייגט געוואָרן מיט הונדערטער קרבנות.

די לעצטע צוויי מעת־לעת, ווי נאָר גענשע־בארקי איז געוואָרן אַרומגע־רינגלט מיט א קייט פון פארשידענע רוצחים און מערדער און אלע האָבן שוין געוווסט, אז עס איז געקומען דער סוף פון קליינעם געטאָ, דער סוף פון לעצטן רעשטל יידן אין שעדלעץ, האָבן פיל, וואָס זענען שוין מיד געווען, נישט געהאט מער קיין כוח און מוט און אויך נישט דעם ווילן ווייטער צו קעמפן אזוי שווער פאר אָרעמען נאקעטן לעבן, אויסשטיין ווייטערע גרוי־זאמע ליידן און פיין, יסורים און שאנד — האָבן זיי מער נישט געווארט אויפן טראגישן סוף, אויפן בלוטיקן עפילאָג און האָבן אליין מיט זיך פארענדיקט, אויף פארשידענע אופנים: דורך אראָפּשלינגען ציאַנקאלי אָדער אנדערע „באפרייאונגס־מיטלען" — ווי עס האָט דעמאָלט געהייסן.

אזוי ווייסן מיר פון פאַרפאַלק יעקב זאַנשיין און זיין פרוי טשיפע (די טאָכטער פון אהרון יאבלאָן), אז אין די לעצטע שעה'ן פון געגשע־בארקי, האָבן זיי זייער קינד רחל'ע, א מיידעלע פון איין יאָר, אַוועקגעגעבן צו זייערע קריסטלעכע פריינט, פרוי טשיפעס שול־חברטעס זאפיא אלאשקאָווסקא און יאדוויגא זאוואדזקא. דאן האָבן זיי אין טראגישע הארצרייסנדע ווערטער, וואָס די מוטער האָט אויפגעשריבן אויף עטלעכע פּאָטאָ־קאַרטעס, זיך געזעגנט מיטן קינד, און מיט ציאנקאלי — וואָס די קריסטלעכע פריינט האָבן פאר זיי באזאָרגט — האָט דאָס יונגע פּאָרפאָלק פארענדיקט מיט זייער לעבן.

וועגן די פיל אנדערע, וואָס האָבן אין יענע טראגישע שעהן פארענדיקט מיט זייער לעבן, איז קיין שום סימן נישט געבליבן. מיר ווייסן אפילו נישט ווער זיי זענען געווען. מיר ווייסן בלויז דאָס, אז זייערע טויטע קערפּערס האָבן זיך אויסגעמישט מיט די טויטע, וואָס זענען געפאלן פון די דייטשע, אוק־ראַינישע, ליטווישע און פוילישע מערדער. זיי זענען אלע דאָרט געבליבן אין די אויסגעליידיקטע שטובן און אין דרויסן ארום דער געביידע פון גענשע בארקי. זיי זענען אין ווילדער בהלה צעטרעטן געוואָרן פון די בלוטיקע תלי־נים און צעשראָקענער מאַסע. פאַרשטאַרטע זענען זיי צוגעפּרוירן געוואָרן צו דער ערד. זייערע אָרעמע מלבושים און שיך זענען פון זיי אראָפּגעצויגן

דער לעצטער ביטערער שמייכל

פרוי טשיפּע יאבלאָן־זאָנשיין געזעגנטזיך מיט
איר קינד רחלע פארן אראָפּשליגגען ציאנקאלי

מען פירט אַלטע און קראַנקע קיין גענשע־בארקי

פאַרוואַלטונג פון קרעדיט-געזעלשאַפט אין שעדליץ



עס זיצן פון רעכטס: מענדל ליוראַנט, שמואל צוקער, יצחק נחום וויינטרויב, וועלוול באַרג, שמערל גרינבערג, נתן דוד גליקסבערג.
עס שטייען פון רעכטס: אשר אייזנבערג, כאַפּראַצקי, הרצל האַלבערשטאַט.

געוואָרן דורך די רויב־גיריקע ציגיינער, וואָס האָבן פאַרנומען די צוויי שכ־נותדיקע בלאָקן. נאַקעטע האָבן די טויטע גופים א צייט לאַנג זיך געוואַל־גערט אויפן שטח פון געגנשע באַרקי און האָבן געדינט אלס שפּייז פאַר ווילדע קראָען און הונגעריקע הינט. ביז עס האָט זיך ווער דערמאָנט און באַפוילן צוזאַמענעמען זייערע רעשטלעך אויפן בית עולם, ווו זיי זענען צוזאַמענגע־לייגט געוואָרן און באַדעקט געוואָרן מיט שיכטן האַלץ־שטיקער אין איין שייטער, און צוזאַמען פאַרבערנט געוואָרן. שפּעטער איז געקומען א בייזער ווינט און זייער אַש צעטראָגן אויף אַלע וועגן און שטעגן, נישט איבערלאָזנ־דיק נאָך זיך קיין שום שפּורן.

19. דער לעצטער וועג

מאָנטיק פרי, דעם 30־טן נאָוועמבער האָט מען ווידער די אומגליקלעכע ארויסגעטריבן אין דרויסן. מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין רייען און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש, דער גרויזאַמער טראַגישער מאַרש פון די לעצטע שעדלעצער יידן אין זייער לעצטן וועג.

נישט געווען שוין מער קיין שום אילוזיעס וועגן אָפּגעגאַרטע און פאַר־מאַסקירטע „ארבעטס־לאַגערן", ווי די מערדער האָבן אין די ערשטע צייטן איינגערעדט די קרבנות. אַלע האָבן שוין איצט געוווּסט זייער גורל, אַז זיי גייען דעם לעצטן וועג. דעם וועג, וואָס פירט צו די גאַז־קאַמערן אין טרעבּ־לינקע. די תּליינים מאַסקירן זיך איצט שוין נישט מער, זיי האַלטן דאָס מער נישט בסוד. זיי זאָגן איצט אָפן און ציניש, וווהין די קרבנות ווערן געטריבן. אַלע אָריענטירן זיך אין דעם וועג, אויף וועלכן מען שפּאַנט. דאָס איז דער שאַ־סיי־וועג, וואָס פירט צוריק אין שטאָט, צו דער באַן־סטאַציע, צו די טויט־וואַגאָנען.

דריי מיט א פערטל יאָר לעבן אונטער נאַציִשע באַדינגונגען איז געווען גענוג, אַז די אומגליקלעכע זאָלן פּסיכיש און אין באַוווּסטזיין זיין שוין האַלב־טויטע, אַטראָפּירטע. אַפּאַטיש און גלייכגילטיק האָבן זיי זיך געלאָזט טרייבן ווי אָקסן צו דער שחיטה. בלויז א קליין רעשטל פון זייער פיזישן באַשטאַנד איז נאָך געבליבן, כדי צו קאָנען זיך אליין אוועקטראָגן אויפן נישט געזעג־נעם קבר — צום נישט געזעטיקטן בלוט־דורשטיקן מולך.

ווי א לוויה — אַן אומענדלעך גרויסע לוויה, האָט זיך געצויגן דער טראַ־גישער מאַרש פון דעם לעצטן רעשטל שעדלעצער יידן. זיי האָבן געשפּאַנט, די האַלבע מתים, אויף זייער אייגענער לוויה. בראש פון דעם לוויה־צוג גייט דער ארי שבחבורה — דער זקן ר' יצחק נחום וויינטרויב, דער עלטסטער עס־קן, וואָס האָט אין משך פון א האַלב יאָרהונדערט געדינט זיין עדה בלב ונפש,

נישט פארלאָזנדיק דאָס לעצטע רעשטל פון דער עדה, אפילו איצט, ביים ראנד פון קבר. ער שפּאנט אן אויסגעגלייכטער, א שטאָלצער, מיט ברענענדיקע אויגן. דאָס געל־בלייכע פּנים איז ערטערווייז צעפלאַמט פון הייליקן פייער און צאָרן. זיינע זילבער־ווייסע האָר פון קאָפּ און באָרד זענען איצט נאָך ווייסער. זיינע בלויע ליפּן באוועגן זיך קוים און שעפּטשען עפּעס שטיל־שטיל. ער איז דאָך שטענדיק געווינט געווען, דער אלטיטשקער ר׳ יצחק נחום, צו רעדן צו זיין עדה, עפּעס זאָגן זיינע ברידער ביי יעדער געלעגנהייט, ווען נאָר זיי זענען געווען פארזאמלט. אָן אונטערשיד, צי איז דאָס געווען א יומא דפגרא, אין א יום־טוב, צי אויף א זיצונג אין קהילה־ראַט, צי גאָר אויף א פארזאמלונג אין שול צו הערצלס יאָרצייט. שטענדיק האָט ער געהאַט גרייט אויסצוטייטשן פאר זיין עדה א מאמר פון דער גמרא, א מדרש אָדער א פסוק פון תנ״ך, וואָס האָט געהאט א שייכות צום געגעבענעם ענין. אויך אין דעם לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן און פון לעבן פון זיין עדה, האָט ער איר וואָס צו זאָגן. וואָלטן נאָר די מערדער נישט געשטערט, וואָלט ער אָפּ־געשטעלט דעם מאָרש, אים פאַרהאַלטן און פאַרן רעשטל פון זיין געבליבענער עדה מסביר געווען און אויסגעטייטשט דעם גרויסן זין פון קידוש השם, לויט דער תורה און לויט די חז״ל, לויט די ראשונים און אחרונים. אָבער די רוצ־חים צווינגען צו שווייגן און ער שעפּטשעט פאַר זיך אַליין שטילערהייט דאָס, וואָס ער קען איצט זיין אומגליקלעכער עדה נישט זאָגן. ער פירט ביים האַנט זיין געליבט אור־אייניקל — דאָס איינציקע, וואָס איז אים נאָך געבליבן — דאָס זונעלע פון יוסף לאַנדוי.

ארום אים גייען די זקנים, וואָס האָבן זיך צוזאמען מיט אים געראַטעוועט פון אלע ביז־איצטיקע שחיטות: ר׳ איטשע מאיר שוחט, ר׳ בן־ציון צוקער, ר׳ שלמה שמואל אבארבאנעל, ר׳ קלמן פרידמאַן, ר׳ הענעך גאָלדפארב, די ברי־דער ר׳ נחום און ר׳ הערצל האלבערשטאַט, ר׳ יצחק קאַגאַן און אנד. די גרוי־סע זקנים האלטן זיך אלע אָנגעטאָן אין ווייסע קיטלען און טליתים. עס זעט אויס, ווי דער אלטיטשקער עסקן, צוזאמען מיט די ארומגערינגלטע זקנים, פירן די געבליבענע עדה עפּעס צו א גרויסער פייערונג, צו א הויכן הייליקן צוועק.

פון אויבן איבער די קעפּ דריקן טונקל־גרויע וואָלקנס, וואָס פילן אָן דעם גאַנצן חלל, פארשטעלן און פאַרפינצטערן דעם הימל, וואַרפן שוואַרצע שאָטנס אַרום אין וויסטן דרויסן און פאַרוואַנדלען אים אין א גרויסער שוואַר־צער עגלה, וווּ די אומגליקלעכע האַלבע מתים זענען איינגעקלאַמערט אויף זייער לעצטן לויה־וועג.

איבער די געבויגענע קעפּ פון די אומגליקלעכע, אין חלל פון שוואַרץ־גרויען הימל, פליען מחנות שוואַרצע קראָען, פּאַטשן מיט די פליגל, שרייען אַראָפּ: קראַ! קראַ!

די נאַקעטע שוואַרץ־גרינע טאָפּאָלן און ווערבעס, וואָס זענען אויסגע־שטעלט איןביידע זייטן פון שאָסיי־וועג, ווו עס גייט פאַרביי דער לויה־צוג, שטרעקן אויס זייערע לאַנגע צווייגן און ריטער ווי בייטשן צו די מאַרשירנ־דיקע קרבנות, שמייסן און טרייבן זיי אונטער.

דער שאַרפער שניידיקער ווינט לאַכט טייוולאַניש, פייפט אימה׳דיק, פאַטשט די אומגליקלעכע און טרייבט זיי אונטער צו גיין שנעלער, שנעלער — גלייך זיי קענען עפּעס פאַרשפּעטיקן.

ביי די קליינע פענצטער פון די דאָרפישע הייזלעך, וואָס זענען צעוואָרפןביים שאָסיי־וועג, שאַרן זיך אַוועק די קאַלירטע פאַרהענגלעך און פאַרוווּנ־דערטע אויגן פון פּוילנס זין און טעכטער קוקן אַרויס נייגעריקע אויף דעם בייזן וווּנדער.

—*—*—

פאַר האַלבן טאָג איז דער לויה־צוג אָנגעקומען אין עק שטאָט, אויף וואַר־שעווער גאַס. ביים באַן־פּלאַנט האָט דער צוג פאַרקירעוועט אין אַ זייט — אויף לינקס. ער איז צוגעפירט געוואָרן צו דער באַטשניצע און סקלאַדעס פון דער נאַפט־געזעלשאַפט „פאַלמין״, אָבער קיין וואַגאָנען זענען נאָך נישט געווען.

דער פראָסט ברענט, אַ ווילדער ווינט שניידט און פאַטשט אָן רחמנות, רייסט שטיקער פון אַלעמען. די ערד איז באַדעקט מיט אַ דיקער שיכט שניי און אייז. די בלוטיקע סאַדיסטן נוצן אויס ביז צום לעצטן דעם שאַנס, וואָס די בלינדע אכזריותדיקע נאַטור האָט זיי געגעבן אויף צו פייניקן די אומגליק־לעכע קרבנות, און זיי ווערן געצוווּנגען אויסצוזעצן זיך אויף דער געפרוי־רענער ערד.

בעת די זקנים זענען געזעסן אויפן שניי און אייז, אין זייערע ווייסע קיט־לען און טליתים און זיך געטוליעט איינער צום צווייטן אין דער שוידערלע־כער קעלט, האָט דער אַלטיטשקער ר׳ יצחק נחום וויינטרויב — לויט עס דערציילט לייב מאַנדעלבוים — אַרויסגענומען פון בוזים אַ פלעשעלע בראַנפן מיט אַ גלעזל, אָנגעגאָסן און מכבד געווען די שכנים, די אַנדערע זקנים. איי־נער דעם אַנדערן האָט געוווּנטשן א „לחיים״, מען זאָל זיך טרעפן אויף יענער וועלט, וווהין זיי ווערן געשיקט דורך די בלוטיקע תליינים און געוווּנטשן די הענקער אַ שוואַרצן סוף.

די דאָזיקע שוידערלעכע פּיין האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע שעה. ענדלעך פאַרנאַכט איז אָנגעקומען דער טראַנספּאָרט מיט די טויט־וואַגאָנען, וווהין די אומגליקלעכע זענען אריינגעשטופּט געוואָרן מיט דער גרעסטער אכזריות און בלוטדורשטיקייט.

די יידישע פּאָליציאַנטן האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע היטלען און אַנדערע פּאָליציייאישע צייכנס און געוואָלט אַריין אין די וואַגאָנען צוזאַמען מיט אַלע

אַנדערע אומגליקלעכע קרבנות, אָבער די תלינים האָבן דאָס נישט דערלויבט. פאַר זייער טרייען דינען און מיטאַרבעט ביים ליקווידירן די געטאָס האָבן זיי פאַרדינט אויף אַ באַזונדערן טויט. זיי האָבן באַקומען אַן עקסטרע וואַגאָן אין טויטן־צוג.

די טירן פון די וואַגאָנען זענען פאַרקלאַפּט געוואָרן. מאָוימדיק ווילד האָט זיך צעוואָיעט דער לאָקאָמאָטיוו און סאָפּענדיק שווער אָוועק מיט דעם טראַנס־פּאָרט לעצטע יידן אין לעצטן וועג — אין דער ריכטונג פון טרעבלינקע.

20. לעבן־געבליבענע דערציילן

מידע, נאָך אַ טאָג פון וואַנדערן אויף די חורבות און קברים פון דער אונטערגעגאַנגענער היים, דערשלאָגענע פון די גרוילן, וואָס מיר האָבן אין זיך איינגעזאַפּט, צעטרייסלטע פון דעם, וואָס מיר האָבן געזען און געהערט, טרעפן מיר זיך צוזאַמען, דער גרעסטער טייל פון רעשטל, וואָס איז געבליבן פון דער שעדלעצער יידישער עדה: עטלעכע נע־ונדניקעס, צוריקגעקומענע פון וואַגלען אין די ווייטע סיבירער טייגעס און קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס, אַנגעטאָן נאָך אין היימלאָזע, טיילוויז רוסישע און טיילווייז אין „דעלעגאַטור"־בגדים; עטלעכע אַרויסגעקומענע פון אונטערערדישע בונקערס און וואַלד־היילן; און עטלעכע וואָס האָבן אַדורכגעשווידערט אַלע שבעה־מדורי־גיהנום אויף „יענער זייט" אַלס אַריער. — מערסטנס זענען דאָס יונגע מענטשן מיט גרויע קעפּ, זקנים אַן יאָרן, מיט צעאַקערטע שטערנס און מיט אויסגעלאָשענע אויגן, וואָס בלאָנדזשען אַרום נערוועאיש, לויפן אין אַלע זייטן און געפינען נישט קיין אָרט ווו זיך אָפּצושטעלן. יעדער מיידט אויס צו קוקן דעם צווייטן אין די אויגן, פּונקט ווי מען וואָלט זיך געשעמט מיט דעם, וואָס אויך מיר געהערן צום זעלבן מין באַשעפעניש, וואָס רופט זיך „מענטש" — פּונקט ווי יענע — די מערדער פון אונזער פאָלק און עדה; און אפשר נאָר דערפאַר, וואָס מיר זענען נישט מיטגעגאַנגען דעם וועג פון דער עדה.

די זון, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג אונז באַגלייט וואַנדערנדיק איבער די חורבות און קברים, איז פּונקט ווי מיר אַלע אויך מיד געוואָרן און זי לאָזט זיך אַראָפּ אַ מידע, אַ פאַרשעמטע, הינטער די ווייטע בוימער־שפּיצן און נאָ־ענטע חורבות. פאַרנאַכטיקע שאָטנס וואַרפן זיך אויף דער האַלב־חרובער שטאָט, שלינגען זי איין און פילן אָן מיט פּחד די אויסגעליידיקטע גאַסן, אַלץ באַקומט דעם אויסזען פון אומהיימלעכע שרעקעוודיקע געשפּענסטער.

מיר זענען נישט אויסגעזעצט אויף דער ערד, די פיס זענען ביי אַלעמען באַשוכט, אויף די קעפּ טראָגן מיר נישט קיין זעק מיט אַש, נאָר די שטימונג איז ביי אַלעמען אַזאַ, ווי זי איז געווען מיט הונדערטער יאָרן צוריק ביי אונ־

זערע פרומע זיידעס תשעה באב, ווען מען האָט זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד באַוויינען דעם חורבן פון פאָלק און לאַנד. די צעווייטיקטע הערצער זענען איבערפולט מיט אַזוי פיל צער, טרויער און אבלות־געפילן, אַז מיר בלייבן אַ צייט פאַרגליווערט אין שטומען אומעט און עס איז שווער אַ וואָרט אויסצורעדן.

מיר רייסן איבער דאָס טויטע שווייגן און ווענדן זיך צו די דאָ־געבליבע־נע, זיי זאָלן דערציילן ווי אַזוי זיי זענען אַרויס גאַנץ פון מלאך־המות.

מלך האַלבער דערציילט:

דעם 30־טן נאָוועמבער, ביי דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון די לעצ־טע שעדלעצער יידן, איז האַלבער פאַרלאָדנט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אין דעם טראַנספּאָרט, וואָס האָט געפירט קיין טרעבלינקע.

אין וועג־אַריין האָט האַלבער מיטגענומען אַ צווענגל, אַ זעגעלע, אַן עק־בויערל און נאָך עטלעכע אַנדערע מכשירים, וואָס וועלן אפשר צונוץ קומען, על כל צרה שלא תבוא.

אין וואַגאָן איז געווען אַזאַ ענגשאַפט, אַז ס׳איז שווער געווען צו באַוועגן זיך. דאָך, ווי נאָר דער צוג האָט אָנגעהויבן רירן, האָט האַלבער אָנגעהויבן אַרבעטן ביי דער טיר מיט זיינע מכשירים. עס האָט נישט לאַנג געדויערט ווי די טיר איז געווען אָפן. ער איז אָן הכנות אַרויסגעשפּרונגען פון לויפנדיקן צוג אין דער פינצטערער נאַכט־אַריין... אַ צעקלאַפּטער, אַ צעבלוטיקטער פון האַסטיקן שפּרונג, אַ באַטויבטער פון די בליץ־שנעלע איבערלעבונגען, איז האַלבער געלעגן אין האַלב־חלשות. ער האָט געזען ווי נאָך אַנדערע שפּרינגען פון די וואַגאָנען און ווערן פאַרהאַלטן פון פויערים, וואָס וואַרטן אָפּ אויף די קרבנות ביי דער באַן־ליניע, באַלאָדענע מיט העק, קאָסעס, לאָפּאַטעס, ווידלעס, באַרויבן זיי די קרבנות, טוען זיי אויס נאַקעטע און דערמאָרדן זיי.

עטוואָס געקומען צו זיך, האָט האַלבער גענומען זיך דערווייטערן פון באַן־וועג. קריכנדיק אויף אַלע פיר איז ער געקומען אויף אַ פעלד, ווו עס איז געשטאַנען אַ סטאָדאָלע (תבואה שייער). ער איז אַריין אַהין און דאָרט גע־טראָפן קלמן ארזשל און שמערל פיינהאָלץ, וועלכע זענען אויך געשפּרונגען פון וואַגאָן. פון זיי האָט זיך האַלבער דערוווסט, אַז ער געפינט זיך אין דאָרף כאָדאוו, זעקס קילאָמעטער פון שעדלעץ. זיין איינציקער באַגער איז געווען צו קומען צו זיינע ברידער, וועלכע זענען געווען באַהאַלטן אין אַ „קריוווקע״ אין שטאָט, אויף סטאַרי רינעק עק דלוגע. לויט פיינהאָלצס רעקאָמענדאַציע און פאַרמיטלונג האָט ער געדונגען אַ פויער, וואָס האָט זיך אונטערגענומען אים אָפּצופירן אַהין פאַרן פרייז פון 400 זלאָטעס (80 דאָלאַר).

אויף דעם איינגעשפּאַנטן פורל איז דער פויער געזעסן פון פאָרנט, האַל־בער — אינמיט און פון הינטן — דעם פויערס זון.

אין דער געדיכטער נאַכט־פינצטערניש האָט האַלבער דאָך זיך אָריענ־טירט, אַז דער פויער פירט אים נישט קיין שעדלעץ, נאָר אין אַן אַנדער ריכ־טונג.

ווען האַלבער האָט וועגן דעם אויפמערקזאַם געמאַכט דעם פויער, האָט ער אים געענטפערט, אַז דאָס פאָרט ער עקסטרע דורך הינטער־וועגן, כדי נישט אַנצוטרעפן אויף דייטשן.

דאָס וויגן זיך אין פויערשן וואָגן אויף דעם ווייכן זאַמד־וועג, ווי אויך די קאַלטע שאַרפע נאַכט־לופט, האָבן אַ ביסל אָפּגעקילט און באַרואיקט די צעהיצטע נערוון, נאָך די שווערע איבערלעבונגען פון די לעצטע טעג. האַל־בער איז אַריינגעפאַלן אין אַ לייכטן האַלב־דרימל, פאַרגעסן אין דער ווירק־לעכקייט און וועגן גאָרנישט געטראַכט.

פלוצלונג — דערציילט ווייטער מלך האַלבער — האָב איך דערפילט איבער מיין קאָפּ שווערע קלעפּ פון טעמפּע אייזנס. איך בין געבליבן ליגן אויפן וואָגן באַוווסטלאָז, אין אָנמאַכט. ווייזט־אויס, אַז די רוצחים האָבן גע־מיינט, אַז איך בין שוין טויט, זענען זיי שנעל אַראָפּ פון וואָגן מיט לאָפּאַטעס אין די הענט אוועק אין אַ זייט אין וואַלד אויסגראָבן פאַר מיר אַ קבר. בליי־בנדיק אַליין אויפן וואָגן, האָב איך אָנגעשטרענגט מיינע לעצטע כוחות, אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און געלאָפן איבער די פאַרשנייטע פעל־דער. אין דער געדיכטער נאַכט־פינצטערניש האָב איך דערזען, אַז דער טייך ליוויעץ פאַרשטעלט מיר דעם וועג צום ווייטערדיקן לויפן. פילנדיק דעם מלאך המות הינטער זיך, אין געשטאַלט פון די צוויי בלוטדורש־טיקע פויערים, וואָס יאָגן זיך מיט אַזאַ אימפּעט נאָך מיין אָרעם לעבן, אָרע־מע מלבושים און אָרעמע פּאָר זלאָטעס, וואָס זיי האָבן ביי מיר געזען בעת איך האָב זיי באַצאָלט פאַראויס פאַר פירן מיך אין שטאָט, בין איך אַריינגע־שפּרונגען אין טייך. דאָס דינע אייז־הייטל האָט זיך אונטער מיר לייכט איינ־געבראָכן און איך האָב זיך געפונען ביזן האַלבן קערפּער אין וואַסער. מיט די לעצטע כוחות, ברעכנדיק דעם אייז, האָב איך זיך דערשלאָגן צום צווייטן ברעג טייך, ווו איך בין געבליבן ליגן אין חלשות. איך ווייס נישט — דער־ציילט ער ווייטער — צי די פויערים האָבן מיך מער נישט געזען און גע־גלויבט, אַז איך בין דערטרונקען געוואָרן, אָדער אפשר האָט זיי נישט גע־לוינט אויסווייקן זיך אין קאַלטן געפרוירענעם טייך, כדי מיך ווייטער צו פאַרפאָלגן. איך האָב נאָר געזען ווי זיי גייען אַוועק, רעזיגנירנדיק פון זייער קרבן, וואָס האָט זיך זיי אַרויסגעגליטשט פון די לאַפּעס. ליגנדיק אויפן שניי — דערציילט ווייטער האַלבער — האָב איך דערפילט שרעקלעכע יסורים אין קאָפּ, האַלדז און פּנים. איך האָב אָנגעטאַפּט דעם קאָפּ מיט די הענט און דער־פילט אַ געדיכטע בלוט־מאַסע, וואָס האָט געשטראָמט פון אַלע זייטן.

די אין קאַלטן וואַסער אויסגעווייקטע קליידער, האָבן זיך צוגעקלעבט

צום לייב. אַ שוידערלעכע קעלט האָט מיך אַרומגענומען, איך האָב דערפילט אַ פראָסט אין די ביינער. דאָס האָט מיך געצוווּנגען אויפצוהויבן זיך פון דער געפרוירענער ערד און נעמען האַסטיק לויפן. אין פעלד האָב איך אָנגעטראָפן אַ פּוירִיש הייזל, וואָס איז געשטאַנען פאַרזונקען אין טיפן נאַכט־דרימל. איך האָב אָנגעקלאַפּט. אַן עלטערער פּויער האָט מיר געעפנט. ער האָט זיך גע־צלמט און אָנגערופן אַלע הייליקע, ווען ער האָט מיך דערזען אין מיין מעמד אַ צעקלאַפּטן, אויסגעשמירט אין בלוט און דורכגעווייקט אין וואַסער. אויף זיין פראַגע, האָב איך אים געענטפערט, אַז שפּרינגענדיק פון וואַגאָן האָב איך זיך אַזוי צעקלאַפּט. אויף דעם האָט ער באַמערקט: „אַז דו ביסט געשפּרונגען פון וואַגאָן, דאָס גלויב איך דיר, אָבער אַז דאָס האָבן דיר מיינע שכנים אַזוי צעקלאַפּט, דאָס דערקען איך אין דיינע ווונדן".

דער פּויער האָט האַלבערן אַרויסגעוויזן אַ רירנדיקן מיטלייד. ער האָט אים געזעצט ביים וואַרעמען אויוון, צעהאַנגען די נאַסע מלבושים צום טרי־קענען, געהאָלפן אָפּוואַשן דאָס בלוט און פאַרטאָג אָפּגעפירט אים דורך הינ־טער־וועגן אין שטאָט־אַריין.

איך בין אַוועק — דערציילט האַלבער ווייטער — אויפזוכן די „קריוווקע", ווו עס זענען געווען באַהאַלטן מיינע ברידער. איך האָב לייכט אָנגעקלאַפּט און געזאָגט אין דער שטיל אונזער אָפּגערעדטן פּאַראָל. ווי נאָר די טיר האָט זיך עטוואָס געעפנט, האָב איך דערזען מיינע ברידער שטיין מיט אייזנס אין די הענט, אין אַ פּאָזע פון פאַרמעסטן זיך, וועלנדיק זיך וואַרפן אויף עמעצן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דעם צושטאַנד ווי איך בין געווען, מיט שמאַטעס אַרומגעבונדן דעם קאָפּ און פּנים, פון וועלכן מען האָט מער נישט אַרויסגעזען ווי מיינע צעשראָקענע אויגן, האָבן זיי מיך נישט דערקענט, מיי־נענדיק, אַז איך בין אַ שונא און שוין געוועזן גרייט מיך אַוועקצולייגן. איך האָב זיך שנעל אָריענטירט אין דער לאַגע, דורך פאַרשידענע צייכנס און זשעסטן, שעפּטשנדיק אין דער שטיל, איז מיר קוים געלונגען צו איבער־צייגן מיינע ברידער ווער איך בין און אויסצומיידן אַ ברידער־מאָרד.

מלך האַלבער, צוזאַמען מיט זיינע ברידער אברהם און יצחק, האָבן 20 חדשים זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ „קריוווקע" אויף סטאַרי רינעק עק דלוגע, ביז די רויטע ארמיי האָט זיי באַפרייט.

די ברידער משה און רפאל קישילינסקי דערציילן:

סוף נאָוועמבער 1942, ביי דער ליקווידאַציע פון קליינעם געטאָ, האָבן די צוויי ברידער, צוזאַמען מיט פרוי פריידע און שוועסטער נעכע קישילינסקי מיט צוויי קינדער — צוזאַמען זעקס נפשות — אויסגעמיטן גענשע־באַרקי און אַוועק אין די וועלדער און פעלדער הינטער שעדלעץ. דאָרט האָבן זיי אַ חודש

צייט זיך אַרומגעוואַלגערט אין הונגער און קעלט, כסדר געווען אין טויט־שרעק, נישט נאָר פאַר דייטשן, נאָר אויך פאַר פאַליאַקן. זיי האָבן זיך צוזאַ־מענגעטראָפן מיט נאָך אַנדערע פאַרוואַגלטע שעדלעצער יידן: יאַנקל און חיים עלע דודקעוויטש, מאיר זאַלצמאַן און זיין טאָכטער לאַלאַ, משפחה ציגל־שטיין, ווישניע און אַנדערע — צוזאַמען פינף און צוואַנציק נפשות. זיי האָבן בשותפות געקויפט זיך אַ באַהעלטעניש ביים פויער אַנטאָני פיליפּאָוויטש, אין דאָרף קאַטון ביי בראַשקאָוו, דאָס איז געווען אַ צוגעדעקטער פאַרמאַסקירטער גרוב אין וואַלד, פאַר וועלכן זיי האָבן געצאָלט 6000 זלאָטעס אַ חודש (ביי 1200 דאָלאַר). מיט דער צייט זענען צו זיי צוגעשטאַנען נאָך אַ גרופּע יידן פון שעדלעץ, וועלכע זענען געווען באַהאַלטן ביים לערער אשינסקי אין אפּאַ־לע און געמוזט פון דאָרט אַוועק, ווייל זיי זענען אַנטדעקט געוואָרן. דאָס זע־נען געווען ד״ר גלאַזאָווסקיס זון — ראַמעק, ד״ר לעבעלס זון — וויטעק, ברכה ראַווינסקאַ, שאַסנפויגל און נאָך אַנדערע. זיי זענען געווען אַ גרופּע פון צוויי און פערציק מענטשן און געפירט אַן אונטערערדישע קאָמונע.

דריי חדשים האָבן זיי געלעבט „רואיק״ אין דעם גרוב. ביינאַכט פלעגט וועער אַרויס פון גרוב, גיין אין די נאָענטסטע דערפער, איינקויפן עסן און ברענגען וואַסער. ביי אַזאַ געלעגנהייט זענען זיי אַנטדעקט געוואָרן דורכן אַגענט פון דער פוילישער פּאָליציי — מאַרצישעווסקי.

אין משך פון דריי חדשים האָט דער אויסוורף מארצישעווסקי שאַנטאַ־זשירט די יידן, מיט אַלערליי מיטלען אויסגעפּרעסט פון זיי געלט, צירונג, מלבושים און לסוף אונטערגעשיקט פינף פוילישע פּאָליציאַנטן. ווי ווילדע חיות זענען זיי באַפאַלן דעם גרוב, וווּ די גרופּע יידן איז געווען באַהאַלטן. אָנצילנדיק דאָס געווער, האָבן זיי באַפוילן אַלעמען אַרויסגיין פון גרוב, אָפּ־געטיילט מענער באַזונדער און פרויען מיט קינדער באַזונדער. די רוצחים האָבן יעדן איינעם באַזוכט, צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן געפונען: געלט, צירונג און ווערט־זאַכן. דערנאָך האָבן זיי אַלע מענער, אין אַ צאָל פון זיבעצן פערזאָן דערשאָסן. עס זענען אויך דערשאָסן געוואָרן די צוויי ברידער פלאַם, וועלכע דער פאָטער דוד האָט געטוליעט צו זיך. די פרויען און קינדער האָבן די רוצחים געלאָזן לעבן מיטן באַדינג, אַז זיי זאָלן זיך באַלד אָפּטראָגן פון דאַנען.

רפאל קישעלינסקי האָט איינגערעדט די רוצחים, אַז דאָ נישט ווייט האָט ער באַהאַלטן געלט. זיי האָבן אים געהייסן דאָס ברענגען. ער האָט זיך דער־ווייטערט, פירנדיק ביים האַנט זיין 12־יאָריקן זון. פון ווייטן האָט ער גערופן צו זיין ברודער: „משה, קום העלף מיר זוכן דאָס געלט״! — זיי זענען אַוועק אין וואַלד, האָבן זיך באַהאַלטן צווישן געדיכטע קוסטעס, דאָרט האָבן זיי גע־הערט ווי די רוצחים האָבן אויסגעשאָסן זייערע שכנים פון גרוב.

צו דעם אָרט פון דער שחיטה זענען זיך באַלד צונויפגעקומען די פויערים

פון דאָרף, אַראָפּגעצויגן די מלבושים און שיך פון די הרוגים און זיי אַלע באַ־גראָבן אין איין גרוב.

בישט לאַנג נאָך דעם, איז דער פויער אַנטאָני פּיליפּאָוויטש באַפאַלן גע־וואָרן פון אַ באַנדע רוצחים, וועלכע האָבן אים דערמאָרדעט. דאָס איז געווען אַ נקמה־אַקט פון „א. ק" (ארמיאַ קראַיאָווא) — פאַר אויסבאַהאַלטן יידן.

משה קישעלינסקי און רפאל מיט זיין זון האָבן אין וואַלד אָפּגעזוכט זיין פרוי פריידען מיטן קינד און די שוועסטער. צוזאַמען זעקס פּערזאָן, זענען זיי אַוועק אין דאָרף אַסטראָוועק. דאָרט האָבן זיי ביי די פויערים ווענעדיק און באַזור אָפּגעדונגען אין פעלד אַ גרוב פון קאַרטאָפל, פאַרן פרייז פון 4000 זלאָ־טעס (800 דאָלאַר) אַ חודש. דאָרט האָבן זיי געלעבט אכצן חדשים.

ווינטער 1944, ווען די רויטע אַרמיי האָט מיט ריזיקע שריט זיך דערנענ־טערט צו די פּוילישע גרענעצן, איז צווישן די גויים פאַרשפּרייט געוואָרן די מיינונג, אַז די יידן וועלן אין זיי נקמה נעמען, ווען די באָלשעוויקעס וועלן אַריינקומען — דעריבער דאַרף מען אַלע באַהאַלטענע יידן אומברענגען. די בעלי־בתים פון גרוב האָבן אַליין איבערגעגעבן דער פּאָליציי, אַז דאָ באַהאַלטן זיך זעקס יידן.

אין אַ קאַלטער פינצטערער פעברואַר־נאַכט, האָט די באַלעבאָסטע, די פויערטע, געעפנט דעם גרוב, אָנמאַכנדיק אַן אַלאַרם, געהייסן די יידן אַרויס־קריכן.

אין דרויסן, אַרום גרוב,האָבן אויף די קרבנות געוואַרט אַ מחנה בלוט־דורשטיקע פויערים. מיט אַ ווילדער רציחה האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף די אומגליקלעכע. משה'ן און רפאלן מיטן זון איז אויף אַ וווּנדערלעכן אופן גע־לונגען אַרויסצוקריגן זיך פון דער בלוטיקער באַנדע און פאַרשווונדן אין דער געדיכטער וואַלד־פינצטערניש (משה באַזונדער און רפאל מיטן זון באַזונ־דער). דאַקעגן, די פרויען נעכע און פריידע מיטן קינד האָבן די צעיושעטע פויערים געכאַפּט, איבערגעגעבן זיי אין די הענט פון די פּוילישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן געוואַרט אויף די קרבנות די פּאָליציי האָט פון זיי צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט, דערנאָך דערשאָסן.

נאָכן פאַרלירן דאָס ווייב מיטן קינד, וועלכע זענען אומגעקומען אין זייגע אויגן, נאָכן פאַרלירן דעם ברודער, איז משה קישעלינסקי געבליבן איינער אַליין אַ פאַרצווייפלטער, אַן אַפּאַטיש גלייכגילטיקער. ער לאָזט זיך גיין אין מיטן טאָג אין שטאָט אַריין, קיין שעדלעץ. ער זוכט אָפּ זיינעם אַ באַקאַנטן קריסט, אַן אָרעמען שוסטער, פיליפּ סמאָלענסקי. יענער נעמט אים אויף פריינטלעך, פאַרזאָרגט אים מיט עסן און אַ באַהעלטעניש אין משך פון עט־לעכע וואָכן, אָן שום לוין.

אָפּגערוט זיך עטלעכע וואָכן, לאָזט זיך משה אין וועג־אַריין זוכן דעם פאַרלוירענעם ברודער רפאל מיט זיין זון. אין וועג טרעפט ער אַ באַנדע אוק־

ראַינער. אין שרעק באַהאַלט ער זיך אין אַ טיפער בלאָטע פון אַ פעלד־באַגנע, דאָרט ליגט ער אַ גאַנצן טאָג. ער קומט אין דאָרף אפאלע און זוכט־אָפּ באַ־קאַנטע גויים, קיינער אָבער לאָזט אים נישט אַריין. נישט האָבנדיק קיין ברי־רה, איז ער אַוועק אין דאָרף קאַטון צום באַקאַנטן פויער וועגעדיק, דעם בעל־הבית פון גרוב, ווו זיי האָבן זיך פריער אויסבאַהאַלטן. דער פויער טרייבט אים ארויס, ער האָט זיך נישט ווו אַהינצוטון. אַ פאַרצווייפלטער און רעזיג־נירטער שלייכט ער זיך איבער די פעלדער, ביז ער געפינט אן איינזאַמען פאַרמאַכטן שייער מיט היי. אין דער נאַכט־פינצטערניש קריכט ער אַרויף אויפן דאַך און דערלאַנגט זיך אַריין אינעווייניק. דורך די ווענט־שפּאַרעס קוקט ער אַרויס אין שטומען פינצטערן דרויסן. ער זעט ווי דער פויער ווע־געדיק, ביי וועמען ער האָט געפרוווט זוכן שוץ און באַהעלטעניש צום צווייטן מאָל, לויערט אויף אים מיט אן אייזן אין האַנט, ווי אַ יעגער נאָך אַ פאַרפאָלג־טער חיה. דער פויער־רוצח האָט זיין קרבן נישט געקענט געפינען און ער איז אַוועק. צומאָרגנס איז ער ווידער געקומען מיט פאָליציי, אַרומגעזוכט אים און נישט געפונען. דריי מעת־לעת איז משה געלעגן איינגעגראָבן אונטערן שטרוי, ער האָט געהערט ווי דער פויער און פאָליציי האָבן אים געזוכט. פאַר דער צייט האָט ער גאָרנישט געגעסן און נישט געטרונקען. אויף א ווונדער־לעכן אופן איז ער פון דאָרט אויך אַרויס אַ לעבעדיקער. ער האָט ווידער זיך געטראָפן מיט זיין ברודער און זון. זיי האָבן אָפּגעזוכט אן אנדער סטאַדאָלע אויף אַ פוסט פעלד. דאָרט האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן פערצן וואָכן. קיי־נער, אַפילו דער בעל־הבית פון דער סטאַדאָלע האָט פון זיי נישט געוווּסט.

אין פינצטערע נעכט פלעגן זיי אַרויס פון באַהעלטעניש, גיין צו פויערים קויפן עסנוואַרג און קרוגן וואַסער. די פויערים האָבן געמאַכט פאַרשידענע סמנים ביי זייערע ברונעמער, כדי צו דערקענען צי יידן זענען נישט געקומען ביינאַכט שעפּן וואַסער. זיי האָבן אַריינגעלאָזט אויף דעם אויבערפלאַך פון וואַסער אין ברונעם פאַפּיר אָדער שטרוי און אינדערפרי באַטראַכט צי דאָס ליגט אויפן זעלבן אָרט. די באַהאַלטענע זענען ביי אַזאַ געלעגנהייט פיל מאָל באַמערקט און פאַרפאָלגט געוואָרן פון בלוט־דורשטיקע און רויב־גיריקע פוי־ערים, וואָס האָבן מיט געווער און אייזנס אין די הענט זיך געיאָגט נאָך זייערע הפקרדיקע לעבנס און אָרעמע מלבושים. טאָג־טעגלעך האָבן זיי געזען דעם טויט פאַר די אויגן.

אין א געוויסן אָוונט זענען זיי אַוועק צו אַ באַקאַנטן פויער קויפן ברויט. דער פויער האָט זיי געהייסן קומען מאָרגן אין אַ באַשטימטער שעה, וועט שוין דאָס ברויט זיין צוגעגרייט. קומענדיק מאָרגן, אין דער באַשטימטער צייט, זענען זיי באַפאַלן געוואָרן פון א באַנדע א. ק.אָווצעס, וואָס האָבן אויף זיי געוואַרט ביים פויער אין שטוב. מען האָט זיי באַגעגנט מיט אַ שיסעריי. אין דער פינצטער האָבן זיי באַוויזן זיך צוריקציען און אַנטלויפן. דערביי זע־

נען רפאל מיטן זון פאַרוואונדעט געוואָרן אין די פיס. משה׳ן האָט אַ קויל דורכ־געלעכערט דאָס היטל אויפן קאָפּ.

דעם פויער פערקאַווסקי אין אַפּאַלע האָבן די ברידער קישעלינסקי גע־געבן אַ פוטערן מאַנטל, פאַר וועלכן פערקאַווסקי האָט זיי געדאַרפט באַצאָלן אין ראַטעס, מיט אַ געוויסן קוואַנטום ברויט. ביים מאַכן די טראַנזאַקציע האָט דער פויער געגעבן די ערשטע ראַטע ברויט. ווען די קישעלינסקעס זענען געקומען צום צווייטן מאָל, זענען זיי שוין באַגגנט געוואָרן פון אַ באַנדע, וואָס האָט אויף זיי געעפנט אַ שיסעריי. באַהאַלטנדיק זיך הינטער די פערקאַווס־קעס, האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן און אַנטלאָפן.

אַזוי ווי אַ טייל גויים פון דאָרף האָבן זיך דערוווּסט פון זייער באַהעלטע־ניש אין שייער, האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס אָרט און אַוועק אין אַ זאַגייניק (יונגן וואַלד), אין דער געגנט.

אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן, ווען משה און רפאל מיטן זון זענען מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס געלעגן פאַרשטעקט צווישן די וואַלד־געוויקסן, האָבן זיי געהערט ווי איין שגץ זאָגט צום צווייטן: „העי, יאַנעק, לאָמיר גיין אין קאַשטשאָל״. אויף דעם ענטפערט אים יענער: „היינט גיי איך נישט אין קאָש־טשאָל. היינט דאַרפן אונזערע כלאָפּצעס (געמיינט די א. ק.) קומען אַהער מאַכן אַ „פּאָלאָוואַניע״ אויף זשידקעס, וואָס באַהאַלטן זיך דאָ ערגעץ, וויל איך זיין אויף דער זאַבאַווע (שפּיל).

הערנדיק דאָס געשפּרעך וועגן דער פאַרשטייענדיקער „זאַבאַווע״, האָבן די קישעלינסקעס פאַרלאָזט דאָס געפערלעכע אָרט. פויזנדיק אויף די בייכער, צווישן הויכע געדיכטע וואַלד־גראָזן און בוימלעך, זענען זיי אַוועק אין אַ מער־געדיכטן זאַגייניק אין גוט ביוויסק. זיי האָבן אויסגערעכנט אַזוי ווי דאָרט געפינען זיך דייטשן, וועט די א. ק. דאָרט זיי נישט פאַרפאָלגן.

רפאל קישעלינסקי איז געקומען אין קאָנטאַקט מיט דער גוט־באַזיצערין ליפּינסקאַ און זי האָט זיי באַזאָרגט מיט עסן. שפּעט ביינאַכט פלעגט די לי־פּינסקאַ ארויסטראָגן דאָס עסן אין סאָד און אריינגעלייגט עס אין אַן אָפּגע־רעדטן אָרט אין אַ בינשטאָק. אַזוי עטלעכע נעכט, ביז פאַררעטערישע גויים האָבן זיך דערוווּסט און געשאָסן צו דער איידעלער קריסטין, בעת זי האָט אַריינגעלייגט דאָס עסן אין בינשטאָק. זיי האָבן איר געוואָרנט, אַז פאַר העלפן יידן וועט מען איר דערשיסן.

עס ווערט ענג אין אַלע זייטן. נישט געוווּען זיך ווו אהינצוטון. קיינער לאָזט נישט אַריין. דער הונגער פּייניקט, דער שמוץ עסט אויף דאָס לייב. באַנדעס און איינצלנע גויים לויערן. דייטשן געפינען זיך נאָענט. זייענדיק דערפירט צו דער גרעסטער פאַרצווייפלונג, האָבנדיק דאָס באַוווּסטזיין, אַז עס איז נישטאָ מער וואָס צו פאַרלירן, לאָזן זיי זיך אַלע דריי, משה, רפאל מיטן צוועלף יאָריקן זון, אַוועק אין שטאָט קיין שעדלעץ. אָבער וווהין גייט

מען? משה דערמאָנט זיך אין זיין באקאנטן שוסטער סמאָלינסקי. ער נעמט זיי ווידער אויף פריינדלעך, גיט זיי א באַהעלטעניש און עסן. אָבער ביי סמאָ־לינסקין ארבעט א געהילף־ארבעטער קאמינסקי. ער זעט די יידן, שאַנטאַ־זשירט זיי, פרעסט ביי זיי אויס, וואָס עס לאָזט זיך. ער דראָט זיי, עס ווערט געפערלעך. דאָס ווייטערע אויפהאלטן זיך דאָ איז א סכנה פאר סמאָלינסקין, ווי אויך פאַר די יידן. נאָך עטלעכע וואָכן זיין דאָרט מוזן זיי אַוועק.

מען גייט „אין דער וועלט־אריין", אויפן באַראָט פון בלינדן אכזריותדיקן גורל. מען לאָזט זיך אין דער ריכטונג צו מזרח, אַנטקעגן דער רויטער אר־מיי, וואָס מאַרשירט פאָראויס. מען וויל זיין נענטער צום פראָנט. בייטאָג פאַרשטעקט מען זיך אין באַהעלטענישן, אין פעלדער און וועלדער. ביינאַכט, אין דער פינצטער, גייט מען אויף פוסטע הינטערוועגן פאָראויס — אַנטקעגן די באַפרייער, וואָס זענען נאָענט אין באַגער און אַזוי ווייט נאָך אין שטח.

זיי האָבן געהערט, אַז אין געגנט פון לוקאָווער וועלדער געפינען זיך פאַרטיזאַנער און זיי שטרעבן דערלאַנגען זיך צו זיי, פאַראייניקן זיך מיט זיי און אויך העלפן שלאָגן דעם געמיינזאַמען בלוטיקן שונא. אַ פויער אין דאָרף שעבישאוו וואָרנט זיי פאַר די פאַרטיזאַנער. ער דערציילט זיי, אַז זיי מאָרדן אויס די יידן, וואָס זיי טרעפן אין וועג. זיי האָבן שוין פיל יידן פון סטאָטשעק אויסגעהרגעט. זיי טרעפן אָן פוילישע פאַרטיזאַנער, וועלכע לאָזן זיך אין א ווילד געיעג נאָך זיי. עס געלינגט זיי קוים צו אַנטרינען. זיי טרעפן אויך א רוסישן פאַרטיזאַן, וואָס וויל זיי פאַרנאַרן אין אַ זייטיקער געגנט, ווו ער וועט זיי קענען אומברענגען. גוים, וואָס טרעפן זיי אָן אין וועג יאָגן זיך נאָך זיי, באַפאַלן זיי, באַרויבן און שאַנטאַזשירן. ווען זיי פאַרשטעקן זיך אין א וועלדל ביים דאָרף שמיא, ווערן זיי באַפאַלן פון אַ באַנדע א.ק.־אָווצעס, וועלכע עפע־נען אויף זיי אַ שיסעריי. אין דעם איבערפאַל איז דערשאָסן געוואָרן רפאלס זון, דער צוועלף יעריקער לייבל, ווען ער האָט זיך געפונען עטלעכע צענד־ליק מעטער פון פאָטער. די רוצחים יאָגן זיך נאָך משה'ן און רפאלן, זיי ווילן זיי אויך אומברענגען, עס זאָל נישט בלייבן קיין איינציקער עדות פון זייערע בלוטיקע מעשים. זיי קענען נישט געפינען זייערע קרבנות און זיי טרעטן־אָפּ.

עס איז אונז שוין נישט געבליבן צוליב וואָס צו לעבן — גיבן צו די ברי־דער משה און רפאל קישעלינסקי — אַלץ האָבן מיר שוין פאַרלוירן: די פרוי־ען, די קינדער, די גאנצע משפחה, אַלע זענען אומגעקומען פאַר אונזערע אויגן, און דאָך לעבן מיר נאָך.

די גאַנצע צייט פון אונזער לעבן אין באַהעלטעניש איז געווען איין קייט פון ראַנגלען זיך מיטן מלאך־המות — איבערמענטשלעכע ליידן און פּיין, שטענדיקע טויט־שרעק נישט אַריינצופאַלן אין די לאַפּעס פון די רוצחישע דייטשן און נאָך מער — צו די בלוטיקע פּאָליאַקן. פיל מאָל זענען מיר באַ־

שאָסן געוואָרן פון באַנדעס און פון פּאָליציי, געיאָגט געוואָרן פון איינצלנע רוצחים און פון שותפותדיקע באַנדיטן־פּאַרטיעס. זיי פלעגן גיין גרופּן־ווייז, צו 10—15 מאַן אין אַ גרופּע, באַוואָפנט מיט העק, קאָסעס, ווידלעס, פּאַלקעס און אויך מיט הייס געווער. אומעטום האָבן זיי דערגרייכט, דערלאַנגט אין אַלע באַהעלטענישן. זענען מיר אַנטלאָפן פון איין פּאַרטיע, וואָס האָט אויף אונז געלויערט, האָט אונז באַגעגנט אַ צווייטע. אומעטום האָבן מיר געזען דעם טויט פאַר די אויגן. דאָס לעבן איז אונז שרעקלעך מיאוס געוואָרן און דאָך האָט דער טויט אונז עקשנותדיק אויסגעמיטן.

אין דאָרף אסטראוועק האָבן די פּאָליאַקן אויסגעהרגעט 72 יידן. נישט געווען קיין אָרט, וווּ זיך צו באַהאַלטן, האָבן מיר זיך אריינגעלייגט אין א באַגנע, אין אַ טיף בלאָטיק פעלד. דאָ וועט שוין קיינער צו אונז נישט צוקו־מען. אַ קליין פּאַסטוכל פון 6 יאָר האָט אויף אונז רחמנות געהאַט, ער האָט אונז געבראַכט קאַרטאָפל, אַמאָל אויך א שטיקל ברויט. דערפאַר האָבן מיר אים געמאַכט „אויטאָמאָבילן" פון האָלץ און אַנדערע שפּילצייג. ער האָט גע־האַלטן סוד, ווייל ער האָט געוואָלט האָבן די אויטאָמאָבילן. זעקס וואָכן האָבן מיר געלעבט אין דער באַגנע אויף די קעסט פון דעם קליינעם פּאַסטוכל. ווען די רויטע ארמיי איז געקומען, זענען מיר געווען געשוואָלן, נישט געקענט אַרומגיין. שטיקער זענען געפאַלן פון אונזערע לייבער — פאַרענדיקן די קי־שעלינסקעס זייערע טראַגישע דערציילונגען — און: גאַרנישט, די מערדער גייען ארום אויף דער פריי, פּונקט ווי עס וואָלט גאַרנישט געשען. נישטאָ ווער עס זאָל משפּטן — לית דין ולית דיין...

משה מענדל גורא (פון מאקאביד, ביי שעדלעץ) **דערציילט**:

אין יענע טעג האָט מ. מ. גורא זיך געפונען אין ווענגראָווער געטאָ און איז געווען אן עדות פון אומקום פון די פינף טויזנט ווענגראָווער יידן.

די ליקווידאַציע פון די ווענגראָווער יידן האָבן דורכגעפירט דייטשן, אוקראַינער, מיט דער פולער מיטהילף פון דער פוילישער גראַנאַטענער פּאָ־ליציי, ווי אויך די שטאָטישע פייערלעשער.

אין דער צייט, ווען די דייטשן און אוקראַינער האָבן אָנגעפירט און אויס־געפירט די הויפּט־אַרבעט, האָבן זייערע פוילישע משרתים אויסגעפירט די הילפס־אַרבעט, דער עיקר מיט אָפּזוכן באַהאַלטענע יידן און זיי צושטעלן צו דער שחיטה. נישט נאָר די פּאָליציי, נאָר אויך די פייערלעשער זענען אויף אן אָרגאַניזירטן אופן, אונטער דער אָנפירונג פון זייער נאַטשאַלניק אייכלער, אַרומגעגאַנגען איבער די יידישע הייזער, אויסגעזוכט באַהאַלטענע יידן, ארויסגעשלעפּט זיי פון די קריוועקעס. אין די בונקערס, קעלערס און גריבער האָבן זיי צו די באַהאַלטענע יידן אַריינגעלאָזן מיט זייערע פייערלעשער־

מכשירים א שטראָם וואַסער, דערנאָך מיט באָסאַקעס זיי אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרט, איבערגעגעבן זיי אין די הענט פֿון די דייטשן און אוקראַינער, אָדער אַליין אַוועקגעפֿירט זיי אויפֿן בית־עולם און דערהרגעט.

אויך אים, גורא׳נען, האָבן די פֿייערלעשער אַרויסגעשלעפּט פֿון אַ באַהעלטעניש צוזאַמען מיט נאָך יידן, אָפּגעפֿירט זיי אין תבואה־שפּייכלער פֿון יודל דזשעוויצע. ווען די צאָל פֿאַרהאַלטענע יידן האָט דערגרייכט ביז פֿערציק, האָט מען זיי געגעבן צו טראָגן אַ קעסטל מיט קוילן און אַ מאַשין־געווער, און אַזוי אַרום זענען די אומגליקלעכע קרבנות אָפּגעפֿירט געוואָרן אויפֿן בית־עולם.

דאָרט איז שוין געווען צוגעגרייט אַ לאַנגער, טיפֿער און ברייטער גרוב. לענג־אויס פֿון גרוב האָט מען אויסגעשטעלט די יידן און געלאָזט אין גאַנג דאָס מאַשין־געווער. גורא׳נען האָט על פּי נס קיין קויל נישט געטראָפֿן, נאָר ווען די געשאָסענע זענען אַריינגעפֿאַלן אין גרוב, איז ער, אַ באַגאָסענער מיט בלוט מיטגעפֿאַלן מיט זיינע אַדורכגעשאָסענע שכנים.

אַ געוויסע צייט איז משה מענדל גורא געלעגן אין גרוב צווישן די געשאָסענע. ער האָט געהערט ווי אַ גרופּע פּוילישע אַרבעטער זענען צוגעטראָטן צום פֿאַרשיטן דעם גרוב מיט די הרוגים. ער האָט אַ ביסל געעפֿנט די אויגן און געזען ווי זיי האָבן באַזוכט די הרוגים און אַראָפּגעצויגן פֿון זיי די מלבושים און שיך. ער האָט געהערט דאָס קרעכצן פֿון די נאָך לעבעדיקע קרבנות, וואָס זענען צוגעשאָטן געוואָרן מיט ערד, און דאָס קרעכצן איז געוואָרן אַלע מאָל שטילער, שטילער...

און אָט זענען זיי שוין לעבן אים. ער ליגט אומבאַוועגלעך מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. ער האַלט איין דעם אָטעם און וואַרט, אָט נאָך אין געציילטע מינוטן אַרום וועלן אויף אים אויך זיך שיטן לאָפּאַטעס ערד מיט אַזאַ האַסטיקייט און פֿייערלעכקייט ווי זיי האָבן זיך געשאָטן אויף יענע, וואָס ליגן דאָ נישט ווייט פֿון אים אין גרוב. אויך ער וועט אין דעם פֿינצטערן גרוב אויסגיין אַזוי לאַנגזאַם שטיל — ווי יענע. ער הערט די ציניש גלייכגילטיקע פֿון די אַרבעטער אויפֿן חשבון פֿון די געשאָסענע, זייערע ניבול פּה און פֿריילעכע אויסדריקן; ער הערט דעם קלאַנג פֿון די לאָפּאַטעס, וואָס שיטן די ערד און ער שוידערט. אָט פֿילט ער שוין ווי מען נעמט זיך צו אים, מען באַזוכט אים, מען שלעפּט אים אַראָפּ די שיך פֿון די פֿיס. ער פֿילט פֿרעמדע הענט אין זיינע טאַשן. שוין, אַרויסגענומען עטלעכע קלייניקייטן, די אָרעמע פּאָר זלאָטעס. מען שלעפּט פֿון אים אַראָפּ די מאַרינאַרקע, דעם סוועדער. מען באַטאַפּט דאָס העמד — מען ישובט זיך, צי עס לוינט. אַ האַרטע שאַרסקע האַנט רירט אָן זיין לייב, מען דערשפּירט אַ וואַרעמקייט פֿון קערפּער. עמעצער שרייט אויס: „לעבסט נאָך? טאָ אַנטלויף”! גורא עפֿנט די אויגן, כאַפּט אַ בליק אַרום זיך און זעט אַליין, אַליין...

ער רייסט זיך אַרויס פון זיינע טויטע און גוססדיקע שכנים, ער שפּרינגט אויף האַסטיק און לויפט, לויפט... אים דאַכט זיך, מען יאָגט אים, מען וויל אים כאַפּן און צוריקפירן אַהין צו יענעם לאַנגן גרוב אויפן בית־עולם און אַ לעבעדיקן וועט מען אים פאַרשיטן, באַגראָבן... ער לויפט איבער לאָנקעס, פעלדער, וועלדער; שפּרינגט אַריבער טייכן, זומפּן, ער שטעלט זיך נישט אָפּ אויף קיין איין מינוט, ער קוקט זיך נישט אום אויף צוריק. ער לויפט אַזוי אַ גאַנצן טאָג מיט אַ נאַכט, ביז די כוחות האָבן אים פאַרלאָזט. ער פאַלט אַוועק אַ פאַרחלשטער, אַן אויסגעשעפּטער אין דער פינצטערניש פון אַ געדיכטן וואַלד. ער ליגט דאָרט, נישט וויסנדיק אַליין ווי לאַנג, ביז ער קומט עטוואָס צו זיך. ער באַטראַכט זיך, ער דערמאָנט זיך, אַז ער איז באָרוועס און נאַקעט, אַלץ געבליבן דאָרט... אַלץ אַראָפּגעצויגן. ער דערפילט ווייטיקן אין די באָר־וועסע פיס, וואָס זענען שטאַרק שמוציק און צעקלאַפּט. ער דערזעט, אַז ער איז אינגאַנצן אויסגעשמירט אין בלוט — אין בלוט פון זיינע שכנים אין גרויסן קבר, פון וועלכן ער איז אַנטלאָפן. ער הויבט זיך אויף און גייט ווייטער. ער געפינט אין אַ וואַלד אַ פליסנדיק וואַסער, ער וואַשט זיך אָרום און גייט ווייטער. ער גייט דורך באַהאַלטענע הינטערוועגן, דורך פעלדער, באַגנעס, זומפּן, אין אָפּגעלעגענע זייטיקע פעלדער, ווו עס געפינען זיך נישט קיין מענטשן חיות. אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער, אַ טויט־הונגעריקער איז ער, נאָך עטלעכע מעת־לעת וואַנדערן, אָנגעקומען צו זיין ציל — אין דאָרף כאַיטשנע. דאָרט האָט ער געהאָפט צו טרעפן זיין פרוי מיט די דריי קינדער און זיינע צוויי שוועסטער, וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלאָזן, ווי אויך אַ לאָדזשער מיידל, די 16־יאָריקע נאַדזיע קרעל, די טאָכטער פון אברהם יעקב, וואָס האָט אלס אַנטלאָפענע פון לאָדזש, זיך אויפגעהאַלטן ביי זיי זינט אַ יאָר צייט.

אין דאָרף כאַיטשנע האָט אָבער גורא שוין נישט געטראָפן זיין פאַמיליע. ער האָט זיך נאָר דערוווסט, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק זענען זיין פרוי און קינדער אַוועק קיין וועגגראָוו אים זוכן. זיי האָבן פונקט געטראָפן אויף דער שחיטה פון די דאָרטיקע יידן און זענען דאָרט אומגעקומען.

דאָקעגן האָט מ. מ. גורא געטראָפן זיך אין דאָרף מיט אַנדערע יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון פאַרשידענע ליקווידירטע דערפער. צווישן זיי — זיינע נאָענטע באַקאַנטע, די דריי ברידער מרדכי, יודל און ניסן פּיעקאַזש, בן־ציון וואַסערשטיין מיט זיין פרוי און קינד, דריי מיידלעך פון קאַלושין — די קינ־דער פון מלך רימאַרזש, יעקב האַנדליאַזש פון סאָקאָלאָוו מיט זיינע צוויי שוועסטער, אראָנאָוויטש פון קאַליש מיט פרוי און קינד, הערשל יאבקאָווסקי מיט זיין משפחה און אַנדערע — צוזאַמען ביי הונדערט נפשות, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, אַ טייל ביי פּויערים און אַ טייל האָבן „געלעבט" אין פעל־דער און וועלדער.

ימים־נוראים איז מען זיך צוזאַמענגעקומען אין אַ באַהאַלטן אָרט אין

וואַלד און אין שטילע, האַרצרייסנדיקע תפילות און געוויינען געבעטן גאָט, ער זאָל שוין רחמנות האָבן אויף זיינע געפּלאָגטע אומגליקלעכע יידן...

אַזוי האָט מען זיך געמאַטערט אין טויט־שרעק און עטלעכע וואָכן גע־צאַפּלט צווישן לעבן און טויט.

אין אַ פינצטערן, קאַלטן נאָוועמבער־פרימאָרגן, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן, אין געיעג נאָך יידן, האָבן איינגעאָרדנט אַ גענעראַל־אַבלאַווע אויף אַ שטח פון פופציק קילאָמעטער. דאָס דאָרף כאיטשנע געפינט זיך אין צענטער פון דעם אַבלאַווע־שטח.

גורא באַהאַלט זיך אין אַ געדיכטן זאַגייניק. דאָרט טרעפט אים אַ קויל פון די רוצחים־פאַרפאָלגער. אַ פאַרוווּנדעטער לויפט ער פון איין באַהעלטעניש אין צווייטן. ווי נאָר ער קריגט זיך אַרויס פון איין פייער, געפינט ער זיך באַלד אין אַ צווייטן. אומעטום זענען זיי דאָ די מערדערישע דייטשן מיט זיי־ערע אוקראַאינער און פוילישע מיטהעלפער. זיי געפינען אויס די אומגליקלעכע באַהאַלטענע יידן און דערשיסן זיי.

גורא געפינט נישט קיין אָרט צווישן די לעבעדיקע, באַהאַלט ער זיך צווישן די טויטע אויפן דאָרפישן צמענטאַרזש. ער לייגט זיך אַוועק צווישן די קברים און כדי נישט באַמערקט צו ווערן, באַדעקט ער זיך מיט שניי, וואָס איז אין צווישנצייט אָנגעפאַלן. ער ליגט דאָרט דריי מעת־לעת. אין דער צייט האָט ער זיך דערנערט בלויז מיט שלינגען שניי. ער האָט געהאַט בדעה שוין צו בלייבן דאָרט ביז צום סוף... נאָר די קעלט און הונגער האָבן אים שרעק־לעך געפּייניקט און ער פאַרלאָזט דעם צמענטאַרזש. ער גייט זוכן עפּעס צו עסן, אַ ביסל זיך דערוואַרעמען. ער טרעפט זיך מיט זיינע צוויי שוועסטער און זייערע קינדער ישראל אייזיק מיט מלכה׳ן. ער דערוויסט זיך פון זיי, אַז פון די בערך הונדערט יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטח פון דאָרף, זע־נען נאָך דער אַבלאַווע געבליבן נישט מער ווי עטלעכע געציילטע פּערזאָן. כמעט אַלע זענען אויף אַ שרעקלעכן אופן אומגעקומען. וווהין צו גיין איז נישט געווען. די פּויערים, אַפילו די גוט־באַקאַנטע, האָבן מורא געהאַט אַריינצולאָזן. האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אין פעלד — דערציילט ווייטער מ. מ. גורא — און אַ גאַנצן טאָג שטאַרק געוויינט אויף דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט אונז געטראָפן.

אויפן פעלד איז געשטאַנען אַ סטויג לובין, האָבן מיר זיך דאָרט איינגע־גראָבן, געגעכטיקט און צוזאַמען געטראַכט וואָס ווייטער צו טאָן. די שוועס־טער זענען געבליבן פאַרשטעקט אין דעם סטויג לובין און איך מיט די צוויי קינדער זענען מיר אַוועק אין מיטן נאַכט צו אַ באַקאַנטן פּויער אַנטאָני קאַר־טשעווסקי, אים געבעטן ער זאָל אונז ראַטעווען און געבן אַ באַהעלטעניש. דער פּויער האָט געהאַט מיט אונז גרויס מיטלייד, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין אָרט פאַר פינף מענטשן. ער האָט צוגענומען די צוויי קינדער און זיי

באַהאַלטן. מיר האָט ער געגעבן אַ ברויט און געהייסן גיין, אָנזאָגנדיק איך זאָל מער צו אים נישט קומען, כדי עס זאָל נישט פאַלן קיין חשד, אז ער באַהאַלט ביי זיך יידן.

איך בין צוריק אַוועק אין פעלד־אַריין, צו דעם סטויג לובין, ווו עס זענען געלעגן פאַרשטעקט מיינע צוויי שוועסטער. איך האָב זיי געברענגט דעם פויערס מתנה — דאָס ברויטל, מיט וועלכן מיר האָבן איבערגעלעבט עטלעכע מעת־לעת.

ווען דער הונגער מיט די שטאַרקע קעלט האָבן ווידער גענומען פייניקן, בין איך ווידער אַרויס פון באַהעלטעניש, דערמאָנט זיך אין מיין באַקאַנטן פויער, אין מאקאביד וואצלאוו לישעצקי און כאָטש דאָרט זענען געווען דייטשן מיט פאָליציי, האָב איך דאָך זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן און צו אים אַוועק נאָך הילף.

ווען לישעצקי האָט מיך דערזען אין מיין מצב, אַן אָפּגעריסענעם, אַ בלייכן, אויסגעפייניקט פון הונגער און קעלט, האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט. לכתחילה האָט ער גענומען צוגרייטן פאַר אונז אַ באַהעלטעניש אין אַ גרוב, אין זיין בהמות־שטאַל אונטערן זשלאָב, באַדעקט מיט מיסט. שפּעטער האָט ער געפונען פאַר אונז אַ בעסער באַהעלטעניש, ביי זיינעם אַ פריינט, ווו מיר זענען געווען באַהאַלטן זעקס וואָכן.

אין אַ שיינעם (פאַר אונז — פינצטערן) פרימאָרגן, זענען געקומען פאָליציאַנטן צו לישעצקין, דורכגעפירט אַ רעוויזיע און געפרעגט ווו ער האָט באַהאַלטן זיינע יידן.

באַקומענדיק די ביטערע ידיעה, זענען מיר גלייך אַרויס פון דעם באַהעלטעניש און ווידער עטלעכע וואָכן געבלאָנדזשעט איבער פעלדער און וועלדער. דער ווינטער איז געווען אַ שווערער מיט שטאַרקע פרעסט און שנייען, וואָס האָבן צוזאַמען מיטן הונגער שרעקלעך געפייניקט. נישט קענענדיק מער אויסהאַלטן די יסורים, בין איך ווידער אַוועק אין דאָרף מאקאביד, דאָס מאָל צו אַן אַנדער באַקאַנטן פויער: יאַן גאַבאַרעק. ער האָט מיך אויפגענומען פריינטלעך, געהייסן מיך גיין נאָך מיינע שוועסטער, וואָס זענען געבליבן אין פעלד. ער האָט אונז אויסבאַהאַלטן אין אַן ענגן פינצטערן קעלער, ווו מיר זענען געווען פינף וואָכן. איין מאָל איז גאַבאַרעק צו אונז אַריין און מיטגעטיילט, אַז מיר מוזן תיכף אַוועקגיין, ווייל אין דאָרף דאַרפן אָנקומען דייטשן מיט אוקראַינער, וועלכע וועלן דורכפירן רעוויזיעס.

טויט־דערשראָקענע זענען מיר אין מיטן טאָג אַרויס פון באַהעלטעניש, דאַן האָבן מיר דערפילט, אַז פון זיצן אַ לאַנגע צייט אין פינצטערע קעלערס זענען מיר האַלב־בלינד געוואָרן. נישט זעענדיק די וועלט פאַר זיך, זענען מיר ווידער געלאָפן איבער פעלדער און וועלדער. מיר זענען אָנגעקומען אין דאָרף זאַליוויע. מיר זענען אַריין צו אַ באַקאַנטן פויער יאַן דזשעוואַלסקי. ביי

אים האָבן מיר געטראָפן אונזערע באקאנטע, די ברידער בערל און יודל ווונ־דערבוים. זיי זענען געווען איינגעהילט אין פאַרפוילטע צעפליקטע שמאַטעס, באָרוועסע, מיט געל־בלייכע פּנימער. זייער שרעקלעכער אויסזען האָט פאַר־קלעמט ביים האַרצן. קוקנדיק אויף זיי האָבן מיר אויסגעבראָכן אין אַ יאָמער־לעך געוויין. זיי זענען געווען פרומע און נישט געגעסן קיין טריפה׳נע עסנס. זיי האָבן געלעבט נאָר מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט און וואַסער. זיי האָבן אונז געטרייסט און געמונטערט, אַז אפילו ווען מען זעט שוין דעם טויט פאַר די אויגן, דאַרף מען אויך נישט פאַרלירן דעם בטחון, אַז גאָט קען העלפן... האָבנדיק אַליין גאַנץ ווייניק, האָב איך זיך מיט זיי געטיילט מיט מיין אָרעם פאַרמעגן, געגעבן זיי אַ פּאָר וועש און עטלעכע זלאָטעס. פיל שעה׳ן זענען מיר געזעסן און געשמועסט, גערעדט וועגן תכלית. מיר האָבן טיף אַריינגע־קלערט אין דעם סוד פון אונזער אומגליק: מיינט טאַקע השי״ת צו פאַרטיליקן זיין פאָלק ישראל? און ווער וועט היטן זיינע מצוות, זיין תורה? — נישט צום פאַרשטיין גאָט׳ס דרכים...

דער פויער דזשעוואַלסקי האָט אויף אונז רחמנות געהאַט און מיך מיט מיינע שוועסטער אַריינגענומען צו זיך, געמאַכט פאַר אונז אַ באַהעלטעניש אויפן בוידעם אין זיין סטאָדאָלע, דאָרט האָבן מיר זיך אויפגעהאַלטן פון 15־טן פעברואַר ביז ענדע מערץ.

אין אן אויסטערלישן קאַלטן טאָג, אין דרויסן איז געווען אַ פאַרפליי־צונג פון צעלאָזטן שניי, האָב איך געזען דורכן פענצטער ווי עס דערנענטערן זיך צוויי קליינע יינגלעך. די קינדער זענען געווען אַרומגעוויקלט מיט צעריסענע שמאַטעס און מיט באָרוועסע, רויט־געשוואָלענע פיסלעך געטאָפּ־טשעט אין שיטערן שניי, אין דער ריכטונג פון דזשעוואַלסקיס שטוב. דזשעו־וואַלסקי האָט אונז געהייסן זיך באַהאַלטן. די קינדער טאָרן נישט זען, אַז ביי אים זענען דאָ יידן. די קינדער האָבן באַקומען צו עסן און זיי האָבן זיך דער־וואַרעמט. מיט האָבן אין אונזער באַהעלטעניש באַוויינט אונזער ביטערן גוי־רל: מיר זענען פאַר זיך אַזעלכע אומגליקלעכע עלנטע יידישע קינדער און מיר טאָרן זיך פאַר זיי נישט ווייזן, נישט זאָגן זיי אַ טרייסט וואָרט. נאָכן אַוועקגיין פון די קינדער איז דזשעוואַלסקי אַריינגעקומען צו אונז אין באַ־העלטעניש און ער האָט זיך אויך שטאַרק צעוויינט. ער האָט דערציילט, אַז די קינדער זענען פון קאַלושין, זיי באַהאַלטן זיך אויס שוין העכער פיר חד־שים אין א סטויג שטרוי הינטערן דאָרף זאַליוויע. פון צייט־צו־צייט קומען זיי צו אים נאָך א ביסל עסן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דזשעוואַלסקי אַריינגעקומען צו אונז און דערציילט, אַז די צוויי קינדער זענען שוין נישטאָ. דער מאַקאָבידער פּאָלי־ציי־קאָמענדאַנט מאשקאָוויטש, האָט געטראָפן די אומגליקלעכע קינדער און זיי דערשאָסן. איין קינד איז באַלד געפאַלן טויט, דאָס צווייטע איז אנטלאָפן.

דער קאָמענדאַנט האָט עס געיאָגט ביי א דריי קילאָמעטער, ביז דאָס קינד האָט פארלוירן די כוחות און געפאלן אין שניי. דער רוצחישער קאָמענדאַנט האָט אַריינגעשאָסן עטלעכע קוילן אין קינד און עס איז געבליבן ליגן טויט.

אַ צווייט מאָל, אויך אין אַזאַ קאַלטן נאַסן ווינטער־טאָג, האָבן מיר געזען ווי עס זענען אַריינגעקומען צו די דזשעוואַלסקעס צוויי יונגע מיידלעך, אויך אין אזא מוראדיקן צושטאנד ווי עס זענען געווען די אומגליקלעכע יינגלעך. איינגעהילט אין צעריסענע פאַרפוילטע שמאַטעס, באָרוועסע, בלייכע, הויט און ביינער, זענען זיי געקומען, קוים שעפטשענדיק געבעטן עפּעס עסן. ווי דזשעוואַלסקי האָט דערציילט, זענען די צוויי מיידלעך אויך געווען פון קאָלושין, פון די זלאָטניצקיס. זייער ווייטערדיקער גורל איז מיר אומבאַקאַנט.

סוף מערץ האָט מען דזשעוואַלסקין באַגנבעט. עס האָבן זיך גענומען דרייען ביי אים שכנים, אויך פּאָליציי, און מיר האָבן געמוזט פון אים אַוועק.

נאָך אַ וואָך אַרומבלאָנדזשען אין פעלדער און וועלדער, געפּייניקט פון הונגער און קעלט, זענען מיר ווידער אַוועק צו מיין באַקאַנטן פויער גאבאַרעק אין מאַקאָביד. ער האָט אונז באהאלטן אויפן בוידעם.

זייענדיק אַמאָל פאַרזונקען אין טיפן שלאָף חלומט זיך מיר, אַז מיין מאַמע שטייט איבער מיר און איבער מיינע שוועסטער. זי וויינט און יאָמערט איבער אונז און זי זאָגט, אַז זי פאָרט צום אַלטן קאַלעביעלער רבין, אים בעטן ער זאָל מתפּלל זיין און בעטן השי״ת ער זאָל אונז אַרויסראַטעווען פון אונזער סכנה. איך האָב געפילט איבער זיך מיין מאַמעס ווארעמען אָטעם, אירע הייסע טרערן אויף מיין פּנים, און... אַ שטורמיש ווילד קלאַפּן אין דער טיר פון דעם פויערשן הייזל האָט פּלוצלונג איבערגעריסן דעם זיס־טרויעריקן חלום פון מיין אַלטער מאַמען. אַ הייסער שטראָם בלוט האָט אַ זעץ־געטאָן צום מוח. דאָס האַרץ האָט געגעבן עטלעכע אויסטערלישע שטאַרקע קלעפּ און איז איינגאַנצן זיך אָפּגעשטעלט. איידער מיר זענען געקומען צו זיך, נישט אָריענטירנדיק זיך, וואָס דאָ איז געשען, האָבן מיר דערהערט אַ גראָבן אויסגעשריי: „רענצע דאָ גורי״ (די הענט אין דער הויך!). אַ גרופּע פּאָליציאַנטן זענען געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקט געווער האַרט ביי אונזער געלעגער.

מען האָט אונז אַראָפּגענומען פון בוידעם און ווי די ערגסטע פאַרברעכער אונז באַוואַכט און אָפּגעפירט אין אַרעסט.

דאָס איז געווען אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן, אָנהויב מאַי. פיל גויים פון דאָרף זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן, ווי אויף אַ בייז וווּנדער און מיט חוזק אונז באַגלייט אויף דעם וועג אין דאָרפישן אַרעסט־אַריין.

מיר קוקן אַרויס דורך די אייזערנע קראַטן און זעען ווי אומעטום שפּראָצן גרינע גרעזלעך, עס בליען בוימלעך, פויגעלעך טשוויטשערן און זינגען. אַלץ בליט און לעבט. נאָר מיר, קינדער פון אויסדערוויילטן פאָלק, האָבן נישט קיין רעכט צו לעבן אויף דער וועלט. די צעווייטיקטע הערצער ווערן פאַר־

קלעמט און מיר ברעכן אויס אין אַ יאָמערלעך געוויין. מיר וויינען לאַנג, לאַנג...

עס עפנט זיך די טיר פון אַרעסט־קאַמער און עס קומט אַריין דער גוי, וואָס זיין אַרבעט באַשטייט אין צוגרייטן גריבער און באַגראָבן די יידן, וואָס פּאָליציי פּלעגט דערשיסן. ער מעלדעט אונז, אַז ער האָט שוין צוגעגרייט אַ גרוב פאַר מיר און פאַר מיינע שוועסטער. צוועלף אַזייגער האַלבער נאַכט וועלן מיר דערשאָסן ווערן.

מיר האָבן יאָמערלעך באַוויינט אונזערע יונגע לעבנס, וואָס דאַרפן אי־בערגעריסן ווערן אין אַ פּאָר שעה אַרום. איך געזעגן זיך מיט מיינע שוועס־טער און זיי — מיט מיר.

און פּלוצלונג פּלאַמט אויף אין קאָפּ אַ געדאַנק: מען דאַרף זיך ראַטע־ווען כל זמן עס איז נאָך נישט צו שפּעט. איך לייג זיך אַוועק אויף דער ערד אין אַרעסט־קאַמער, איך הויב אָן זיך אונטערגראָבן. איך רייס אַרויס אַ ברעטל, נאָך איינס. איך גראָב אונטער מיט די הענט די ערד, עס גייט, אָט איז די האַנט מיינע שוין אינדרויסן. נאָך אַ ביסל, און איך ליג שוין אינגאַנצן אינדרויסן. איך שלעפּ אַרויס איין שוועסטער, די צווייטע. מיר שטעלן זיך אויף און פאַרשיכורטע פאַרשווינדן מיר ווי שטילע שאָטנס אין דער שטילער נאַכט־פינצטערניש...

געטריבן פון שרעק און איבעראַשונג, זענען מיר אַ גאַנצע נאַכט, נישט וויסנדיק אַליין ווו מיר געפינען זיך, געלאָפן אין וועלדער. מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט א ביסל אָפּרוען. פּלוצלונג דערהערן מיר שיסערייען. מיר זענען צעמישט געוואָרן פון שרעק און אנגסטן — אַרויס פון פייער און אַריין אין וואַסער. מיר האָבן נאָך נישט באוויזן צו באשליסן, וואָס צו טאָן, אנטלויפן אָדער בלייבן ליגן, זעען מיר שאָטנס זיך דערנענטערן — מענטשלעכע שאָ־טנס. מיר קוקן זיך גוט איין — עס זענען יידן, אָפּגעריסענע, עלנטע יידן בלאָנדזשען דאָ פּונקט ווי מיר, אין דער שטילער נאַכט־פינצטערניש אין וואַלד. אן איבעראַשטער רוף איך אויס: יידן! ווער זענט איר? און זיי דער־ציילן: זיי זענען פון לוקאָוו. דאָס דריטע מאָל ווי מען פּירט זיי פון לוקאָוו קיין טרעבלינקע און דאָס דריטע מאָל זענען זיי איצט געשפּרונגען פון טויטן־צוג, אין וועלכן זיי זענען געווען פאַרמאַכט דריי מעת־לעת אָן אַ ביסן ברויט אָן אַ שלונג וואַסער. פון זיי דערוויסן מיר זיך, אַז מיר געפינען זיך נישט ווייט פון די טויט־פאַבריקן אין טרעבלינקע. פאַרשמאַכטע, דערשעפּטע, פאַלן זיי אויף דער ערד. זיי בעטן ביי אונז ברויט, וואַסער. מיר טיילן זיך מיט זיי מיט אונזער אָרעמען ביסן.

אָפּגערוט זיך אַ ביסל, צעגייען מיר זיך. זיי — אין דער ריכטונג פון לוקאָוו, — מיר — — — מיר האָבן נישט וווהין צו גיין. אומעטום לויערט דער טויט. מיר דערווייטערן זיך נאָר פון דעם אָרט, פון טרעבלינקער שטח.

מיר באַהאַלטן זיך אין אַ געדיכטן וואַלד. שפּעטער, ווען אויף די פעלדער האָבן זיך אויפגעהויבן די תבואה־זאַנגען, האָבן מיר אונזער „וווינונג" געמאַכט אין פעלד, צווישן קאָרן. בייטאָג זענען מיר געלעגן פאַרשטעקט, עס זאָל אונז קיינער נישט באַמערקן, ביינאַכט פלעג איך גיין 5—6 קילאָמעטער זוכן עפּעס עסן — אַזוי האָבן מיר איבערגעלעבט נאָך אַ חודש צייט.

פּלוצלונג האָט דער הימל זיך פאַרכמאַרעט. אַ שלאַקס רעגן ווי אַ מבול האָט געגאָסן גיסן און אָנגעהאַלטן אָן איבעררייס דריי מעת־לעת.

כאָטש עס איז געווען אין חודש יוני, האָט דער רעגן געבראַכט מיט זיך אַ שטאַרקע קעלט, וואָס האָט שרעקלעך געפּייניקט. מיר זענען ממש געשווומען אין וואַסער. דאָס קאַרגע שטיקל ברויט, וואָס מיר האָבן געהאַט „זאַפּאַס" איז צעווייקט און צעשווומען געוואָרן. בלית ברירה בין איך ביינאַכט געגאַנגען זוכן הילף. פון ווייטנס האָט מען געזען אַ פייערל בלישטשען. איך בין געגאַנגען נאָך דעם פייערל, וואָס האָט געפירט צו אַ פּויערשע שטוב. מיר האָבן אַריינגעקוקט דורכן פענצטער און דערקענט א היימישן באַקאַנטן פּויער. ער האָט מיך פריינטלעך אויפגענומען, געהייסן מיך ברענגען מיינע שוועסטער. ער האָט געמאַכט פייער געטריקנט אונזערע אויסגעווייקטע בגדים, דערוואַרעמט אונז מיט הייס עסן און אונז אָנגעוויזן אויף אַ סטאָדאָלע, וואָס איז געשטאַנען אין פוסטן פעלד, דאָרט האָבן מיר איבערגענעכטיקט.

פאַרטאָג איז דער פּויער געקומען צו אונז אין סטאָדאָלע און אָנטוענדיק מיך אין זיינעם אַ פּעלץ, מיך גערופן צו זיך אין שטוב־אַריין. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין זיין סטאָדאָלע און צו מיין גרויס איבערראַשונג האָב איך דאָרט געטראָפן פיר יידן. דריי זענען געווען פון שעדלעץ: משה בליאכער, מאָטל אָרליאַנסקי און כץ פון גלאָז־געשעפט (וואַרשעווער 45). דער פערטער איז געווען אַ יונגערמאַן פון לאָדזש. מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט, און אַז מיר האָבן זיך צערעדט, האָט דער לאָדזשער ייד דערציילט ווי אַזוי ער האָט אַנומלט דערהרגעט אין שעדלעץ אַ זשאַנדאַרם מיט זיין הונט.

ער איז געשטאַנען — דערציילט ער — אויף סאָקאָלאָווער גאַס מיט זיינעם אַ קאָלעגע און געקלערט ווי אַזוי זיך איינצושאַפן געווער. דאָ איז אָנגעקומען אַ זשאַנדאַרם. זיי זענען צו אים צוגעגאַנגען און געבעטן ער זאָל זיי אויסבייטן פּופּציק מאַרק. אין מאָמענט ווען דער זשאַנדאַרם האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין טאַש אַרויסצונעמען דאָס געלט, האָט דער ייד אַרויסגעצויגן ביי אים דעם רעוואָלווער און אים דערשאָסן. דער הונט, וואָס דער זשאַנדאַרם האָט געפירט מיט זיך, האָט זיך געוואָרפן אויף אים און נישט אָפּגעלאָזט, האָט ער אויך באַקומען עטלעכע קוילן און איז געבליבן ליגן טויט לעבן זיין בעל־הבית. אַלס זאַכלעכע באַווייזן האָט דער ייד אַרויסגענומען און געוויזן זיינע טראָפייען פון דערהרגעטן דייטש: זיין רעוואָלווער,

זיין פּאַסיק און גוט פּאַרפּומירטע לעדערנע הענטשקעס, וואָס ער האָט פון אים אַראָפּגעצויגן.

אין דריי טעג אַרום האָט מיר אַ קריסט דערציילט, אַז ער איז געווען אין שעדלעץ און געהערט, אַז אַ ייד האָט געהרגעט אַ דייטש.

לאַנג בלייבן אין דער סטאָדאָלע אין פעלד האָבן מיר נישט געקענט. דאָס אָרט איז געווען נישט זיכער, זענען מיר ווידער אַוועק צו אַ באַקאַנטן קריסט — סטאַניסלאַוו קאַשקעוויטש — און ער האָט אונז אויסבאַהאַלטן זעקס וואָכן.

גייענדיק איינמאָל אינמיטן דער נאַכט צו אַ באַקאַנטן פּויער, וואָס האָט געוווינט אין אַ דאָרף אַכט קילאָמעטער פון דאַנען, כדי אים צו פאַרקויפן מיין שוועסטערס מאַנטל, זענען מיך אין וואַלד באַפאַלן אַ כאַפּטע הינט. איך האָב זיי קוים פון זיך אָפּגעטריבן מיט מיין גראָבן שטעקן און דערביי מיט ציטער־נישט נישט אויפגעהערט טראַכטן: פון וואַנען קומען דאָ הינט אינמיטן דער נאַכט? מיט טויט־שרעק האָב איך געשפּאַנט ווייטער און ביי דער שיין פון דער פולער לבנה, וואָס האָט דעמאָלט געלויכטן, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף דריי טויטע קערפּערס מיט איבערגעשניטענע העלדזער, וואָס זענען געלעגן אין וואַלד. פון זיי טאַקע האָב איך אָפּגעטריבן די הינט, וואָס האָבן פון זיי געריסן שטיקער, ביי איינעם איז דער האַלדז געווען שוין אינגאַנצן צעפרעסן. מיט ציטערניש און טויט־שרעק האָב איך זיך איינגעקוקט אין די דריי געשחטענע מענטשן און איך האָב אין זיי דערקענט מיינע פריינט און שכנים פון מאַקאָביד: ישראל טאַנדעטשאַרזש און די ברידער גדליה און לייב גאָלדפאַרב.

וויסט און פינצטער איז מיר געווען אין די אויגן, דאָס האַרץ האָט זיך פאַרקלעמט. איך האָב אויסגעבראַכן אין ספּאַזמעס. די ברידער גאָלדפאַרב זענען געווען גבורים, אַלע גויים אין דאָרף האָבן פאַר זיי געציטערט — און דאָ ליגן זיי געשחטענע ווי קעלבער, צעפרעסענע פון הינט. ווי און ווינד איז אונז געשען. הייבט זיי, מאָרגן — איך, אָט אַ תכלית פון אונזערע יידן!

ציטערנדיק אַ גאַנצן וועג, בין איך צוריק אַוועק צו מיינע שוועסטער. איך האָב זיי איבערגעגעבן פון דער שוידערלעכער סצענע. נאָך דער גע־שעעניש האָבן זיי מיך עטלעכע וואָכן צייט נישט געלאָזט אַרויסגיין פון באַהעלטעניש.

ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, זענען די מערדער פון מיינע פריינט און שכנים געווען א באַנדע אַ. ק.־אָוצעס, וואָס האָבן זיך פאַרנו־מען מיט אויסזוכן באַהאַלטענע יידן אין געגנט און זיי דערמאָרדן.

לאַנג איבעררייסן מיט דער אויסערלעכער וועלט האָבן מיר נישט גע־קענט. דער הונגער און מאַנגל אין געלט האָט מיך ווידער אַרויסגעטריבן פון באַהעלטעניש. איך בין געגאַנגען צו אַ באַקאַנטן פּויער עפּעס פאַרקויפן, אָדער טוישן אויף עסנוואַרג. אין וועג ווידער געהאַט אַ באַגעגעניש: איך

האָב אָגעטראָפן אַ יונגן מענטש מיט אַן אויסטערלישן אויסזען: נאַקעט און באָרוועס און דער גאַנצער קערפּער אויסגעשמירט אין סאַדזע, דער האַלדז מיטן פּנים — שוואַרץ ווי קויל. פון פּנים האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר ברע־נענדיקע צעשראָקענע אויגן. ביי דער זייט האָט אים נאָכגעהאַנגען אַ צע־קלאַפּטע האַנט, מיט וועלכער ער האָט נישט געקענט באַוועגן. זיין אויסזען האָט געמאַכט אַ משונה׳דיק שרעקלעכן איינדרוק און האָט פּאַרקלעמט ביים האַרצן.

אויף מיינע פראַגן האָט ער געענטפערט, אַז ער שטאַמט פון אמשינאָוו. ער הייסט מנחם, איז אַלט 24 יאָר. אַלס ייִנגל געלערנט אין ווענגראָווער ישיבה. שפּעטער געווען אַ שפּיליטער אין זיין שטעטל. אין דער מלחמה האָט ער שוין דורכגעמאַכט אַלע שבעה־מדורי־גיהנום. לעצטנס האָט ער געאַרבעט אויף אַ פּלאַצוווקע אין וואַרשע צוזאַמען מיט נאָך זעכציק אומגליקלעכע יידן, גערייניקט באַן־לאָקאָמאָטיוון. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען זיי אַלע אַריינגעפּאַקט אין אַ וואַגאָן און געפירט קיין טרעבלינקע.

אין וועג איז ער געשפּרונגען פון טויטן־צוג און זיך צעבראָכן אַ האַנט. מיט שרעקלעכע יסורים און שוועריקייטן האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך ־ערשלאָגן אין אַ נאָענטן דאָרף, ווו ער האָט געבעטן ביי די פּויערים הילף: באַנדאַזשירן די האַנט און אַן אָרט צום איבערנעכטיקן. אין קיין שטוב האָט מען אים נישט געוואָלט אַריינלאָזן, האָט ער גענעכטיקט אין אַ פּאַרלאָזענעם שייער, וואָס איז געשטאַנען ביים וועג. אין מיטן דער נאַכט זענען אים באַ־פאַלן אַ באַנדע פּויערים, צוגענומען די עטלעכע זלאָטעס, וואָס ער האָט גע־האַט, אַראָפּגעצויגן פון אים די מלבושים און שיך, און געלאָזן אים נאַקעט און באָרוועס.

יענעם טאָג האָב איך פאַרגעסן מיינע אייגענע צרות און זיך פאַרנומען מיט דעם אומגליקלעכן יונגן מאַן. ביי באַקאַנטע גויים האָב איך פּאַר אים געשאַפן עפּעס אָנצוטאָן און עפּעס עסן. איך האָב אים באַנדאַזשירט די צע־בראָכענע האַנט. ביינאַכט זענען מיר זיך צעגאַנגען. ער — אויפן וועג וואָס פירט קיין וואַרשע, איך — אין מיין באַהעלטעניש, צו מיינע שוועסטער.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן קומט אין אונזער באַהעלטעניש די באַלעבאָסטע און מיט שרעק דערציילט זי אונז, אַז פּאַרטיזאַנער מיט אַ. ק.־אוצעס האָבן געמאַכט אַ רויב־איבערפאַל אויף דעם מילך־קאָאָפּעראַטיוו און מען ריכט זיך אויף אַן אַבלאַווע אין דאָרף. מיר מוזן דעריבער שוין אַוועק פון דאַנען.

ווידער שלעכט. נישטאָ ווו זיך צו באַהאַלטן. די אַממייסטן נאָענטע און באַקאַנטע גויים לאָזן מער נישט אַריין. אַ טייל — אויס מורא, אַ טייל — אויס שנאה, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט צו די לעצטע יידן מער נאָך ווי די גאַנצע צייט.

אַ טויט־שרעק וואַרפט אַן אין געגנט דער פּויער טשעסלאַוו קישעלינ־

סקי פון דאָרף טימיאַנקי — א באַרימטער רוצח — ער האָט באַקומען פון די דייטשן א ביקס מיט קוילן און ער גייט אַרום, זוכט אין אַלע באַהעלטענישן און ווו ער געפינט א ייד דערהרגעט ער אים.

א שוידערלעכע ידיעה האָט זיך דערטראָגן צו אונז פון נאָענטן דאָרף קאַלאַניע זאַליעווע. ביים פויער דמאָווסקי לירקע זענען געווען באַהאַלטן דריי יידישע קינדער: 1) אברהם קאַסטן פון וואַרשע. דאָס קינד איז אַנטלאָפן פון טרעבלינקע, 2) ציגע גאָלדפאַרב פון ווענגראָוו, 14 יאָר אַלט און 3) מענדעלע פון מאַקאַביד, 14 יאָר אַלט. אים אין די אויגן האָבן די דייטשן דערהרגעט זיין פאָטער און אים געלאָזן לעבן. די דריי קינדער האָבן זיך באַגעגנט בלאָנ־דזשענדיק אין די מאַקאַבידער וועלדער. זיי האָבן געפונען אַ באַהעלטעניש ביי דעם דערמאָנטן פויער און זיי זענען געבליבן אַרבעטן אין זיין באַלע־באַטישקייט.

אין מיטן דער נאַכט, דעם 29־טן מאַי 1944 האָבן א באַנדע היימישע באַנ־דיטן (וואַרשיינלעך זענען דאָס געווען א. ק.־אָווצעס) באַלאַגערט דעם פוי־ערס הויז, די דריי אומגליקלעכע קינדער אַריינגעפּאַקט אין א זאַק און אַריינ־געוואָרפן אין נאָענטן טייך ליוויעץ. כדי די קינדער זאָלן שנעלער דערטרונקען ווערן האָבן די רוצחים פריער אַריינגעלייגט אין זאַק אַריין שטיינער.

און נאָך אַזעלכע שוידערלעכע ידיעות דערטראָגן זיך צו אונז.

און דאָ הערט מען, ווי די באַפרייענדיקע רויטע אַרמיי מאַרשירט מיט אַזעלכע ריזן־טריט פאָראויס. עס ווילט זיך אַזוי דערלעבן דעם טאָג פון באַפרייאונג, זעען די נקמה אין אונזערע מערדער. פאַרפאַלן, מיר האָבן נישט קיין אַנדער ברירה. עס איז זומער, אַלץ גרינט און בליט. אַלץ אַרום רופט צום לעבן. מיר גייען ווידער אַוועק אין פעלד. מיר מאַכן ווידער אונזער באַ־העלטעניש צווישן די קאָרן־זאַנגען. איז געוואָרן „ענג" אויף איין אָרט, זע־נען מיר אַוועק אויף א צווייט אָרט, אויף א דריטן. און אַזוי, אין הונגער, דורשט, שמוץ און אין כסדרדיקע טויט־שרעק דערלעבט און דערוואַרט זיך אויף אונזערע באַפרייער — אויף דער רויטער אַרמיי.

אָבער אויך נאָך דער באַפרייאונג האָבן מיר קיין מנוחה נישט געהאַט. די עטלעכע אונזערע לעבנגעבליבענע יידן זענען געווען, ווי דערנער אין די אויגן פון אונזערע שכנים און מען האָט געזוכט פון זיי פּטור צו ווערן. אין שכנותדיקן שטעטעלע מאָרד האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַכט יידן, וואָס זענען אַרויסגעקראָכן פון וואַלד און פון אונטערערדישע בונקערס. זיי האָבן זיך געגרייט אָפּצופּאָרן פון זייער חרובער און צעשטערטער היים־שטעטל, זענען זיי באַפאַלן געוואָרן פון א מערדער־באַנדע א. ק.־אָווצעס און זענען אַלע אומגעקומען.

די אומגעקומענע זענען געווען: די ברידער אברהם און שמעון גאַר־באַזש, די פרוי פאַרמאַן, צוויי מיידלעך פון דאָרף טשעלעמען א פרוי פון

װאַרשע און צװײ ייִדן פֿון מאָרד.

אױסער מיר — דערציילט װײַטער משה־מענדל גורא — זענען אין שטע־טל מאַקאַביט געװען נאָך זיבן געפּלאָגטע אױסגעמאַטערטע ייִדן, װאָס האָבן אַדורכגעשװידערט דעם גאַנצן היטלער־גיהנום און ניצול געװאָרן פֿון דער דײַ טשער האַק. זײ זענען געװען צוזאַמען אין אײן שטוב בײַ אַ באַקאַנטן קריסט און געגרײט זיך אָפּצופֿאָרן קײן לאָדזש, װוּ עס האָבן זיך קאָנצענטרירט גרעסערע גרופּן לעבנגעבליבענע ייִדן. אַזױ, װי די מלחמה האָט נאָך אָנגע־האַלטן, די קאָמוניקאַציע איז געװען באַשװערט, האָבן זײ כּסדר אָפּגעלײגט זײער אַרױספֿאָרן פֿון דאָרף. דעם 10־טן מערץ 1945 אין מיטן נאַכט זענען די אומגליקלעכע באַפֿאַלן געװאָרן פֿון אַ באַנדע הײמישע גױים, װעלכע האָבן זײ אױסגעהרגעט. דאָס זענען געװען: 1) מײַן שװעסטער לאה גורא, 26 יאָר אַלט, 2) יעקב שפּאָדעל, 17 יאָר אַלט, 3) חיים מרדכי פּיאַטקאָװסקי, 25 יאָר, 4) אלי פּיעקאַזש, 18 יאָר, 5) חנה דאַמבאַק, 24 יאָר, 6) כאַשע זשעפּאַ, 28 יאָר און 7) אײן מאַן פֿון װענגראָװ.

אין די צװײ יאָר פֿון אונזער לעבן אין באַהעלטעניש זענען מיר פֿיל אױסגעשטאַנען. פֿיל מאָל געזען דעם טױט פֿאַר די אױגן. אַ טײל גױים האָבן אונז געמסר׳ט פֿאַר דער פּאָליצײ, פֿיל האָבן אונז פֿאַרפֿאָלגט, געיאָגט זיך נאָך אונזער לעבן. אָבער אױך פֿיל האָבן אונז געהאָלפֿן מיט עסן און באַהעל־טעניש. דאָס איז אפשר אַ דאַנק דעם, װאָס צוליב מײַן פֿאַך, אַלס קצב און סוחר פֿון בהמות, פֿלעג איך אָפֿט קומען אין די דערפֿער, װוּ איך האָב געהאַט אַ סך באַקאַנטע פּױערים. דאָס טראַגישסטע אין אונזער אומגליק איז דאָס, װאָס זײער פֿיל פֿון די פּױלישע רוצחים, דײַטשע מיטהעלפֿער, פּױערים, פּײַ־ערלעשער און פּאָליצײ־לײַט, װאָס האָבן אומגעבראַכט אַזױפֿיל ייִדן, דרײען זיך אַרום פֿראַנק און פֿרײ און עס איז נישטאָ, װער עס זאָל זײ משפּטן.

—*—*—

אליהו גאַזשעלינסקי איז אַ יונגער מאַן פֿון 33 יאָר, אָבער אײנגאַנצן גרױ װי אַ זקן מיט אַ צעקנײטשטן פּנים, געקאַרבטן שטערן און אױסגעלאָשענע אױגן. שפּורן פֿון די אומגליקלעכע צװײ יאָר לעבן אין װאַלד.

גאַזשעלינסקי דערציילט:

ביז דער ערשטער אַקציע האָט ער מיט פֿיל אַנדערע ייִדן געאַרבעט אין דאָרף דרופּיאַ בײַ שעדלעץ. זײ האָבן אױסגעפֿירט פֿאַר די דײַטשן כּל עבֿודת פּרך. צװישן אַנדערע — אױך בײַ די װאַסערן אונטער דער שטאָט, װוּ נאַצי־שע גדולים מיט פֿאַבישן בראש פֿלעגן אַרױסקומען כאַפּן פֿיש.

שבת, דעם 22־טן אױגוסט, אין טאָג פֿון דער ליקװידאַציע פֿון גרױסן געטאָ, איז בײַ זײ געװען צולױף, דער שעף פֿון דער קרימינאַל־פּאָליצײ. האָט ער געװאָרנט די ייִדן, װאָס האָבן זיך געפֿונען אין דאָרף זײ זאָלן הײַנט נישט גײן קײן שעדלעץ.

שפעטער געארבעט מיט פיל אנדערע יידן ביי א פריץ אין א וואלד אין לוקאָווער געגנט. ביי דער צווייטער אקציע, דעם 30־טן נאָוועמבער האָט דער פריץ באקומען אַ באפעל ארויסצושיקן די יידן קיין גענשע־בארקי. ער האָט די יידן פריי געלאָזן און אָנגעזאָגט, אז מאָרגן זאָל דאָ קיינער פון די יידן מער נישט זיין.

מיר זענען געווען 40 פערזאָן — דערציילט גאזשעלינסקי — האָבן מיר זיך צעטיילט אין עטלעכע גרופן און זיך אויסבאהאלטן. טייל ביי פויערים אין זעלבן דאָרף און טייל אין וואלד־באהעלטענישן.

צווישן די 40 פערזאָן זענען געווען שעדלעצער: יענטע גוטאָווסקי מיט איר מאן און ברודער, שלמה פריימאן, שלום זילבערשטיין מיט זיין פרוי גאָלדע, צווי ברידער מילער, אסתר גאָלדבערג, יעקב גראַיאנצע מיט זיין פרוי, העניעק אדלער מיט זיין פרוי פעלע, לעווין מיט א קינד פון פיר יאָר, נאטקע לעווין, משה טשיסטאקא, ישראל דודקעוויטש, אליהו גאזשע־לינסקי מיט זיין משפחה פון פיר פערזאָן און דוד פיגאווע. די איבעריקע זע־נען געווען אנטלאָפענע פון פארשידענע שטעט.

אין דער זעלבער געגנט פון די דאָמיניצער וועלדער האָבן ארומגעבלאָנ־קעט נאָך א גרופע יידן פון אומגעפער הונדערט פערזאָן אונטער דער אָנפי־רונג פון איטשע ראָטבערג און שמילקע טעמפעלדינער. א גרויסער טייל זע־נען געווען שעדלעצער.

איינמאָל, אין א קאלטן פראָסטיקן פרימאָרגן, ווען מיר זענען געווען פארשטעקט אין אונזערע באהעלטענישן און זיך געקאָרטשעט פון קעלט, האָבן מיר באמערקט, ווי אין שניי טאָפטשעט א קינד. א קליין מיידעלע פון א יאָר 5־6 אין וועלכן מיר האָבן דערקענט אן אומגליקלעך יידיש קינד, וואָס זוכט אן אָרט, ווו זיך צו באהאלטן. מיר האָבן דאָס קינד אריינגענומען צו זיך. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס איז יעקב ווילקס אן אייניקל חנ־טשעלע, וואָס איז אנטלאָפן פון דער שחיטה פון דער לעצטער אקציע אין גענשע בארקי. זי האָט איינע אליין עטלעכע טעג ארומגעבלאָנקעט אין די וועלדער. זי איז פארבליבן מיט אונז.

משה טשיסטאָקא איז איינמאָל געגאנגען אין דאָרף זוכן עפעס עסנווארג פאר אונזער גרופע, האָט ער אָנגעטראָפן אויף דייטשן. די רוצחים האָבן אים אויסגעטאָן נאקעט, געשלאָגן מכות רצח ער זאָל אויסזאָגן, ווו ער האָט זיך באהאלטן און ווו עס געפינען זיך נאָך יידן. ער האָט זיך געהאלטן העלדיש, קיינעם נישט אויסגעגעבן און די תלינים האָבן אים פאַרפייניקט אויף טויט.

פון אונזער אויפהאַלטן זיך אין וואַלד האָבן זיך דערוווסט פוילישע אַ.ק.־אָווצעס, וואָס האָבן אונז אָן אויפהער פארפאָלגט מיט זייערע אָנפאלן און רויבערייען. כדי זיך צו קענען קעגנשטעלן האָבן מיר געמוזט איינשאפן זיך געווער. מיר זענען געקומען אין קאָנטאקט מיט פארשידענע גויים, וואָס האָ־

בן אונז פאר געגוג הויכע פרייזן צוגעשטעלט געווער, ווי אויך פראָוויאַנט.

דעם 30־טן מאַי 1943 זענען מיר באַפאַלן געוואָרן פון א גרויסער באַנדע א. ק.־אָווצעס. עס איז אַנטשטאַנען א קעגנזייטיקע שיסעריי, אין וועלכער עס האָט זיך אויסגעצייכנט אברהם בלושטיין, וואָס האָט מיט זיין ביקס טרעפלעך באַשאָסן די אָנפאַלער. אָבער זיי האָבן ביי אונז צעראַבירט פיל ווערטפולע זאכן. איך און נאָך עטלעכע יידן זענען פאַרוואונדעט געוואָרן. איך האָב זיך אַן אדורכגעשאָסענער דערשלעפּט צו א פויער, בין ביי אים געווען עטלעכע טעג און געהיילט די ווונדן.

אין יוני 1943 האָבן די דייטשן, זוכנדיק יידן, געמאַכט אַן אָבלאַווע אי־בער דער געגנט, ווו מיר האָבן זיך געפונען. מיר האָבן איבערגעלעבט טויט־שרעק. קיין שום קרבנות זענען נישט געווען.

אַזוי ווי די ערטער פון אונזער אויפהאַלטן זיך זענען געווען שוין צו פיל באַקאַנט, זענען מיר אַוועק אין די וועלדער פון קאָלושינער געגנט. אָבער נאָך א קורצער צייט זענען מיר באַפאַלן געוואָרן פון דייטשן. געווער האָבן מיר דעמאָלט געהאַט גענוג, האָט דאָס געוועקט אונזער קאַמפּס־לוסט. מיר האָבן געשטעלט אַן ענערגישן ווידערשטאַנד און געהרגעט צוויי דייטשן. פון אונזער גרופּע זענען געפאַלן דריי פּערזאָן.

האָבן אונז צורו געלאָזן די דייטשן, זענען מיר אָפּט באַפאַלן געוואָרן פון פּוילישע באַנדעס, וואָס האָבן באַרויבט און דערהרגעט פיל פון אונזער גרופּע.

דעם יונגן וואַרשאַווסקי פון מארד האָבן פּאָליאַקן געיאָגט עטלעכע קי־לאָמעטער, אים געכאַפּט, געבונדן אין קייטן און אָפּגעפירט צו דער געסטאַפּאָ.

אין דאָרף קשימוס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן זיבן יידן. די אַ. ק.־אָווצעס האָבן זיך פון זיי דערוווּסט, זענען זיי אויף זיי אָנגעפאַלן און דערהרגעט.

אין יוני 1944 האָבן די דייטשן ווידער געמאַכט אַן אָבלאַווע אין געגנט. אָנגעטראָפן אויף אונזער גרופּע. מיר האָבן געשטעלט א שטאַרקן ווידער־שטאַנד. אין דעם קאַמף זענען ווידער געפאַלן עטלעכע פון אונזערע חברים.

אין אויגוסט 1944, וואַנדערנדיק אויף אומוועגן און אין וועלדער, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסער פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון 450 פּערזאָן, וואָס איז געווען אָנגעפירט פון נחמיה גאלאנסקי פון מארד, פון מאָטל הובערמאַן, זון פון בונים הובערמאַן פון שעדלעץ און פון א יונג מיידל פון פּרושקאָוו. אין דער גרופּע האָבן זיך געפונען פיל יידן פון שעדלעץ און פון אומגעגנט.

דעם לעצטן און שטאַרקסטן צוזאַמענשטויס האָבן מיר געהאַט עטלעכע טעג פאַר דער באַפרייאונג פון שעדלעץ. מיר האָבן זיך דעמאָלט געפונען צוריק אין די דאמיניצער וועלדער. איך מיט לייב בערגמאַן זענען אַוועק אין דאָרף בעמען קאַרטאָפל און אָנגעטראָפן אַ רוסישע ראַזוויעדקע, פון וואָס מיר זענען שטאַרק איבערראַשט געוואָרן און שטאַרק זיך דערפרייט. מיר האָבן

גלייכצייטיק אָנגעטראָפן אויף אַ טאַקסוווקע מיט דייטשן. מיר האָבן געלאָזן אונזערע קאַרטאָפל, געוואָרפן זיך אויף די דייטשן און זיי דערהרגעט, די טאַקסוווקע פאַרברענט.

דעם זעלבן טאָג האָבן עטלעכע טויזנט דייטשן אַרומגערינגלט דעם וואַלד, וווּ מיר האָבן זיך געפונען. זיי האָבן עטלעכע טעג אונז באַשאָסן מיט אַרטי־לעריע און פון אַעראָפּלאַנען. אַזוי ווי דער קאַמף האָט קיין שום רעזולטאַט נישט געגעבן און זיי האָבן געמוזט אָפּציען, ווייל די רוסישע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט, האָבן זיי פאַר כעס אומשולדיקע אונטערגעצונדן און פאַרברענט דאָס גאַנצע דאָרף.

פון די 40 יידן זענען לעבן געבליבן 16 פּערזאָן: אליהו גאזשעלינסקי, שלום זילבערשטיין מיט אַ מיידעלע פון 9 יאָר, משה קאוועצקי, נאַטקע לעווין און גיטל קאַניאַק פון ליקאָוו. אַלע אַנדערע זענען אומגעקומען פון דייטשע מערדער און פון פּוילישע רוצחישע באַנדעס.

זיסקינד ראָזענבוים און זיינע חברים

האַנקע און אברהם האַלבער דערציילן:

פינף יונגע בחורים זענען זיי געווען, וואָס האָבן באַשלאָסן נישט צו לאָזן זיך צו פירן צו דער שחיטה אין די טרעבלינקער גאַז־קאַמערן, בעת דער ליק־ווידאַציע פון געטאָ און זיי זענען אַוועק אין די וועלדער און פעלדער. דריי זענען געווען די אַבסאָלווענטן פון שעדלעצער תרבות־שול: זיסקינד ראָזענ־בוים, ישראליק צוקער, בערל באַגאַגאַן, דוד בלושטיין און אַ מעזריטשער (נאָמען נישט באַקאַנט).

זיי האָבן אויסגעפירט דרייסטע אָנפאַלן אויף דייטשן, זיי דערמאָרדעט, זיך באַוואָפנט מיט זייער געווער, האָבן געשאַפן באַהעלטענישן פאַר אַרומ־וואַנדערנדיקע יידן אין פעלדער, אין וועלדער און אין דערפער, האָבן אויס־געפירט פיל נקמה־איבערפאַלן אויף גויים, וואָס האָבן איבערגעגעבן יידן אין די דייטשע הענט, אָדער וואָס האָבן די יידן אַליין דערמאָרדעט.

אַ דרייסטן איבערפאַל האָבן זיי געמאַכט איבערן באַקאַנטן אין שעדלעץ קריסטלעכן סוחר פּאַציאַרקאָווסקי און אויף אַ פּאָליציאַנט.

געווען איז דאָס שוין נאָך אַלעמען, ווען שעדלעץ איז שוין געווען פול־קאָם יודן־ריין, זומער 1943.

די משפחה טשיבוצקי, איידער זיי זענען ליקווידירט געוואָרן, האָבן זייער פאַרמעגן אַריינגעטראָגן צו זייער באַקאַנטן סוחר פּאַציאַרקאָווסקי, מיט וועמען זיי האָבן שטענדיק געהאַט האַנדלס־באַציונגען, דערביי אָפּגע־רעדט, אַז ווען זיי וועלן זיך נויטיקן אין געלט, וועט ווער פון דער משפחה קומען נעמען. פון דער גרויסער משפחה טשיבוצקי איז מער נישט געבליבן

ביים לעבן, ווי דער יונגער זיסקינד ראָזענבוים (זון פון שרה טשיבוצקי). אין אַ געוויסן טאָג האָט זיסקינד דורך באַהאַלטענע הינטערוועגן, אין באַגלייטונג פון זיי חבר בערל באַגאַאַן זיך אַריינגעקראָגן צו פּאַציאַרקאָווסקין און גע־בעטן זיין געלט. פּאַציאַרקאָווסקי האָט געהייסן די יונגע לייט וואַרטן און אַליין איז ער אַרויס פון שטוב. אין עטלעכע מינוטן ארום האָט זיך פּאַציאַר־קאָווסקי צוריקגעקערט, אָבער שוין נישט אַליין, נאָר מיט אַ גראַנאַטענעם פּאָליציאַנט. די יונגע לייט האָבן זיך שנעל אַריענטירט, געזען אַז זייער לעבן איז געענדיקט, האָבן שנעל ארויסגענומען זייערע רעוואָלווערן פון די טאַשן און אויסגעשאָסן צום פּאָליציאַנט און פּאַציארקאָווסקין. דער ערשטער האָט געפונען זיין טויט אויפן אָרט און דער צווייטער, אויפן וועג צום שפּיטאָל קיין וואַרשע.

ראָזענבוים מיט באַגאַאַנען איז געלונגען צו אַנטלויפן אין זייערע באַ־העלטענישן און ווייטער פאָרגעזעצט זייער פּאַרטיזאַנישע אַרבעט.

שפּעטער, דעם זעלבן זומער, געטריבן פון היץ און באַגער זיך אַ ביסל אָפּצופרישן אין קאַלטן וואַסער, זענען די גרופּע פון די פינף חברים אַוועק זיך אויסבאָדן אין טייכל וועסעלקע, וואָס געפינט זיך עטלעכע קילאָמעטער פון דער שטאָט. דאָרט זענען זיי באַמערקט געוואָרן פון עטלעכע פּאָליאַקן, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר אַ מצוה מיטצוטיילן וועגן דעם, ווו מען דאַרף. (דאָס איז געווען איינע פון די באַקאַנטע פּוילישע נשים צדקניות). די אָנגעקומענע צעיושעטע פּאָליציי האָט געעפנט אַ שיסעריי אויף די יונגע לייט, וואָס האָבן זיך געפונען אין וואַסער. דאָס וואַסער איז באַלד רויט געוואָרן פון בלוט פון די יונגע קרבנות.

איינער נאָר פון דער גרופּע איז געבליבן לעבן. דאָס איז דער יונגער בלושטיין פון מארד. אַ דורכגעשאָסענער אין די הענט, האָט ער זיך פאַר־שטעקט אין די געדיכטע קוסטעס פון טייכל און שפּעטער אָפּגעפויזעט שוין איינער אַליין אין זיין באַהעלטעניש און דערלעבט דעם טאָג פון באַפרייאונג דורך דער רויטער אַרמיי.

דער טויט פון דבורה טוכמינץ־האַלבערשטאַט

איטאַ ראַדאשינסקאַ־לעוו דערציילט:

דבורה טוכמינץ־האַלבערשטאַט איז אַ קורצע צייט פאַרן מלחמה־אויס־ברוך געקומען מיט איר מאַן לייב האַלבערשטאַט און קינד אויף אַ באַזוך צו די עלטערן אין שעדלעץ.

נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ האָט זי זיך ערגעץ־ווו אויסבאַהאַלטן. ס'איז געקומען דער מאָמענט, ווען זי האָט געדאַרפט געבוירן אַ קינד — איינס פון די גרעסטע פאַרברעכן אין יענער צייט. —אין דעם אָרט פון איר

באַהעלטעניש האָט זי די געבורט נישט געקענט אַדורכמאַכן. זי איז אַוועק אויף פעלדער, זיך באַהאַלטן צווישן געוויקסן. די גויים האָבן דערהערט אירע קרעכצן פון די געבורטס־ווייען און צוליב איר „גוטן" אויסזעען, האָבן זיי איר אָנגענומען פאַר אַ היימלאָזע, אַ קריסטין און איר אַוועקגעפירט אין שטאָטישן מאַריאַנסקין שפיטאָל. עטלעכע טעג נאָכן געבורט איז צו איר געקומען אַ גלח אַדורכצופירן די שמד־צערעמאָניע איבערן קינד. ווי דער גלח האָט אָנגעהויבן זאָגן זיינע תפילות איבערן קינד, איז די מוטער דבורה אויפגעשפרונגען:

— טוט דאָס נישט הייליקער פאָטער — האָט זי צו אים געזאָגט — איך בין אַ יידישע פרוי און מיין קינד איז אַ יידיש קינד און לאָזט אונז אַזעלכע בלייבן — דער גלח איז אַוועק. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום זענען אַריינגעקומען פאָליציי, די מוטער מיטן קינד אַוועקגענומען און „ליקווידירט".

משומד גאַנצוואַל

וועראין שעדלעץ האָט נישט געקענט דעם פאָטאָגראַפיסט אַדאָלף גאַ־ניעווסקי אָדער, ווי מ'האָט אים גערופן מיט זיין אַמאָליקן נאָמען: גאַנצוואַל, מיט זיינע גוטמוטיקע אויגן, שטענדיקן שמייכל אויפן ברייטן פנים און פריינדלעכע באַנעמונג צו מענטשן, אַזוי, אַז פיל יידן האָבן שוין באַלד פאַרגעסן זיין אַמאָליקן פאַרראַט אין זיין פאַלק און געקומען אין זיין אַטעליע זיך פאָטאָגראַפירן.

אָט דער אַלטער משומד, וואָס האָט אין זיינע יונגע יאָרן זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין, האָט זיכער געהאַט שוין פאַרגעסן, אַז ער שטאַמט אָפּ פון יידן ביז... היטלערס שליחים האָבן אים דערמאָנט.

אין אָנבליק פון דער גרויסער יידישער טראַגעדיע, איז גאַנצוואַל געוואָרן אַ בעל־תשובה: טאָג־טעגלעך האָט ער געטראָגן פעקלעך עסן פאַר אָרעמע און קראַנקע יידן אין געטאָ, באַזונדער האָט ער זיך געווידמעט מיט העלפן הונגעריקע קינדער און פיל געהאָלפן דעם קינדער־קאָמיטעט. ביז עס האָט זיך אָפּגעזוכט ווער פון אונזערע אייביקע גוטע פריינד און אויפמערקזאַם געמאַכט דאָרט ווו מען דאַרף, אַז גאַנצוואַל שטאַמט פון יידן און ער איז גלייך אָפּטראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

זיין פרוי, די קריסטין פון דור־דורות, וואָס איז נאָכגעפאָרן צו דערוויסן זיך וועגן גורל פון איר מאַן, האָט מען אַ לעבעדיקע אַריינגעוואָרפן אין ברע־נענדיקן קרעמאַטאָריע־אויוון.

21. גויים דערציילן

יאַן פּילאַרטשוק דערציילט:

ביים אַוועקגיין פון פאַרשוועכטן און געשענדעטן בית־עולם, קומט אונז אַנטקעגן דער אַלטער יאַן פּילאַרטשוק — אַן אייגנטימער פון אַ הויז, וואָס שטייט דאָ האַרט ביים בית־עולם. ער האָט אַ סך דאָ געזען, דער אַלטער פּילאַרטשוק דורך זיינע פענצטער, וואָס גייען אַרויס אויף דעם בית־עולם און מיט פּרימיטיווער פּויערשער באַרעדעוודיקייט דערציילט ער:

פון 22־טן אויגוסט 1942, זינט דער ליקווידאַציע פון גרויסן געטאָ, האָט דער בית־עולם קיינמאָל נישט גערוט. כמעט יעדן טאָג האָבן די דייטשן געפירט אַהער קרבנות אַמאָל וויניקער, איינצלנע יידן און אַמאָל מער. געוועזן טעג, וואָס מ׳האָט געברענגט פאַרטיעס פון פיל צענדליקער. די געוויינלעכע פּראָצעדור פלעגט זיין אַזוי: צו ערשט האָבן די אומגליקלעכע געמוזט אויסגראָבן פאַר זיך גריבער־קברים, נאָכער געצוווּנגען געוואָרן זיך אויסצוטאָן נאַקעט, דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שלאָגן מיט ביקסן־קאָלבעס, שפּיצרוטן און לאָפּאַטעס און מיט וואָס נאָר ס׳האָט זיך געלאָזט. צוערשט האָט מען געהערט אויסטערלישע קולות פון די קרבנות. די קולות זענען באַלד געוואָרן שוואַכער, פאַרשטיקטער, נאָכהער זענען געקומען סעריעס שאָסן און די קרבנות זענען אינגאַנצן איינגעשטילט געוואָרן. פיל מאָל האָט געטראָפן, אַז נאָך דעם דערשיסן האָבן די קרבנות נאָך געלעבט און די אומגליקלעכע זענען אַזוי נאָך לעבעדיקערהייט באַגראָבן אָדער פאַרברענט געוואָרן.

די מערדער פלעגן דערביי זיך אָפט באַנוצן מיט דער אַרבעט פון די קרבנות גופא. אַזוי ביים נאָכטראָגן דאָס געווער, לאָפּאַטעס, איינפּאַקן אַראָפּגעצויגענע אָנטועכצער און זיי פאַרלאָדענען אָדער אַוועקטראָגן אויף דער רויב־שטעלע; און אַזוי דאָס באַגראָבן די הרוגים.

צום סוף ערשט האָבן די מערדער דערשאָסן די יידן, וואָס האָבן די אַרבעט אויסגעפירט.

ער געדענקט אַלץ גוט, דער אַלטער פּילאַרטשוק. ס׳האָט זיך אים גוט איינגעקריצט אין זיין אַלטן קאָפּ און ער דערציילט פיל קאָנקרעטע טראַגישע פאַקטן מיט דאַטן און צאָלן.

נישט לאַנג נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ, האָבן די דייטשן געברענגט אויפן בית־עולם אַ יונגע פרוי מיט אַ קינד, וואָס זי האָט געטראָגן אויף דער האַנט. די מערדער האָבן די פרוי מיטן קינד אַריינגעשליידערט אין אַ גרוב און זיי באַשאָסן. די פרוי איז געבליבן ליגן טויט. דאָס קינד דאַקעגן, דורך אַ צופאַל אָדער בכוונה — ווער קען דען דאָס וויסן? איז געבליבן לעבן.

עטלעכע טעג און עטלעכע נעכט האָט דאָס אומגליקלעכע קינד יאָמערלעך געוויינט און גערופן מ אַ מ אַ. עס האָט געביסן ביי דער טויטער מאַמע

די הענט, דאָס פּנים, די ברוסטן, ביז דאָס איז לאַנגזאַם פאַרשטילט געוואָרן און אויסגעגאַנגען לעבן דער טויטער מאַמען.

ער צעווײנט זיך, דער אַלטער פּילאַרטשוק און זאָגט, אַז אין די עטלעכע טעג און נעכט, וואָס מ'האָט דורך זײַנע פענצטער געהערט דאָס יאָמערלעכע געוויין פון אומגליקלעכן קינד, האָט ער און זײַן בני־בית נישט געקענט עסן און נישט שלאָפן.

אַ ביסל שפּעטער — דערציילט ווייטער פּילאַרטשוק — האָט מען געבּרענגט אויפן בית־עולם, וואַרשײַנלעך פון דער באַן־סטאַציע אַ יונגע עלעגאַנט אָנגעטועטע פרוי. ווי דער שטייגער האָט מען איר געצוואונגען זיך אויסצוטאָן נאַקעט. די פרוי האָט געשטעלט אַן ענערגישן ווידערשטאַנד, זיך געוואָרפן אויף די דײַטשן, זיי געפּאַטשט, געשלאָגן. די דײַטשן האָבן די אומגליקלעכע פרוי שרעקלעך צעשלאָגן. אירע קולות האָט מען געהערט ווי ווײַט. ענדלעך האָבן די מערדער איר דערהרגעט אויף אַזאַ בעסטיאַלישן אופן, אַז איר קערפּער איז צעשפּרונגען אויף שטיקער.

איינמאָל — ציט ער ווייטער — האָבן די דײַטשן געבּרענגט אויפן בית־עולם אַ גרופּע יידן פון א פופציק פּערזאָן. זיי האָבן זיי אויסגעשטעלט אין גלײַכע רייען און געהייסן שנעל לויפן איז אַזאַ פאָרם, אַז איינער זאָל זיך נישט דערווייטערן פון צווייטן. ווי נאָר די יידן האָבן אָנגעהויבן לויפן, האָבן די מערדער אויף זיי געעפנט א שיסערײַ פון הינטן אין די פּלייצעס. אַלע יידן זענען אַוועקגעפאַלן טויטע.

אין עטלעכע טעג שפּעטער, דערציילט ווייטער פּילאַרטשוק, האָט מען אויפן בית־הקברות געבראַכט אַ זעכציק יידן, רייך אָנגעטאָענע, קענטיק געווען אויסלענדער, מיט שיינע רייכע וואַליזעס און האַנט־געפּעק. די מערדער האָבן געהייסן זייערע קרבנות זיי זאָלן צוזאַמענלייגן די וואַליזעס און געפּעק אויף איין אָרט, זיי זאָלן זיך אויסטאָן נאַקעט, און דאָס אָנטאָן אויך צוזאַמענלייגן אויף איין אָרט און באַפוילן, אַז דאָס אַלץ טאָר נישט דויערן לענגער ווי פינף מינוט. די אומגליקלעכע האָבן, פאַרשטייט זיך, דעם באַפעל פון די רוצחים אויסגעפירט פּינקטלעך. אָבער זיי האָבן זיך מיט ווילדער רציחה געוואָרפן אויף די קרבנות, וואָס זענען געשטאַנען נאַקעט, זיי מערדערלעך געשלאָגן און געשריגן, אַז עס האָט געדויערט לענגער ווי פינף מינוט. די געשרייען פון די געפּייניקטע יידן האָט מען געהערט אויף ווי ווײַט אין די אַרומיקע גאַסן. אָבער באַלד האָבן די מערדער געלאָזט אין גאַנג זייערע אויטאָמאַטן און די קרבנות זענען איינגעשטילט געוואָרן. די וואַליזעס, געפּעק און אָנטועכץ האָבן די תלינים פאַרלאָדן אויף מאַשינען און אַוועקגעפירט.

איינמאָל איז ער, פּילאַרטשוק, אדורכגעגאנגען נאָענט פון דעם אָרט, וווּ די קרבנות — וועלכע זענען אַנטדעקט געוואָרן אויפן סטאַרי רינעק — האָבן געאַרבעט און צווישן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ באַקאַנטן — דאָס איז געווען

מאיר וואָלנאָוויטש, איידעם פון ברוך מרדכי רובינשטיין — און זיי האָבן זיךביידע קעגנזייטיק באַגריסט.

פאַר אַזאַ „חטא" האָבן די מערדער זיך געוואָרפן אויף דעם אומגליקלעכן וואָלנאָוויטשן, צעהאַקט אים אויף שטיקער און אים, פּילאַרטשוקן, אַרויסגעזעצט פון זיין דירה ביים בית־הקברות.

נאָענט פאַר דער באַפרייאונג — עטלעכע וואָכן פאַרן אַריינקומען פון די רוסן — דערציילט פּילאַרטשוק — איז ער אַדורכגעגאַנגען אויף וואַרשעווער גאַס ביי פּאָלנע און געטראָפן ליגן אויפן ברוק אַ יונגע אַנגעטאָענע פרוי, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געסמט (לעבן איר איז געלעגן אַ ליידיק פלעשעלע פון אויסגעטרונקענעם סם). אין עטלעכע שעה שפּעטער, ווען ער איז צוריקגעגאַנגען דורך דעם זעלבן וועג, איז די פרוי נאָך געלעגן, אָבער שוין אינגאַנצן אַ נאַקעטע. די אַנגעלאָפענע שכנים האָבן פון איר אַראָפּגעצויגן די מלבושים און שיך.

—*—*—

א. איוואַנאָווסקי דערציילט:

זומער, 1943, בעת ער איז אַדורכגעגאַנגען די גאַס, איז צו אים צוגעקומען אַ יונגער ייד, אָנשטענדיק אָנגעטאָן און אים געבעטן ער זאָל אים ווייזן, ווו עס געפינט זיך די געסטאַפּאָ.

אויף יאַנאָווסקיס באַמערקונג: וואָס דאַרפסטו די געסטאַפּאָ, ווייסטו דען נישט אַלס ייד, וואָס דיך דערוואַרט ביי דער געסטאַפּאָ? האָט דער ייד געענטפערט: „נישטאָ היינט קיין אָרט פאַר אַ ייד אויף דער וועלט, קיינער לאָזט נישט אַריין, מיין לעבן איז דאָך פיל ערגער ווי דער טויט, וויל איך עס פּטור ווערן און גיי צו דער געסטאַפּאָ.

—*—*—

מיכאַל קאַראַלאָוויטש דערציילט:

ווען מען האָט געפירט די יידן פון אומשלאַג־פּלאַץ צום טרעבלינקער טויטן־צוג, האָט ער באַמערקט ווי ביים אַדורכגאַנג אויף קילינסקי שענקעוויטשאַ גאַס האָט אַ ייד אַוועקגעלייגט אין סקווער אַ טויט קינד, וואָס איז אויסגעגאַנגען אויף זיין האַנט. אַ דייטש, וואָס האָט דאָס באַמערקט, האָט זיך געוואָרפן אויף דעם אומגליקלעכן ייד, אים שרעקלעך צעשלאָגן און געצוווּנגען מיטצונעמען מיט זיך דאָס טויטע קינד אין די וואַגאָנען — דער צעשלאָגענער און פאַרחלשטער פאָטער האָט צוריקגענומען דאָס טויטע קינד און עס געטראָגן אונטערן אָרעם ווי אַ פּעקל — מיטגענומען עס מיט זיך אין די וואַגאָנען.

—*—*—

אַ קריסט פון דאָרף סקורזשעץ דערציילט:

אין דאָרף איז געווען אַ זשאַנדאַרם, וואָס איז געווען אַ גרויסער בריה

אויף אויסצוזוכן באַהאַלטענע יידן און זיי דערשיסן. ער האָט דאָס געטאָן מיט אַ לייכט געמיט און איז געווען שטענדיק לוסטיק און צופרידן פֿון זיין אַרבעט.

פּלוצלונג איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע, אַרומגעגאַנגען אַ פאַרצווייפלטער, א פאַרזויערטער און ער האָט פאַר אַלעמען דערציילט די סיבה: ער האָט פיל, זייער פיל יידן דערהרגעט, פון וואָס ער איז זייער צופֿרידן, נאָר איינע פון זיינע קרבנות — א יונגע מיידל פון 18 יאָר, מיט פעך שוואַרצע אויגן און ליכטיק ווייס־ראָזע פנים פאַרפאָלגט אים שטענדיק, לאָזט אים נישט רוען, נישט בייטאָג ווען ער איז וואַך, און נישט ביינאַכט ווען ער שלאָפט. ווי נאָר ער שלאָפט־איין קומט זי דאָס מיידל, שטיקט אים, ווערגט אים און שרייט: „מערדער, פאַרוואָס האָסטו צוגענומען מיין יונג לעבן?״ ער האָט אויפגעהערט שלאָפן און אַריינגעפאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע.

—*—*—

יאשינסקי פון מארד דערציילט:

אין דאָרף קוקאַוועקע פיאסקי האָט א פויער איבער דער גאַנצער צייט פון נאַציישער הערשאַפט זיך פאַרנומען מיט אויפזוכן באַהאַלטענע יידן, זיי דערמאָרדן און באַרויבן. דאָס איז געווען זיין סטאַבילע „באַשעפטיקונג״. דער פויער איז פון דער „פּראָפעסיע״ שטאַרק רייך געוואָרן. דערמיט אַרויס־גערופן קנאה ביי אַנדערע פויערים אין דאָרף, וואָס האָבן מיט קלענערן דער־פאָלג נאָכגעטאָן זיין ביישפיל. פון זיינע בלוטיקע הענט זענען אומגעקומען פיל צענדליקער יידן.

דער עדות האָט איינמאָל געזען עטלעכע קרבנות פון דעם ווילדן רוצח. דאָס זענען געווען 3 יונגע פרויען. אין איינער האָט ער דערקענט די טאָכטער פון יחיאל שטיין פון מארד. די קעפּ זענען ביי זיי געווען אָפּגעהאַקט און אָפּגעטיילט פון די קערפּער, די האָר אָפּגעשניטן און די מלבושים אַראָפּגע־צויגן.

—*—*—

מיט אַ פריינט, וואָס האָט איבערגעלעבט אין אַן אונטערערדישן בונקער, זענען מיר געזעסן אויף איינע פון די בענק, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויפן שטח, ווו ס׳איז אַמאָל געשטאַנען דער מאַגיסטראַט און מיר זענען געווען פאַרטיפט אין אַ שמועס וועגן גרויסן חורבן. לעבן אונז האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ מיטל־יאָריקער פאָליאַק אין ציוויל מלבושים.

מיר האָבן אונזער שמועס נישט איבערגעריסן און אונזער שכן נעמט אין אים אַן אַנגעזעענעם אַנטייל. דערביי שטעלט ער זיך פאָר: אַ מיטגליד אין אַ סאָציאַליסטישער פאַרטיי (כדי מיר זאָלן אים גלויבן, באַווייזט ער זיין לעגיטימאַציע). אין אָקופּאַציע צייט געווען טעטיק אין אַן אונטערערדישער אַנטי־פאַשיסטישער באַוועגונג (אויך אויף דעם לעגיטימירט ער זיך). איצט איז ער אַ הויכער באַאַמטער אין או. בע.

ער אַקצענטירט מיט דער זיכערקייט פון אַ מענטש, וואָס ווייסט וואָס ער רעדט:

— איך שעם זיך — האָט ער זיך געקלאַפּט אין הארצן—מיט דעם, וואָס איך בין אַ פּאָליאַק. אין דער אויסראָטונג פון די יידן האָבן מיינע ברידער פּאָליאַקן אַ צו גרויסן חלק. יעדנפאַלס, אָן זייער מיטהילף וואָלט די אויס־ראָטונג נישט געווען אַזאַ גרונטלעכע, טאָטאַלע.

אויף אונזער פראַגע פאַרוואָס ציט מען נישט די שולדיקע צו פאַראַנט־וואָרטלעכקייט, ענטפערט ער:

דאָס איז אוממעגלעך, ווייל מען וואָלט באַדאַרפן איינזעצן און משפטן אַ העלפט פון פוילישן פאָלק.

22. סאַדיזם ווילדקייט און אכזריות

דער ערשטער ראש־השנה אונטערן דייטשן טעראָר

פון ערשטן טאָג אָן, ווי נאָר די דייטשע האָרדעס האָבן פאַרנומען די שטאָט, האָבן פאַרשידענע מיליטער־באַנדעס איינגעאָרדנט סטאַבילע איבער־פאַלן איבער יידישע שטובן.

נישט געווען קיין איין נאַכט מען זאָל נישט הערן דאָס אויפרייסן פון טירן, פענצטער און באַלד נאָך דעם — פאַרצווייפלטע הילפס־רופן פון די באַפאַלענע יידן.

אין די פינצטערע טעג און ווײסטע נעכט פון ראש השנה, יום כפור און סוכות, איז די דייטשע ווילדקייט דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה. גאַנ־צע נעכט זענען צעיושעטע באַנדעס געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, נישט אויסגעמיטן קיין איין יידיש הויז, אויפגעבראָכן טירן־פענצטער, געראַבעוועט און געשענדעט, געשענדעט און געפּלינדערט. דערביי טעראָריזירט מיט געווער און מיט אכזריותדיקע קלעפּ די שוצלאָזע, הפקר־געוואָרענע יידן. פאַרצוויי־פלטע קולות פון דערשראָקענע קינדער, פון געשענדעטע פרויען, פון צע־שלאָגענע מענער באַרויבטע פון זייער האָב און גוטס, האָבן אָן אויפהער אי־מה־דיק אדורכגעריסן די נאַכט־פינצטערניש און געבליבן פאַרשטיקט, ווי א קול קורא במדבר.

גויים האָבן ארויסגעשטעלט אין די פענצטער און אויף די טירן צלמים מיט הייליקע בילדער.

ראש השנה האָבן יידן שוין גוט געפילט, וואָס עס הייסט די נאַצישע לאַ־פּע. קוים עטלעכע טעג ווי זיי האָבן פאַרנומען די שטאָט און דאָס גאַנצע יידישע לעבן איז געווען שוין אָפּגעהאַקט, וויסט און פינצטער. א ייד האָט שוין נישט געקאָנט זיך ווייזן אין גאַס. מען האָט געכאַפּט צו ארבעט, צו כל

עבודת פרך. מען האָט געכאַפּט יידן און זיי געטריבן קיין וועגראָוו אין קאָנ־צענטראַציע־לאַגער. מען האָט די געכאַפּטע געפּייניקט מיט הונגער און דורשט, מיט אכזריותדיקע קלעפּ און אויסטערלישע בזיונות און ווו איינער האָט נאָר געקאָנט, האָט מען געזוכט זיך צו באַהאַלטן.

דעם ערשטן טאָג ראש השנה האָבן אַ קליינע צאָל יידן געוואַגט, געגאַנגען אין שול דאַווענען בציבור. באַלד איז די שול אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ באַנדע דייטשן. אַ טייל זענען אַריין אינעווייניק, געוואָרפן זיך אויף די דער־שראָקענע יידן, אַראָפּגעריסן פון זיי די טליתים, געשלאָגן זיי מכות רצח. אַנדערע האָבן זיך אויסגעשטעלט ביי דער טיר אין אַ בראַנד־וואַנט און מיט דער גרעסטער ווילדקייט זיך געוואָרפן אויף די אַרויסלויפנדיקע. די יידן, וואָס זענען אַרויסגעשפּרונגען דורך די פענצטער זענען שרעקלעך צעשלאָגן געוואָרן פון די צעיושעטע דייטשן, וואָס האָבן זיי אָפּגעוואַרט אין דרויסן. אמשטאַרקסטן איז צעשלאָגן געוואָרן דער רב שלמה אייכנשטיין. זיי האָבן אים אויסגעטאָן נאַקעט, אַרויסגעפירט אויף דער גאַס און געצווונגען צו קערן די גאַסן מיט אַ בעזעם און מיט די בלויזע הענט. דער קראַנקער יוסף רובין, וואָס איז געשפּרונגען דורכן פענצטער איז דערשאָסן געוואָרן.

בערך צוויי טויזנט יידן זענען אין די צוויי טעג פון ראש השנה געכאַפּט געוואָרן אויף די גאַסן און אין די שטובן און געטריבן געוואָרן קיין וועגראָוו אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

וועגראָוו — ערשטער אַקט פון קאָלעקטיווער אכזריות

אומענדלעך שווער האָבן זיך געשלעפּט די הייסע טעג און לאַנגע נעכט פון צווייטער העלפט סעפּטעמבער 1939. אין די ערשטע טעג פון נאַצישער הערשאַפט האָט מען זיך פאַרשטעקט אין פאַרשידענע באַהעלטענישן. עס איז אָבער מיאוס געוואָרן דאָס ליגן באַהאַלטן אין אַזעלכע הייסע טעג, האָט מען זיך צוזאַמענגערעדט מען זאָל אַליין גיין צו אַרבעט, פרייוויליק, איידער די דייטשן כאַפּן.

מיר זענען אַרויס אַ גרופּע פון 60—70 מענטשן צו דער איינגעלייגטער חורבה אויף שפּיטאַלנע 7, ווו עס איז געשטאַנען דאָס דריי־שטאָקיקע הויז פון יאַגאָדזינסקין, און איז צעקלאַפּט געוואָרן פון אַ דייטשע אויפרייס־באָמבע אין ערשטן טאָג פון זייער אָנגריף אויף דער שטאָט.

לויטן אויסרעכענען זענען אונטער די חורבות פון דעם הויז באַגראָבן געוואָרן עטלעכע צענדליק מענטשן. מיר האָבן פונעם אוועקגענומענעם גרויז אַרויסגעגראָבן עטלעכע טויטע, זיי אויסגעלייגט אין אַ ריי, ווו די לעבנגעבלי־בענע פאַמיליעס האָבן זיי יאָמערלעך באַוויינט.

נאָך האַלבן טאָג, בעת מיר זענען שטאַרק פאַרטאָן געווען אין דער אַרבעט, האָבן מיר פּלוצלונג דערהערט שיסערייען פון אַלע זייטן און פאַרשידענע ווילדע געשרייען און אויסרופן: הערראוס!... די הענט הויך האַלטן!...

איידער מיר האָבן באוויזן זיך ארומצוקוקן, זענען מיר געווען ארומגע־רינגלט פון א באנדע צעיושעטע דייטשן מיט אויסגעשטרעקטע צו אונז ביק־סן און רעוואָלווערן. א רגע האָבן די דייטשן זיך אָפּגעשטעלט און באקוקט די טויטע, באלד אָבער זענען זיי ארויס מיט ווילדע קולות, אָנמאכנדיק א בהלה, געטיילט קלעפּ און אלע ארויסגעטריבן אין גאס.

אויף שפּיטאלנע גאס האָבן מיר שוין געטראָפן פיל הונדערטער מענטשן. זיי זענען געווען אויסגעשטעלט אין לאנגע רייען, די הענט געהאלטן אין דער הויך. פון אלע זייטן האָט מען געטריבן יידן און אויך קריסטן אהער צו די אויסגעשטעלטע רייען. זיי זענען געצוווּנגען געווען צו לויפן שנעל מיט די הענט אין דער הויך און צעווילדעוועטע דייטשן זענען זיי נאָכגעלאָפן, גע־קלאפּט פון הינטן מיט ביקסן, רעוואָלווערן, שטעקנס, רימענס און אנדערע כלי־משחית.

אָט טרייבט מען דעם ביאַלער רבין ר׳ יחיאל ראַבינאָוויטש, און דאָ יאָגט מען דעם אלטן דאָקטאָר אָסטראָווסקי מיטן באנד פון „רויטן קרייץ" אויפן אָרעם; אָט טרייבט מען אַן אַלטן קראַנקן ייד, האַלב־נאַקעט, אים אַרויסגע־שלעפּט פון קראַנקען־בעט, ווו ער איז געלעגן, און דאָ טרייבט מען דעם גלח קאבילינסקי מיט נאָך עטלעכע יונגע גלחים. אלע אָן אויסנאַם ווערן געצוווּנ־גען שנעל צו לויפן און אונטערגעקלאפּט פון הינטן. אמשטארקסטן זענען צעשלאָגן געוואָרן די יידן, וואָס די רוצחים האָבן געפונען פאַרשטעקטע אין באהעלטענישן.

עטלעכע שעה זענען מיר געשטאנען אין די רייען אויף דער גאס מיט די הענט אין דער הויך. ביי ווער מען די הענט האָבן זיך צוליב מידקייט אראָפּ־געלאָזט נידעריקער, האָט באקומען קלעפּ איבער די הענט און איבערן קאָפּ. עטלעכע מאָל זענען די מענטשן באַזוכט געוואָרן פון די דייטשן. אַלץ וואָס מען האָט געפונען אין זייערע טאַשן האָט מען צוגענומען.

פארנאכט־צו האָט מען געהייסן מארשירן.

ווען מיר זענען — פיל הונדערטער מענטשן — צוגעקומען צו עק וואַר־שעווער גאס האָבן מיר געזען, ווי פון פיל אנדערע גאסן טרייבט מען גרויסע פּאַרטיעס מענער, איבערהויפּט יידן, טיילווייז אויך קריסטן.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן האָבן די דייטשן אָרגאַניזירט איבער דער גאנצער שטאָט און אומגעגנט אזא איבערפאַל, אָפּגעשלאָסן אלע גאסן „אויס געקעמט" אַלע הייזער, פאַרנומען אַלע מענער פון 14 יאָר אָן, און אַלע גע־טריבן אין דער תפיסה אריין.

דער תפיסה־טויער איז געשטאנען ברייט געעפנט און פון ביידע זייטן טויער, פון דרויסן ביז טיף אריין אין תפיסה־הויף, זענען געשטאנען פיל דייטשן באלאָדן מיט ביקסן, שטעקנס, אייזנס, רימענס און מערדערלעך זיך געוואָרפן אויף די מארשירנדיקע קרבנות, וואָס זענען פון הינטן געטריבן

געוואָרן פון אַנדערע צעיושעטע דייטשן. פיל זענען געפאַלן פון די קלעפּ און זענען געבליבן ליגן אויפן וועג, אונטער די פיס פון די צעטריבענע אין א בלוט קאַלוזשע. צווישן זיי האָב איך געזען דעם קאַלאַניאַל־סוחר מלך סרעברעניק — ער איז געלעגן מיט צעבראָכענע זייטן אַן אויסגעשמירטער אין בלוט מיט קליינע סימנים פון לעבן.

מען האָט אונז אריינגעטריבן אין די תפיסה־צעלן, אַנגעפּאַקט צו 20—25 מענטשן אין א צעלע, ווו עס איז געווען אָרט קוים פאַר 4—6 מענטשן. אין אזא שטיקעניש האָט מען אונז געהאַלטן נאָענטע 2 מעת־לעת. איבער דער צייט האָט מען אונז איין מאָל ארויסגעלאָזן אויפן תפיסה־הויף, אויסגעשטעלט אין רייען און געגעבן צו שטיקלעך ברויט.

אין מיטן דער נאכט האָט מען געהערט א גערודער אויפן תפיסה־הויף און באלד דערנאָך א שיסעריי. אין דער פרי האָט מען זיך דערוווסט, אז דאָס האָבן די דייטשן דערשאָסן עטלעכע קריסטן ביי וועלכע מען האָט געפונען געווער (?). די דייטשן האָבן אויסגעזוכט עטלעכע עלטערע יידן מיט בערד און פאות און געצוואונגען צו גראָבן גריבער און מקבר זיין די געשאָסענע קריסטן.

ווען עס האָט אָנגעהויבן בלויען אויף טאָג האָבן ר׳ נחמן לעוו און ר׳ בע־ריש יום טוב, וואָס זענען געווען צוזאמען מיט אונז אַנגעפּראַפּט אין תפיסה־קאמער, שטארק געקרעכצט — זיי האָבן נישט קיין טליתים און תפילין צום דאווענען.

געטרייסט האָט זיי ברוך רידעל — אויב גאָט איז ליב דארף אונז זיין ניחא.

אויפן דריטן טאָג פון אונזער ארעסט האָט מען אונז ארויסגעפירט אויפן תפיסה־הויף און אין גאַס פאַר דער תפיסה באַפוילן איינצושטעלן זיך אין ריי־ען צו 5 פּערזאָן און אָנגעזאָגט, אז איינער איז ערוב פאַרן צווייטן. אויב עמעצער וועט אנטלויפן פון די רייען וועלן די איבעריקע דערשאָסן ווערן. מיר האָבן דעריבער איינער דעם צווייטן געמוזט היטן ער זאָל נישט אנט־לויפן.

עפּעס א העכערער מיליטער־מאַן רייט פארביי די אומענדלעך לאַנגע רייען פון מענטשן און ער באַפעלט: „די היטע ארונטער שמייסן״. אין דער רגע האָט מען אלעמען איבער די קעפּ מיט דעם באַקאַנטן רעקוויזיט: ביק־סן, שטעקנס, רימענס, אייזנס א. א. וו. און ווי איז געווען דעם, וואָס האָט נישט באוויזן שנעל אראָפּצוכאַפּן זיין היטל.

ביי די רייען לויפן ארום פרויען, מיידלעך און קינדער. זיי זוכן זייערע מענער, פאָטערס, ברידער. זיי ווילן מיטגעבן עפּעס עסן אָדער א מלבוש אין וועג אריין, אָבער די וואך־זעלנער לאָזן קיינעם נישט צו, מען טרייבט אוועק מיט קלעפּ און שיסערייען.

מען מארשירט אין די בלויזע קעפּ אויפן סאָקאָלאָווער שאָסיי קיין ווענ־גראָוו. וויפיל מענטשן? ווער קען דאָס וויסן. אָבער מען פרוווט אויסרעכע־נען: דער מארשירנדיקער צוג פארנעמט א לענג פון 2 קילאָמעטער, יעדע ריי פון 5 מענטשן פארנעמט 1 מעטער, מארשירט אזוי א מאסע פון צען טוי־זנט מענטשן.

אין שכנות מארשירן עטלעכע יונגע קריסטן. זיי אגיטירן מען זאָל זיךווארפן אויף די עטלעכע צענדליק דייטשן, וואָס פירן און באוואכן דעם מאר־שירנדיקן צוג, זיי דערשטיקן און צונעמען דאָס געווער. פון גרויס חשק אויס־צופירן דעם פּלאן שפּייען זיי אין די דלאָניעס און רייבן אָן די הענט.

ס׳איז קוים געלונגען זיי צו בארויקן און איבערצייגן, אז עס איז א צו ריזיקאַלישע אונטערנעמונג. אליין וואָלטן מיר זיך באפרייט אָבער די דייטשן וואָלטן זיך שרעקלעך נוקם געווען אין דער געגנט.

אין וועג איז אן אלטיטשקער גרויער ייד אָפּגעשטאנען. נישט מער גע־האט קיין כוח צו גיין. ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, גענומען גיין אויף אלע פיר. באלד איז אונטערגעלאָפן א דייטש, אויסגעשאָסן צום ייד. דער אלטישקער איז א טויטער געבליבן ליגן אויפן שאָסיי אין א בלוט־קאַ־לוזשע.

עס זענען געווען פיל פאַלן, ווו מענטשן אויסגעמאַטערטע פון הונגער, דורשט און פיין האָבן אין מארש געחלשט. ווייסנדיק, אז אזעלכע וועלן דער־שאָסן ווערן, האָבן שכנים אזעלכע שוואכע גענומען אונטער די הענט און זיי געטראָגן.

מיר האָבן פארביימארשירט פעלדער, ווו עס וואקסן מייערן, בוראקעס און אַנדערע ירקות. טייל דרייסטערע וואַגן, לויפן צו, רייסן אויס אַ מייערל, א בוראָק. די דייטשן שיסן פאר אזא פארברעכן און פיל באצאָלן דערפאר מיטן לעבן.

אין די דערפער, ווו מיר האָבן דורכמארשירט האָט מען קיין מענער נישט געזען. פויערטעס האָבן געפּרווט אונז צוטראָגן וואסער, ברויט. די וואכן האָבן צו זיי געשאָסן און פארטריבן.

בעת מיר האָבן דורכמאַרשירט דאָס דאָרף מאקאביד איז געוואָרן א גרוי־סע בהלה. פיל מענטשן האָבן גענומען אנטלויפן אין נאָענטן וואלד און זיך באהאלטן אין די פויערישע הייזלעך און אין שייערן. די וואך־זעלנער האָבן געעפנט א שיסעריי אויף די אנטלויפנדיקע. עטלעכע איז געלונגען צו אנט־לויפן. עטלעכע זענען דערשאָסן געוואָרן.

פאַרנאַכט זענען מיר אַנגעקומען קיין ווענגראָוו. אין עק שטעטל האָט אונז אָפּגעוואַרט א באוואָפנטע מיליטער־אָפּטיילונג. זיי זענען געווען אויסגע־שטעלט אויף פיל לאַסט־אויטאָס און האָבן אונז געמאכט א געהעריקן „קבלת־פנים״: א לאנגע צייט אונז באשאָסן איבער די קעפּ פון אויסגעשטעלטע מאַ־

שין־געווער. דאָס איז געווען אזא למען ישמעו ויראו. א ביסל אָנצושרעקן די גרויסע מענטשן־מאסע.

מיר זענען געווען שרעקלעך אויסגעמאטערט פון לאנגן וועג (40 קילאָ־מעטער), אויסגעהונגערט פון העכער 2 מעת־לעת נישט עסן און דער עיקר — געפייניקט פון דער גרויסער היץ און פון דורשט. דער גרעסטער פארלאנג איז געווען א ביסל וואסער. און אז ווענגראָווער פרויען האָבן זיך איינגע־שטעלט און צוגעטראָגן אן עמער וואסער, האָט מען צו זיי געשאָסן און גע־שלאָגן מכות רצח. דער בלעכער, ארלאנטשיק האָט גענומען פון א פרוי א ביסל וואסער, איז ער אזוי צעשלאָגן געוואָרן, אז ער איז געבליבן א האלב־טויטער.

אין ווענגראָווער לאגער — א גרויסער פלאץ ארומגעדרייט מיט שטעכל־דראָט און באוואכט פון באוואָפנטע דייטשן, האָבן מיר שוין געטראָפן פיל טויזנטער פארשפארטע — א געמיש פון ציווילע מענטשן און פויליש מיליטער. אלע מיט געל־בלייכע אויסגעהונגערטע פנימער זענען געלעגן אויף דער ערד אונטערן פרייען הימל.

מידע און פאַרחלשטע זענען מיר געפאַלן אויף דער קילער פאַרנאַכטיקער ערד. דער הונגער און דורשט האָט אָבער נישט געלאָזט רוען. מיר האָבן זיך דערוווסט, אַז עס איז דאָ עפּעס אַ ברונעם אויפן שטח פון לאַגער, אָבער די פוילישע מיליטער־לייט האָבן דעם ברונעם פאַרכאַפּט און פאַרקויפט פון אים פלעשעלעך וואסער — 20 גראָשן א פלעשל — אָבער עס איז שווער צוצוקר־מען נאָך א פלעשל וואסער צוליב דעם גרויסן געדראנג און עס האָבן זיך געשאַפן איבערקויפער, שטארקערע, מיט מער חוצפה און קאמף־גרייטקייט — יונגע פאַליאקן — זיי שטופן אָפּ פון ברונעם די יידן, קויפן אָפּ ביי די זעלנער די פלעשלעך וואַסער און פאַרקויפן דאָס די יידן צו 50 גראָשן אַ פלע־של. מיט איין פלעשל וואסער האָבן זיך געקוויקט עטלעכע יידן.

א גאנצע נאכט האָבן די דייטשן שרעקלעך געווילדעוועט. זיי זענען ארומגעגאנגען צווישן די יידן, אלעמען געשלאָגן מכות־רצח, אויסגעזוכט יידן מיט בערד און מיט מעסערלעך און שערלעך געשניטן די בערד צוזאמען מיט שטיקער פלייש פון די פנימער. אין דער ארבעט האָבן די פוילשע זעלנער צו־געהאָלפן די דייטשן.

אין מיטן דער נאכט איז אראָפּ א גאָס רעגן און דורכגענעצט אלעמען. פיל זענען קראנק געוואָרן, געלעגן אויף דער ערד מיט היץ און געקרעכצט.

אז די מענטשן דארפן עסן — דאָס איז די דייטשן נישט איינגעפאלן. דא־קעגן האָבן ווענגראָווער יידן, מערסטנס פרויען, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געקענט נאָך אַ ביסל פרייער באַוועגן, ממש זיך מוסר נפש געווען מיט ברענ־גען עסנווארג און אריבערווארפן אריבער די דראָט־פארצוימונגען פאר די פארשפארטע. דאָס איז געווען די איינציקע דערנערונגס־מעגלעכקייט אין

לאגער. די אריבערגעוואָרפענע עסנווארג איז צעכאפּט געוואָרן דורך די שטארקערע און מער חוצפה׳דיקע, אממערסטן פּוילישע מיליטער־לייט, וואָס האָבן פארנומען די „פּאָדערשטע פּאָזיציעס״ אויפן לאגער־פּלאַץ. די יידן און די שוואכערע האָבן געהונגערט.

ביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבן זוכן און אויך געפונען מיטלען, ווי אזוי זיך ארויסצוכאפּן פון לאגער. טייל האָבן געוואגט און געשפּרונגען אי־בער די שטעכל־דראָטן ביינאכט אין דער פינצטער, ווען די וואך־לייט האָבן זיך פארדרייט. דערביי זענען טייל דערשאָסן אָדער פארוווּנדעט געוואָרן (צווי שן זיי יענקל טאבאקמאן) טייל האָבן זיך ארויסגעקריגן בעת זיי האָבן זיך געפּאַרעט מיט א פאס וואסער: עטלעכע מאָל אין טאָג איז מען געפאָרן מיט א פאס אָנשעפּן וואסער פון ברונעם, וואָס איז געשטאנען מחוץ דעם לאגער. ארויסגעפאָרן מיטן פאס זענען צען מענער, צוריקגעקומען פיר־פינף. די קאָנטראָל איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין שטארקע. אזוי האָבן זיך טעג־לעך ארויסגעקריגן פון לאגער עטלעכע צענדליק מענטשן.

טייל האָבן זיך ארויסגעקריגן דורך אונטערקויפן דעם אָרטיקן דייטשן בירגערמייסטער. ער איז געקומען, גענומען מענטשן צו ארבעט אין שטאָט און זיי זענען מער שוין נישט צוריקגעקומען. אָבער די גרויסע מערהייט האָט מען איבערגעשיקט קיין מזרח־פּרייסן אין ארבעטס־לאגערן און זיי זענען דאָרט דורכגעגאנגען שבעה מדורי גיהנום. בכלל האָט דער לאגער אין ווענ־גראָוו געמאכט דעם איינדרוק, אז ער איז געשאפן געוואָרן בלויז אויף צו פייניקן די צוואנציק טויזנט מענטשן, וואָס זענען דאָרט פארשפּארט געוואָרן. און דאָס איז די דייטשן פולקאָם געלונגען.

ווענגראָוו איז געווען דער ערשטער רינג אין דער קייט ליידן פון די שעדלעצער יידן.

די דייטשן האָבן זיך געוויילט

יוסף יאבלאָנאָוויטש דערציילט:

ווינטער 1940, ווען אדוואָקאט רובינשטיין איז דורכגעגאנגען די פיל־סודסקי גאס ביי סטאָרי רינעק, איז ער באמערקט געוואָרן פון די דייטשן. זיי האָבן אים באפוילן שטיין בלייבן, אים אראָפּגענומען דעם הוט פון קאָפּ, אָנגע־פּאקט מיט שניי, צוריק אים אָנגעטאָן אויפן קאָפּ און רובינשטיין איז געצוווּנ־גען געווען צו שטיין אזוי עטלעכע שעה ביז דער שניי איז צעגאנגען, זיך צעגאָסן איבער אים. און די סאדיסטן האָבן זיך געוויילט, געקוויקט זיך, ווי רובינשטיין איז געשטאנען און געציטערט פון קעלט.

גימנאַסטיק אין שניי

גאנץ אָפט פלעגן באנדעס דייטשן ארויסקומען אויף די גאסן זיך אמו־

זירן מיט יידן. אין א קאלטן שנייאיקן טאָג פון ווינטער 1940 איז אזא באַנדע ארומגעגאַנגען אויף די גאסן, געזוכט עמאַציעס און ווי אויף להכעיס נישט געפונען. מען האָט פאר א רפואה נישט געזען קיין ייד אויף דער גאַס. אַלע האָבן זיי זיך באהאלטן. פלוצלונג האָבן זיך באוויזן צוויי יונגע פרויען, סאַבקע בענקאָוויטש און צעשע בורשטיין. די דייטשן האָבן די פרויען פאַרהאַלטן, זיי געצוואונגען צו מאכן גימנאסטישע איבונגען און, דער עיקר, געצוואונגען צו קריכן אין שניי אויף אלע פיר — אויף די הענט און פיס. דאָס האָט געדויערט עטלעכע שעה.

געגראָבן א קבר און געשאָסן אויף אפצושרעקן

דוד לוסטיק דערציילט:

ענדע 1940 איז געווען שוין פאַרבאָטן פאר יידן צו פאָרן אויף די באַנען. אין יענער צייט זענען לייבל לוסטיק מיט נאָך א ייד געפאָרן פון שעדלעץ קיין ווארשע מיט א פור. אין מילאָסנע האָבן דייטשע פאַרהאַלטן די פור, אראָפגענומען די יידן, זיי אריינגעפירט אין וואלד, געגעבן לאָפּאַטעס און געהייסן אויסגראָבן א קבר. ווען דער גרוב איז פאַרטיק געוואָרן האָבן די דייטשן באפוילן די צום טויט־דערשראָקענע יידן זיך שטעלן מיטן פנים צום גרוב און פון הינטן ארום געעפנט אויף זיי א שיסעריי. זיי האָבן געפילט דעם ברי פון אריבערלויפנדיקע קוילן, וואָס האָבן אין זיי נישט געטראָפן. דאַן האָבן די סאַדיסטן געהייסן די יידן צוריקגיין צו דער פור און אָפּפאָרן.

מען ווילט זיך מיט אלטע יידן

צבי ליווראַנט דערציילט:

כאַפּן יידן צו כל עבודת פרך און גלאַט צו פייניקן און מבזה זיין איז ניט געווען קיין נייעס. אַבלאַוועס פון דייטשן אין די יידישע קווארטאלן איז געווען פון די „נאָרמאַלע״ טאָג־טעגלעכע זאכן אין יענע טעג פון טייוולאָנישער הערשאַפט.

אָבער מאכן אן אַבלאַווע און זוכן ספּעציעל אלטע גרויע יידן מיט בערד און פאות, און אלטע פרויען מיט שייטלען און קופקעס אויף די גרויע קעפּ, דאָס איז יאָ געווען א נייעס אפילו אין יענער משונה׳דיקער צייט.

אזא אַבלאַווע האָבן די דייטשן געמאכט זומער 1941 פאַרן אָפּשליסן דאָס געטאָ. זיי האָבן צוזאמענגעקליבן בלויז אלטע יידן, מענער און פרויען, אויסגעמיטן אלע יונגערע, וואָס זיי האָבן יענעם טאָג געטראָפן און זיי אָפּגעפירט אין הויף פון באַנק זשעמיאַנסקי (אויף ווארשעווער גאַס), ווו עס איז געווען דער שטאַב פון דער זשאַנדאַרמעריע.

דייטשן מיט שפּיץ־רוטן און בייטשן אין די לאַפּעס, האָבן דרעסירט און געצוואונגען די אלטע לייט צו קרייען ווי הענער, בעטשען, ווי ציגן, טאַנצן,

שפרינגען, דאַווענען, קושן ציצות. געצוואונגען די אַלטע מענער צו קושן זיך מיט אַלטע פרויען און נאָך אַנדערע אַזעלכע ווילדקייטן.

אַזאַ „אימפּרעזע" האָבן איינגעאָרדנט די זשאַנדאַרמעריע, אויף וועלכע עס זענען פאַרבעטן געוואָרן אַלע נאַציִשע גדולים מיטן הויפּט־סאַדיסט שטאָט קאָמענדאַנט פאַביש בראש. זיי האָבן עטלעכע שעה געקאַטשעט זיך פאַר געלעכטער.

דער טויט פון בנימין הערץ

משה האַלבערשטאַט דערציילט:

די גרעסטע ווילדקייט און אכזריות האָבן די דייטשן אַרויסגעוויזן צו יידן אין שבתים און אין יום־טובים. שבועות אין יאָר 1940 האָבן באַנדעס דייטשן זיך אַרויסגעלאָזן אין די יידישע גאַסן אויף אַ געיעג נאָך יידן. אַ באַזונדערע באַנדע האָבן דאָס געמאַכט אויף אַ לאַסט־אויטאָ. אויף פּיענקנע גאַס, פאַרן הויז 41 איז פּונקט אַדורכגעגאַנגען דער אייזן־סוחר הערץ מיט זיין פרוי. דער לאַסט־אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט, עטלעכע צעיושעטע דייטשן זענען פון אים אַראָפּגעשפּרונגען, אויסגעשאָסן צו הערצן, וואָס איז באַלד אומגעפאַלן אַ טויטער. די רוצחים זענען זיך צוריק קאַלטבלוטיק אַרויף אויפן אויטאָ און אָפּגעפאָרן.

געשענדעטע ספרי־תורות

לעאָן גליקסבערג איז געווען אַן עדות פון אַזאַ ווילדן אַקט:

אָנהויב אָקטאָבער 1939 זענען געקומען אַ באַנדע פון א 30 דייטשע אָפיצירן אין דער גרויסער שטאָטישער שול. אַז זיי האָבן די שול געטראָפן געשלאָסן, האָבן זיי געשיקט נאָך די שליסלען, וואָס האָבן זיך געפונען אין רשות פון גמינע־סעקרעטאַר הערשל טענענבוים. געעפנט די שול, האָבן די וואַנדאַלן אויפגעריסן דעם ארון־קודש, אַרויסגעוואָרפן די ספרי־תורות און מיט ווילדן עקסטאַז אַראָפּגעריסן די מענטעלעך, געפליקט סיסטעמאַטיש שטיקערווייז און די יריעות געטרעטן מיט די פיס.

דאָס ליד פון קרומע יידן

אין אַ שפּעט־זומערדיקן פאַרנאַכט, נאָך דער ליקווידאַציע פון גרויסן געטאָ, האָט אַ גרופּע פון עטלעכע פערציק יידן צוריקגעקערט פון זייערע באַן־אַרבעט אויף לוקאָווער וועג. זיי זענען געגאַנגען אויסגעשטעלט אין רייען, אָנגעפירט פון צבי ליוואַנט און לאַלעק בענקאָוויטש. פאַרמאַטערטע פון אַ טאָג שקלאַפן־אַרבעט, האָבן זיי געאיילט „אהיים" אָפּצורוען אויף זייערע נאַרעס אין קליינעם געטאָ.

אין וועג זענען זיי פאַרהאַלטן געוואָרן פון באַוואָפנטע דייטשן, באַן־

פּאַליציסטן, וואָס האָבן זיי באַפוילן צו זינגען.

חברה האָבן אין כאָר אָפּגעזונגען „התקוה״.

די דייטשן איז דאָס ליד נישט געפעלן. זיי זענען אריין אין אַ ווילדן כעס אויף די יידן, געזידלט און געשריגן: „דאָס איז דרעק־מוזיק, קאַצן־מוזיק און געהייסן מען זאָל זינגען „דאָס ליד פון קרומע יידן״.

חברה האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער מטורפדיקער דייטש מיינט און האָבן ווידער מיט דער מעלאָדיע פון „התקוה״ אויסגעזונגען דעם זאַץ „דאָס ליד פון קרומע יידן״.

די דייטשן זענען אַריין נאָך אין אַ גרעסערן גרימצאָרן, געברענט פון כעס און רציחה. איינער האָט זיך אָוועקגעשטעלט מעשה רעזשיסער, אָפּדע־קלאַמירט „דאָס ליד פון קרומע יידן״:

„די יידן ציען אַהין און אַהער
די קריג זאָל דויערן וואָס מער
די יידן האָבן דאָס גאַנצע גאָלד
זיי האָבן דעם קריג געוואָלט״.

רעפריין:

מיר וועלן שלאָגן די וועלט קאַפּוט.

אָט אַזוי פאַרפלוכטע דרעק־יידן דאַרף מען זינגען! — האָט ער געשריגן.

דעם אויסגעלערנטן טעקסט האָבן די יידן ווידער געזונגען מיט דער מעלאָדיע פון „התקוה״ און די סאַדיסטן האָבן זיך באַרואיקט, ס'איז זיי ענד־לעך געפעלן און די יידן אָפּגעלאָזט.

דער טויט פון העניע קליינמאַן

וואָלף גאָלדפינגער דערציילט:

פרוי העניע קליימאַן איז געפונען געוואָרן אין איר באַהעלטעניש פון זשאַנדאַרמען, וואָס האָבן געזוכט א גנבה. 8 טעג האָט מען איר שרעקלעך געמאַטערט אין געסטאַפּאָ זי זאָל אויסגעבן, ווו עס באַהאַלטן זיך נאָך יידן און ווו זי האָט באַהאַלטן איר פאַרמעגן. די גאַנצע 8 טעג האָט מען איר קיין שום עסן און טרינקען נישט געגעבן. פון הונגער האָט פרוי קליימאַן זיך אָפּ־געביסן די פינגער און געזויגן איר אייגן בלוט. צום סוף האָט מען איר אָפּ־געפירט אויפן בית־עולם, געהייסן זיך אַראָפּזעצן אויף די קני און פון הינטן אַרום דערשאָסן.

געצוווּנגען אויפצוהענגען א קינד און דערנאָך — זיך

דער יונגער הערשל (שיניו) קליימאַן (זון פון ברוך מרדכי) איז געווען באַהאַלטן אין שטאָט ביי אַ קריסט. זומער 1943 איז דאָס באַהעלטעניש גע־וואָרן פאַרדעכטיק און ער האָט געמוזט איבערגיין אין אַ צווייטן אָרט. אַדורכ־

גייענדיק פלאַריאַנסקי גאַס האָט אים אַ קריסטין דערקענט. זי האָט דערפון געמאָלדן אַן אוקראַינישן פּאָליציאַנט, אַנגעוויזן אין וועלכן הויף קליימאַן איז אַריין — נאָך 2 שעה זוכן האָט מען אים ענדלעך געפונען אין אַ גאָרטן צוזאַמען מיטן 6־יאָריקן ליוואַנט (שלמה ליוואַנטס אַן אייניקל). אין געסטאַפּאָ האָט מען קליימאַנען מערדערלעך געפּייניקט און צום סוף איז ער געצוווּנגען געוואָרן פריער אויפצוהענגען דאָס אומגליקלעכע קינד, נאָכהער — זיך אַליין.

אַ קויל אין אַ קינדערשן מײַלכל אַנשטאָט שאָקאָלאַד

יאַנטל גאָלדמאַן דערציילט:

ווינטער 1942, נאָך דער ליקווידאַציע פון קליינעם געטאָ, האָבן די דײַטשע רוצחים מיט זייערע צוהעלפער צונויפגעטריבן אין דאָרף יגאַן (בײַ שעדלעץ) 90 יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין פאַרשידענע ערטער אין געגנט. צווישן די אומגליקלעכע איז געווען אַ פרוי מיט אַ פּיצל קינד אויף דער האַנט, וואָס האָט שטאַרק געוויינט פון הונגער און קעלט. איינער פון די דײַטשן, וואָס האָבן באַוואַכט די קרבנות האָט צום קינדס מײַלכל געשטעקט אַ שטיקל שאָקאָלאַד. ווי דאָס אויסגעהונגערטע קינד האָט געעפנט דאָס מײַלכל, האָט דער דײַטש אַרײַנגעשאָסן אַ קויל אין געעפנטן מײַלכל און ס'איז געבליבן טויט אין די מאַמעס אָרעמס.

ביים עקסהומירן די 90 הרוגים אין יגאַן, אין 1946 יאָר, דערציילט גאָלדמאַן, האָט מען אין געעפנטן ברידער־קבר געטראָפן אַ יונגע פרוי, אַ מוטער מיט איר פּיצל קינד אויף דער האַנט, וואָס זי האָט געדריקט צו זיך. דאָס קינד האָט נאָך געהאַלטן די מאַמעס ברוסט אין מײַלכל. מען האָט געטראָפן אַ יונג פּאָרל, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פעסט איינגעקלאַמערט אין די אָרעמס. פון די דאָקומענטן, וואָס מען האָט בײַ זיי געפונען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען געווען שוועסטער און ברודער וויטשקאָווסקי פון קאַליש, פּאַבריטשנע גאַס נומער 1.

בײַ אַ הרוג מיט אַ צעשמעטערטן קאָפּ, האָט מען געפונען אַ דאָקומענט מיטן נאָמען קעלמאַן פון פּראַגע בײַ וואַרשע, טאַרגאָווע גאַס. די גרעסטע צאָל קדושים זענען געווען צעהאַקטע מיט טעמפּע כלי־משחית און מיט צעשפּאָלטענע קאָפּ־שאַרבנס, ווי אויך אַדורכגעשאָסענע.

בעסטיאַלישער טויט פון דרײַצן יידן

צבי ליוואַנט דערציילט:

אין יולי 1942, עטלעכע וואָכן פאַר דער ליקווידאַציע פון גרויסן געטאָ, האָט די געסטאַפּאָ באַשולדיקט דעם יודנראַט אין סאַבאָטירן זיינע באַפעלן צוצושטעלן יידן צו כל־ערליי עבודת־פּרך. נאָך אַ קאָנטראָל אין די רשימות

פון אַרבעטס־מענטשן ביים יודנראַט, האָט די געסטאַפּאָ באַפוילן זיי צוצו־שטעלן דרייצן יידן, וואָס לויט זייער מיינונג, האָבן זיי אויסגעמיטן צו גיין צו דער אַרבעט.

נאָך עטלעכע טעג געפּייניקט ווערן אין אַרעסט, זענען די דרייצן יידן אין אַ פינצטערער נאַכט צוריקגעפירט געוואָרן אין געטאָ, אַריינגעלאָזן געוואָרן דורכן טירל צווישן די דראָטן אין דער זייט פון ניי־שעדלעץ, וואָס האָט גע־דינט פאַר אַן אַריינגאַנג אין געטאָ בלויז פאַר געסטאַפּאָ־לייט, וואָס האָבן געהאַט זייער שטאַב אין ניי־שעדלעץ (פּרוסאַ 4).

מען האָט די אומגליקלעכע יידן באַפוילן גיין אַהיים. ווי נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן גיין, האָבן די תלינים פון הינטן צו זיי געשאָסן. צוועלף יידן זענען געפאַלן טויט. דער דרייצנטער איז געטראָפן געוואָרן פון אַ קויל, אָבער גע־בליבן לעבן און זיך דערשלאָגן אין געטאָ־שפּיטאָל. געסטאַפּאָ האָט געפאָדערט פון יודנראַט מען זאָל צושטעלן דעם דרייצנטן יידן. און אַז זיי האָבן געהערט, אַז ער געפינט זיך אַ פאַרוווּנדעטער אין שפּיטאָל, האָבן זיי געמאַכט פאַראַנט־וואָרטלעך דעם יודנראַט מען זאָל דעם ייד צושטעלן אין זייער רשות נאָך דעם ווי מען וועט אים אויסהיילן פון זיינע וווּנדן.

די תלינים האָבן זיך אָבער נישט געקענט דערוואַרטן אויף זייער קרבן. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיי באַפוילן מען זאָל זיי צושטעלן דעם פאַר־ווונדעטן ייד אין זייער קוואַרטיר אויף ניי־שעדלעץ, ווו ער איז דערשאָסן געוואָרן אויף זיין קראַנקן בעטל, אויף וועלכן מען האָט אים געבראַכט.

(די נעמען פון די דרייצן קרבנות איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן. מען ווייסט נאָר, אַז זיי זענען געווען פון די אָרעמסטע און שוואַכסטע, וואָס האָבן שוין נישט געהאַט קיין כוח צו אַרבעטן).

23. גויים, וואָס האָבן געראַטעוועט און גויים, וואָס האָבן געמאָרדעט יידן

עס וואָלט געווען אַן אומרעכט און עס וואָלט באַגאַנגען געוואָרן אַ גרויסע עולה, ווען מען זאָל פאַרשווייגן די נאָענטסטע און טרייע שותפים און מיט־אַרבעטער, וואָס די מאַסן־מערדער האָבן געפונען צווישן די פאָליאַקן, אוק־ראַינער, ווייס־רוסן, ליטווינער, לעטן און אַנדערע פעלקער, וואָס די „אידייע" פון אויסמאָרדן די יידן איז זיי געווען צום האַרצן. זיי, די דייטשן, וואָלטן אין קיין פאַל נישט דערגרייכט אַזעלכע רעזולטאַטן, ווען זיי וואָלטן נישט געהאַט אַזעלכע איבערגעגעבענע און טרייע מיטהעלפער.

אָבער זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז עס זענען אויך געווען איינצלנע פאַלן, ווען פאָליאַקן האָבן געראַטעוועט יידן, זיי אויסבאַהאַלטן, געגעבן עסן און אַפילו ריזיקירט מיטן אייגענעם לעבן.

פיל שטעט און שטעטלעך האָבן געהאַט איינצלנע אַזעלכע צדיקים, וואָס זענען נישט מיטגעריסן געוואָרן מיטן ים פון האַס און רשעות, וואָס האָט דעמאָלט פאַרפלייצט די וועלט און דאָך געהאָלפן ראַטעווען אַ יידן. אַזוי איז געווען אויפן גאַנצן ריזיקן שטח פון שחיטה־פּלאַץ אין דער מדינה פוילן, און דער שטח פון אונזער שטאָט איז נישט געווען קיין יוצא מן הכלל.

מען קען נישט פאַראַלגעמיינער־ן די געציילטע צדיקים פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אויסגעשטרעקט א האנט פון הילף פאר א געפלאָגטן ייד און אָנווייזן, אַז זיי געהערן צו דעם, אָדער יענעם אידעאָלאָגישן לאַגער אָדער סאָציאַלן שיכט אין דער פוילישער געזעלשאַפט.

דאָס זענען מערסטן געווען אויסנאַמען, וואָס האָבן זיך אינדיווידועל מענ־טשלעך אַליין מיט זייער אייגן געוויסן אַרויסגעהויבן פון זייער פאַרסמטער סביבה און אידעאָלאָגישע איינשטעלונגען. אַמאָל זענען דאָס געווען רייכע גוט־באַזיצער פון ענדעקישן לאַגער, וואָס זייער אידעאָלאָגיש טאָג־טעגלעך ברויט איז שטענדיק געווען ווילדע שנאה צו יידן; אַמאָל זענען דאָס געווען אַרבעטס־מענטשן פון סאָציאַליסטישן לאַגער; אַמאָל איז דאָס געווען אַן איינצלנער פּויער אין דאָרף; אַמאָל אַ מיטלמעסיקער שטאָטישער באַאַמטער; און אַמאָל אויך אַן אָרעמע וועשין, אַ דינסט, אָדער אַ בעטלער.

—*—*—

אזוי ווייסן מיר, אז דער גוטבאזיצער אלעקסאנדער וויטאשעוויטש, א באַקאַנטער ענדעק אין שעדלעצער געגנט, האָט ביי זיך אין גוט שיאננא ביי בראשקאוו, אויסבאַהאַלטן די יידן יהודית קוויאטעק־גרינוואלד, דוד לוסטיק, ישראל אָרלאנטשיק, לוי אָרלאנטשיק מיט זייערע פרויען און הענעך באנא־לעוויטשן פון בראשקאָוו. ער האָט זיי אויסגעהאַלטן מיט עסן און דירה, גע־טרייסט זיי און צוגעגעבן מוט אויסצוהאַלטן און איבערלעבן, פאַרזיכערנדיק, אַז די מלחמה וועט שוין לאַנג נישט דויערן. פאַרמעל האָט עס געהייסן, אַז זיי אַרבעטן ביי אים. דאָס האָט אָנגעהאַלטן פון 1940 ביז 1942, ווען עס איז שוין אויך ליקווידירט געוואָרן דאָס קליינע געטאָ אין שעדלעץ און דאָס ווייטערע בלייבן פון די יידן ביי אים אין גוט איז געוואָרן אוממעגלעך, האָט ער איבערגעשיקט יהודית קוויאַטקען, לוי אָרלאנטשיק און דוד לוסטיק מיט זייערע פרויען קיין װארשע צו זיינעם אַ געוועזענעם פאַראָבעק. וויטאָשע־וויטש איז אָפט געקומען צו זיי קיין וואַרשע, געבערענגט לעבנס־מיטל און זיי געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט. ער האָט דאָס אַלץ געטאָן אָן שום אייגנ־נוצן, נאָר בלויז צוליב הומאַניטאַרע געפילן.

מעגלעך, אַז פאַר זיין מענטשלעכער באַציאונג צו יידן אין יענע אומ־גליקלעכע יאָרן האָט וויטאָשעוויטש באַצאָלט מיט זיין לעבן. ענדע 1943 איז ער אין מיטן דער נאַכט באַפאַלן געוואָרן אין זיין גוט פון אַ באַוואָפנטער באַנדע, וועלכע האָט אים דערשאָסן. אַזוי ווי מען האָט ביי אים גאָרנישט צו־

גערויבט, האָט מען דאָס געהאַלטן פאַר אַ פּאָליטישן מאָרד פון די אַ. ק.־אָוו־צעס אַלס נקמה פאַר אויסבאַהאַלטן יידן.

—*—*—

אין גוט רוסקאָוו, ביים באַקאַנטן מאַגנאַט אין שעדלעצער געגנט, גראַף סטעפאַן הומניצקי, האָט געאַרבעט אַ גרופּע פון 50 יידן און זיי האָבן דאָרט געהאַט אַ מענטשלעכע און אָנשטענדיקע באַהאַנדלונג. דעם 29־טן נאָוועמבער 1942, ווען די גרופּע איז געצווונגען געוואָרן אריבערצוגיין קיין גענשע־באַרקי, זענען ביי הומניצקין געבליבן עטלעכע יידן. צווישן זיי — אהרון פערלמאַן פון לאָשיץ און די צוויי שוועסטערן פיינהאַלץ פון שעדלעץ (די טעכטער פון וואָלף פיינהאַלץ). זיי זענען באַהאַלטן און אויסגעהאַלטן געוואָרן פון גראַף און זיין פרוי זאָפיאַ ביז נאָך דער באַפרייאונג.

—*—*—

שומער און זיין פרוי אַננאַ, באַזיצער פון אַ ביר־ברויעריי און אַ טאַרטאַק ביי סאַרנאַק (שעדלעצער געגנט), האָבן ביז נאָך דער באַפרייאונג באַהאַלטן און אויסגעהאַלטן עטלעכע יידן (צווישן זיי די ברידער יואל און בערל לי־בערמאַן). ווען דאָס אָרט פון זייער באַהעלטעניש איז געוואָרן פאַרדעכטיק ביי די שכנים, האָבן די שומער'ס איבערגעפירט די יידן צו זייער קרוב יוזעף, אין אַן אַנדער דאָרף און אַלע האָבן איבערגעלעבט.

—*—*—

דער אייגנטימער פון גוט כוואַלאָטשיצע ביי לאָשיץ, האָט אויסבאַהאַלטן ביי זיך עטלעכע יידן. די שכנים האָבן אים געמסרט פאַר די דייטשן, וועלכע האָבן אים פאַר דעם חטא אויפגעהאנגען און די יידן — דערשאָסן.

—*—*—

אין דאָרף קשימוס (ביי שעדלעץ) זענען א גרופּע באהאלטענע יידן אנט־דעקט געוואָרן דורך די אַ. ק.־אָוצעס. די יידן זענען זיך צעלאָפן און די אַ. ק.־אָוצעס האָבן זיי נאָכגעשאָסן. אליהו גאזשעלינסקי, אַ דורכגעשאָסענער, האָט זיך דערשלעפּט צו אַ צווייטן פּויער, וואָס האָט אים באַהאַלטן, אויסגע־האַלטן אַ לענגערע צייט און אויסגעהיילט די וווּנדן.

—*—*—

אין דאָרף גלוכאַ־פּיאַסקי האָט דער גאָספּאָדאַזש יאשינסקי אויסבאהאלטן ביי זיך זיבן יידן.

—*—*—

ווען משה מענדל גורא מיט זיינע צוויי שוועסטערן וואַנדערן אַרום אויס־געהונגערטע און פאַרשמאַכטע אין פעלדער און אין וועלדער, געפינען זיי אַ באַהעלטעניש און אַ ביסל עסן ביי זייערע באַקאַנטע פּויערים אַנטאָני קאַר־טשעווסקי, וואַצלאַוו לישעצקי, יאַן דזשעוואַלסקי און אַנדערע.

—*—*—

זובראָוויטש יוסף, פון דאָרף קשימוס ביי שעדלעץ דערציילט, אַז אַ פויער פון דאָרף האָט צוגעשטעלט געווער מיט פראָוויאַנט פאַר יידישע פּאַרטיזאַנער, אַ גרופּע פון 450 פּערזאָן, וואָס האָבן אַ צייט געלעבט און געפירט זייער פּאַרטיזאַנער־טעטיקייט אין די וועלדער פון קאַלושינער געגנט. די דייטשן האָבן געכאַפּט דעם פויער און דערשאָסן.

—*—*—

יצחק באַרנשטיין מיט זאַטאַרסקין האָבן איבערגעלעבט אין אַ בונקער אין די געדיכטעניש פון די מעזריטשער וועלדער, אַ דאַנק דעם, וואָס אַ פרומער קלויסטער־ברודער האָט זיי די גאַנצע צייט באַזאָרגט מיט עסן.

—*—*—

דער לערער אשינסקי פון אָפּאָלע ביי שעדלעץ (באַקאַנט אַלס סאָציאַליסטישער טוער), האָט ביי זיך אין אַ גרוב באַהאַלטן אַ גרופּע שעדלעצער יונגע יידן: ד״ר לעבעלס זון וויטעק, ד״ר גלאַזאָווסקיס זון ראַמעק, לאָלאַ זאַלצמאַן, די ברידער ישראל און לייבל ווישניאַ, דאָס מיידל שאַסענפויגל און ברכה ראַווינסקאַ פון אָפּאָלע. צוויי חדשים האָבן די געפּלאָגטע יידן געפונען אַ באַהעלטעניש און שוץ ביי דעם איידעלן קריסט. זיי זענען אָבער אַנטדעקט געוואָרן פון די שכנים און געמוזט פון דאָרטן אַוועק. זיי זענען אַוועק אין דאָרף קאָטון ביי בראָשקאָוו. אַ לענגערע צייט האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט די ברידער קישעלינסקי, שפּעטער זענען זיי אויסגעהרגעט געוואָרן פון פּוילישע רוצחישע פּאָליציי.

—*—*—

טעאָפיל רושינסקי, אַן אָרעמער באַאַמטער אין שעדלעץ, האָט ביי זיך באַהאַלטן און אויסגעהאַלטן דעם יונגן בערל ראַבינאָוויטש (אַ זון פון ישעיהו ראַבינאָוויטש), ביז נאָך דער באַפרייאונג, אָן שום אייגננוצן. איינמאָל האָט מען דורכן פענצטער געזען ווי עס דערנענטערן זיך געסטאַפּאָווצעס אין דער ריכטונג פון רושינסקיס דירה. דער דערשראָקענער ראַבינאָוויטש איז געווען זיכער, אַז ער איז אַנטדעקט געוואָרן און אַז דאָס גייט מען נאָך אים. ער האָט געוואָלט אַרויסלויפן אין דרויסן, כדי נישט צו שטעלן אין סכנה דאָס לעבן פון זיינע באַשיצער, האָט דער איידעלער קריסט נישט געלאָזט, זאָגנדיק: וואָס עס וועט זיין מיט דיר, וועט אויך זיין מיט מיר.

—*—*—

ווען משה קישעלינסקי אַנטלויפט פון דער שחיטה, וואָס די פּוילישע פּאָליציי האָט געמאַכט אין אַנטדעקטן גרוב אין דאָרף קאָטון, ווו עס זענען דערמאָרדעט געוואָרן ניינצן יידן, געפינט ער אַ באַהעלטעניש ביים אָרעמען שוסטער אין שעדלעץ, פיליפּ סמאָלינסקי, וועלכער האָלט אים אויס עטלעכע וואָכן אָן שום לוין. שפּעטער, ווען משה און רפאל קישעלינסקי און זון אַנטלויפן פון טויט, וואָס לויערט אויף זיי פון אַלע זייטן און האָבן זיך נישט ווו

אַהינצוטון, געפינען זיי ווידער שוץ און באַהעלטעניש ביי דעם זעלבן סמאַ־לינסקי, ביז זיי ווערן דאָרט אַנטדעקט און זיי מוזן אַוועק.

—*—*—

די אָרעמע קריסטין אין שעדלעץ, יאַדוויגאַ בודנאַ, האָט אין איר אָרעמער דירה אויסבאַהאַלטן זעקס יידן, אָן שום לוין: די דריי ברידער אברהם, מלך און איטשע האלבער, צוויי ברידער גאַליצקי און דוד גרינבערג. די באַהאַל־טענע יידן האָבן איר געגעבן געלט בלויז אויף איינצוקויפן עסן. נאָך דער באַפרייאונג האָט די קריסטין חתונה געהאַט מיטן געראַטעוועטן דורך איר מאָטל גאַליצקי.

—*—*—

די קריסטינס זאָפיאַ אַלשאַקאָווסקאַ און יאַדוויגאַ זאַוואַדזקאַ אין שעד־לעץ האָבן גענומען צו זיך פון די עלטערן יעקב און טשיפּע זאַנשיין זייער איין־יעריק קינד רלחע. די עלטערן זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין גענשע באַרקי. די קרסטינס האָבן דאָס קינד אויסבאַהאַלטן, געזאָרגט זיך פאַרן אויס־האַלטן און נאָך דער באַפרייאונג זיך געווענדעט צו דער יידישער קאָנגרע־גאַציע אין פוילן און צו קרובים אין ישראל זיי זאָלן איבערנעמען די השגחה און דערציאונג פון קינד (דאָס קינד געפינט זיך היינט אין ישראל, אין בית־ילדים אין נהריה).

—*—*—

ד קריסטין מאַריאַ קאָוואַלסקאַ האָט צוויי יאָר ביי זיך אין שטוב אויסבאַ־האַלטן די פרוי לעאָניאַ גרינשפּאַן־האַלבערשטאַט, נעמענדיק דערפאַר בלויז די פאַקטישע קאָסטן פון איר אויסהאַלטונג.

—*—*—

פרוי גוטשע שינאַלאָווא מיט איר טאָכטער לילי, וואָס זענען פאַרוואַל־גערט געוואָרן קיין כענטשין, האָבן איבערגעלעבט ביי אַן אָרעמען בעטלער קאַרל קיטשינסקי, 68 י. אַלט. ער האָט אין זיין אָרעמען שטיבל געמאַכט פאַר זיי אַ באַהעלטעניש. שפּעטער האָט ער צוליב זיכערהייטס־טעמים זיי באַ־האַלטן אין אַ פאַרמאַסקירטן קבר אויפן בית־עולם. דער בעטלער האָט אַליין נישט געהאַט וואָס צו עסן, איז ער אַרומגעגאַנגען אין די הייזער, געבעטלט ביי פּויערים און וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבן האָט ער זיך געטיילט מיט די באַהאַלטענע צוויי פרויען, וועלכע האָבן אַ דאַנק דעם גוט־האַרציקן בעט־לער איבערגעלעבט. נאָך דער באַפרייאונג האָט דער בעטלער געבעטן פרוי גוטשע מיט איר טאָכטער, זיי זאָלן אים פאַרלאָזן, כדי עס זאָל קיינער נישט וויסן, אַז ער האָט געראַטעוועט יידן.

—*—*—

אפילו אין הינזיכט פון דעראָבערן, צורויבן, אָדער ירשענען יידישע פאַר־מעגן, וואָס איז געווען אַ גאַנץ נאָרמאַלע דערשיינונג ביי דער גרעסטער

מערהייט פּאַליאַקן אין יענער צייט פון אויסערגעוויינלעכער „גוטער קאָניו־קטור", זענען אויך געווען געוויסע אויסנאַמען.

אַזוי האָט דער קריסט בוניק אַנטאָני אין שעדלעץ, וואָס די ברידער דוא האָבן ביי אים געלאָזן פאַרשידענע חפצים און ווערט־זאַכן, נאָך דער באַפרייאונג אָפּגעזוכט קרובים פון דער משפּחה דוא און אַלץ אַליין אָפּגעגעבן.

—*—*—

עס האָט אויך געטראָפן אַ פאַל, אַז אַ מענטש פון דער פוילישער אונטערוועלט האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו ראַטעווען אַ יידן.

משה ראַטביין מיט זיין טאָכטער גיט זיך איין אין דער נאַכט־פינצטערניש אַרויסצוקריגן זיך פון דער ראַמפּע, ווו זיי האָבן צוזאַמען מיט אַלע טויזנטער יידן געוואַרט אויף פאַרלאָדנט צו ווערן אין די וואַגאָנען קיין טרעבלינקע און זיי געלינגט אַוועקצוקריכן אויף אַלע פיר, אומבאַמערקט פון די תלינים, וואָס האָבן זיי ארומגענומען מיט א געדיכטער קייט און זיי דערשלאָגן זיך אין אַ נאָענטן גאָרטן, האָבן זיי דאָרט אַנגעטראָפן אויף אַן אומבאַקאַנטן. זיי זענען געבליבן ליגן טויט־דערשראָקן, אומבאַוועגלעך. דער מענטש האָט זיך צו זיי דערנענטערט און געזאָגט: „איך ווייס ווער איר זענט, אומגליקלעכע געפּלאָגטע יידן. קומט מיט מיר, איך וועל אייך אַוועקפירן אין אַ זיכער אָרט". און ער האָט זיי דורך הינטערוועגן אַוועקגעפירט צו זיינע באַקאַנטע, וואָס האָבן געוווינט הינטער דער שטאָט. געברענגט זיי עסן און געהאָלפן זיי אָפּראַטעווען. ראַטביין האָט דעם אומבאַקאַנטן פאַרגעלייגט געלט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען, זאָגנדיק: „באַהאַלט דיין געלט, עס וועט דיר נאָך צונוץ קומען. איך האָב מער געלט פון דיר". עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז זייער רעטער איז געווען אַ באַקאַנטער באַנדיט אין שעדלעצער געגנט.

—*—*—

געוויס זענען געווען נאָך פאַלן אין שעדלעץ און אומגעגנט, ווען פּאַליאַקן האָבן געראַטעוועט אָדער צוגעהאָלפן ראַטעווען א ייד אין יענער אומגליקלעכער גיהנום־צייט. דאָס זענען אָבער געווען בלויז אויסנאַמען פון איינצלנע קריסטן צדיקים, וואָס אבינו אברהם אבינו נאָך האָט זיי געזוכט אין סדום און אונזערע אומגליקלעכע שוועסטער און ברידער האָבן זיי געזוכט מיט ליכט און זעלטן־זעלטן געפונען.

דאַקעגן דאַרף מען קיין סך נישט זוכן, בכדי צו געפינען דאָס רשעות און אכזריות, וואָס אונזערע שכנים האָבן אַרויסגעוויזן צו יידן אין יענע פינצטערע יאָרן, און די אַקטיווע מיטהילף, וואָס זיי האָבן צוגעטיילט די דייטשן אין דער אויסראָטונגס־אַרבעט.

און פּונקט ווי מען קען נישט אָנווייזן צו וועלכן אידעאָלאָגישן לאַגער, אָדער סאָציאַלן שיכט עס געהערן די געציילטע קריסטן צדיקים, וואָס האָבן

געהאָלפן יידן, אַזוי קען מען אויך נישט אָנווייזן אויף דער גרויסער צאָל קריסטן רשעים, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן די דייטשן רויבן און מאָרדן יידן, צו וועלכן אידעאָלאָגישן לאַגער, אָדער סאָציאַלן שיכט זיי געהערן. אויך זיי זענען געקומען פון פאַרשידענע שיכטן פון דער פוילישער געזעלשאַפט און געטריבן געוואָרן צו זייערע מעשים דורך פאַרשידענע אומשטענדן. אַמאָל איז עס געווען גיריקייט נאָך יידיש פאַרמעגן, לוסט צו רויבן יידישע חפצים. הרגענען אַ יידן האָט געגעבן די מעגלעכקייט אָראָפּצוציען פון אים די מלבו־שים און שיך, צונעמען דאָס געלט, וואָס דער ייד האָט ביי זיך געהאַט. עס האָט געלאָקט דער לוין פון עטלעכע קילאָגראַם צוקער, אָדער עטלעכע פלעש־לעך בראָנפן, מיט וואָס די דייטשע רוצחים האָבן באַלוינט פאַר הרגענען אָדער צושטעלן אַ לעבעדיקן יידן. אַמאָל איז עס געווען אַ פּראָדוקט פון וויל־דע חיה׳שע אינסטינקטן, דורשט נאָך בלוט, וואָס די דייטשן האָבן אויפגע־וועקט ביי געוויסע טיילן פון דער פוילישער באַפעלקערונג. אָבער אַממערסטן איז דאָס געווען אַ פּראָדוקט פון דער איינגעבאַקענער שנאה צו יידן, וואָס געוויסע קרייזן האָבן לאַנגע יאָרן געזייעט צווישן די פוילישע מאַסן. און זיי, די מאַסן, האָבן ענדלעך געפונען דעם שעת־הכושר אויסצולאָדן די אָנ־געזאַמלטע שנאה, צולייגן אַ האַנט צו דער פאַרווירקלעכונג פון לאָזונג: „פוילן אָן יידן".

באַלד אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע האָט מען אויף טריט און שריט געהערט פון גרעסטן טייל פוילישע שכנים דראָאונגען מיט דער דיי־טשער סטראַשידלע. מסירות און אינטערווענצן ביים דריטן צד זענען געוואָרן זאַכן פון טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען.

אַפילו קליינע שקצימלעך זענען אַרומגעגאַנגען ביי די יידישע הייזער און אויפגעשריבן „יודע", אָנגעוויזן דייטשן ווו עס וווינען פאַרמעגלעכע יידן, געהאָלפן דייטשן כאַפּן יידן צו אַרבעט און געהאָלפן אויסזוכן באַהאַל־טענע יידן.

—*—*—

אין אָקטאָבער 1939 האָט אַ דייטש מיט אַ פוילישער פרוי געפּראַוועט אַ סעקסועלע ארגיע אין הויף 25 אויף פיענקנע גאַס. דער שכן פון זעלבן הויז, דער שוסטער ארזשעך, נישט וויסנדיק פון גאָרנישט, איז צופעליק פאַר־ביייגעגאַנגען און אָנגעטראָפן אויף דער סצענע. די שכנטע וועמען דער ייד האָט גוט געקענט, נישט וועלנדיק עס זאָל ווער וויסן פון אירע מעשים טובים, האָט אונטערגעהעצט דעם דייטש, וועלכער האָט פאַרהאַלטן דעם ייד, אָפּגעפירט אים אין געסטאַפּאָ און געמאָלדן, אַז דער ייד האָט זיך גע־וואָרפן אויף אים שלאָגן. מען האָט דעם יידן כלומרשט געשטעלט פאַר אַ מיליטער־געריכט, ווו עס זענען אַרויסגעטראָטן אַלס עדות דער דייטש און די גאַסן־פרוי. פאַרשטייט זיך, אַז די שולד פון דעם יידן איז „דערוויזן גע־

װאָרן". אין עקסטרע פּאַנאַנדערגעקלעפּטע פּלאַקאַטן אין די שעדלעצער גאַסן איז מיטגעטײלט געװאָרן פון דעם גערעכטן טויט־אורטײל, װאָס איז אויסגעפירט געװאָרן איבער דעם ייד פאַר אָנפאַלן אויף אַ דײַטשן מיליטער־מאַן.

—*—*—

עס האָט נישט געהאָלפן קיין אַלטע באַקאַנטשאַפט און פרײַנטשאַפט, אַפילו נישט דאָס, װאָס מען איז אַמאָל געװען שול־חברים, געלערנט צוזאַמען, אָדער געאַרבעט און געהאַנדלט צוזאַמען.

אברהם נאַדװאָרנע האָט באַשלאָסן נישט גײן אין געטאָ, נישט לאָזן זיך אײַנשליסן אין געטאָ־שטײג, װאָס איז אײַנגעפירט געװאָרן אין שעדלעץ. ער האָט זיך פאַרשאַפט אַרישע פּאַפּירן און איז אַװעק קיין לוקאָװ, כדי נישט צו זײַן אין זײַן היים־שטאָט, װוּ מען קען אים דערקענען. זיצנדיק אַמאָל בײַ מיטאָג אין אַ פּוילישן רעסטאָראַן, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ באַקאַנטן קריסט, װעלכער האָט גלײַך װעגן אים געמאָלדן אין געסטאַפּאָ. נאַדװאָרנע איז דאָרט אין משך פון פיר טעג פאַרפּײַניקט געװאָרן צום טויט.

—*—*—

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט סאָלעק טאַבאַקמאַן (זון פון אברהם טאַבאַקמאַן). אויך ער האָט זיך געהאַט פאַרזאָרגט מיט אַרישע פּאַפּירן. ער איז נישט געװען אין געטאָ און איז ניצול געװאָרן פון דער ערשטער שחיטה פון די טרעבלינקער גאַז־קאַמערן. נאָך דער ליקװידאַציע פון געטאָ איז טאַבאַקמאַן געקומען אויף דער באַן־סטאַציע, כדי אָפּצופאָרן קיין װאַרשע. ער האָט געהאַט אַ „גוטן אויסזען" מיט גוטע פּאַפּירן און קײנעם װאָלט נישט אײַנגעפאַלן, אַז ער איז אַ ייד. נאָר דאָ האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט זײַנעם אַ שול־חבר, צוזאַמען געלערנט אין גימנאַזיע, צוזאַמען געמאַכט לעקציעס. דער שול־חבר האָט צוגערופן דײַטשע זשאַנדאַרמען און געהײסן טאַבאַקמאַנען פאַרהאַלטן אַלס ייד. טאַבאַקמאַן האָט זיך צו אים געװענדעט: „קאָלעגע, װאָס טוסטו?" אויף דעם האָט זיך דער קאָלעגע צעשריגן: „מילטש זשידזשע" (שװײַג יידל!). די דײַטשן האָבן נישט קיין חשק געהאַט צו אַרעסטירן טאַבאַקמאַנען, זאָגנדיק, אַז זײַן אויסזען איז נישט קיין יידישער. דער יונגער קריסט האָט זיי געדראָט, אַז ער װעט זיי מסרן פאַר דער העכערער מאַכט פאַר באַפרײַען אַ יידן. דער געװעזענער שול־חבר איז נישט אָפּגעטרעטן ביז טאַבאַקמאַן איז דערשאָסן געװאָרן.

—*—*—

די פײַנטלעכע באַציאונג צו די פאַרפאָלגטע יידן און דאָס נישט װעלן אויסשטרעקן אַ האַנט פון הילף איז געװען פאַרשפּרײט צװישן אַלע שיכטן, אַזוי צװישן דאָרפישע פּויערים װי צװישן שטאָטישע דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ.

שרה גאָלדפינגער (טאָכטער פון ברוך מרדכי קלײנמאַן) דערצײלט, אַז

ד״ר בוטשינסקי, וועלכער איז געווען אַ שטוב־דאָקטאָר בײַ די קליינמאַנס און אַ גוטער באַקאַנטער, האָט איר אַרויסגעטריבן פון שטוב, ווען זי איז גע־קומען זוכן בײַ אים אַ באַהעלטעניש. לויט ווי פרוי גאָלדפינגער גיט איבער, האָט ד״ר בוטשינסקי, וועלנדיק פון איר פטור ווערן, געגעבן איר צו טרינקען טיי געמישט מיט סם, וואָס זי האָט דערשפּירט ביים ערשטן שלונג.

—*—*—

א גרויסער טייל פּאַליאַקן האָבן פון דער יידישער טראַגעדיע געמאַכט פאַר זיך אַ משא־ומתן, האָבן געזוכט צו דערווערבן זיך פאַרמעגן אָדער רייך צו ווערן דורך וועלכן עס איז אופן פון הפקר־געוואָרענעם יידישן פאַרמעגן. כדי דאָס צו דערגרייכן, זענען אַלע מיטלען געווען כשר.

דער יונגער שעדלעצער קריסט טאָפּעק אַרטיק, האָט אָנגעזאַמלט אַן אוצר פון דברי־קודש: ספרי־תורות, מגילות, מזוזות, תפילין, טליתים, ספרים און פיל אַנדערע הייליקייטן, זאָגנדיק, אַז אַמעריקאַנער יידן וועלן אַמאָל דערפאַר גוט באַצאָלן. קיין שום זאַך האָט אים נישט געשטערט צו דערגרייכן זיין ציל.

—*—*—

פּראָפעסאָר בוכהאָלץ, אַ פּאָליאַק פון דייטשער אָפּשטאַמונג, אַ באַקאַנטער אַנטיסעמיט אין שעדלעץ, איז פון די דייטשן באַשטימט געוואָרן אַלס אפּו־טרופּוס איבער די צוגערויבטע נישט־באַוועגלעכע פאַרמעגנס פון יידן. דער אַמט זיינער האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אָנצוזאַמלען פאַרשידענע יידישע ווערטפולע חפצים, פון וואָס ער איז רייך געוואָרן. מיט אַ באַזונדערן פלייס האָט ער זיך גענומען זאַמלען ספרי־תורות, וועלכע ער האָט שפּעטער נאָך דער באַפרייאונג פאַרקויפט צו יידן פאַר גוטע פרייזן.

—*—*—

דער אָרעמער לערער העגריק כראָמינסקי האָט אויך באַשלאָסן, אַז מען דאַרף אויסנוצן די זעלטן־גוטע „קאָניוקטור״, פטור צו ווערן פון דער קנע־לונג און איינמאָל פאַר אַלעמאָל רייך ווערן. מיט דער מיטהילף פון זיין פרוי, וואָס האָט אַ גוטן חוש פאַר מסחר, האָט ער געעפנט אַ געהיימע פאַרמיטלונגס־ביוראָ. די געפלאָגטע געטאָ־יידן האָבן צו אים געטראָגן זייערע מלבושים, וועש, צירונג און פוטערס. זיי האָבן באַקומען דערפאַר גראָשנס.

בײַ דער ליקווידאַציע פון געטאָ האָט ער געשאַפן אַרישע פּאַפּירן פאַר די, וואָס האָבן אים געקענט גוט באַצאָלן. ער האָט אויך געהאַנדלט מיט באַ־העלטענישן, געשאַפן א באהעלטעניש פאר פרוי יהודית גרינבערג מיט איר טאָכטער, פאַר דער משפחה קליינמאַן און אַנדערע.

דער אָרעמער לערער האָט געמאַכט אַ גרויס פאַרמעגן. נאָך דער באַפריי־אונג האָט ער געקויפט פיל יידישע הייזער, צווישן אַנדערע דאָס הויז נאָך מענדל כהן.

דער אין שעדלעץ באקאנטער סוחר פון עלעקטרישע צודאטן לעאָנאַרד אָסקערקאַ, האָט פון שטענדיק געהאַלטן, אַז זיין אַן אַנטיסעמיט איז אַ סגולה צו פּרנסה — און ער איז דאָס שטענדיק געווען מיט זיין לאָזונג פון „סוואַי דאָ סוועגאָ", אין דער „אָוושעם"־צייט. מיטן אריינקומען פון די דייטשן — דערציילט משה האלבערשטאַט — האָט ער זיך דערשפּירט אין דער אמתער הויט, ווי ביי זיך אין דער היים און אַנגעטאָן יידן גרויסע צרות ביי יע־דער געלעגנהייט געזידלט און געשלאָגן יידן זאָגנדיק: איצט איז געקומען מיין צייט, אַן עק מיט אייך זשידקעס.

נאָך ווילדער און ברוטאלער איז געווען זיין זון. ער האָט געמסרט יידן ביי דער געסטאַפּאָ און זאָנדער־דינסט, מיט וועלכע ער האָט זיך כסדר גע־חברט און גורם געווען פיל יידן דעם טויט. ער איז אָפט געקומען אין געטאָ מיט דייטשן צו העלפן דורכפירן די „לאַפּאַנקעס", און אויפהער פארביטערט די יידן זייער לעבן מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט.

נאָך דער באפרייאונג האָט אים די פּוילישע געריכטס־מאכט ארעסטירט און ער האָט באדארפט אָפּגעבן פאַרן משפּט א דין־וחשבון פון זיינע מעשים. זיין מוטער האָט אָבער אויסגענוצט פארשידענע פּראָטעקציעס און אינטער־ווענצן, ביז מען האָט איר תכשיט ארויסגעלאָזן אויף דער פריי — אין שעד־לעץ האָט ער מורא געהאַט צו בלייבן און איז אוועק קיין וורא‍ָצלאוו (ברעס־לאו). דאָרט האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט זיינע ווילדע מעשים צו וועלכע ער האָט זיך צוגעוווינט אין די יאָרן פון „גוטער קאָניוקטור", אויסגעפירט רויב און מאָרד־אָנפאַלן פאַר וואָס די פּוילישע מאכט האָט אים פארמשפּט צום טויט.

—*—*—

שרה יום־טוב האלבערשטאַט האָט פאַרן אוועקגיין אין געטאָ, געלאָזן אירע בעסערע מלבושים ביי דער באקאנטער פּוילישער משפּחה מאַזור. אָנ־הייב 43־טן יאָר, ווען זי האָט געדארפט אָפּפאָרן פון שעדלעץ, האָט זי גע־שיקט א שליח צו די מאזורס און געבעטן איר קאָסטיום אויף וואָס די מאזורס האָבן געזאָגט, אַז זיי ווייסן נישט פון וואָס צו זאָגן, קיינער האָט ביי זיי קיין מלבושים נישט געלאָזן, און אז פרוי האלבערשטאַט איז אין א פינצטערע נאכט אליין אוועק צו די מאזורס נאָך אירע מלבושים האָט מען נישט גע־וואָלט עפענען די טיר, איר נישט אריינגעלאָזן אין שטוב און איר געדראָט, אויב זי גייט נישט אוועק וועט מען רופן די געסטאַפּאָ. ערשט נאָך דער באַ־פרייאונג, מורא האָבנדיק פאַר קאָנסעקווענצן האָבן די מאזורס אָפּגעגעבן די מלבושים.

—*—*—

די מערסטע גויים, וואָס האָבן געהאָלפן יידן האָבן דאָס געטאָן צוליב די הויכע פּרייזן, וואָס יידן האָבן דערפאַר באַצאָלט, אָדער צוליב אַנדערע איי־

גן־נוציקע צוועקן. פיל יידן, וואָס האָבן אוועקגעגעבן זייערע פּאַרמעגנס צו גויים מען זאָל זיי באַהאַלטן, זענען געוואָרן פון די גויים ארויסגעטריבן אויף דער גיהנומדיקער גאַס (אויב זיי האָבן זיי נישט דערהרגעט) נאָך דעם, ווי זיי האָבן די פּאַרמעגנס צוגענומען, וויסנדיק, אַז די יידן מיט זייערע פּאַרמע־גנס זענען הפקר, אויסערן געזעץ.

—*—*—

מיינע ברידער שלמה און דוד האָבן אָפּגעמאַכט מיט א באַקאַנטן קריסט, וואָס האָט געוווינט אין א וואַלד, אַז ער באַהאַלט זיי פאַר א געגנוג הויכן לוין. נאָך עטלעכע טעג זיין ביי דעם גוי, האָט ער ביי זיי צוגענומען דאָס פּאַר־מעגן און ארויסגעטריבן.

—*—*—

די ברידער רפאל און משה קישעלינסקי האָבן באַצאָלט א גוי אין דאָרף אַסטראָוועק ביי שעדלעץ פיר טויזנט זלאָטעס א חודש פאַר דערלויבן, זיי זאָלן זיך מאַכן אַן אונטערערדישן בונקער אין זיין פעלד. דאָס האָט דעמאָלט געהייסן 800 דאָלאַר א חודש.

—*—*—

משה ראָטביין, צירל קאַפּלאַן און נאָך אַנדערע האָבן א חוץ די גרויסע סומען געלט, וואָס זיי האָבן באַצאָלט די גויים פאַרן אויסהאַלטן זיי, אויך געמוזט זיי אָפּשרייבן זייערע הייזער.

—*—*—

און ווען די 15־יאָריקע אידזשא ל. האָט זיך געווענדעט צו איר פּאָטערס קריסטלעכן באַקאַנטן קאַרדאָווסקי ער זאָל זי באַהאַלטן, האָט ער ציניש איינ־געשטימט נאָר פאַר דעם פּרייז, זי זאָל זיך אים איבערגעבן.

—*—*—

ישראל אָרלאַנטשיק, וואָס איז געווען באַהאַלטן ביים גוט־באַזיצער וואָר־טאַששעוויטש (ביי שעדלעץ) גייט אין שכנותדיקן דאָרף כלעוויסק זיך זעען מיט זיין פרוי, וואָס איז געווען דאָרט באַהאַלטן, ווערט ער באַמערקט פון באַקאַנטע גויים, זיי מסרן אים פאַר דער פּאָליציי, וועלכע רינגלט ארום דאָס הויז, וווּ ער האָט זיך באַהאַלטן. אָרלאַנטשיק ווערט ארויסגעשלעפּט און דערשאָסן.

פאַר דעם האָט אָרלאַנטשיק ביי א באַקאַנטן קריסט געלאָזן זיין קינד, א יינגעלע פון 5 יאָר, האָט דער באַקאַנטער קריסט אליין דאָס קינד דערהרגעט.

—*—*—

יוסף קעסעלברענער, וואָס האָט ארומגעבלאָנקעט אלס פאַרשטעלטער קריסט אין פאַרשידענע דערפער, אלס פּאַסטוך, בלעכער, סטאָליאַר, מילנער, סטרוזש, איז אָנגעקומען אין דאָרף פּאַגאַנאָוו (לוקאָווער קרייז), האָט ער פּונקט אָנגעטראָפן, ווי מיט א האַלבער שעה צוריק האָבן 2 גויים פון דאָרף

קראסוצקי, מירכא און זיין שותף — צו מאָרדן יידן — וויטקאָווסקי דערהרגעט זיין אייניקל אלתר זאקאליק 20 יאָר אלט.

וויטקאָווסקי האָט זיך באַרימט פאַר קעסעלברענערן דעם „קריסט", וואָס האָט געמוזט באַהאלטן זיינע געפילן צוליבן טויט פון זיין אייניקל, אז דאָס איז דער אכטער ייד, וואָס זיינע הענט האָבן אומגעבראַכט (דערביי אים באַוויזן זיינע בלוטיקע הענט).

—*—*—

זובראָוויטש יוסף דערציילט: אין דאָרף קשימוס האָבן ביי א פויער זיך אויסבאַהאלטן צוויי פאַמיליעס פון שעדלעץ: פינקעלשטיין און קאַנאָפּנע, צוזאַמען עלף פּערזאָן. דער פויער וואַכאָוויטש האָט פון דעם זיך דערוווסט, איז ער אוועק און געבראַנגט דייטשן, זיי אַנגעוויזן אויף דער באַהעלטעניש. די דייטשן האָבן די יידן דערשאָסן.

—*—*—

דער יונגער אשר וואַרשאַווסקי פון מאָרד האָט זיך אַרויסגעקריגן פון אונטער די דייטשע נעגל און איז אַנטלאָפן, האָבן אים גוים געיאָגט עטלעכע קילאָמעטער ביז זיי האָבן אים געכאַפּט, געבונדן און איבערגעגעבן די דייטשן.

—*—*—

קובא אלבערג דערציילט: דער פּאָליאַק ראַדזיקאָווסקי קאַזשימיעזש, וואָס וווינט אונטער דער שטאָט אין שעדלעץ, האָט פאַרנאַרט צו זיך יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון שחיטות און פון די טויט־וואַגאָנען. כלומרשט האָט עס געהייסן, אַז ער גיט זיי א באַהעלטעניש. ווען ראַדזיקאָווסקי האָט שוין געהאַט פאַרנאַרט צו זיך 40 יידן, האָט ער זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון דער זשאַנדאַרמעריע, וועלכע האָט די אומגליקלעכע יידן אומגעבראַכט.

—*—*—

נאַטקע לעווין — קוטין דערציילט:

איר שוועסטער פעלע לעווין — אדלער (טאָכטער פון יהושע לעווין) מיט איר 4־יאָריק קינד חנה'לע האָבן זיך באַהאלטן אין א סטאָדאָלע אין דאָרף מירכא. צו איר איז איינמאָל געקומען איר מאַן העניעק. גוים האָבן אָבסערווירט זייער באַהעלטעניש און געגעבן צו וויסן דעם סאָלטיס. עס איז געוואָרן א ווילד אָנגעלויף פון פיל פויערים מיט קאָסעס און העק, זיי האָבן די אומגליקלעכע קרבנות אַרויסגעשלעפּט פון באַהעלטעניש זיי געהיטן און אוועקגעשיקט א שליח קיין סקורזשעץ נאָך פּאָליציי מיט דער בשורה, אַז מען האָט געכאַפּט אַזש דריי יידן. די אָנגעקומענע פּאָליציי האָט די קרבנות אוועקגעפירט קיין שעדלעץ צו דער געסטאַפּאָ, ווו זיי זענען דערשאָסן געוואָרן.

—*—*—

אין אָקטאָבער 1942 האָבן פעלעק גאָלדבערג און פרימעט ראָטבארד

געארבעט אין ראַליק, שלאָפן זענען זיי נישט געגאַנגען אין קליינעם געטאָ, נאָר צו זייער באַקאַנטן קריסט אין שעדלעץ שטשור אויף 10־טער לוטי גאַס, פון דעם האָט זיך דערוווּסט דער באַלעבאָס פון הויז גלושטשאַק, ער האָט דאָס איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ, וועלכע איז געקומען 12 ביינאַכט ארויס־געשלעפּט די קרבנות אויפן ספּאָרט־פּלאַץ און זיי דערשאָסן.

שטשור מיט זיין פרוי זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַר האַלטן יידן, אים דערשאָסן און זיין פרוי פאַרשיקט אין א קאָנצענטראַציע־לאַגער.

—*—*—

חנטשע דוואַש־מיעדזינסקי פון דאָרף פּליפּק ביי שעדלעץ דערציילט:

איר פאָטער מאָטל דוואָש איז א צייט געווען באַהאַלטן ביי א באַקאַנטן פּויער אין דאָרף פּליפּק, נאָך א געוויסער צייט, האָט אים דער פּויער ארויס־געטריבן. ער האָט ארומגעבלאָנקעט אין פעלדער, נישט געהאַט, ווו אריינצו־גיין. ענדלעך איז ער אוועק צו א צווייטן באַקאַנטן פּויער, ווו זיין טאָכטער מיט א קינד זענען געווען באַהאַלטן און געבעטן א באַהעלטעניש, אמוויי־ניקסטן — אריינלאָזן אויף א ווילע זעען זיך מיט דער טאָכטער און קינד. דער באַקאַנטער פּויער, דער רוצח אַרזשעלאָווסקי טאַדעאוש האָט דוואָשן דערהרגעט מיט א האַק, אים אוועקגעפירט אין וואַלד און דאָרט באַגראָבן.

—*—*—

4 יונגע קינדער, שמילקע, יאָסעלע, שיעלע און דאָס מיידעלע פעשקע דוואָש זענען געווען באַהאַלטן אין א סטאָדאָלע ביים פּויער רומקאָמינסקי טאַדעאוש אין זעלבן דאָרף. אין א געוויסן טאָג איז דער פּויער אוועק צו דער פּאָליציי, געמאָלדן, אז ביי אים זענען דאָ 4 יידן און געפּאָדערט, זיי זאָלן קומען זיי הרגענען. אז די פּאָליציי, וואָס זענען געווען באַקאַנטע, האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן, איז דער פּויער אוועק צו די דייטשן און זיי דערפון געמאָלדן. די דייטשן האָבן דאַן באַפוילן דער פּאָליציי צו גיין דערשיסן די 4 קינדער. די געקומענע פּאָליציי האָט געהייסן די קינדער לויפן און פון אונטן זיי נאָכגעשאָסן. דער פּויער האָט די קינדער באַגראָבן נעבן זייער שטוב.

—*—*—

די צוויי ברידער שמואל און שמעון דוואָש פון שעדלעץ, וואָס האָבן זיך געפונען אין דאָרף האָט דער פּויער, רוצח פראַנצישעק קאַרפּוס זיי אריינגע־שלעפּט אין זיין סטאָדאָלע און מיט א האַק אָפּגעהאַקט זיי די קעפּ.

צוויי פרויען — א מוטער מיט א טאָכטער דוואָש — האָבן זיך אָפּגע־זוכט א באַהעלטעניש אין א סטערטע שטרוי אויפן פעלד, זענען זיי אנט־דעקט געוואָרן פון צוויי פּויערים ציבולסקי און קשימאָסיק, וועלכע האָבן די אומגליקלעכע פרויען דערהרגעט.

—*—*—

צוועלף יידן האָבן געוווינט אין דעם דאָרף פּליפּק, זענען אלע אומגעקו־

מען פון היימישע באקאנטע פויערים־רוצחים.

—*—*—

אין זעלבן דאָרף האָבן זיך געפונען נאָך עטלעכע יידן באהאלטענע אין פארשידענע ערטער, צווישן זיי א פרוי מאניע מיט איר קינד סעוועק פון ווארשע, א מיידל חנטשע פון נאשעלסק, א יונגערמאן פון שעדלעץ, וואָס האָט פונקט געגעסן אין דער דאָרפישער רעסטאָראציע. האָבן אָרטיקע פויע־רים געמאכט איבער זיי א געיעג — זיי צוזאמענגעבראַנגט אין א סטאָדאָלע און מיט העק אלע אויסגעהרגעט.

—*—*—

שמעון שאנשיין, וואָס האָט איבערגעלעבט אין די וועלדער ארום סאר־נאק, ביים בוג דערציילט: דער פויער יאן גריגאָרטשיק אין דאָרף פלאָס־קאָוו ביי סארנאק האָט פאר א גוטן פרייז אויסבאהאלטן ניין יידן. דאָס בא־העלטעניש איז געווען ביים פויער אין שטוב אין א גרוב געמאכט אונטער דער פאָדלאָגע. דעם 20־טן יאנואר 1943, נאָך דעם, ווי די יידן זענען דאָרט געווען באהאלטן דריי חדשים, האָט דער פויער געעפנט דעם גרוב און אויף א שוידערלעכן אופן אומגעבראכט די אומגליקלעכע. דער פויער האָט אויף די יידן אין גרוב געגאָסן צוגעגרייטע טעפ זודנדיק וואסער. די, וואָס זענען נאָך געבליבן לעבן נאָך דער שוידערלעכער עקזעקוציע, האָט דער פויער פארענדיקט מיט א שטיק אייזן איבער די קעפּ. איינעם פון די קרבנות — אליהו פון לאָשיץ — איז געלונגען אן אָפּגעבריטער זיך ארויסצוקריגן פון דעם רוצחישן פויערס לאפעס. ער איז אוועק צו דעם סאָלטיס פון דאָרף און געבעטן ער זאָל אים פירן צו דער זשאנדארמעריע. פארשטייט זיך, אז דער סאָלטיס האָט דאָס אים צוליב געטאָן. ביי דער זשאנדארמעריע האָט אליהו איבערגעגעבן פון דער שוידערלעכער רציחה ביי דעם פויער אין גרוב. די זשאנדארמעריע האָט ביי דעם פויער דורכגעפירט א רעוויזיע און געפונען געוועהר. פאר דעם (און נישט פאר אומברענגען אכט יידן), האָבן זיי דעם פויער צוגענומען און ליקווידירט.

—*—*—

אין דער זעלבער צייט האָט א צווייטער פויער אין זעלבן דאָרף, טעאָ־דאָר, זיך פארקוקט אויף זיין רוצחישן שכן גריגאָרטשיק און אויך דערהר־געט עטלעכע יידן, וואָס זענען געווען ביי אים באהאלטן. מען האָט ביי דעם רוצח געפונען אן אָפּגעהאקטן פרויען־קאָפּ אין וועלכן מען האָט דערקענט א מיידל פון סארנאק — דבורה זילבערשטיין, און דעם קערפּער פון אהרון שווארצבארד פון בלאשקי.

—*—*—

שרה יום־טוב האלבערשטאט דערציילט, אז די קרינסקיס אין א דאָרף צווישן שעדלעץ און מאָרד האָבן בעת דער ליקווידאציע פון געטאָ צו

זיך אריינגענומען א יידישע פרוי, א שניידערין פון מארד. זיי האָבן איר באהאלטן און אויסגעהאלטן אזוי לאנג ביז זי האָט אויפגעגייט פארשידענע קליידלעך און מלבושים פאר דער גאנצער משפחה. ווען די פרוי האָט די ארבעט פארענדיקט האָט דער גוי די אומגליקלעכע געבונדן, אוועקגעפירט אין שטאָט און זי איבערגעגעבן דער זשאנדארמעריע, וואָס האָט איר גלייך דערשאָסן.

—*—*—

נאָך דער באפרייאונג איז פאָרגעקומען אין שעדלעצער קרייז־געריכט דער פראָצעס פון די וועגגראָוער פייערלעשער מיט זייער נאטשאלניק אייכלער בראש — פאר זייערע בלוטיקע מעשים. קיין קריסטן־עדות זענען נישט געווען — גויים האָבן מורא פאר נקמה עדות צו זאָגן קעגן זייערע שכנים. יידישע עדות זענען כמעט נישטאָ, זיי זענען אלע אומגעקומען. בלויז איין יידישער עדות מ. מ. גורא איז געווען אויפן פראָצעס און ער האָט איבערגעגעבן די מעשים פון די פייערלעשער. דאָס געריכט האָט אנערקענט זייער שולד און דעם נאטשאלניק פון די פייערלעשער אייכלער פארמשפט אויף אכט יאָר תפיסה און זיינע מיטהעלפער צו צוויי יאָר.

—*—*—

פון די געציילטע פראָצעסן קעגן פאָליאקן רוצחים, וואָס זענען פאָרגעקומען נאָך דער באפרייאונג האָט מען זיך דערוווּסט שוידערלעכע פּרטים פון רציחות. אזוי האָט מען זיך דערוווּסט, אז אין א דאָרף צווישן שעדלעץ און לוקאָוו זענען ביי אן אלטן 70־יאָריקן פויער געווען באהאלטן עטלעכע יידן. אין א ווינטער־נאכט האָט דער אלטער פויער צוזאמען מיט זיינע זין, מיט העק און קאָסעס אויסגעהרגעט די גרופע יידן. ביים באגראָבן די קרבנות האָבן זיי פעסטגעשטעלט, אז לויט דער צאָל, וואָס זענען געווען ביי זיי באהאלטן, פעלט איין ייד. די רוצחים האָבן זיך ארומגעקוקט אויפן שניי און דערקענט טריט, ווי אויך בלוט־פלעקן. עס איז פאר זיי געווען קלאָר, אז די טריט און בלוט־סימנים זענען שפּאָרן פון דעם ייד, וואָס איז לעבנגעבליבן און אנטלאָפן. דער אלטער פויער איז אין מיטן דער נאכט נאָכגעגאנגען די טריט און בלוט־צייכנס, וואָס האָבן געפירט צו א פויער פון א צווייטן דאָרף. ער איז אריין און געפאָדערט, מען זאָל אים ארויסגעבן „זיין" ייד און אז דער פויער האָט זיך אָפּגעזאָגט ארויסצוגעבן דעם ייד האָט דער אלטער רוצח געסטראשעט, אז ער גייט נאָך דייטשן. דאָס האָט געווירקט און דער ייד האָט זיך צוריק געפונען אין די רוצחישע הענט פון דעם אלטן מערדער, וואָס האָט דעם ייד ארויסגעפירט אין פעלד און אים דערמאָרדעט.

פון דער בלוטיקער רציחה האָט מען זיך דערוווּסט שפּעטער, ווען דער צווייטער פויער, ביי וועלכן דער אומגליקלעכער ייד האָט געזוכט א באהעלטעניש, האָט דאָס דערציילט. דער אלטער מערדער און זיינע זין זענען געמש־

פט געוואָרן אין שעדלעצער קרייז־געריכט. אויפן פּראָצעס האָבן די פּויערים־עדות — מורא האָבנדיק פאַר נקמה — זיך צוריקגעצויגן פון זייער באַשולדי־קונג און די רוצחים זענען באַפרייט געוואָרן צוליב מאַנגל אין באַווייזן.

—*—*—

יאַנטל גאָלדמאַן גיט איבער:

פּויערים אין די דערפער שווייגן מיט עקשנות און ווילן נישט אויסזאָגן ווו אויף זייערע פעלדער, אָדער הייף עס ליגן באַגראָבן יידן, וואָס זענען אומגעקומען פון פּאָליאַקן. זיי האָבן מורא, אז זיי וועלן דאַרפן עדות זאָגן קעגן זייערע אייגענע שכנים. דאַקעגן ווייזן זיי גאַנץ גערן אָן די ערטער, ווו עס ליגן באַגראָבן יידן אומגעקומענע פון דייטשע מערדער.

—*—*—

א שווידערלעך בלוטיק קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פאָר דער אנטייל פון דער „גראַנאַטענער" פּאָליציי מיט זייער אָנגעזעענעם צושטייער אין דער אויסראָטונג פון יידן. באַוואָפנט מיט דער אלט־איינגעבאַקענער שנאה צו יידן און האָבנדיק אזא אויסערגעוויינלעכן שאַנס אין די הענט פון קאָנען פראַנק און פריי מאָרדן און רויבן, האָבן זיי, פּונקט, ווי אויפן גאַנצן פאַר־ניכטונגס־שטח אין פּוילן אזוי אויך אויפן שטח פון אונזער חרובער היים, נישט געוואַרט אויף באַפעלן. זיי האָבן דאָס געטאָן פרייוויליק אליין פון איי־גענער איניציאַטיוו. זיי האָבן אַרויסגעוויזן א שטאַרקן פלייס אין די ליקווי־דאַציע־טעג, ביים אַרומרינגלען דאָס געטאָ, געהיט, אז א ייד זאָל זיך פון דאָרט נישט אַרויסקריגן. זיי האָבן אַקטיוו מיטגעאַרבעט אויף דעם אומשלאַג־פּלאַץ, ביים אָפּטראַנספּאָרטירן די קרבנות קיין טרעבלינקע און, ווי געניטע שפּיר־הינט, שפּעטער, נאָך דער ליקווידאַציע אַרומגעגאַנגען אין שטאָט, ווי אין די דערפער, אין פעלדער און אין וועלדער, אויסגעזוכט באַהאַלטענע יידן און אליין זיי דערמאָרדעט.

וועגן דעם ווייסן צו דערציילן אלע לעבנגעבליבענע יידן, און ווי זיי גיבן איבער, זענען פון די בלוטיקע הענט פון דער גראַנאַטענער פּאָליציי אומגעקומען פיל מער באַהאַלטענע יידן, ווי פון די דייטשע רוצחים.

—*—*—

דוד ליסטיק, וואָס איז די ערשטע צייט געווען באַהאַלטן אין געגנט פון בראַשקאָוו דערציילט: ווען דער טראַנספּאָרט יידן פון קאַלושין, אויפן וועג קיין טרעבלינקע איז אדורכגעגאַנגען די סטאַציע בראַשקאָוו, איז פון צוג אַראָפּגעשפּרונגען א יונגער בחור. פון שפּרונג האָט ער זיך שטאַרק צע־קלאַפּט און אין יסורים געבליבן ליגן ביי די באַן־רעלסן און נישט געקאָנט אוועקגיין. אויף זיינע קרעכצן זענען ווי אויף א בייזן וואונדער אָנגעקומען גויים. ער האָט זיך געבעטן עס זאָל אים ווער העלפן אוועקגיין פון באַן־פּלאַנט אויף וואָס זיי האָבן געענטפערט מיט א ווילד געלעכטער. דאַקעגן

האָבן זיך געפינען אזעלכע, וואָס זענען געגאנגען רופן פּאָליציי. די געבליבענע גויים האָבן דערוייל פון אים אראָפּגעצויגן זיינע מלבושים. די אָנגעקומענע פּאָליציי האָט דעם בחור געטראָפן שוין אינגאנצן נאקעט און אים דערשאָסן.

—*—*—

די זעלבע פּאָליציי אין בראשקאָוו האָט דערשאָסן ישראל אָרלאנטשיקן, וואָס איז געמסרט געוואָרן פון באקאנטע גויים בעת ער איז געגאנגען אין נאָענטן דאָרף כלעוויסק זיך זעען מיט זיין פרוי — די פּאָליציי האָט ארומ־גערינגלט דאָס הויז, ווו אראָנטשיק האָט זיך באהאלטן, אים ארויסגעשלעפּט און דערשאָסן.

—*—*—

מען דערציילט: אין דאָרף סטאק־לאצקי האָט ווינטער, סוף 1942 זיך גע־פונען א שיין יונג מיידל לאה, אויף איר האָט זיך מרחם געווען א רוסישער פּארטיזאן שורא, וואָס האָט זיך אויפגעהאלטן אין די שכנותדיקע וועלדער. ער האָט דאָס מיידל גענומען צו זיך, איר אויסבאהאלטן אין זיין באהעלטע־ניש אין די וועלדער. פון דעם האָט זיך דערוווסט א פּוילישער פּאָליציאנט, וועלכער האָט אָפּגעזוכט דאָס מיידל און איר דערשאָסן.

—*—*—

באהאלטענע צוויי־ און פערציק יידן אין דאָרף קאָטון, ווערן אנטדעקט פון פּאָליציי־אגענט מאַרצישעווסקי, שאנטאזשירט ער זיי דריי חדשים, פּרעסט ביי זיי אויס, וואָס עס לאָזט זיך, צום סוף שיקט ער אָן פינף פּאָליציאנטן, וואָס דערהרגענען ניינצן פון זיי.

זעקס פון די לעבנגעבליבענע, די משפחה קישעלינסקי, ווען זיי געפינען זיך באהאלטן אין א גרוב אין דאָרף אָסטרוּוועק ווערן זיי ווידער באפאלן פון פּוילישע פּאָליציי, וואָס דערהרגענען צוויי פרויען און א קינד.

—*—*—

ווען משה מענדל גורא און זיינע 2 שוועסטער שלאָפן אין באהעלטע־ניש אויפן שטרוי־בוידעם ביי א פּויער אין דאָרף, ווערן זיי באפאלן פון פּוילישע פּאָליציי־לייט. זיי פירן זיי אָפּ אין ארעסט און גרייטן צו א גרוב פאר די קרבנות, וואָס דארפן באלד דערשאָסן ווערן. דורך א ווונדערלעכן צופאל האָבן זיי זיך געראטעוועט אונטערגראָבנדיק זיך אונטערן דאָרפישן ארעסט־קאמער און אנטלויפן.

—*—*—

אין א קאלטן נאסן ווינטער־טאָג, ווען דער הונגער און קעלט טרייבן ארויס פון באהעלטעניש צוויי אומגליקלעכע יונגעלעך, האלב־נאקעטע קינדער אויף וועלכע פּויערים אין דאָרף האָבן רחמנות, גיבן זיי א ביסל עסן, דערזעט זיי דער מאקאבידער רוצחישער פּאָליציי־קאָמענדאנט מאַשקאָוויטש וועלכער יאָגט זיי אזש 3 קילאָמעטער אין שנייען און וואסערן, שיסט צו זיי

פיל מאָל, און דער רוצח טרעט נישט אָפּ ביז די אומגליקלעכע קינדער פאַלן טויטע.

—*—*—

געצל וויסבערג פון סאַרנאַק אין זיין גביעת־עדות פאַר דער צ. ה. ק. אין מינכן דערציילט:

ארויסשפרינגענדיק פון טויטן־צוג, וואָס האָט געפירט דעם לעצטן טראַנספּאָרט שעדלעצער יידן קיין טרעבלינקע, האָט ער זיך ביים באַן־פלאַנט געטראָפן מיט זיין קוזין נתן גאָלדבערג און חבר גדליהו מאַנצאַרזש, וואָס זענען אויך געשפרונגען פון וואגאָן. זיי האָבן זיך געהאלטן צוזאמען, זענען צוזאמען אוועק אין זייער היים־שטעטל סאַרנאַק זוכן א באהעלטעניש ביי באַקאַנטע פויערים. ווען נתן גאָלדבערג גייט צו א באַקאַנטן פויער בעטן א שטיקל ברויט, באַמערקן אים אנדערע פויערים. זיי מעלדן וועגן דעם דער פוילישער פּאָליציי. ווען זיי האָבן אים אויסגעפונען האָט ער אָנגעהויבן אנטלויפן. זיי האָבן אים נאָכגעיאָגט און דערשאָסן.

גדליהו מאַנצאַרזש איז אוועק צו א צווייטן פויער, וואָס האָט אים געהייסן קומען צו זיך אליין, אָן אנדערע יידן, וועט ער פאַר אים געפונען א באַהעלטעניש. נאָך דער באַפרייאונג האָט מען זיך דערוווסט, אז ער איז אַן ערך צוויי מאַנאַטן געלעגן אין א קאַרטאָפל־גרוב. פויערים האָבן אים באַמערקט און איבערגעגעבן וועגן דעם דער פוילישער פּאָליציי. די פּאָליציי האָט אים געפונען א האלב־טויטן, מיט אָפּגעפרוירענע הענט און פיס און זיי האָבן אים דערשאָסן.

אזוי ווי קיין שום באַקאַנטער פויער האָט מיך נישט געוואָלט אריינלאָזן — דערציילט וויטער וויסבערג — בין איך אוועק אין פעלד. כ'בין צוגעגאַנגען צו א שייער און געהערט א שטילן געשפרעך. כ'האָב זיך גלייך פאַרשטעקט און א דערשראָקענער זיך צוגעהערט. עס איז געווען יידיש. כ'האָב אָנגעקלאַפּט און געבעטן אריינלאָזן. זיי האָבן מיר געעפנט. איך בין מיט זיי געבליבן עטלעכע טעג. די פויערים האָבן זיך אָבער דערוווסט וועגן אונז און געמאָלדן דער געסטאַפּאָ. 12 אזייגער בייטאָג האָט די פּאָליציי געמאכט אויף אונז אַן איבערפאַל. זיי האָבן אונז באפוילן ארויסגיין פון שייער. מיר האָבן זיך באהאלטן אין שטרוי. זיי האָבן אָנגעהויבן רייסן די טירן פון שייער און שיסן אויף אונז. איך האָב אין גרויס פאַרצווייפלונג אַן עפן־געטאָן די טיר און אָנגעהויבן לויפן. מען האָט מיר נאָכגעשאָסן מיט געווער פון פאַרשידענע קאַליברן — אָבער נישט געטראָפן. ווען די אנדערע זעקס מאַן האָבן געזען, אז איך בין אנטלאָפן, זענען זיי אויך ארויס פון שייער. לויפנדיק דורכן פעלד האָט מען דריי מאַן אויף טויט דערשאָסן. איינער איז געפאַלן פאַרוווּנדעט, האָט אים א פוילישער פּאָליציאַנט דערשלאָגן מיט דער קאָלבע. צוויי פון די זעקס איז דאָך געלונגען צו אנטלויפן. אין צוויי טעג ארום האָט מען איינעם

פון די גערעטעוועטע דערשאָסן. דער צווייטער איז געווען מיט מיר אין וואלד. דעם 15־טן נאָוועמבער 1942 האָט מען אים אויך בעת אן איבערפאל דערשאָסן.

פיר חדשים בין איך געווען באהאלטן אין א גרוב, וואָס איך האָב זיך געמאכט אין א שטאל ביי א באקאנטן פויער. דעם 21־טן מערץ 1943 בין איך אוועק אין וואלד. דאָרט געטראָפן א 25 יידן און מיר זענען געווען צוזאמען. דעם 25־טן מאי 1943 האָט פוילישע פאָליציי געמאכט אן איבערפאל אין אונזער וואלד. דערביי זענען דערשאָסן געוואָרן זעקס סארנאקער יידן: גבריאל צוקער, 33 יאָר אלט; שמואל חיבאָווסקי, 27 יאָר אלט; מארקל ראָזענבערג, 18 יאָר; משה רודזקי, 35 יאָר; יצחק וולאדאָווער, 18 יאָר; און וועלוול וולאדאָווער, 22 יאָר.

בעת אן איבערפאל פון געסטאפאָ צוזאמען מיט פוילישער פאָליציי דעם 15־טן נאָוועמבער 1943 זענען ווידער דערהרגעט געוואָרן דריי מאן: יידל חיבאָווסקי 29 יאָר אלט; הערשל חיבאָווסקי, 20 יאָר אלט און עזריאל מאָנצארזש 22 יאָר אלט.

ווען עס איז געקומען דער טאָג פון באפרייאונג פאר שעדלעץ און אומגעגנט — 30־טער יולי 1944 האָט די באפרייאונג שוין געטראָפן זייער א קליינע צאָל יידן. זיי זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן פון דייטשע און היימישע רוצחים, דער עיקר פון פוילישע פאָליציי־לייט.

—*—*—

לילקא לאוטענבערג דערציילט:

אין דאָרף זאקשוועק, ווו זי האָט זיך געפונען מיט איר מאן און פאָטער אלס „אַריער", האָט א רייכער גאספאדארש געזען, ווי זיין שכן, אן אָרעמער גאספאדארש, האָט אָנגעהויבן זיך קליידן שענער בעסער און בכלל אָנגעהויבן פירן א ברייטער לעבן. ער האָט אים אָנגעהויבן נאָכקוקן מיט פויערישער נייגעריקייט און באמערקט, אז אין מיטן דער נאכט פאָרעט זיך דער פויער אין דרויסן ביי זיין שטוב, גראָבט די ערד און פארשיט צוריק.

וועגן דעם האָט דער רייכער פויער געמאָלדן דער פאָליציי. די פאָליציי איז געקומען, אדורכגעפירט א רעוויזיע און גענומען דעם אויפגעקומענעם פויער אויף א פארהער. דער פויער, נישט לאנג־טראכטנדיק האָט אויפגעקלערט דעם ענין:

איינמאָל איז צו אים געקומען א מענטש און אים געבעטן ער זאָל אים לאָזן נעכטיקן, געבן עסן, וואָס ער האָט גאנץ גערן געטאָן. ביינאכט האָט ער געזען ווי דער פרעמדער שטעלט זיך אוועק אין א ווינקל זאָגן תפילות אזוי, ווי עס זאָגן אלע יידן. אין דעם האָט ער פארשטאנען, אז דער פרעמדער איז א ייד. שפעטער, ווען דער פרעמדער איז געשלאָפן האָט ער גענומען א האק און אים אָפגעהאקט דעם קאָפ. ער האָט ביי אים געפונען א ביסל גאָלד־שטיק־

לעך, א ביסל געלט און אנדערע ווערט־זאכן מיט וואָס ער האָט זיך פארבע־סערט זיין מאטעריעלע לאגע.

דעם ייד האָט ער באגראָבן דאָ נעבן זיין שטוב. די פּאָליציי־לייט האָבן דעם פויער געדריקט די האנט פון אנערקענונג אלס גוטן און בראוון פּאַ־טריאָט דערביי אָבער פארלאנגט פון אים א „פונדע" (א מאָלצייט). מען איז אוועק צום סאָלטעס פון דאָרף און ביי אים האָט מען געפראוועט דעם מאָל־צייט מיט בראָנפן און פארבייסעכץ.

אז דער עולם איז געווען שוין גוט אָנגעשיכורט איז איינער פון די פּאָ־ליציי־לייט צוגעשטאנען צום סאָלטעס, ער זאָל אים פארקויפן דעם שיינעם דיוואן, וואָס האָט געהאָנגען אויף דער וואנט, אים געוואָלט באצאָלן וויפיל ער וויל נאָר, און אז דער סאָלטעס האָט אָפּגעזאָגט צו מאכן דאָס געשעפט האָט דער שיכורער פּאָליציאנט מיט כוח אראָפּגעריסן פון וואנט דעם דיוואן און גלייך האָט זיך ארויסגעוויזן א געהיים־טירל, וואָס דער דיוואן האָט פאר־שטעלט. דער פּאָליציאנט איז אריין אין דעם טירל און צו אלעמענס שטוינען ארויסגעצויגן זעקס יידן, וואָס זענען געווען באהאלטן אונטער א דאָפּלטער וואנט.

אלע זענען מיטאמאָל געוואָרן ניכטערן, פּאָליציי האָט פארגעסן אין די־וואן. די אומגליקלעכע יידן זענען געוואָרן ארויסגעפירט אויפן הויף אונטער א וואנט און אין אָנוועזנהייט פון פיל פוערים, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען אויפן בייזן וווּנדער, האָט די פּאָליציי דערשאָסן די זעקס יידן.

—*—*—

אין א נאָענטן דאָרף, ווו די לאָוטענבערגס האָבן זיך אויפגעהאלטן האָט א פויער ביי זיך באהאלטן עטלעכע יידן. דערפאר האָט דער פויער באקומען ביי די יידן א גרויסע סומע געלט. נאָך דעם ווי דער פויער האָט פאר דעם געלט זיך איינגעקויפט א פערד, א קו, א לאנדווירטשאפט־מאשין א. א. וו. איז ער אוועק אין דער פּאָליציי, אלץ דערציילט, זיך מתודה געווען, אז זיין מא־טעריעלער מצב איז געווען א שלעכטער, געזוכט צו פארבעסערן, זענען פונקט אונטערגעקומען די זשידקעס, גוט באצאָלט, האָט ער זיי אריינגענר־מען. איצט גיט ער זיי איבער אין די הענט פון דער „גערעכטיקייט".

אויך דער פויער האָט באקומען אנערקענונג פון דער פּאָליציי, וועלכע האָט די אומגליקלעכע יידן דערשאָסן.

—*—*—

פון דער גרויסער צאָל פוילישער פּאָליציי, וואָס זענען געווען „טעטיק" אין שטאָט אין יענער צייט, האָבן כמעט אלע, אלע אקטיוו מיטגעהאָלפן אין דער אויסראָטונג פון די יידן. זיי האָבן אויך געזוכט זיך „אויסצוצייכענען" און אוואנסירן אויפן חשבון פון מאָרדן יידן.

דעם 22־טן אויגוסט, אין טאָג פון דער גרויסער שחיטה, האָט אויפן אומ־

שלאג־פלאץ דער פּאָליציאַנט סאָשניאַק א גאַנצן טאָג געשאָסן אויף די צו־נויפגעדריקטע מאַסן יידן. ווען זיין דינסט־צייט האָט זיך געענדיקט האָט סאָשניאַק זיך געריִמט פאַרן צווייטן פּאָליציאַנט, וואָס איז געקומען אים פאַר־טרעטן: „איך האָב שוין היינט א הונדערט זשידקעס דערהרגעט, איצט ווייז דו, וואָס דו קענסט".

—*—*—

און אז דער פּאָליציאַנט יאַנקאָווסקי זעט אין גענשע־באַרקי, אז עס האלט שוין ביי די לעצטע יידן, רופט ער ארויס אברהם ברעסלער — דעם וויצע־קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי און דערשיסט אים.

אָבער זיי, די בלוטיקע פּאָליציי־מערדער משפט קיינער נישט, זיי האָבן שוין געזאָרגט דערפאַר עס זאָלן נישט בלייבן קיין עדות פון זייערע בלוטיקע מעשים. נישטאָ ווער עס זאָל זיי רופן צום משפט און זיי זענען ווייטער די היטער פון געזעץ און אָרדענונג.

די הייליקע „אידייי" פון מאָרדן און רויבן יידן האָט אויך פאַרכאַפּט פאַר־טיזאַנער — פּוילישע און רוסישע מענטשן, וואָס זענען אוועק אין די וועלדער און אונטערערד, כדי צו קענען פון באַהעלטעניש שלאָגן דעם געמיינזאַמען שונא. פיל פון זיי האָבן פאַרגעסן אין זייער אייגנטלעכן ציל און געמאַכט שותפות מיט א. ק.אָווצעס און אנדערע מערדער־באַנדעס, אָדער, האָבן זעלב־שטענדיק אליין געלאָזט זיך אויף דעם לייכטן, און אין יענער צייט פּאָפּולערן וועג פון מאָרדן יידן. רוסישע פאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געלעבט אין פּוילישע וועלדער און אין דערפער האָבן אין דער פאַרסמטער אטמאָספער פון נאַציִשן עיפּוש פאַרגעסן אין דער סאָוויעטישער תורה פון פעלקער־ברידערלעכקייט, וואָס מען שטאָפּט אין זייערע קעפּ שוין באַלד דריי יאָר צענדליק און באַנייט דעם אלטן לאָזונג פון צארישן רוסלאַנד „בעי זשידאָוו".

יאָנטל גאָלדמאַן דערציילט: אין דאָרף גאָלע־פּיאַסקי האָבן זיך אויסבאַ־האלטן א גרופּע יידן. פון זיי האָבן זיך דערוווסט פּוילישע און רוסישע פאַר־טיזאַנער, וואָס זענען געווען אין געגנט. די פאַרטיזאַנער האָבן אונטערגע־צונדן דאָס הויז, וו די יידן האָבן זיך געפונען. אנטלויפנדיק פון פייער זענען פינף יידן דערשאָסן געוואָרן פון די פאַרטיזאַנער. עטלעכע זענען פאַרברענט געוואָרן, צוויי יידן איז געלונגען צו אנטלויפן. די אָרטיקע פּויערים האָבן די געשאָסענע און פאַרברענטע יידן באַגראָבן. אין עטלעכע טעג ארום זענען גע־קומען פון מאָרד פּוילישע פּאָליציי, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אָרטיקע פּויע־רים אויפגעגראָבן די הרוגים, ארויסגעריסן זייערע גאָלדענע ציין, אראָפּגע־צויגן פון זיי די מלבושים און שיך און זיי צוריק באַגראָבן.

אין די מאָרדער וועלדער האָט גראַסירט א רוסישער פאַרטיזאַן מיטן נאָ־מען „פראַנעק", וואָס האָט מיט זיינע רציחות אָנגעוואָרפן א שרעק אין גאַנצן געגנט. ער פלעגט אויפזוכן באַהאַלטענע יידן, זיי דערמאָרדן און באַרויבן.

שרה יום־טוב האלבערשטאט האָט געקענט א ווארשעווער בחור, וואָס איז געשפּרונגען פון טויטן־צוג אויפן וועג קיין טרעבלינקע. ער האָט זיך אויסבאהאלטן אין די וועלדער ארום מאָרד. פּלוצלונג האָט מען געפונען דעם בחור א דערהרגעטן, א נאקעטן און באַרוועסן. זיין אַנטלויפן און די שטיוול האָט געטראָגן דער מערדער־פּארטיזאן „פּראנעק״.

—*—*—

מיט א באזונדערער אכזריות, בלוט־דורשטיקייט און רויב־גיריקייט ביים פארפאַלגן יידישע קרבנות האָבן זיך אויסגעצייכנט די גויים פון די דערפער, וואָס ליגן נאָענט צום באַן־פלאנט, וואָס פירט קיין טרעבלינקע.

פון די טראנספּאָרטן, וואָס האָבן אין ווילדן געלויף געאיילט מיט די אַנגע־פאקטע קרבנות צו די טויט־פאבריקן, האָבן פיל געוואגט און אויפגעריסן טי־רן, אויפגעבראָכן אייזערנע קראטן ביי די פענצטערלעך, אָדער געמאכט אנ־דערע עפענונגען אין די טויט־וואגאָנען און זענען געשפּרונגען אויפן בארּאָט פון בלינדן גורל. אָבער דאָ ביים באַן־פלאנט פון שעדלעץ ביז טרעבלינקע האָ־בן שוין געווארט, געלויערט, ווי געניטע הינט אויף פארפאָלגטע חיות מחנות בלוט־דורשטיקע און רויב־גיריקע פויערים און מיט אויסטערלישער ווילדקייט און אכזריות זיך געוואָרפן אויף די אומגליקלעכע קרבנות, זיי דערמאָרדעט און בארויבט.

וועגן דעם דערציילן זייער פיל די קליינע צאָל, וואָס זענען געשפּרונגען און האָבן זיך על פּי נס געראטעוועט פון די כלערליי רוצחישע נעגל און לעבן געבליבן, ווי: מלך האלבער, לייב מאנדעלבוים און זיין פרוי איטע, שיינע שרה גאָלדפינגער, געצל וויסבערג און אנדערע.

ווי זיי גיבן איבער האָט דער שטח ביים באַן־פלאנט אויסגעזען ווי א שעכט־הויז פון מענטשן, אָנגעשאָטן מיט פיל הרוגים, וואָס האָבן זיך געוואל־גערט אין בלוט, געקאָרטשעט זיך אין גסיסה־ווייען. ארום זיי האָבן זיך מיט פלייס און ווילדן אימפּעט געפּאָרעט מחנות מענטשן־חיות, באטאפּט, געזוכט, גענישטערט, אראָפּגעצויגן מלבושים, שיך, געריסן גאָלדענע ציין פון טויטע און האלב־טויטע מיילער, און דאָ אין דערמיט אָנגעטראָפן אויף א נאָך לעבע־דיקן קרבן, וואָס האָט זיך באהאלטן צווישן די טויטע, האָט ווער שנעל זיך געוואָרפן אויף אים מיט זיין האק, פארלאָפן דעם וועג פאר אן אנדערן רוצח, געוואָלט האָבן פאַרהאנט אויף זיינע מלבושים. פארענדיקט און צוריק אוועק צו א צווייטן קרבן, דאן ווידער צו אן אנדערן א. א. וו.

אנדערע האָבן זיך פארשטעקט אין פעלד און אין וועג אונטער קוסטעס אָדער אונטערביימער אין וואלד און געלויערט אויף קרבנות, וואָס האָבן זיך אָפּגעראטעוועט פון די ערשטע רוצחישע ליניעס — פון די לויערער ביים באַן־פלאנט און געלאָפן ווייטער, ווייטער אוועק פון גהינום־וועג, און דאָ גע־פונען דעם טויט.

געוועזן אויך אזעלכע, וואָס האָבן זייער ארבעט געמאכט אין דער שטיל. זיי האָבן זייער קרבן אוועקגעפירט ווייטער פון שחיטה־פּלאַץ, פון באַן־פּלאַנט, כלומרשט: געפירט ראַטעווען ביי זיך אהיים אין דאָרף, ווו ער האָט א באהעלטעניש, געזוכט צו געפונען דעם צוטרוי פון קרבן, דאַן אים ארייַנ־געפירט אין א זייטיקן וואלד, אָדער פּוסט פעלד און דאָרט מיט אים פארענ־דיקט.

נאָך אנדערע האָבן זיך צו זייערע מאָרד־ און רויב־צוועקן באנוצט אויך מיט פערד און וואָגן א שטייגער, ווי דער פאל מיט מלך האלבער. זיין פויער איז מיט אים פאָר א גוטן לוין געפאָרן כלומרשט קיין שעדלעץ, ווו האלבער האָט געוואָלט קומען צו זיינע באהאלטענע ברידער. דער פויער איז מיט אים געפאָרן אויף אומבאקאנטע וועגן. אין וואלד נאָענט צום טייך ליוויעץ האָט דער פויער צוזאמען מיט זיין זון, וואָס ער האָט מיטגענומען פאר א צוהעל־פער, זיך געוואָרפן אויף זיין קרבן מיט א טעמפן אייזן. נאָר עפּעס דורך אן אויסערגעוויינלעכן צופאל איז האלבער נצול געוואָרן פון די רוצחים.

פיל, זייער פיל האָבן געוואגט און געשפרונגען פון די לויפנדיקע טראנס־פּאָרטן, פון די טויט־וואגאָנען און האָבן זיך ארויסגעקריגן פון די בלוטיקע דייטשע און אוקראאינישע נעגל, אנטרונען אין וועג צו די גאז־קאמערן. זיי זענען אָבער ארייַנגעפאלן אין די נעגל פון די אייגענע היימישע מערדער און רויבער אויף די וועגן ארום טרעבלינקע, וואָס האָבן געלויערט און גע־וואָרפן זיך אויף די קרבנות און זיי אומגעבראכט מיט נישט ווייניקער אכז־ריות, ווי דאָס האָבן געטאָן זייערע דייטשע און אוקראאינישע ביישפיל־געבער.

ווייניק זענען פון זיי געבליבן, וואָס זאָלן דערציילן פון די בלוטיקע מע־שים פון די אייגענע היימישע רויבער און מערדער, וואָס האָבן געווילדעוועט אויף די וועגן, וואָס האָבן געפירט קיין טרעבלינקע.

—*—*—

אין דער „הייליקער״ ארבעט פון צוהעלפן אויסצוראָטן יידן, האָבן אנ־טיילגענומען אויך פרויען, יוגנטלעכע און קינדער, אויב נישט דירעקט מיט זייערע אייגענע הענט איז כאָטש דורך מסרן יידן פאר די דייטשן אָדער פּאָ־ליציי.

—*—*—

און אז דער יונגער קליימאן (ברוך מרדכי׳ס זון) איז געצוווּנגען געווען איבערצוגיין פון איין באהעלטעניש אין א צווייטן האָט אים א פרוי אויף פלאָריאנסקי גאס דערקענט. זי האָט געמאָלדן דערפון דער פּאָליציי און אָנ־געוויזן דאָס אָרט פון דער באהעלטעניש. מען האָט אים געכאפּט צוזאמען מי־טן זעקס־יאָריקן קינד ליוראנט און ביידע אויפגעהאָנגען.

—*—*—

אין פעברואר 1943, ווען שרה יום־טוב האלבערשטאט האָט זיך געפונען

באהאלטן ביי פרוי וואַלגעמיט, האָט זי איר איבערגעגעבן, אז אין געוועלב, ווו זי איז נאָר־וואָס געווען איז אריינגעקומען א יונגער מאן עפעס קויפן. א יונגער שגץ, וואָס האָט זיך געפונען אין געוועלב האָט אין דעם יונגן מאן דערקענט, אז ער איז א ייד. ער האָט שנעל צו אים גערופן א פּאָליציאַנט, וועלכער האָט אים ארויסגעפירט אונטער דער וואַנט און דערשאָסן.

ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן איז דער יונגער מאן געווען פון א גרופּע לעבן־געלאָזענע שקלאַפן־יידן, וואָס האָבן געארבעט ביים באַן און נישט גע־טאָרט פארלאָזן דעם ארבעטס־פּלאַץ און נישט דעם באראַק, ווו זיי האָבן זיך אויפגעהאלטן.

—*—*—

פרוי שרה קארטש־טשארנאָבראָדע מיט איר זון האָבן זיך ארויסגעקריגן פון אומשלאַג־פּלאַץ און זענען אוועק צו זייערס אן אמאָליקע דינסט אין ראַס־קאַשע (אונטער דער שטאָט), דאָרט געגנעכטיקט. צומאָרגנס פרי איז געקומען דער דינסט'ס מוטער און זיי ארויסגעטריבן, נישט געלאָזט זיי בלייבן ביז ביינאַכט, ווי די קארטשס האָבן געבעטן.

אין גאַס זענען זיי באַלאַגערט געוואָרן פון פּוילישע קינדער, וואָס זענען זיי נאָכגעלאָפן און געשריגן זשידזשי, זשידזשי. די קינדער האָבן זיך געלאָזט זוכן דייטשן זיי איבערצוגעבן די צוויי קרבנות. געראַטעוועט זענען זיי גע־וואָרן דורך דעם צופאל, וואָס עס איז גראָד אדורכגעגאַנגען דער פּוילישער פּאָליציאַנט יורעק און ביידע ארעסטירט, די פרוי קארטש מיט איר זון.

זי האָט אים געבעטן איר לאָזן צו רו, פאַרגעלייגט אים געלט. אויף דעם האָט דער פּאָליציאַנט געענטפערט „קומט מיט מיר אין דער פּאָליציי, עס וועט אייך גאָרנישט געשעען". זיי האָבן צום פּאָליציאַנטס שיינע רייד קיין צוטרוי נישט געהאַט אָבער בלית ברירה געמוזט מיט אים גיין. ער האָט זיי פאַר־שלאָסן אין ארעסט־קאַמער און ביינאַכט ארויסגעלאָזן פריי.

—*—*—

אין א הייסן זומער־טאָג, ווען יאַנטל גאָלדמאַן איז ארויס פון זיין אונ־טערערדישן בונקער, כדי צו כאַפּן א ביסל לופט און אויסגלייכן די ביינער אויף א קורצן שפּאַציר, איז ער געטראָפן געוואָרן פון א גרופּע שקצים. זיי זענען אים נאָכגעגאַנגען ווי שאָטנס, נאָכגעגאַנגען און פארפאָלגט מיט אויס־געשרייען זשיד, זשיד. די פון יידן־שנאה פארסמטע קינדער האָבן שוין גע־האַט אָפּגעפּלאַנעוועט ווי אזוי זיי וועלן אָפּזוכן א דייטש און אים איבערגעבן אין זיינע הענט דעם קרבן. גאָלדמאַן, א צוגעגרייטער צום טויט, האָט פון וויי־טנס אויף פּיענקנע גאַס דערזען א דייטש. ער איז צו אים צוגעגאַנגען, מיט אים עפעס גערעדט. די קינדער דאָס זעענדיק האָבן אָפּגעלאָזט זייער קרבן — א ייד וואָלט דאָך נישט געגאַנגען רעדן מיט א דייטש. גאָלדמאַן איז אזוי ארום ניצול געוואָרן פון א זיכערן טויט.

אפילו גלחים — די פרעדיקער פון גוטסקייט און ליבע צום נאָענטן זע־נען אויך (נישט אלע פארשטייט זיך) אריינגעצויגן געוואָרן אין ווילדן געיעג נאָך יידישע לעבנס.

דבורה טוכמינץ מיט איר קינד, וואָס זי האָט געבוירן אין מאריאנסקין שפיטאָל נאָך דער ליקווידאציע פון געטאָ אין שעדלעץ, איז אומגעקומען דורך דעם, וואָס א גלח, וואָס איז געקומען אין שפיטאָל האָט זיך פון דעם דערוווסט, אז זי איז א יידישע פרוי און ער, דער הייליקער פאָטער, האָט דער פון צו וויסן געגעבן דער פאָליציי.

—*—*—

די 14־יאָריקע דבורה'לע פון מעזריטש, וואָס האָט זיך דורך א וווּנדערלע־כן אופן געראַטעוועט פון דער מאסן־שחיטה אין איר שטאָט, וואַנדערט פון איין דאָרף אין צווייטן, געפינט ענדלעך א מקום מנוחה אין א דאָרפישער רעסטאָראציע, ווו זי קומט אָן אלס דינסט, נעמט איר דער פאראפיע־גלח אויף א פארהער, צי זי איז באמת א קריסטלעך מיידל, ווי זי זאָגט. און אז ער איי־בערצייגט זיך, אז זי איז א יידישע, ווערט דער הייליקער פאָטער מלא כעס אויף איר פארן אָפּנארן און באפעלט די בעלי־בתים דאָס אומגליקלעכע מיידל ארויסצוטרייבן פון זייער הויז.

—*—*—

די יידישע טראגעדיע האָט אויך געדינט פאר פארוויילונגס־צוועקן.

אין דעצעמבער 1942, ווען שרה יום־טוב האלבערשטאט האָט זיך געפּר־נען אין דאָרף ביי מאָרד ביי די נאשילאָווסקיס, וואָס האָבן איר געהאלטן פאר א קריסטין, איז אריינגעקומען א פארחלשטער ייד, וואָס איז געשפּרונגען פון לעצטן טראנספּאָרט קיין טרעבלינקע און געבעטן א ביסל וואסער. די נאשי־לאָווסקא האָט דעם ייד ארויסגעטריבן און געזידלט: „וואָן זשידזיע, איר ווילט דאָך עס זאָלן קומען באָלשעוויקעס. גיי צו אלדע כאָליערע, צו די באָל־שעוויקעס". דער ייד האָט געזוכט אין זיינע קעשענעס, ארויסגעצויגן זיין לעצט פארמעגן — א שאכטל שיך־פּאסטע און געבעטן דערפאר א ביסל וואַ־סער. די טראנזאקציע איז געמאכט געוואָרן. ווען דער ייד איז ארויס נאָכן אויסטרינקען דאָס וואסער, האָט מען שנעל אָפּגעלאָזן פון די קייטן די בייזע הינט, אָנגערייצט אויפן אומגליקלעכן ייד און בעת די הינט האָבן אָפּגעריסן זיינע מלבושים און צעביסן דאָס לייב און א פארבלוטיקטער זיך געראנגלט מיט די הינט, זענען די נאשילאָווסקיס געשטאנען ביים פענצטער און שטארק זיך געפרייט פון דעם געלונגענעם ספּעקטאקל.

—*—*—

אָפט פלעגן דאָרט אריינקומען „קומעס" אויף אונטערהאלטן זיך, ווו די הויפּט־טעמעס זענען געווען דאָס נאָכקרומען, ווי אזוי די יידן מאכן העויות און שרייען בעת זיי ווערן געפייניקט פון די דייטשן. דערביי האָט איין קריסט

געשילדערט, ווי אזוי נאָך דער מלחמה וועלן יידן פון דער גאנצער וועלט עו־לה רגל זיין קיין טרעבלינקע, נעמען א ביסל ערד אין האנט, קישן און וויי־נענדיק זאָגן „אוי ווי, דאָס איז מיין טאטע, דאָס איז מיין זיידע, באָבע", דערביי נאָכמאכן, ווי אזוי די יידן וועלן דאָס מאכן — און דער עולם האָט זיך שטארק געוויילט.

צווישן די פויערים, וואָס זענען דאָרט אריינגעקומען גאוועגדזשען (שמו־עסן) איז געווען איינער, וואָס איז אין דאָרף אָנגעזאָגט פאר א קלוגן א „קולטורעלן" — האָט געלייענט צייטונגען און ליב געהאַט צו רעדן וועגן צוויי טעמען: פּאָליטיק און יידן. ער האָט אויפגעוויזן, אז ער קאָן באַשטיין עס זאָל זיין א באָלשעוויסטיש פּוילן. דערביי האָט ער זיך דערקלערט פאר א קאָמוניסט — טילקאָ בעז זשידוו — נאָר אָן יידן — האָט ער פייערלעך אויסגערופן. מיר האָבן זיי געגנוג.

אָן אנדערש מאָל האָט געפירט דעם שמועס א יונגער קריסט א סטו־דענט, וואָס איז געקומען צו גאַסט. האַלטנדיק שרה'טשען פאר א קריסטין האָט ער גערעדט פריי נישט קרעמפירט און אויפגעוויזן, אז אייגנטלעך האָט מען מיט די יידן אין פוילן שוין לאנג געדאַרפט מאכן אן עק, געגנוג מיט זיי. נאָר מיר פּאָליאקן אלס קריסטן האָט אונזער קריסטלעך געוויסן אין הארץ נישט געלאָזט דאָס טאָן. אָבער — האָט ער פאַרענדיקט — מיר דארפן זיין צופרידן, וואָס די דייטשן האָבן פאר אונז געטאָן די ארבעט. מיר פּאָליאקן וועלן היטלערן אייביק דאנקבאר זיין.

אלע אָנוועזנדע האָבן צוגעטאַקעוועט.

—*—*—

פאר און נאָך דער באפרייאונג האָבן גרויסע מחנות רויב־גיריקע פויע־רים פון געגנט ארום טרעבלינקע און אויף די וועגן, וואָס פירן אהין, פאר־לאָזן זייערע באַלעבאַטישקייטן, זייערע פעלד־ארבעטן און א גאנצע צייט זיך פארנומען מיט דער רענטאַבעלסטער ארבעט אין יענער צייט — מיט אויפ־גראָבן טויטע יידן ביי וועלכע מען האָט נאָך עפּעס געפונען — געלט אָדער ווערט־זאכן. דאָס איז געווען א לאנגע צייט די סטאבילע באשעפטיקונג פון גאנצע דערפער פויערים וואנדאלן.

יאָנטל גאָלדמאַן, וואָס האָט זיך פארנומען נאָך דער באפרייאונג מיט עקסהומירן די צעזייטע און צעשפּרייטע הרוגים פון פעלדער, וועגן און וועל־דער און ברענגען זיי צו קבר ישראל גיט איבער, אז אין פיל פאלן איז געווען סימנים, אז די טויטע אין זייערע גריבער זענען געווען שוין באזוכטע, די ציין ארויסגעריסן, אָפּגעהאַקטע פינגער אויף וועלכע עס איז געווען א פינגע־רל אויסגעטאָן, די מלבושים און שיך און ביי פיל פרויען אָפּגעשניטן די האָר

נאָך אין 1946, ווען מיר זענען געקומען אויף דעם פארשוועכטן בית־הקברות, האָבן מיר נאָך געטראָפן געעפנטע און צעגראָבענע קברים פון די

דייטשע קרבנות. אלץ ארבעטן פון היימישע וואנדאלן, וואָס האָבן געזוכט געלט און ווערט־זאַכן ביי טויטע יידן.

—*—*—

מיטן דערנענטערן זיך פון דער רויטער ארמיי, האָבן זיך צעטראָגן עק־שנותדיקע קלאנגען, אז יידן וועלן נקמה נעמען אין די פּאָליאקן, וועלכע האָבן געהאָלפן און אליין געמאָרדעט יידן. דעריבער האָט זיך פארשטארקט די בלוטיקע וואקכאנאליע איבער די אויסבאהאלטענע יידן — אזוי ארום אָפּמעקן יעדן שפּור פון א לעבעדיקן עדות.

—*—*—

יאַנטל גאָלדמאן און אויך אנדערע לעבנגעבליבענע דערציילן: אין א דאָרף צווישן שעדלעץ און לאָשיץ האָט א פּויער אויסבאהאלטן צוויי יידן. עטלעכע טעג פארן אריינקומען פון רוסישן מיליטער האָט דער פּויער די יידן פארנארט אין א וואלד, זאָגנדיק, אז ער האָט פאר זיי צוגעגרייט א בע־סערע קריוועקע. צו ערשט האָט ער אוועקגעפירט איין ייד, נאכהער דעם צווייטן און איינציקווייז זיי דערהרגעט.

נאָך דער באפרייאונג, ווען דער פּויער האָט זיך צעקריגט מיט זיינער א קרובה איז זי אוועק אין דער פּאָליציי און איבערגעגעבן פון דעם שוידער־לעכן מאָרד. די פּאָליציי האָט דעם פּויער־רוצח ארעסטירט און פון ארעסט־קלאָזעט איז אים דורך א נישט־פארשטענדלעכן אופן געלונגען צו אנטלויפן און נעלם ווערן.

—*—*—

דעם 29־טן מאי 1944 האָבן היימישע באנדיטן דערטרונקען אין טייך ליוויעץ, דריי קינדער, וועלכע האָבן זיך אויסבאהאלטן ביים פּויער לירקע דמאָווסקי.

—*—*—

משה ראָטביין גיט איבער: די לעצטע וואָכן פאר דער באפרייאונג האָט ער, ווי אויך זיינע מיטאיינוווינער אין בונקער באמערקט אין דעם פּויער, וואָס האָט זיי באהאלטן, אז ער „גרייט זיך". זיי האָבן דאָס געזען אין אלע זיינע פירונגען, געפילט דאָס אין אלע זיינע רייד, אין זיינע פייערלעך אין די אויגן. זיי האָבן זיך געריכט יעדע מינוט, אז אָט קומט ער מיט א האַק אָדער קאָסע און אלץ וועט זיין געענדיקט... דעמאָלט האָבן זיי, די שותפים פון גע־דונגענעם בונקער, וואָס האָבן שוין מער נישט געהאַט קיין געלט, געגעבן דעם פּויער שריפטלעכע התחייבותן, אז זיי געבן אים אוועק זייערע הייזער, דאָס האָט געווירקט און דער פּויער האָט זיך באַרואיקט.

—*—*—

ענדלעך האָט געשלאָגן די שעה פאר דער קליינער צאָל לעבן־געבליבענע יידן. זיי האָבן זיך דערוואַרט אויף דעם אויסגעחלומטן טאָג פון באפרייאונג.

נישטאָ שוין מער די ווילדע דייטשע בעסטיע!

זיי זענען אַרויס, די סקעלעטן־יידן, פון די פינצטערע אונטערערדישע בונקערס, פון די נאַסע פאַרעיפּושטע קעלערס, גריבער און הייִלן, זיי זענען אַרויס באַוויינען דעם חורבן, די טראַגיש־פאַרשניטענע נאָענטע און דעם אייגענעם עלנט און פאַריתומטקייט.

עס בלאָנקען אַרום אין שטעט און אין דערפער געציילטע לעבעדיקע שאָטנס, אויסגעטרוקנטע סקעלעטן מיט געל־וואַקסענע פּנימער, וואָס דערציילן פון יאָרן הונגער און פּיין, יונגע מענטשן מיט גרויע קעפּ, זקנים אָן יאָרן מיט אויסגעלאָשענע האַלב־בלינדע אויגן, וואָס האָבן עטלעכע יאָר קיין שטראַל ליכט נישט געזען. מען זוכט די נישט געזעענע קברים פון די טייערסטע, מען גייט אַרום ווי אין עולם התוהו צווישן חלום און וואָר. נישטאָ קיין היים, וווּ אַריינצוגיין. די אייגענע שטוב חרוב, פאַרברענט און אויב זי איז יאָ דאָ — איז זי באַזעצט פון רויבערישע גויים. נישטאָ ווו זיך אַהינצוטאָן, די לופט איז פאַרשטיקט, פאַרסמט פון דעם עיפּוש, וואָס דער נאַצישער מלאך המות האָט געלאָזן. שווער צו אָטעמען, עס איז ענג אויף דער נשמה, וויסט אין האַרץ, ווו מען קערט זיך באַגעגנט מען קאַלטע בייזע בליקן פון שפּאָט און פאַראַכטונג, פון שנאה און חוזק און אין בעסטן פאַל — פון רחמנות און מיטלייד אין אַזאַ פאָרם, וואָס עקלט און טוט וויי נישט ווייניקער, ווי די שנאה און חוזק.

עס זוכן זיך אָפּ די איינזאַמע שאָטנס, די איינצל־געבליבענע פון גאַנצע משפּחות. איין געמיינזאַמער גורל פון עלנט און טרויער, צעווייטיקט און דערדריקט אַלע גלייך און ברענגט זיי צונויף עטלעכע אין איין שטיבל, וואָס עס האָט וועלכער קריסט אָפּגעגעבן און אין בשותפותדיקן עלנט באַוויינט מען דעם חורבן און דעם אייגענעם גורל.

אָבער די עטלעכע לעבנגעבליבענע זענען אויס אַ סך, זייער אַ סך, אין די אויגן פון די, וואָס ווילן האָבן אַ „פּוילן אָן יידן״. זיי קענען בשום אופן נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז נאָך אַלעם זענען נאָך געבליבן „אַזוי פיל יידן״, פון וועלכע מען מוז פטור ווערן. און ווי אַזוי מען ווערט פטור פון יידן ווייסן זיי גוט די היימישע רוצחים, זיי האָבן דאָס דאָ נישט לאַנג געזען און געלערנט פון זייערע אידייען־חברים — די דייטשן און אוקראַינער, און מען באַפאַלט די דאָזיקע לעבנגעבליבענע יידן און מען דערהרגעט זיי מיט נישט־ווייניקער ווילדקייט און אכזריות, ווי דאָס האָבן געטאָן זייערע דייטשע און אוקראַיניִשע לערער.

פאַרשידענע זענען די מערדער אויף די פאַרוואָגלטע לעבנגעבליבענע יידן. אַמאָל זענען דאָס יחידים, וואָס זעצן פאָר זייער רויב־ און מאָרד־אַרבעט, וואָס איז ביי זיי געוואָרן אַ פּראָפעסיע ביי וועלכער זיי פּראַקטיצירן שוין עטלעכע יאָר. אַמאָל זענען עס באַנדעס אָן אַ נאָמען, וואָס בלויז דער „הייליקער

צוועק״ פון רויבן און מאָרדן יידן האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט און פּאַראַי־ניקט. אָבער מערסטן זענען דאָס באַנדעס מיט נאַציאָנאַלער און „אידעאָלאָגי־שער״ באַפאַרבונג. רעשטלעך פון דער האַלב־צעקלאַפּטער פאַשיסטישער סאַ־נאַציע־אַרמיי און רופן זיך איצט מיט קלינגענדיקע נעמען ווי א. ק. (אַרמיא קראַיאָווא) און נ. ס. ז. (נאַראָדאָווע סילי זבראָינע).

פריער זענען זיי צעפּרעסן געוואָרן, די דעמאָראַליזירטע באַנדעס פון אָנמעכטיקער הילפלאָזיקייט קעגן שטאַרקן דייטשן שונא. איצט ווערן זיי צעפּרעסן פון באַוווסטזיין, אַז פּוילן ווערט באַפרייט אַ דאַנק דער זיגרייכער רויטער אַרמיי, פון די פאַרהאַסטע באָלשעוויקעס. לאָזן זיי אויס זייער היילינקן צאָרן צו די לעצטע לעבנגעבליבענע יידן. און מען באַפאַלט ביינאַכט און מען באַפאַלט אין מיטן העלן טאָג. מען באַפאַלט אין די שטובן און אין באַהעלטע־נישן, אין שטאָט און אין דערפער, אויף די וועגן און אויף די באַנען. אומעטום וווּ מ׳קאָן נאָר געפינען אַ פאַרוואָגלטן לעבנגעבליבענעם ייד לויערט מען אויף זיין אָרעם לעבן און מען הרגעט. עס גייט אַרום אַ לאָזונג אַזאַ: אומברענגען די געציילטע יידן, וואָס היטלער האָט נישט אומגעבראַכט, מאַכן איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּוילן יידן־ריין... ווייל אַזוי באַפעלט די פּוילישע פּראָ־פאַשיס־טישע רעגירונג אין לאָנדאָן, און אַזוי באַפעלט דאָס אייגענע צעפּוילטע גע־וויסן.

דוד ליסטיק, שמעון שאַנשיין און פיל אַנדערע, וואָס זענען אין יענער צייט געקומען אין באַרירונג מיט פּאָליאַקן האָבן געלייענט אַזאַ באַפעל פון דער רעגירונג אין לאָנדאָן, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער אונטערערדי־שער פּרעסע און פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די פּאָליאַקן און די רעשט לעבנ־געבליבענע יידן. אַ גרויסן טייל פון דער פּוילישער באַפעלקערונג איז אַזאַ באַפעל געווען צום האַרצן און מען האָט אים גערן געפאָלגט.

—*—*—

אלי גאַזשעלינסקי, וואָס האָט איבערגעלעבט נאָענט 2 יאָר אין וועלדער אין אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע דערציילט זייער פיל פון די צרות, וואָס זיין גרו־פּע און אויך אַנדערע יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די בלוטיקע מעשים פון די א.ק.אָווצעס, וואָס האָבן געווילדעוועט אין די דערפער און פעלדער און אין וועלדער פון שעדלעצער געגנט. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז זייער איינציקע טעטיקייט זאָל נאָר האָבן געווען אויסצוזוכן באַהאַלטענע יידן, זיי אומברענגען און באַרויבן. דאָס איז געווען די גאַנצע צייט. אָבער אַמשטאַרק־סטן האָבן די באַנדעס געווילדעוועט די לעצטע צייט פאַרן אַריינקומען פון דער רויטער אַרמיי און נאָך דער באַפרייאונג.

—*—*—

נאָך דער באַפרייאונג — דעם 10־טן מערץ 1945 — זענען אין מאַקאָביד

אומגעקומען זיבן יידן, וואָס האָבן זיך געגרייט אָפּצופאָרן קיין לאָדזש.

—*—*—

אין יענער צייט האָבן אין מאָרד זיך אויפגעהאַלטן אַכט יידן ארויסגע־קראָכענע נאָך דער באַפרייאונג פון וואַלד־באַהעלטעניש, אין בונקערס און אויך געגרייט זיך אָפּצופאָרן, זענען זיי באַפאַלן געוואָרן פון א.ק.אָווצעס און אַלע אויסגעהרגעט געוואָרן.

די דערהרגעטע זענען געווען די ברידער אברהם און שמעון גאַרבאַרזש, די פרוי פּורמאַן, צוויי מיידלעך פון דאָרף טשעלעמין, א פרוי פון וואַרשע און צוויי יידן פון מאָרד.

—*—*—

שמעון שאַנשיין דערציילט:

יהושוע קאַפּלאַן פון סאַרנאַק האָט איבערגעלעבט אין וואַלד, אַדורכגע־גאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום פון א באַהאַלטענעם ייד אין דער בלוטיקער היטלער־תקופה. 9 חדשים נאָך דער באַפרייאונג, בעת ער איז געשלאָפן אין בעט ביי זיך אין שטוב, אין מיטן העלן טאָג, איז ער באַפאַלן געוואָרן פון א. ק.אָווצעס, וואָס האָבן אים דערשאָסן.

אין זעלבן טאָג האָבן פוילישע רוצחים ארויסגעשלעפּט פון זיין שטוב דעם 23־יאָריקן שעפּסל קליידערמאַכער, וואָס האָט אויך איבערגעלעבט אין וואַלד, אים אוועקגעפירט אין פעלד אונטער דעם שטעטל און נאָך א סך פּיי־ניקונגען אים באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

—*—*—

דער 19־יאָריקער ישראל שולמייסטער, וואָס האָט געדינט אין דער פּאָ־ליציי, איז דינסטלעך געשיקט געוואָרן אין א דאָרף ביי סאַרנאַק, האָבן אים די א.ק.אָווצעס אויפן וועג דערהרגעט.

א רוסישע מיליטער־אָפּטיילונג איז אוועק אין דאָרף נאָך דעם הרוג איז צווישן זיי און די א. ק. פאָרגעקומען א קאַמף ביי וועלכן עס זענען געפאַלן זיבעצן רויט־אַרמייער.

—*—*—

אלי גאַזשעלינסקי און יוסף זובאָוויטש גיבן איבער, אַז אין דאָרף קשימוס ביי שעדלעץ זענען נאָך דער באַפרייאונג געווען 7 יידן, וואָס האָבן איבער־געלעבט אין די דאָרטיקע וועלדער. די א. ק. זענען זיי באַפאַלן און דערהרגעט.

—*—*—

צוויי פרויען פון קאַליביעל, רודע גראַנאַטאָווער מיט איר טאָכטער פייגע האָבן איבערגעלעבט אין א באַהעלטעניש ביי א פּויער אין דאָרף גלופּיאַנקע. ווי נאָר זיי זענען ארויס נאָך דער באַפרייאונג צו זיך אין זייער אייגענער שטוב — זענען זיי באַלד די ערשטע נאַכט באַפאַלן געוואָרן פון היימישע רוצ־חים, וועלכע האָבן זיי דערמאָרדעט

הענעך כאנאלעוויטש, וואָס האָט איבערגעלעבט אין באהעלטעניש ביים פּריץ וויטאשעוויטש אין זיין גוט שיאַנאָ, קומט ארויס אויף דער פרייַ נאָך דער מפּלה פון די דייטשן, ווערט ער דערמאָרדעט פון באקאנטע פּויערים אין דאָרף.

—*—*—

קלמן אָזשעל, וואָס האָט זיך געראַטעוועט דורך שפּרונגען פון טרעבלינ־קער טויטן־צוג — וואָס איז געגאַנגען פון גענשע באַרקי — האָט זיך מיט די לעצטע כוחות דערשלאָגן אין דאָרף פּרושין צום פּראָפעסאָר, וועלכער האָט אים געלערנט אין גימנאַזיע. דער קריסטלעכער פּראָפעסאָר האָט גוט געדענקט זיין בעסטן שילער קלמן אָזשעל, וועמען ער שיקט אַריבער צו זיינס א באַ־קאַנטן קריסט, ווו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן די גאַנצע צייט און — איבער־געלעבט. נאָך דער באַפרייאונג באַזעצט ער זיך צוריק אין זיין אייגענער דירה אויף אסלאַנאָוויטשא 38. ער האָט חתונה מיט דער פריילין רוזשע זשובראָ־וויטש, אַרבעט אלס סעקרעטאַר אין דער פּאָליציי. איינמאָל — דעם 2־טן פעברואַר 1945 — בעת ער קערט זיך אום 5 פאַרנאַכט פון דער אַרבעט אין באַגלייטונג פון זיין חבר, דעם פּראָקוראָר פּימעק און איז שוין נעבן זיין שטוב, אונטערן סאַמע פענצטער פון שלאָף־צימער פאַלן דריי קורצע שאָסן. די פרוי זיינע, וועלכע האָט גלייך דערהערט דעם מאַנס אויסגעשריי: אוי, איז שנעל ארויס אויפן גאַס און דערזעענדיק אים ליגן אויף דער ערד, האָט זי אים שנעל אַריבערגעפירט אין שפּיטאָל אריין, ווו ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה מיט די לעצטע טרייסט־ווערטער פאַר זיין פרוי, וועמען ער האָט געלאָזן אין אַנ־דערע אומשטענדן.

—*—*—

מאָטל אָרלאַנסקי איז דורך א וווּנדערלעכן אופן אַנטלאָפן פון טרעבלינ־קע, ווו ער איז שוין געשטאַנען צוזאַמען מיט זיין גאַנצער עדה פאַר די גע־עפנטע טויערן פון די גאַז־קאַמערן איינגעשלינגען צו ווערן. ער האָט אדורכ־געמאַכט אלע שבעה מדורי גיהנום ביז ער האָט דערלעבט די באַפרייאונג. ער איז ארויס פון אונטערערדישן באַסן בונקער א צעבראָכענער, א קראַנקער. און א יאָר נאָך דער באַפרייאונג, ווען ער איז געפאָרן אויפן צוג איז ער אַראָפּ געשלעפּט געוואָרן פון א באַנדע פּוילישע רוצחים, וואָס האָבן אים פאַרפּיי־ניקט און מען ווייסט אפילו נישט ווו זיין געביין איז אהינגעקומען.

—*—*—

יוסף וווּנדערבוים פון ראַדזין, א ייד פון עטלעכע און דרייסיק יאָר פאָרט זומער 1947, דריי יאָר נאָך דער באַפרייאונג, פון ראַדזין קיין שעדלעץ. ביי לוקאָוו זענען אַרויפגעקומען עטלעכע באוואָפנטע פּאָליאַקן זוכן יידן. זיי האָ־בן אַראָפּגענומען וווּנדערבוימען פון וואַגאָן און אים דערשאָסן.

—*—*—

אין דער זעלבער צייט איז מענדל שטיינבערג פון דאָרף קרעשלין, און אַנגעשטעלטער אין דער פּאָליציי, געפּאַרן אונטער דער שטאָט מיטן קריסט סאָקאָלאָווסקי. זיי זענען באַפאַלן געוואָרן פון א באוואָפנטער באַנדע, וועלכע האָבן וואַרשיינלעך סאָקאָלאָווסקין אויך אַנגענומען פאר א ייד און ביידע דערשאָסן.

—*—*—

מיר האָבן זיך באַגרענעצט און אויסגערעכנט נאָר א טייל פון די שוי־דערלעכע פאקטן, וואָס דערציילן פון די בלוטיקע מעשים פון אונזערע שכנים אין יענער צייט אויפן שטח פון אונזער חרובער היים־שטאָט, פון זייער אקטי־ווון אנטייל אין דער יידישער אויסראָטונג, און דאָס אויך נאָר אזעלכע פאקט־טן אין וועלכע מיר זענען מער אָדער ווייניקער זיכער אין זייער טראַגישן אמת און אויף וויפיל עס איז אונז בכלל געלונגען אזעלכע פאקטן צוזאמענ־צוקלייבן. די גרעסטע טייל פון אזעלכע שוידערלעכע פאקטן זענען דאָך גע־בליבן א סוד, וואָס די אומגעקומענע קרבנות האָבן מיט זיך מיטגענומען אין זייערע נישט־באַקאַנטע קברים.

מען טאָר נישט פארגעסן און אייביק געדענקען די איינצלנע צדיקים־פּאָליאַקן, וואָס האָבן געראַטעוועט יידן — מען טאָר אָבער אויך נישט פאַר־געסן אין דער גרויסער מערהייט פּאָליאַקן רוצחים, וואָס האָבן געמאָרדעט יידן און צוגעהאָלפן צו זייער אויסראָטונג.

ווען מען דערמאָנט די בלוטיקע דייטשע מעשים, וואָס האָבן אומגעבראַכט אונזערע נאָענטע, אונזער עדה און אונזער פאָלק אין אייראָפּע, זאָל מען אויך נישט פארגעסן, ווער עס זענען געווען זייערע טרייע מיטהעלפער, וואָס אָן זיי וואָלט די אויסראָטונג נישט געווען אזא טאָטאַלע גרונטלעכע.

24. אויף קבר אבות

ווי אַ בליענדיקער, ברייט־צעוואַקסענער וואַלד, שטייען זיי פאַר אונזערע אויגן די פיל אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, געזעלשאַפטן און חברות וווילטעטיקע און קולטורעלע, פינאַנסיעלע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע, מעדי־ציניש און דערציערישע, פּאָליטיש־פּאַרטייאישע און רעליגיעזע, וואָס עס האָבן געשאַפן אין משך פון דורות אונזער טראַגיש־פארשניטענער עדה אין אונזער אַמאָל אַזוי ליבער, און איצט אַזוי קאַלט־פרעמדער חרובער היים־שטאָט שעדלעץ.

אַ שוץ־גאַרטל זענען זיי געווען די פיל אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַ־ציעס, אַ מין פּאַנצער, וואָס דער דערהאַלטונגס־אינסטינקט האָט אַרויסגערופן צום לעבן, כדי צו באַשיצן דער נאַציאָנאַלער, קולטורעלער און רעליגיעזער

אייגנאַרטיקייט ; די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, וואָס זענען אייביק גע־וועזן באַדראָט פון דעם שטענדיק פיינטלעך־געשטימטן אַרום, פון דער פרעמ־דער סביבה.

יעדע איינע פון די פיל אינסטיטוציעס, וואָס זענען געווען אין אונזער חרובער היים־שטאָט האָבן, וועלכע מער, וועלכע ווייניקער אויסגעפירט אַ גרויסע און וויכטיקע פונקציע. און אַלע זענען זיי געווען ליב, טייער און וויכטיק. געווען אָבער עטלעכע צווישן זיי, וואָס האָבן געשלאָגן באַזונדערע טיפע וואָרצלען און זיך צעוואַקסן מיט אַ באַזונדער ברייטקייט און הויכקייט, ווי עס הייבן זיך אַמאָל אַרויס מאַנכע מוטער־ביימער אין וואַלד און וואַקסן אַריבער זייערע פיל דורכשניטלעכע ביימער־שכנים און ווירקן טיפער, בריי־טער און העכער מיט זייער אָנגענעמער לופט, שאָטן און אַראָמאַט.

נישטאָ מער קיין איינע פון די פיל אַזוי ליבע און טייערע אינסטיטוציעס. זיי זענען פאַרשניטן געוואָרן צוזאַמען מיט די, וואָס האָבן זיי געשאַפן און מיט די, פאַר וועמען זיי זענען געשאַפן געוואָרן. בלויז איינצלנע האָבן גע־לאָזן נאָך זיך אַ פאַרשעמטע שטומע מצבה אין דער חורבער, אָדער גאַנץ געבליבענער געביידע, ווו זיי האָבן זיך אַמאָל געפונען און ווו עס געפינען זיך איצט אויף זייער אָרט שפּאָגל־נייע בעלי־בתים מיט נייע אינסטיטוציעס. אָבער פון די מערסטע איז אַפילו קיין צייכן נישט געבליבן. זיי זענען געוואָרן אָפּגעמעקט און פאַרשוווּנדן אין תהום פון חורבן און וועלן שוין מער נישט זיין.

זאָלן מיר כאָטש די עטלעכע אויסנאַם־אינסטיטוציעס דערמאָנען אין טאָג פון יזכור, אָפּגעבן זיי דעם פאַרדינטן כבוד און גיין אויף קבר אבות פון זייערע פאַרשווּנדענע קברים.

אַ תלמוד־תורה

ביים פאַרלאָזן דאָס הויז פון דער אַמאָליקער מקוה, שפּעטערדיקן שעכט־הויז, ווו עס זענען אומגעקומען אַזוי פיל נפשות פון אונזערע אומגליקלעכע בני־עיר און איצטיקן הקדש פאַרן רעשטל נע־ונדניקעס און קהלשע אינסטי־טוציעס — ווערן אונזערע וויסטע מחשבות איבערגעריסן פון פריילעכע קלינגענדיקע קינדערשע קולות — אַ געמיש פון געזאַנג, געלעכטער און טענץ, וואָס טראָגן זיך אַרויס אויף דער גאַס דורך די אָפענע פענצטער פון דער גרויסער תלמוד־תורה־געביידע, וואָס שטייט דאָ אַנטקעגן אַ גאַנצע, אַזוי ווי זי איז געווען אַמאָל.

אַ רגע ציטערט אויף דאָס האַרץ. מען ווערט מיטגעריסן מיט דער קינ־דערשער פרייד, וואָס טראָגט זיך פון דער תלמוד־תורה. עס דאַכט זיך, אַז דאָס זינגען יענע הונדערטער יינגלעך, וואָס האָבן דאָ אַמאָל געלערנט. די

משה׳לעך און שלמה׳לעך, קליינע יידעלעך מיט בלייכע פנימלעך, שוואַרצע אויגעלעך, וואָס פאַרקוקן זיך אויף נעכטיקע טעג און אויף פויגעלעך. זיי זינגען דאָס איצט אויס ביי זייער לערנען פאר שבועות דעם פרעמדן, האַרט־ווערטערדיקן, אָבער אַזוי גוט־פאַרשטאַנענעם היימישן „אקדמות״, דעם זיס־ליבן הימן לכבוד דער תורה, וועלכע זיי לערנען דאָ אַ גאַנץ יאָר, וואָס „ווען אַלע הימלען זאָלן זיין פּאַרמעט, אַלע וועלדער — פּענעס און אַלע ימים — טינט, קען מען נישט באַשרייבן איר גרויסקייט״.

און דאָ ענדערן זיך פלוצלונג די שטימעלעך, נעמען אָן אַ פאָרם פול מיט ריטם און טאַקט, זינגען־אויס אין כאָר דאָס ליד, וואָס עס זינגט די כנסת ישראל פאַר דער געליבטער זיינער, דער הייליקער תורה, אין פאַר פּסחדיקן פריילינגס־ליד שיר השירים, „אין דעם געזאַנג, וואָס איז גרעסער פון אַלע געזאַנגען אָן אַנדער געזאַנג איז קודש, דאָס געזאַנג איז קודש־קדשים, ווייל עס האָט געזונגען אַ חכם בן חכם, אַ נביא בן נביא, אַ מלך בן מלך״.

און ווידער אַן ענדערונג אין כאָר פון די הונדערטער שטימעלעך, זיי צעגייען זיך אין אַ זיסער מעלאַנכאָלישער עלעגיע, אין אַ נאָגנדיקער בענקשאַפט, וואָס עסט זיך איין אין בלוט, אין האַרץ און אין דער נשמה. אַ ניגון, וואָס קומט פון די פאַרגאַנגענע צייטן, פון טויזנטער יאָרן, צעוואָרעמט, צעגליט די יונגע הערצלעך, צינדט אָן די יונגע אויגעלעך מיט בלישטשנדיקע פייערלעך און אַלע שאָקלען זיך איבער די חומשים און זינגען־אויס האַרמאָניש אין כאָר: „ואני, און איך, כאָטש איך בין דיך מטריח מיט מיין קבורה, האָב איך צו דיין מוטער רחל אַזוי נישט געטאָן, ווען זי איז געשטאָרבן אויפן וועגן קיין פדן ארם און איר דאָרט באַגראָבן אין וועג, וואָרום אַזוי איז געווען דער ווילן פון האָר פון דער וועלט, כדי ווען נבוזרדן וועט פאַרטרייבן די יידן אין גלות־אַריין וועט זי אַרויסגיין פון איר קבר און וויינען פאַר גאָט אויפן גורל פון אירע קינדער״.

אָדער, שאַ! ווער רייסט דאָ פלוצלונג איבער דעם זיסן ניגון פון די קליינע בלייכע יינגעלעך און וואַרפט אַריין אין דעם פאַנטאַסטישן כאָר אַזעלכע ווייטע פרעמדע טענער? פון וואַנען נעמען זיך דאָ אַזעלכע פרעמדע געזאַנגען אין היכל פון דער תורה? און אַנשטאָט ערנסט־פאַרחלומטע יינגעלעך, מיט בלייכע אויסגעדאַרטע פנימלעך, שוואַרץ־אויגיקע מיט שוואַרץ־האָריקע קעפּעלעך, קוקן דורך די אָפענע פענצטער פון דער תלמוד־תורה גאָר אַרויס שטיפערישע מיידלעך, לאַכנדיקע מיט קיילעכדיקע ראָזע בעקלעך, בלויע אויגעלעך, בלאָנד־האָריקע קעפּעלעך, אָנגעטוענע אין ווייסע בלוזקעלעך, סוד׳ען זיך עפּעס אַזוי מאָדנע שטיפעריש. ווי קומען זיי אַהער? דאָ איז דאָך אַן אָרט צו לערנען תורה בלויז פאַר יינגלעך און „כל המלמד תורה כאילו מלמד תפלות״, וואָס־זשע טוען דאָ מיידלעך?

זייער שטיפעריש געלעכטער האָט אויפגעוועקט פון די שיינע זיסע חלו־

מות, איבערגעריסן דאָס טראַכטן פון דעם נישט ווייטן „אַמאָל", ווען פון דאָרטן האָט זיך געטראָגן דאָס תורה־קול פון הונדערטער יינגעלעך, קינדער־לעך פון דער יידישער אָרעמקייט, מיט זייערע קלינגענדיקע שטימעלעך האָבן זיי אָנגעפילט די אַרומיקע פאַרחושכטע געסלעך מיט דעם אייביק־נאָגנדיקן, בענקענדיקן ניגון, וואָס ציט זיך מסתמא נאָך פון באַרג סיני אָן.

דער גרויסער צייפשריפט פאַרן אַריינגאַנג: „שקאָלאַ זאַוואָדאָוואַ זשענסקאַ" (פרויען־פאַך־שול) זאָגט דייטלעך ווער עס זענען די היינטיקע בעלי־בתים און ווער עס זענען די תלמידים פון דער תלמוד־תורה, וואָס איז פופציק יאָר געווען אָן אָרט מרביץ צו זיין תורה צווישן די תנוקות של בית רבן, געשאַפן פון די אַמאָליקע תורה־עסקנים און מנדבים אין שעדלעץ: ר' יעקב דוד קאַראַנאַ ז"ל, ר' שמעון גרינבערג ז"ל, ר' בעריש עקהייזער ז"ל און נאָך אַנדערע לומדים, יראים ושלמים, וואָס האָבן געגלויבט, אַז זיי האָבן געשאַפן אַ בנין לעדי עד.

איך ווייס נישט צי מען ווינשט זיך דאָ היינט אַזעלכע באַזוכער, אָבער שווער זיך צו באַהערשן. איך גיי אַריין, עס איז דאָך „אונזער" תלמוד־תורה.

אין קאָרידאָר און אויף די טרעפּ זשומען און שטיפן זאַרגלאַזע מיידלעך. זיי טרעטן אָפּ דעם אַדורכגאַנגס־וועג, באַטראַכטן מיך מיט באַוווּנדערונג פונקט ווי איך וואָלט געווען פאַר זיי אַ רעטעניש. זיי האָבן דאָך אַליין געזען אַלע יידן דאָרט אויפן אומשלאַג־פּלאַץ און אויך ווי מען האָט זיי שפּעטער געטריבן צום טויטן־צוג קיין טרעבלינקע. ווי־זשע קומען דאָ ווידער יידן? אפשר אויפגעשטאַנען פון קבר — תחיית המתים? די פראַגן לייען איך אין זייערע פאַרוווּנדערטע אויגן.

איך גיי אַריין אין עטלעכע לערן־צימערן, יאָ — עס איז אַלץ דאָס זעלבע, וואָס אַמאָל: די זעלבע ווענט, די זעלבע שול־בענק, נאָר נישטאָ מער יענע בלייכע שוואַרץ־אויגיקע און שוואַרץ־האָריקע ערנסטע קליינע יידעלעך. עס זענען בלויז בלוי־אויגיקע און בלאָנד־האָריקע שטיפערישע זאַרגלאָזע מייד־לעך.

ווו זענט איר, בלייכע יידישע קינדערלעך מיט אייערע בלישטשנדיקע פאַרחלומטע אויגעלעך? וועלכן בלוט־דורשטיקן גאָט, אָדער וועלכן בייזן טייוול זענען נויטיק געווען אַזעלכע יונגע אומשולדיקע קרבנות? פאַר וועל־כע זינד? ווער מען האָט שאָדן געבראַכט אייער פאַרבענקטער זיסער ניגון, וואָס איר האָט אויסגעבראָמט בעת איר האָט זיך פאַרטיפט אין די סוגות פון „שנים אוחזים בטלית", פון „ביצה שנולדה ביום־טוב", אָדער גאָר פון „האשה נקנית בשלוש דרכים"? קיינער האָט קיינמאָל דעם ניגון נישט געקענט אי־בעררייסן, נישט נבוזרדן און נישט אנטיוכוס, נישט טיטוס און נישט המן, זאָל ער איצט האָבן איבערגעריסן געוואָרן פון דעם לעצטן בלוטיקן משחית — די דייטשן?

הונדערטער יאָרן זענט איר געווען אַן אָביעקט פאַר די האַרציקסטע תפילות פון אונזערע פרומע טאַטעס און זיידעס, זיי האָבן אויסגעשטרעקט די הענט צום הימל און געבעטן „עשה למען תנוקות של בית רבן", „עשה למען עוללים ויונקים שלא חטאו", — זענען אָט די אַלע תפילות אַוועק אין ניוועץ? פאַרשוווּנדן ווי רויך, גלייך עס וואָלט קיינמאָל נישט געווען?

מיט רעש צעקלינגט זיך אַ גלעקל, מיידלעך לויפן, שפּרינגען, טאַנצן, זינגען שטיפעריש מיט ברען. עס קומט אָן די סעקרעטאַרין. זי זעט אויס ווי איינע פון די עלטערע שילערינס. זי פרעגט העפלעך מיט וואָס זי קאָן מיר דינען? איך וויל איר זאָגן: איך בין געקומען זען מיינע קליינע ברידערלעך, וואָס האָבן דאָ געלערנט, אָבער די צונג פלאָנטערט עפּעס אָן אויסגעטראַכטן תירוץ.

עס באַגלייטן מיך פיל בלוי־אויגיקע בליקן פון שטיפערישע מיידלעך און איך זע פאַר זיך שוואַרץ־אויגיקע יינגלעך מיט ערנסט־פאַרטראַכטע בלייכע פנימלעך — עס צעקלינגט זיך אַ געזאַנג, מיידלעך זינגען־אויס אין כאָר „ראטא" און איך הער דאָס ברענענדיק אומעטיקע קול פון הונדערטער שטימעלעך, וואָס זינגען אויס אין כאָר: „און די מוטער רחל וועט אַרויסגיין פון איר קבר און וויינען אויפן גורל פון אירע קינדער"...

ב. עזרת יתומים

אויף דלוגע גאַס נומער 17, אין אַן אָרעמער דירה פון צוויי קליינע שטיבלעך האָט געוווינט דער אין יענער צייט באַרימטער מלמד אין שטאָט אברהם הערש אָסינאַ. אברהם הערש איז געווען אַ ייד אַ גרויסער תלמיד־חכם, אָבער אַ נאָך גרעסערער משכיל. האָט גוט געקענט העברעאיש, רוסיש, פּויליש, דייטש, געקענט די ליטעראַטור פון די שפּראַכן און צו דעם אַלעם געווען א גרויסער אָרעמאַן און געצויגן זיין אָרעמע חיונה פון מלמדות. כאָטש אברהם הערש איז געווען אַ פרומער אָפּגעהיטענער ייד, געטראָגן באָרד און פאות, געדאַוונט אין צוויי פּאָר תפילין און אָפּגעהיט אַלע תרי"ג מצוות, האָבן דאָך פרומע יידן פון אים נישט געהאַלטן, געמורמלט, אז ער איז א שטילער אפיקורס און זייערע קינדער צו אים נישט געשיקט לערנען.

דאַקעגן האָבן ביי אים געלערנט קינדער פון אויפגעקלערטע עלטערן, האַלבע און גאַנצע משכילים, וואָס האָבן געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן אַ חוץ תורה, אויך אַ ביסל בילדונג נאַשן פון דעם באַהאַלטענעם משכיל אברהם הערש אָסינאַ. עס האָבן דאָרט געלערנט די יינגלעך: זון פון ר' משה אבע אייזענשטאַט פלטיאל, דער זון פון שמערל גרינבערג מישאַ, זון פון יעקב לערנער אהרון, די זין פון לייבל קאַנאַפּנע דוד און בערל, זון פון שמעון רידעל יעקב און אַנדערע.

ביי דעם מלמד אברהם הערש האָבן זיך געפונען אַ חוץ זיינע אייגענע עטלעכע קינדער אויך אַן עלנד אָרעם קינד, א יתום׳ל נאָך זיינס א קרוב, וואָס צוליב די אָרעמקייט פון זיין אַפּוטרופּוס איז עס געגאַנגען קריע־בליע, נאַקעט און באָרוועס און אונטערגעהונגערט.

די תלמידים פון אברהם הערש אָסינאַ האָבן זיך שטאַרק איבערגענומען מיטן גורל פון דעם עלנדן אָרעמען יתום׳ל ביי זייער רבין אין שטוב. זיי האָבן זיך מיט אים געטיילט מיט די אַנבייסנס, וואָס זיי פלעגן מיטברענגען פאַר זיך אין חדר, און דאָס קליינע טאַשן־געלט, וואָס זיי פלעגן באַקומען פון זייערע עלטערן האָבן זיי נישט פאַרנאַשט, נאָר געזאַמלט אין אַ קאַסעלע און דערפאַר געקויפט א שטיקל אַנטועכץ פאַר דעם עלנדן יתום׳ל.

די הילפס־אַרבעט פון די חדר־יינגלעך, די תלמידים פון אברהם הערש אָסינאַ, איז זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז זיי האָבן אויך שוין געקענט שטיצן נאָך אַנדערע עטלעכע יתומים־קינדער, פון וועלכע זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז זיי ליידן הונגער און נויט און זיי אַוועקגעטראָגן אַמאָל אַ מאָלצייט אָפּצועסן און אַמאָל אויך געקויפט אַ שטיקל מלבוש.

—*—*—

אין יענער צייט, זיין אַ ווינטערדיקן אָוונט אין יאָר 1903, ווען אין דרויסן האָט געסמאַלעט א קנאַקנדיקער פראָסט, זענען אין שטוב פון ר׳ זלמן גרינ־פּאַרב ז״ל געקומען צו זיינע זין מאָזעס און דוד און צו זיינע גרעסטענע טעכטער, זייערע חברים און חברות פון שול און חדר, ווי: שיע זילבערגלייט, וואָלף טוכקלאַפּער, מיניע ווייַנטרויב, מאַדזיע כהנה, ליבע זיידענצווייג, בערל מינץ, יחיאל גרינבערג, שוועסטער און ברידער ניעדזוויעדזש און נאָך אַנ־דערע, וואָס האָבן צוזאַמען פאַרברענגט ביי שפּילן אין קאָרטן און אין טערנע, ביי לייענען עפּעס פון די לעצטע ליטעראַרישע נייעסן און ביי זינגען אַ ליד.

די סענטימענטאַלע פּאָעטיש־געשטימטע דוד און מאָזעס גרינפּארב מיט זייערע שוועסטער זינגען־אויס דאָס צו יענער צייט פּאָפּולערע ליד:

עס האָט אי געשנייט און געדעגנט
גייענדיק שנעל דורך דער גאַס
אַ מיידעלע האָב איך באַגעגנט
האלב־נאַקעט, האלב־באָרוועס און נאַס...
זי האָט מיט די באָרוועסע פיסלעך
געפּאַטשט דעם פאַרגאַסענעם ברוק
און עפּעס אַזוי ווי פאַרדריסלעך
געשיינט האָט איר קינדערשער בליק...

אָפּגעזונגען, רופט זיך ווער אָפּ: „איך האָב היינט אויף דעם גרויסן פראָסט געטראָפן אין גאַס אַזאַ אומגליקלעך קינד, וואָס ווערט דאָ געזונגען אין ליד. עס האָט מיט רויט־געשוואָלענע באָרוועסע פיסלעך געטאָפּטשעט אין שניי,

אויסגעשטרעקט רויט־געפרווירענע הענטלעך צו די פאַרבייגייער אין גאַס און געבעטלט אַ פּאָר גראָשן, אַ שטיקל ברויט״.

„איך אויך, רופט זיך אָפּ אַ צווייטער, האָב מיט עטלעכע טעג צוריק געטראָפן אַזאַ עלנד קינד איינגעהילט אין שמאַטעס, וואָס האָט געבעטלט אין גאַס. ווען איך האָב דאָס קינד געפרעגט וועמענס ביזטו? ווער איז דיין טאַטע? ווער דיין מאַמע? האָט דאָס קינד פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דאָס קעפּל און קוים אויסגעשעפּטשעט: איך בין א יתום, כ׳האָב נישט קיין טאַטן, כ׳האָב נישט קיין מאַמען און נישט קיין היים״.

— איך מיין, אַז ס׳איז די העכסטע צייט צו טאָן עפּעס פאַר אַזעלכע אומגליקלעכע קינדער פאַרשעמטע און איגנאָרירטע פון גורל — רופט זיך אָפּ אַ דריטער.

דאָס טאָשן־געלט, וואָס חברה יונגוואַרג האָט געהאַט ביי זיך צום שפּילן אין קאָרטן און אין טערנע, איז באַלד צוזאַמענגעלייגט געוואָרן אין איין קופּקעלע אַלס פאָנד צו העלפן אָרעמע יתומים־קינדער.

צומאָרנגס האָבן עטלעכע יונגע לייט און מיידלעך, מיט דער מיטהילף פון די תלמידים פון ר׳ אברהם הערש אָסינעס חדר זיך אַרויסגעלאָזט איבערן שטאָט, זוכן א דירה, ווו ארייננצונעמען די עלנדע יתומים־קינדער.

—*—*—

אויף דלוגע גאַס נומער 22, אונטער אַ סטריכע אין אַ פּאַציאַטקע פון צווי שטיבלעך, האָט געוווינט אַן אָרעמער בעל־מלאכה — ראובן בלאַכאַרזש. דער ייד האָט איינגעשטימט אָפּצוגעבן אַ שטיבל פון זיין דירה פאַר אַ היים פאַר יתומים־קינדער, וואָס מען האָט באַדאַרפט צוזאַמענברענגען.

אַ דעלעגאַציע פון די יונגע מענטשן איז אַוועק אין דער יידישער גמינע, ווו זיי האָבן פאַר די דאָזאָרעס משה טעמקין י. נ. ווייינטרויב, הערשל שליפּקע איבערגעגעבן פון זייער פּלאַן צו שאַפן אַ היים פאַר יתומים־קינדער און דאָרט באַקומען די ערשטע הילף. זיי האָבן איינגעקויפט עטלעכע בעטלעך, גוט־הארציקע באַלעבאַטים און באַלעבאָסטעס אין שטאָט האָבן געשאָנקען אַ ביסל זאַכן פון באַלעבאַטישקייט, אַ ביסל אָנטאָן, וועש און עסנוואַרג. מען האָט צוזאַמענגעבראַכט צוועלף עלנדע אָפּגעריסענע יתומים־קינדער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין די בתי־מדרשים אָדער געבלאָנקעט אין די גאַסן. מען האָט זיי אָפּגעוואַשן, אָנגעטאָן און ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער „עזרת יתומים״.

פון ערשטן טאָג אָן פון זיין אנטשטיין, האָט דער „עזרת יתומים״ געפונען גרויסע סימפּאַטיע אין שטאָט. צו די אָנשטרענגונגען פון די דערמאָנטע מענטשן, מיט דער מיטהילף פון די נאָך יונגערע תלמידים פון ר׳ אברהם הערש׳ס חדר פאַרן עזרת יתומים זענען נאָך צוגעקומען נאָך עסקנים, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן אין דער הייליקער הילפס־אַרבעט. דער קרייז מענטשן, וואָס האָבן

זיך פאַראינטערעסירט מיטן גורל פון די אומגליקלעכע קינדער, האָט זיך כסדר אויסגעברייטערט און דער עזרת יתומים איז אויסגעוואַקסן צו אַ וויכטיקע גרויסע אינסטיטוציע אין שטאָט.

עטלעכע יאָר האָט דער עזרת יתומים זיך געפונען אין דער אָרעמער דירה פון ראובן בלאַכאַרזש.

עס איז געוואָרן ענג אין דער אָרעמער פאַציאַטקע אויף דלוגע 22. עס האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל קינדער, וואָס דער גורל האָט פאַרשעמט און פון זיי צוגענומען טאַטע־מאַמע. נישט געווען קיין פלאַץ ווו זיי אַריינצונעמען. האָט מען זיך געווענדעט צו דער יידישער גמינע און די קהלה האָט אָפּגעגעבן צוויי צימערן אונטערן רב׳ס דירה, וואָס האָט געדינט פאַר אַ בית־דין, ווו דער עזרת יתומים האָט זיך איבערגעטראָגן.

אין דער נייער גרעסערער דירה אין צענטער שטאָט, האָט דער עזרת יתומים גרעסער זיך צעוואַקסן. צו די פריערדיקע עסקנים קומען צו אַלטער קאַמינסקי און מאניש רידעל; עס העלפן צו שטאָט־איינוווינער, וואָס באַשטייערן זיך מיט אַ חודש־אָפּצאָל. די יידישע גמינע און דער מאַגיסטראַט גיבן סטאַבילע סובסידיעס, עס פאַרגרעסערט זיך די צאָל קינדער־יתומים און אויך דאָ ווערט ענג. די פאַרוואַלטונג האָט גרויסע דאגות, ווו מען בעמט א גרעסערן לאָקאַל, וואָס זאָל קאָנען אריינגעמען אלע עלנדע יתומים־קינדער, וואָס געפינען זיך אין שטאָט.

און דאָ איז געקומען צו הילף דער איידעלער גוט־האַרציקער נדבן ר׳ פישל פרענקעל ז״ל. ער האָט געקויפט אַ הויז אויף שענקעוויטש גאַס (אַגראָדאָווע) פאַר א יתומים־הויז און פאַר אַ מושב־זקנים.

דאָס הויז איז באַשטאַנען פון צוויי קלענערע הייזער: דאָס אונטערשטע הויז, די אָפיצינע איז באַשטימט געוואָרן פאַרן מושב זקנים, און דאָס פאָרנטדיקע פאַר דער עזרת־יתומים.

אין די דאָזיקע צימערן פון הויז אויף שענקעוויטש־גאַס האָט די עזרת יתומים ווידער אדורכגעמאכט א גרויסן אויפשטייג אין זיין אנטוויקלונג. דאָ איז שוין געווען מער אָרט אריינצונעמען נאָך פאַרלאָזענע יתומים קינדער, וואָס זייער צאָל איז דערגאנגען ביז פופציק. מען האָט פארגרעסערט דעם פערסאָנאַל, אנגאזשירט פעדאגאָגישע כוחות. עס האָט זיך פארגרעסערט דער קרייז פון עסקנים. מען האָט געאָרדנט פארשידענע אימפרעזעס און ווידער האָט מען זיך ארומגעזען, אז עס ווערט ענג. אויך דאָס הויז האָט זיך ארויסגעוויזן פאר צו קליין פאר אזא אינסטיטוציע.

אין יאָר 1925 האָט די פאַרוואַלטונג צוזאַמען מיט א ספעציעל געשאַפענעם בוי־קאָמיטעט צוגעטרעטן, אויפן אָרט פון קליינעם הויז, וואָס עס האָט געשאָנקען ר׳ פישל פרענקעל ז״ל אויפצובויען א שיין, גרויס מאָדערן הויז, וואָס זאָל זיין צוגעפאַסט צו די באדערפענישן פון דער אינסטיטוציע.

צום בוי־קאָמיטעט האָבן געהערט די חשובי־העיר: יצחק־נחום ווײַנ־טרויב, אשר אָרזשל, ישראל גוטגאָלד, וועלוול בארג, דוד רובינשטיין, אפ־רים צעלניק, אלטער קאמינסקי, בונים ראָטענבערג, הערשל ראָזענגארטן און — צו לאנגע יאָר — מאָניש רידעל.

מיט גרויס התלהבות האָט מען אָנגעהויבן די בוי־ארבעטן. הונדערטער איינוווינער זענען געקומען צו דער פייערונג פון לייגן דעם ערשטן גרונט־שטיין. מיט א ברייטער האנט האָבן שעדלעצער יידן געבראַנגט זייער צו־שטייער צו דעם גראַנדיעזן בנין, וואָס דאַרף זיין, ווי אלע האָבן געגלויבט, א בנין לעדי־עד, אן אייביקע היים פאר אומגליקלעכע יתומים־קינדער.

מען האָט אויסגעבויט א שיינע מאָדערנע צוויי־שטאָקיקע געביידע מיט אלע באקוועמלעכקייטן, גרויסע ליכטיקע צימערן מיט א גרויסן שיינעם זאל, וווּ עס פלעגן פאָרקומען גרויסע מוזיקאלישע אָוונטן, טעאטער־פאָר־שטעלונגען, ליטעראַרישע משפטים, פּאַרטייאישע פארזאמלונגען, רעפע־ראַטן און אנדערע אימפּרעזעס, וואָס האָבן צוליב דעם רעזשים „סוואַי דאָ סוועגאָ" נישט באַקומען קיין אנדערן זאָל אין שטאָט. אויפן חנוכת הבית זענען געקומען פיל הונדערטער יידן פון שטאָט, הארציק זיך געפרייט מיט דער גרויסער דערגרייכונג פון זייער ליבער אינסטיטוציע און מיט א ברייטער האנט מנדב געווען בעטן, בעט־צייג, וועש און אנדערע איינריכטונגען פאר די יתומים־קינדער.

מיטן אויפשטעלן דאָס נייע געראַמע הויז, האָט די צאָל יתומים־קינדער געהאַלטן אין איין וואַקסן אַון דערגרייכט די צאָל 70. מען האָט אנגאַזשירט קיכער, רוימער, לערער, דערציער. מען האָט די קינדער געלערנט א חוץ דער נאָרמאַלער בילדונג פון פאָלקס־שולן אויך פארשידענע פאכן און מלאָ־כות, זיי צוגעגרייט, אז ווען זיי וועלן אונטערוואַקסן און פארלאָזן דאָס יתו־מים־הויז, זאָלן זיי האָבן עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן און קאָנען גיין אליין אַין שפּאַן פון לעבן.

מיטן גורל פון די יתומים־קינדער האָבן זיך פאַראינטערעסירט די חשוב־סטע מענער און פרויען פון שטאָט. אויף די יערלעכע פארזאמלונגען פון די לעצטע עטלעכע יאָר זענען געקליבן געוואָרן אין דער פארוואַלטונג אזעלכע עסקנים, ווי: יצחק נחום ווײַנטרויב, אשר אָרזשל, ישראל גוטגאָלד, אפרים צעלניק, וועלוול בארג, אלטער קאמינסקי, אברהם אשר קוויאטעק, נחום האלבערשטאט, בונים ראָטענבערג, די ביאלער רביצין חוה׳לע ראַבינאָ־וויטש, חיה טענענבוים, פּאיע ראַבינאָוויטש, אסתר לעווענשטיין־טשאַרנאָ־בראָדע, גוטשע פערסטער, יעקב יום־טוב, לייביש ווײַנשטיין, הערשל ראָ־זענגארטן, אברהם ברעסלער, בערל קאָנאַפּנע, יהושע צוקער און צו לאנגע יאָרן מאָניש רידעל.

עסקנים פון עזרת יתומים, פארוואַלטונגס־מיטגלידער, לערער און דער־

ציער האָבן זיך באַמיט צו זיין פאַר די יתומים־קינדער דאָס, וואָס דער האַר־טער שיקזאַל האָט פון זיי צוגערויבט — טאַטע־מאַמע. שבתים און יום־טובים האָבן פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער געגעסן און פאַרבראַכט צוזאַמען מיט די יתומים־קינדער. פסח זענען די חשובסטע אײנוווינער געקומען אָפּריכטן די סדרים צוזאַמען מיט די עלנדע קינדער. דער אַלטיטשקער ר׳ יצחק נחום וויינטרויב האָט געהאַט אָפטע געשפּרעכן און פאַרלעזונגען פאַר זיי.

מען האָט די קינדער אַרויסגעוויזן צערטלעכקייט און וואַרעמקייט, מען האָט זיך געסטאַרעט צו שאַפן פאַר זיי אַן אַטמאָספער, וואָס זאָל זיי כאָטש טיילווייז מאַכן פאַרגעסן אין זייער עלנדן פאַרשעמטן גורל.

אָט די הויכע אויפגאַבע און דער דערהויבענער צוועק, וואָס די אינסטי־טוציע האָט געהאַט פון אַרויסהייבן עלנדע פון גורל געשלאָגענע יתומים־קינ־דער פון זייער שפלן מצב און דערציען זיי פאַר נוצלעכע מענטשן, האָט די עזרת יתומים געמאַכט פאַר דער באַליבסטער און סימפּאַטישסטער אינ־סטיטוציע אין שטאָט.

—*—*—

נאָך די ערשטע פיר וואָכן נאַצי־הערשאַפט אין לאַנד זענען טיילן פון דער רויטער אַרמיי אַריין אויף עטלעכע טעג קיין שעדלעץ. דעם מאָמענט האָט אויסגענוצט די לייטונג פון עזרת יתומים און האָבן זיך עוואַקואירט מיט כמ־עט אַלע קינדער און פערסאָנאַל קיין רוסלאַנד. די ערשטע צייט האָט זיך די עזרת יתומים אויפגעהאַלטן אין מינסק, וווּ די ראַטן־מאַכט האָט געזאָרגט פאַר זייער אויסהאַלטונג. מיטן מלחמה אָנפאַל פון דייטשלאַנד אויף רוסלאַנד איז די עזרת יתומים צעפאַלן. אַ טייל פון די קינדער האָבן זיך עוואַקואירט טיפער אין רוסלאַנד און זענען לעבן געבליבן. אָבער אַ טייל זענען געבליבן אין מינסק, וווּ די נאַצישע בלוטיקע לאַפּע האָט זיי דערגרייכט און זענען דאָרט אומגעקומען.

עס זענען אויך אומגעקומען אַ טייל פון פערסאָנאַל מיט די דערציער, וואָס זענען אַוועק צוזאַמען מיט די קינדער און נישט באַוויזן זיך צו עוואַקו־אירן. צווישן זיי דער מנהל פון דער תרבות־שול בראָנשטיין, וואָס האָט אין יענע טעג איבערגענומען די אָנפירונג פון עזרת יתומים.

אַ טייל פון די לעבנגעבליבענע קינדער זענען געבליבן אין רוסלאַנד. בלויז איינצלנע פון זיי זענען צוריקגעקומען פון ווייטן וואָגלען אין זייער חרובער היים־שטאָט און זיך געלאָזט צו דעם הויז, וואָס איז ספּעציעל פאַר זיי געבויט געוואָרן, וווּ זיי האָבן געהאַט זייער וואַרעמע היים. אָבער זיי האָבן געטראָפן די טירן פאַרמאַכט. נישטאָ דאָרט קיין אָרט מער פאַר פאַרלאָזענע יידישע יתומים־קינדער. דאָרט געפינט זיך איצט די „פּוילישע האַנטווערקער שול״ — אַזוי דערציילט דער נייער אויפשריפט, וואָס געפינט זיך ביים טויער

אויפן אָרט פון אמאָליקן אויפשריפט: עזרת יתומים" — פונדאציע פון נדבן ר׳ פישל פרענקעל ז"ל.

זיי גייען פאַרביי דאָ די עטלעכע צוריקגעקומענע עלנדע יתומים־קינדער און קוקן מיט ווייטיק אויף דער געביידע, וואָס איז דאָ נישט לאַנג געווען זייער היים און האָבן נישט ווו זיך אהינצוטאָן מיט זייער יתומישקייט, וואָס איז פיל גרעסער, פיל שמערצלעכער געוואָרן.

עס גייען פאַרביי די עטלעכע פאַר דער צייט ג־וי־געוואָרענע היימלאָזע יתומים־וואָגלער, אַרויסגעקומענע פון בונקערס, וועלדער און טייגעס און קוקן מיט פאַרקלעמטע הערצער אויף דער געביידע, וואָס איז דאָ נישט לאַנג געווען דער שטאָלץ פון יידישן שעדלעץ און וואָלט איצט געדאַרפט זיין די היים פאַר זייער יתומישקייט.

זיי זענען אַוועק אַלע די היימלאָזע יתומים־וואָגלער אין דער צייטווייליקער יתומים־היים, וואָס געפינט זיך אין דער שטוב פון דער אמאָליקער מקווה און פון דאָרט זיך געלאָזט אין ווייטערן וואַנדער־וועג זוכן א נייע יתומים היים.

ג. ה ז מ י ר

ביים וואָגלען איבער די חורבות בלייבט מען שטיין ביים הויז נומער 61 אויף וואַרשעווער גאַס, וואָס איז געבליבן גאַנץ און מען פרעגט די עטלעכע שכנים, וואָס וווינען דאָרט — יידישע און נישט יידישע: אפשר ווייסט ווער, וואָס איז געוואָרן מיטן „הזמיר", מיט דער גרעסטער און עלטסטער קולטור־אינסטיטוציע אין שטאָט, וואָס האָט זיך דאָ געפונען? ווו איז אהינגעקומען די ביבליאָטעק מיט דער גאַנצער איינריכטונג, וואָס דאָס קולטור־רעלע שעדלעץ האָט געזאמלט אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר? מען פרעגט צופעליקע פאַרבייגייער אויף דער האַלב־חרובער גאַס, מען פרעגט די עטלעכע לעבנגעבליבענע פריינט, אמאָליקע „הזמיר"־מיטגלידער, אָבער קיינער ווייסט נישט צי איז דער ביכער־אוצר פון ביבליאָטעק צוגערויבט געוואָרן פון די דייטשן פאַר ראָזענבערגס און געבעלסעס צוועקן פאַר „פאָרשונג פון יידנטום", אָדער האָבן עס אפשר היימישע רויב־גיריקע שכנים אויסגערויבט אויף מאקולאטור, אָדער אפשר האָבן היימישע מיט דייטשע הפקר־יונגן געמאַכט אַ שותפותדיקע אויטאָ־דאַ־פע און געברענט די פון דורות פאַרהאַסטע יידישע ביכער און ספרים?

ווו איז אהינגעקומען דער אוצר פון מוזיק־אינסטרומענטן, וואָס די מוזיקאַלישע סעקציע ביים „הזמיר" האָט מיט אַזוי פיל ליבע איינגעשאַפן? האָבן די וואַנדאַלן דאָס צוגערויבט און אַפּגעשיקט אין דער היימאַט, געגרייט זיך אויף זיי צו שפּילן דעם נצחון־מאַרש, ווען די „נייע אָרדענונג"

וועט זיין שוין איינגעפירט אין דער באזיגטער אייראָפּע? אָדער געפינען זיי זיך אין די ארומיקע דערפער, אין די קאסטנס פון רויבערישע פויערים, וואָס נעמען זיי אַרויס צוליב די זונטיקדיקע זאבאוועס צוצושפילן די טאנצנדיקע שקצים און שיקסעס, פּאָלקעס און מאזורקעס אויף די שיינע „זשידאָווסקע אינסטרומענטן״? און אפשר גאָר האָבן די לעצטע מיטגלידער פון דער מוזיק־סעקציע ביים „הזמיר״, די תלמידים פון אהרן שפּילפּידל, אין נאַאיוון גלויבן, אז זיי וועלן געשיקט אין ארבעטס־לאגערן, מיטגענומען אין די טויט־וואַגאָנען, צוזאמען מיט א שטיקל וועש און א שטיקל ברויט, זייערס א ליבן מוזיק־אינסטרומענט, כדי דאָרט אין נייעם אומבאקאנטן גלות אויסצושפּילן א נייעם „על נהרות בבל?״.

אָט די און נאָך אנדערע פראגן פרעגן מיר ווען נאָר מיר טרעפן פון די לעבעדיקע. מיר זוכן אויך אן ענטפער אויף די פראגן ביי די שטומע ווענט, ווו דער הזמיר האָט זיך געפונען. אָבער קיינער קאָן אונז נישט געבן קיין תשובה אויף די ווייטיקדיקע פראגן.

פארנעפּלטע ידיעות דערציילן: אין אָנהויב פון חורבן, ווען די דייטשע האָרדעס זענען אריין אין שטאָט און אָנגעהויבן מאכן זייערע רוצחישע און רויבערישע איבערפאלן אויף יידישע שטובן, האָבן זיי אויך אויפגעריסן די פארשלאָסענע טירן פון הזמיר און אדורכגעפירט דאָרט א פּאָגראָם: אראָפּגעריסן פון די ווענט די בילדער פון זיידן מענדעלע, פון פרץ׳ן, שלום־עליכם׳ן, ביאליקן און דאָס בילד פון גרינדער פון הזמיר פון מרדכי־מאיר לאנדוי ז״ל. פאר רציחה, וואָס זיי האָבן דאָ נישט געטראָפן קיין לעבעדיקע יידן צו פייניקן, האָבן די וואנדאלן אויסגעלאָזט זייער נאצישן צאָרן צו די בילדער: צעריסן און צעטרעטן מיט ברוטאלע באנעגלטע שטיוול, און אַרויסגענומען פיל ביכער פון די ביבליאָטעק־שענק, געפליקט און צעפיצלט.

א חברה שקצים, וואָס פלעגן אָפט באגלייטן די דייטשן אין זייערע רויבערישע און פּאָגראָם־צוגן איבער די יידישע הייזער, האָבן צוגעהאָלפן ראַבירן, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

אין יענע ערשטע גהינום־וואָכן, האָט מען געטראָפן פארשעמטע צעריסענע בלעטלעך פון יידישע און העבעראישע ספרים און ביכער ארומוואלגערן זיך אין די רינשטאָקן.

ענדע דעצעמבער 1939, נאָך דעם, ווי די דייטשע וואנדאלן האָבן פארברענט די שול, בית המדרש מיט דער קהילה־שטוב, האָט דער יודנראט זיך אריבערגעטראָגן אין לאָקאל פון הזמיר. דעמאָלט האָבן זיך אָפּגעזוכט עטלעכע פריינט פון יידישן וואָרט און די רעשט ביכער און מוזיק־אינסטרומענטן איינגעפּאַקט אין קאסטנס, פארקלאַפּט און אוועקגעשטעלט אויפן בוידעם — עס וועט נאָך צונוצקומען...

אָבער עס האָט לאנג נישט געדויערט און די דייטשן איז געפעלן געוואָ־

רן דער לאָקאַל. זיי האָבן באַפוילן דעם יודנראַט אים צו פאַרלאָזן. צוזאַמען מיטן יודנראַט האָבן אויך די קאַסטנס פאַרלאָזט זייער צעשטערטע היים און געוואַנדערט איבער פאַרשידענע ערטער.

בײַם אָפּשליסן פון געטאָ האָבן די פאַרשפּאַרטע יידן מיטגענומען דאָס רעשטל פון גייסטיקן הזמיר־פאַרמעגן אין אָפּגעשלאָסענעם געטאָ אַריין און אין זייער ענגשאַפט אָפּגעטיילט אין די קעלערס און אויף בוידעמער אויך אַ שטיקל אָרט פאַר די פאַרשעמטע ביכער־קאַסטנס.

מיט דער ליקווידאַציע פון געטאָ ווערן ליקווידירט אַלע שפּורן פון דעם רעשטל פון דער גרויסער און רײַכער קולטור־אינסטיטוציע. עס איז פאַרשווונדן אין תהום פון חורבן אין אומבאַקאַנטן קבר, ווי עס זענען פאַרשוווּנדן אירע שעפער, מיטגלידער, לייענער און פרײַנט.

דריי און דרײַסיק יאָר האָט עקזיסטירט דער הזמיר מיט דער ביבליאָטעק. נאָך פיל מי און השתדלותן איז אין יאָר 1906 געלונגען דעם ענערגישן קולטור־טוער מרדכי מאיר לאַנדוי ז״ל אַרויסצוקריגן פון דער צאַרישער מאַכט אַ דערלויבעניש אויף זײַן נאָמען צו עפענען אַ ביבליאָטעק אין שעדלעץ.

פריער פלעגט מען אויך אַמאָל באַקומען אַ בוך ביי אַ בית המדרש מוכר־ספרימניק, וואָס האָט ביי זיך אין דער היים געהאַלטן אין געהיים אַ ביסל ביכער שמר׳ס און בלושטיינס „מאַראַלישע״ ראָמאַנען, וואָס ער האָט זיי געליען פאַר אַן אָפּצאָל פון עטלעכע גראָשן אַ וואָך. ביי אַ מאָדערנעם מלמד, אַ האַלבן משכיל, האָט מען אויך שוין באַקומען מענדעלעס „קליאַטשע״, סמאָלענסקיס „קבורת חמור״ און לינעצקיס „פּוילישער יינגל״, אָבער קיין נאָרמאַלע ביבליאָטעק, ווי אַ קולטור־אינסטיטוציע איז אין שעדלעץ ביז דעמאָלט נישט געווען.

עס איז דעריבער קיין ווונדער נישט, וואָס דאָס עפענען אַזאַ ביבליאָטעק, וווּ מען האָט באַקומען צו לייענען ביכער פון די בעסטע שאַפונגען פון דער יידישער־ און וועלט־ליטעראַטור אין עטלעכע שפּראַכן, איז אויפגענומען געוואָרן, ווי אַ גרויס געשעעניש און די קולטור־הונגעריקע יוגנט זענען מאַסנווייז געוואָרן אירע לייענער און מיטגלידער.

אָנגעהויבן באַשיידן מיט עטלעכע הונדערט ביכער, באַגרענעצט אין אירע מעגלעכקייטן צוליב די שטערונגען פון דער צאַרישער מאַכט, וואָס האָט אויף אַזאַ אינסטיטוציע געקוקט, ווי אויף אַ שעדלעכע האַלב־רעוואָלוציאָנערע אונטערנעמונג פון דער „קראַמאָליע״, האָט זיך דאָך די ביבליאָטעק כסדר אַנטוויקלט און פאַרגרעסערט און אויסגעוואַקסן צו דער וויכטיקסטער קולטור־אינסטיטוציע אין שטאָט.

אין יענער צייט, ווען דער וועג פאַר בילדונג איז פאַר יידן געווען פאַרמאַכט: נומערוס קלאַוזוס אין די מיטל־שולן; נומערוס נולוס אין די הויך־

שולן, איז די ביבליאָטעק געווען אַלץ: די אָנפאַנגס־שול, מיטל־שול און הויך־שול. זי האָט געגעבן אַ באַהאַלטענעם טריף פּסול פאַר אַ לערנער, אַ ישיבה־בחור; אַ פאַרבאָטן סאָציאַליסטיש בוך פאַר אַן אַרבעטער; אַ שפּאַ־נענדן ראָמאַן פאַר אַ כּלה־מיידל; אַ משכּיליש בוך פאַר אַן איידעם אויף קעסט; אַ חקירה ספר פאַר אַן אַלטן אפּיקורס. אומעטום האָט דאָס בוך פון ביבליאָטעק אַריינגעדרונגען און געברענגט וויסן און אויפקלערונג.

פון יאָר 1915, ווען צוזאַמען מיט דער צאַרישער רעאַקציאָנערער מאַכט פאַרשווינדן אויך אַ טייל פון אירע יידישע באַגרענעצונגען, מאַכט דער הז־מיר אַדורך אַ כּסדרדיקן אויפשטייג פון אַנטוויקלונג.

עס האַלט אין איין שטייגן די צאָל לייענער און מיטגלידער, עס ווערט כּסדר פאַרגרעסערט דער ביכער־אוצר, עס ווערט געשאַפן אַ דראַמאַטישע סעקציע אונטער דער אָנפירונג פון שרייבער יעקב טענענבוים, וווּ עס אַנט־וויקלען זיך אַזעלכע אַרטיסטישע כּוחות, ווי בינא גאָלדפאַרב, משה גראַביע און רוזשע טענענבוים, וועלכע שפּילן די בעסטע ווערק פון יידישן רעפּער־טואַר. עס אַנטוויקלט זיך אַ מוזיקאַלישע סעקציע מיט אַ סטאַבילן כאָר אונ־טער דער אָנפירונג פון באַגאַבטן פידלער אהרון שפּילפידל, אַ שאַך־קלוב, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ מייסטער, ווי צוקערמאַן. עס קומען צו פרישע יונגע כּוחות: אשר ליוואַראַנט, בערל טשאַרנאָבראָדע, לוי גוטגאָלד און אַנ־דערע, וואָס גיבן אַוועק פיל פון זייער צייט, וויסן און ענערגיע פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ביבליאָטעק; עס ווערן איינגעאָרדנט ליטעראַרישע אָוונטן מיטן אָנטייל פון די גרעסטע שרייבער און דיכטער; מוזיקאַליש־אַר־טיסטישע אונטערנעמונגען, וווּ עס באַטייליקן זיך באַדייטנדיקע מוזיקער און קינסטלער.

דער הזמיר קאָנצענטרירט אַרום זיך די בעסטע יוגנט אין שטאָט, פירט אָן אויפקלערערישע קולטור־אַרבעט צווישן זיינע מיטגלידער און לייענער, וואָס זייער צאָל דערגרייכט לעצטנס צו טויזנט (פיר הונדערט מיטגלידער און זעקס הונדערט לייענער).

די ביבליאָטעק ציילט צוואַנציק טויזנט ביכער אין זעקס שפּראַכן: יידיש, העברעאיש, פּויליש, רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש.

דאָס אַלץ איז אונטערגעהאַקט געוואָרן מיט דער נאַצישער האַק און פאַרשוועכט געוואָרן אין תהום פון חורבן.

גרינדער פון עזרת-יתומים אין יאר 1903

עס זיצן פון רעכטס אויף לינקס: שמחה רובינשטיין, מאָזעס גרינפארב, יצחק אלי צוקער, ד"ר משה טעמקין

צווייטער רייע: שיע זילבערגלייט, וואָלף טוכקלאַפּער, מיניע ווינ־טוויב, מאדזשיע כהנה, ליבע זיידנצייג, בערל מינץ

תרבות־עסקנים און לערער

עס זיצן פון רעכטס אויף לינקס: יעקב יום־טוב, חנוך ריבאַק, גיטל ווײַמאַן, אשר אָרזשל, צבי באַקסער, ח. לעווענשטײַן, א. וולאַדאַווסקי;

מיטעלע רײַע: רובין, יהושע עקערמאַן, פינקעלשטײַן, פישל פּאַפּאַווסקי, יצחק פרײַליך, לײב מענדיזשעצקי, פלאַשין, משה יודענגלויבן, לוי גוטגאָלד

דריטע רײַע: אלימלך פײַנזילבער, משה ראַטבײַן, משה יום־טוב, רחל העלער, וועלוול לעוו, אברהם אלטענבערג יוסף גוטגאָלד, הלל שוואַרץ.

ד. תרבות

דעם 1־טן אַפּריל 1925, האָט די נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע יידישע וועלט בכל תפוצות געפייערט אַ גרויסן יום־טוב: אין דעם טאָג איז געעפנט געוואָרן דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים.

דאָס ציוניסטישע שעדלעץ איז נישט געבליבן הינטערשטעליק. מיט גרויס פּאַראַד און פייערלעכקייט האָט מען אין שטאָט אָפּגעצייכנט דעם היסטאָרישן מאָמענט. מיט אַ פאַקעל־צוג איבער די שעדלעצער גאַסן פון אַלע ציוניסטישע און חלוצישע אָרגאַניזאַציעס, אָנגעפירט פון די עלטסטע ציוניסטן: יצחק נחום וויינטרויב, משה אבא אייזענשטאַט און אָשר אַרזשל; מיט ליכט אילומינאַציעס אין אַלע יידישע פענצטער; מיט אַ פייערלעכער אַקאַדעמיע אין שטאָטישן קלוב מיט דער באַטייליקונג פון דעלעגירטן פון ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע יוסף גראַוויצקי. פאַרענדיקט די פייערונגען האָט מען מיט אַ באַנקעט אין שטוב פון משה אַרזשל, ווו מען האָט פאַרברענגט ביזן גרויען טאָג.

אין די יום־טובדיקע רעדעס, אויף דעם באַנקעט, איז צום ערשטן מאָל געקומען עפנטלעך צום אויסדרוק דאָס, וועגן וואָס מען האָט פון צייט צו צייט שוין לאַנג גערעדט אין דער שטיל אויף זיצונגען פון ציוניסטישן קאָמיטעט און אין פּריוואַטע געשפּרעכן צווישן חברים: אז ס'איז שוין געקומען די העכסטע צייט, אַז דאָס אַכצן טויזנטדיקע יידישע שעדלעץ זאָל האָבן אַ נאָרמאַלע העברעאישע פאָלקס־שול, ווו יידישע קינדער זאָלן באַקומען אַ ריין־יידישע דערציאונג און קענען זיין דער רעזערוואַר פאַר די קינפטיקע סטודענטן אין דעם ניי־געשאפענעם אוניווערסיטעט.

דער באַדן פאַר אַזאַ שול איז פון לאַנג שוין געווען צוגעגרייט. די העברעאישע לערער עקיבה גאָלדפאַרב און וואָלף טוכקלאַפּער האָבן פון אַ צייט געפירט העברעאישע אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע, און דוד מאָרגנשטערן — זיין חדר מתוקן. שפּעטער, אין יאָר 1915, אונטערשטיצט פון די ציוניסטישע עסקנים: וויינטרויב, אַרזשל, נחמיה מאַלין און אָנגעפירט פון די יונגערע ענערגישע חברים: אָשר ליוואַנט, לוי גוטגאָלד, יהושע עקערמאַן, חנה ספּעקטאָר און, צו לאַנגע יאָר, פּלטיאל אייזענשטאַט, ברוך און מרדכי יפה, יודל טעטענבוים, זענען די העברעאישע אָוונט־קורסן אויסגעוואַקסן צו אַ ווירקליכן לערן־אַנשטאַלט, ווו הונדערטער יוגנטלעכע האָבן זיך דערוואָרבן באַדייטנדע קענטנישן אין דער העברעאישער שפּראַך.

צוגעהאָלפן צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ נאָרמאַלער העברעאישער תרבות־שול האָבן אויך אין אַ גרויסער מאָס די אַנטוויקלונגען פון די געשעענישן אין און אַרום ארץ־ישראל: די באַלפור־דעקלאַראַציע; דער שפּעטערדיקער באַשלוס פון פעלקער־בונד אין סאַן־רעמאָ צו שאַפן פאַר יידן אַ נאַציאָנאַלע

היים אין ארץ־ישראל; די פאַרשטאַרקטע עליה נאָכן צווייטן וועלט־קריג, ווי אויך די שטאַרקע אַנטוויקלונג פון ציוניסטישן געדאַנק אין שעדלעץ און די אַנטוויקלונג פון די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

נאָך אַ גורם צו שאַפן אַזאַ שול איז געווען דער פאַרשטאַרקטער אַנטי־סעמיטישער קורס אין לאַנד, וואָס האָט אַריינגעדרונגען אויך אין די אַלגע־מיינע שולן און געשאַפן אַ פיינטלעכער נישט דערטרעגלעכער אטמאָספער פאַר די יידישע שילער.

דעם לעצטן שטויס צו עפענען אַ תרבות־שול, האָבן געגעבן די פייערונ־גען — דאָרט עפּנט מען אַ העברעאישן אוניווערסיטעט, און מיר דאָ?...

העכער אַ יאָר האָבן געדויערט די הכנות. אויף זיצונגען פון ציוניסטישע קולטור־עסקנים מיט פאָרשטייער פון חלוצישע אָרגאַניזאַציעס האָט מען כסדר באַהאַנדלט די פראַגע: ווו וועט מען נעמען קינדער? עס איז געווען אַ מורא, אַז עלטערן וועלן נישט האָבן קיין צוטרוי צו אַ שול, ווו מען לערנט נישט לשון קודש, נאָר אַזאַ הארטע שפּראַך מיט לויטער פּתח'ן. געווען פּע־סימיסטן, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז אַזאַ שול וועט נישט קאָנען עקזיס־טירן צוליב געלט־שוועריקייטן — עלטערן וועלן נישט וועלן צאָלן אין דער צייט, ווען זיי האָבן אומזיסטע פּוילישע פאָלקס־שולן.

די שטענדיקע ענטוזיאַסטישע יהושוע עקערמאַן און יוסף גוטגאָלד האָ־בן באַזוכט עלטערן, וואָס האָבן געהאַט קינדער אין שול־עלטער און אין רעזולטאַט זענען אין אָנהויב שול־יאָר אין חודש אלול תרפ״ו (1926) זיך צוזאַמענגעקומען צוואַנציק קינדער פון פאַרשידענעם עלטער אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע קילינסקי 20 — קיין אייגענער שול לאָקאַל איז נאָך נישט געווען — און דער ניי־אַנגאַזשירטער מנהל, דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג און תלמיד־חכם יוסף אקון (איצט אין ישראל) האָט מיט זיי געעפנט די תרבות־שול.

אין אַ חודש אַרום האָבן זיך שוין געפונען 100 קינדער איינגעטיילט אין דריי כיתות אין אויסמעבלירטע צימערן אין הויז נומער 15 אויף פּלאָריאַנ־סקי גאַס. עס אַרבעטן מיט מיטן מנהל דריי לערער און אַז עס איז ווייניק — אַרבעט אויך לוי גוטגאָלד אַלס פריי־ווילי קער לערער.

אין אָנהויב פון צווייטן לערן־יאָר, אין 1927 ציילט שוין די תרבות־שול 180 קינדער איינגעטיילט אין 6 כיתות מיט פינף לערער צווישן וועלכע עס געפינען זיך אַ עלכע פּעדאַגאָגישע כוחות, ווי שאַליטאַ, קושלאַן און יאָסע־לעוויטש (אַלע אין ישראל) און צום פריערדיקן לאָקאַל קומט צו דאָס הויז פון אַברהם סוקעניק, עק פּיענקנע און פלאָריאַנסקי.

אין אָנהויב פון דריטן לערן־יאָר ציילט שוין די שול 250 קינדער. עס קומען צו נאָך פּעדאַגאָגישע כוחות, רחל העלער און פּלאַש־ין (די לעצטע אומ־געקומען אין לאַנד ביי אַ קאַטאַסטראָפע מיט אַ מאָטאָציקל). דער מנהל יוסף

אקון פארלאָזט שעדלעץ. אויף זיין אָרט קומט דער יונגער טאלאנטירטער פעדאגאָג צבי באָקסער (שפּעטערדיקער וויזיטאטאָר פון די תרבות־שולן אין פוילן).

ענדע שול־יאָר 1930 פייערט מען מיט גרויס פּאראד דעם ארויסלאָז פון די ערשטע אבסאָלווענטן. ניינצן תלמידים און תלמידות זענען דאָס געווען, וואָס א טייל פון זיי געפינען זיך אין לאנד אויף וויכטיקע פּאָסטנס צווישן די בויער און קעמפער.

אין א קורצער צייט האָט די תרבות־שול זיך דערוואָרבן גרויסע פּאָפּו־לאריטעט צווישן אלע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג אלס די בעסטע שול אין שטאָט. נעכטיקע קעגנער ווערן אירע פריינט. אין דער שול שיקן זייערע קינדער אגודה׳שע אָרטאָדאָקסן און בונדישע ארבעטס־מענטשן, אפי־לו באהאלטענע קאָמוניסטן און פון יאָר צו יאָר וואקסט די צאָל קינדער, מען עפנט נייע כיתות, עס פארגרעסערט זיך דער לערער־פּערסאָנאל. די שול באקומט נאָך א שיינע גרויסע געביידע מיט א גרויסן זאל אויף פארזאמלונ־גען אין צענטער שטאָט אויף ווארשעווער גאס, נומער 60.

אין לעצטן יאָר פארן בלוטיקן מבול ציילט די תרבות־שול 360 קינדער און 10 כיתות, 9 לערער ערשטקלאסיקע פעדאגאָגן מיטן מנהל בראָנשטיין בראש.

פון ערשטן מאָמענט פון איר אנטשטייאונג איז טעטיק געוועז ביי דער שול א סטאבילער קאָמיטעט פון די ציוניסטישע און קולטור־עסקנים: אשר אָרזשל, לוי און יוסף גוטגאָלד, יהושע עקערמאן, שלום זאלצמאן, משה יום־טוב, אברהם אלטענבערג, חנוך ריבאק, משה יודענגלויבן און צו לאנגע יאָר — פישל פּאָפּאָווסקי און דער מחבר פון דעם בוך.

ביי נויטיקע פאלן האָבן אויך מיטגעארבעט די ציוניסטישע טוער יצחק נחום וויינטרויב, נחמיה מאלין, וואָלף טוכקלאפער און צו לאנגע יאָר ד״ר שלייכער און ד״ר בערגמאן.

די שטענדיקע זאָרג, ווי אזוי די שולן אויסצובעסערן, דאָס כסדרדיקע פאנאנדערוואקסן זיך פון איר, די גרויסע אויסגאבן, וואָס זי האָט און דער שטענדיקער געלט־מאנגל לאָזט נישט רוען, צווינגט דעם קאָמיטעט צו שטיין אויף דער וואך, צו זיין שעפעריש, ממש דערפינדעריש ביים שאפן די אלע מיטלען. מען אָרדנט איין אָפטע אימפּרעזעס, פארשידענע ליטערארישע, מו־זיקאלישע קינסטלערישע אָוונטן, קאָנצערטן און גאָרטן־פארוויילונגען, וואָס ווערן באוואונדערט אין שטאָט — דאָס אלץ מאכט דעם תרבות־קאָמיטעט פאר דער באוואוגלעכסטער אינסטיטוציע אין שטאָט.

ביי דער שול האָט מיטגעארבעט אן עלטערן־קאָמיטעט, וואָס זיינע מיט־גלידער זענען געווילט געוואָרן אויף די יערלעכע עלטערן־פארזאמלונגען און האָבן מיטגעהאָלפן ביי אלע אונטערנעמונגען.

עס איז אויך טעטיק געווען ביי דער שול א יוגנט־קרייז, וואָס איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון אלע חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט און מיטגעהאָלפן דעם קאָמיטעט אין זיינע אָנשטרענגונגען.

די ציוניסטישע דאָזיקע פירן א שטענדיקן קאמף מיט דער אָרטאָדאָקסישער קהלה־מערהייט אויסצוקעמפן און אנטשפרעכנדיקע סובסידיע פאַר דער שול.

דער ענערגישער ד״ר שלייכער, ציוניסטישער ראטמאן פירט א שטענדיקע מלחמה מיטן אנטיסעמיטישן שטאָט־ראט אויסצוקעמפן א סובסידיע פאר דער שול.

תרבות באגנוגנט זיך נישט בלויז מיט דער ארבעט ארום דער שול. זי אנטוויקלט א ברייטע קולטור־טעטיקייט אין שטאָט. שאפט העברעאישע אָוונט־קורסן פאר דערוואקסענע און פאר יוגנט, וואָס האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו גיין אין שול, שאפט א רייכע ביבליאָטעק, מען אָרדנט איין אָפטע קינסטלערישע אָוונטן; ליטעראַרישע משפטים, וואָס שטייען אויף א הויכן ניווֹא און ציען צו די בעסטע אינטעליגענץ אין שטאָט; עס ווערן איינגעפירט סטאבילע פרייטיק־צונאכטס־מסיבות מיט א פראָגראם, וואָס אימפאָנירט שטארק דער יוגנט און זיי ווערן מאסנוויז באַזוכט. עס קומען פאַר אָפטע פאָרלעזונגען אויף ליטעראַרישע און וויסנשאפטלעכע טעמען; עס ווערן איינגעאָרדנט ספּעציעלע פּעדאגאָגישע לעקציעס און געשפרעכן פאר עלטערן.

שול־קינדער פירן אויס פון צייט צו צייט פארשידענע קינסטלערישע און קולטור־אָוונטן אין די גרעסטע זאלן אין שטאָט. די שול שאפט א העברעאישע דראמאטישע סעקציע, וו עס ווערן געשפּילט אזעלכע פּיעסן, ווי „בת יפתח״, „שמשון ודלילה״, „שאול ודוד״, „קדוש השם״ און אנדערע, וואָס ווערן באַוואונדערט פון טעאטער־פּאבליק און די קליינע יונגע שפּילער באקומען א נאָמען: די קליינע הבימה.

אימפּאָזאנט זענען אויסגעפאלן די ל״ג־בעומר־פייערונגען, וואָס תרבות פלעגט איינאָרדענען. אויף דער איינלאדונג פון תרבות זענען געקומען קינדער פון אנדערע שוועסטער־שולן און יוגנט פון חלוצישע אָרגאַניזאַציעס. די פייערונגען פלעגן זיך אָנהויבן מיט א נאכט פריער — אין גלייכע רייען האָבן די קינדער מארשירט איבער די גאסן מיט ליכט און פאקעלן אין די הענט. צומאָרגנס פרי פלעגן אלע איינגעלאדענע קינדער און חלוצישע יוגנט זיך פארזאמלען אויף דעם תרבות־שול־הויף און מיט דער תרבות־פאָן אין שפּיץ האָבן די קינדער און יוגנט, וואָס פלעגן דערגרייכן צוויי טויזנט, מארשירן איבער די גאסן און אין וועלדל פון ר׳ יצחק נחום וויינטרויב, אויפשטעלן דאָרט זייערע געצעלטן און פארברענגען אין טענץ און אין שפּילערייען דעם ל״ג־בעומר־טאָג.

אויף די שעדלעצער גאסן האָט מען געהערט פיל יוגנטלעכע רעדן העב־

רעאיש. א דאנק תרבות איז שעדלעץ געוואָרן איינע פון די אממערסטן־העב־רעאיזירטע שטעט אין פוילן.

די דערפאָלגרייכע ארבעט פון די תרבות־אונטערנעמונגען האָט געפירט אירע עסקנים צו ווייטערע פארמעסטונגען. די לעצטע ארבעטן פון תרבות־קאָמיטעט פארן בלוטיקן מבול זענען געווען פארבונדן מיט די הכנות צו עפע־נען צום נייעם לערן־יאָר א תרבות־גימנאזיע.

—*—*—

מיר גייען אויף קבר־אָבות פון דער ליבער תרבות־שול, וואָס האָט געגעבן אזוי פיל פרייד און געזאנג אונזערע טייערע קינדערלעך, אָנגעצונדן אין זיי א פייערל פון גלויבן און האָפענונג פאר דער צוקונפט און אריינגעבראכט ליכט און טרייסט אין די גרויע פארדאגה׳טע יידישע שטובן.

מיר שפאנען אויף דעם וועג, ווו אונזערע ליבע און טייערע משה׳לעך און שלמה׳לעך, שרה׳לעך און חנה׳לעך זענען געגאנגען טאָג־טעגלעך טאנצנדיקע און זינגנדיקע מיט די ראניעצלעך אונטער די אָרעמלעך, פייערלעך אין די אויגעלעך און דעם גלויבן אין די יונגע הערצעלעך, אז זיי שפאנען אנטקעגן א בעסערן מאָרגן און צוקונפט פאר זיך און זייער פאָלק. מיר קומען אָן אויפן הויף, ווו עס איז אמאָל געווען די שול, וואָס האָט געברויזט מיט געזאנג און לעבן, אויף דער ערד, ווו זייערע יונגע פיסלעך האָבן אין די הפסקות צווישן איין לעקציע און דער צווייטער אויסגעטאנצט א הורא, און אויסגעזונגען אין כאָר:

לא נתקה עוד השלשלת
עוד נמשכת השלשלת,
מני אָבות אלי בנים,
מני מדורות אלי מדורות.
עוד נמשכת השלשלת.

טיף פאררוקט אין ווינקל ליגט צעטרעטן און פארטרוקנט דאָס שול־גערטנדל, וואָס די קינדערלעך פלעגן עס אזוי שיין באזינגען לוסטיק, פריי־לעך מיט זייערע קלינגענדיקע שטימעלעך, הידד, הידד גנה קטנה!

וויסט און פארשעמט ליגט איצט דער שול־הויף, ווי א קליינער פארלאָ־זענער בית־עולם, צוקאָפנס שטייט די חורבה פון דער אמאָליקער שיינער שול־געביידע, אָן אויסגעברענטע, אויסגעהוילטע, ווי אגרויסע שווארצע מצבה, וואָס וויינט שטומערהייט נאָך אירע פארשניטענע יונגע תלמידים, לערער און עסקנים.

ה. יצחק נחום ווייַנטרויב

ווען מיר וואָגלען אויף די חורבות און אויף די פּוסטע מיט גראָז באַוואַקסענע פּלעצער פון דער חרובער היים, טרעפן מיר זיך אָן אויף ערטער, וואָס צווינגען זיך לענגער אָפּצושטעלן און זיך פאַרטראַכטן וועגן זייערע אַמאָליקע באַלעבאַטים, וואָס האָבן דאָ געוווינט..

דער גלאַטער מיט גראָז באַוואַקסענער פּוסטער פּלאַץ, אויף וואַרשעווער גאַס, ווו עס איז אַמאָל פאַרן חורבן געשטאַנען דאָס הויז נומער 53, וואָס האָט געהערט צו ר׳ יצחק נחום ווייַנטרויב ז״ל, פאַרהאַלט, לאָזט נישט גיין ווייטער און צווינגט מען זאָל זיך אָפּשטעלן און טראַכטן וועגן דעם אָריגינעלן ייִד, וואָס האָט דאָ געוווינט און איז פאַר שעדלעצער ייִדן אַויסגעוואַקסן צו אַ שטיק לעגענדע.

געשטאַמט האָט ר׳ יצחק נחום פון אַ קליין שטעטעלע — טערעספּאָל ביי בריסק. עס האָט אים גענומען פאַר אַן איידעם אויף קעסט דער באַקאַנטער נדבן און אָנגעזעענער באַלעבאָס אין שעדלעץ ר׳ נתן שמעון גרינבערג ז״ל.

פון זיין שטעטל האָט ווייַנטרויב מיטגעבראַכט פיל מעלות: התמדה צו לערנען תורה; ליבע צו מענטשן; אַ ווילן צו זיין אָן עוסק בצרכי־ציבור; און איבערגעגעבנקייט צום רעיון פון שיבת־ציון, וואָס האָט דעמאָלט געשטעלט די ערשטע טריט.

אָט די שטריכן האָבן אים פּאָפּולער געמאַכט אין שטאָט און איז באַלד אריינגעצויגן געוואָרן אין די לומדישע און אין געזעלשאַפטלעכע קרייזן.

נאָך זייענדיק גאָר יונג איז ער געוואָרן אַ דאָזאָר אין דער ייִדישער גמינע און געאַרבעט איבערגעגעבן בצרכי ציבור צוזאַמען מיט די עלטערע עסקנים און געזעלשאַפטלעכע טוער אין שטאָט, ווי ר׳ משה טעמקין ז״ל. ר׳ הערשל שליפּקע ז״ל א. א.

באַרימט געמאַכט האָט זיך ר׳ יצחק נחום ווייַנטרויב מיט זיין מסירת־נפשדיקער אַרבעט לטובת זיין עדה אין יאָר 1906, אין דער צייט פון פּאָגראָם. אונטער אַ האָגל פון קוילן, ווען די צאַרישע פּאָגראָמשטשיקעס האָבן געווילדעוועט אין שטאָט, איז ר׳ יצחק נחום געווען אויף די „פּאָדערשטע פּאָזיציעס״ פון שחיטה־שטאָט צוזאַמען מיטן רב ר׳ מרדכי דב אנאַליק ז״ל — געקלאַפּט אין די טירן ביי די צאַרישע מאַכטהאָבער; אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב פון די פּאָגראָמירטע ייִדן און געטראָגן זיי הילף און טרייסט.

ווייַנטרויב איז געווען אַ מיטגליד פון דער דעלעגאַציע, וואָס איז געפאָרן דעמאָלט קיין פּעטערבורג זוכן יושר און גערעכטיקייט ביי די צאַרישע מאַכט־האָבער. ער איז געוואָרן אויפגענומען פון דעמאָלטדיקן פּרעמיער־מיניסטער סטאָליפּין און פאַר אים פאַרגעשטעלט דעם פאַרלויף פון פּאָגראָם.

ווייַנטרויב איז אריינגעצויגן געוואָרן אין כמעט אַלע עקזיסטירנדיקע

אינסטיטוציעס און חברות אין שטאָט. אומעטום געווען פון די אקטיוווסטע טוער און אליין געשאפן פיל נייע אינסטיטוציעס.

ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן געשאפן א הילף־אינסטיטוציע „מתן בסתר" צו העלפן פאַראָרעמטע בכבודיקע יידן, און יעדן ווינטער געפירט אַן אקציע צו פארטיילן האָלץ מיט קוילן פאר באדערפטיקע יידן — אויך אין דער פאָרם פון מתן בסתר.

צו דער ארבעט האָט ער צוגעצויגן די אַנגעזעענסטע עסקנים פון יענער צייט, ווי: משה טעמקין, דוד גרינבערג, מאיר פרענקעל, מאָטל האלבערשטאט, משה אבא אייזענשטאט, נתן דוד גליקסבערג, גדליה אָרזשל א. א. וו.

פון די גאנץ יונגע יאָרן אָן איז ווייַנטרויב געווען טעטיק אלס ציוניסטישער עסקן, געפאָרן אויף קאָנפערענצן, געארבעט פאר די ציוניסטישע קרנות און איז געווען לאנגע יאָרן דער פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע אין שעדלעץ.

אומעטום איז ווייַנטרויב געווען פון די ראשי המדברים. ער האָט שטענדיק ביי יעדער געלעגנהייט געהאט וואָס צו זאָגן: אזוי אויף די באראטונגען פון דער יידישער גמינע, ווו ער איז געווען טעטיק אלס דאָזאָר א האלבן יאָרהונדערט; אזוי אין שול און אין בית־המדרש; אָפט געהאלטן רעדעס פאר די קינדער פון עזרת־יתומים; גערעדט אויף פארשידענע אונטערנעמונגען און פאַראנשטאלטונגען אין שטאָט; אויף אלע ציוניסטישע פארזאַמלונגען און פייערונגען, און כ׳ תמוז צו הערצלס יאָרצייט שטענדיק מספיד געווען דעם ציוניסטישן מנהיג אין דער גרויסער שול בעת דער אזכרה.

צוליב זיין פשוטן האלטן זיך און צוגעלאָזנקייט צו מענטשן איז ער געווען שטארק באליבט ביי אלע שיכטן און קרייזן אין שטאָט און מען האָט אים דערפאר מיט ליבשאפט גערופן „דער פעטער".

„קום צום פעטער" פלעגן יידן זאָגן, ווען מען האָט געדארפט פרעגן אַן עצה, וועגן עפּעס זיך מישב זיין. זיין שטוב איז געווען אָפן פאַר יעדן איינעם. שטענדיק זענען יידן געקומען צו אים נאָך עצות. ער פלעגט אויסהערן מיט קאָפּ, זיך פארטראכטן, און פיל מאָל געהייסן קומען מאָרגן־איבערמאָרגן, כדי צו האָבן א מעגלעכקייט צו געבן יענעמען א קאָנקרעטע תשובה אָדער עצה.

ער האָט שטארק געהאלטן פון דער מצווה גמילת־חסדים, וואָס ער האָט געטיילט מיט א ברייטער האנט יעדן, וואָס האָט זיך צו אים נאָר געוואָנדן. ער האָט געגעבן אין מזומנים אָדער זשירירט אויף וועקסלען, און אין פיל פאַלן באצאָלט פאר די זשירעס.

ווייַנטרויב איז געווען א גרויסער נדבן, מיט א ברייטער האנט געשטיצט פארשידענע אינסטיטוציעס אין שטאָט און באזונדער ארץ־ישראל־קרנות און ציוניסטישע אונטערנעמונגען. ער האָט געהאט א שטיקל וואלד אונטער דער שטאָט, ווו חלוצישע יוגנט און קינדער פון שולן און תלמיד־תורה׳ס פלעגן

דאָרט פאַרבראַנגען ל״ג בעומר. פון דעם שטיקל וואלד האָט ער געהאט גע־נוג קלאָפּאָטן: געצאָלט דערפון שטייערן, געהאַלטן א שומר און די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן כסדר געגנבעט האָלץ פון „יידישן וואלד״. ווען מען האָט אים געפרעגט צו וואָס ער דאַרף דאָס, האָט ער געענטפערט: כדי יידישע קינדער זאָלן האָבן וווּ צו גיין ל״ג בעומר פאַרבראַנגען.

כאָטש ר׳ יצחק נחום וויינטרויב איז געווען א ייד פון דער אַלטער פרום־לומדישער וועלט, האָט ער דאָך געהאַט א שטאַרקן זין פאַר השכלה און פאָ־דערונגען פון דער צייט, געלייענט העבּרעאישע ביכער און צייטונגען, גע־האַלטן פון ספּאָרט און זיינע קינדער געגעבן א מאָדערנע דערציאונג, אָנ־טיילגענומען און געשטיצט אַלע קולטור־אונטערנעמונגען און אינסטיטוציעס אין שטאָט און דערפאַר אַרויסגערופן צו זיך א קעגנערשאַפט ביי די פרומע חסידישע קרייזן.

זיין סדר־היום איז געווען פּינקטלעך אויסגערעכנט אויפן זייגער: אויפ־געשטאַנען גאַנץ פרי איז ער אַוועק, סיי זומער און סיי ווינטער, אויף א שפּאַ־ציר עטלעכע קילאָמעטער אונטער דער שטאָט, זומער צום טייכל וועסעלקע זיך באָדן, ווינטער געמאַכט אין שניי ספּאָרט־איבונגען. נאָכן פרישטיק עוסק געווען אין דברי־חול, אין זיינע געשעפטן. פאַר מיטאָג טאָג־טעגלעך געהאַקט האָלץ, אָדער געטאָן עפּעס אַן אַנדערע פיזישע אַרבעט, ביי־טאָג געלערנט א שיעור דעם דף יומי אין בית־המדרש, אָדער אין ר׳ ישראל חילס בית המדרש׳ל מיט א גרופּע יידן, לומדישע באַלעבאַטים, האַלבע משכילים, ביינאַכט עוסק געווען בצרכי ציבור, געהאַט זיצונגען, באַראַטונגען, אַסיפות און ווען בישט, — אויך געלערנט א שיעור אין בית־המדרש.

יצחק נחום וויינטרויב האָט געפירט טאָג־ביכער, אין וועלכע ער האָט פיל געשריבן. ער האָט פאַרשריבן זיינע רעדעס און דרשות, וואָס ער האָט געהאַל־טן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, געשריבן זכרונות פון שטאָטישע געשעע־נישן, פון פּאָגראָם אין 1906 יאָר, פון דער קהילה־טעטיקייט און פון דער טע־טיקייט פון אַנדערע אינסטיטוציעס, וווּ ער האָט אָנגעפירט און מיטגעאַרבעט, ווי אויך זכרונות פון זיין פּערזענלעך־ און פאַמיליע־לעבן.

דאָס זענען געווען טאָג־ביכער, וואָס האָבן אַרומגענומען פופציק יאָר גע־שיכטע פון יידישן שעדלעץ, אין וועלכע דער הויפּט־באַטייליקטער איז געווען טאַקע ער אַליין, ר׳ יצחק נחום וויינטרויב ז״ל.

—*—*—

טראַגיש האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר אים באַלד די ערשטע טעג מלחמה. ביים ערשטן דייטשן לופט־איבערפאַל אויף דער שטאָט דאָנערשטיק, דעם 7־טן סעפּטעמבער איז זיין הויז איינגעפאַלן פון אַן אויפרייס־באָמבע און באַ־גראָבן אונטער די חורבות זיין געליבטע טאָכטער פריידע, די אַלמנה נאָך מרדכי מאיר לאַנדוי, וואָס האָט זיבּן נאָכן טויט פון איר מאַן געוווינט ביי איר

פאָטער. דער אַלטיטשקער ר׳ יצחק נחום האָט לאַנגע טעג, איינער אַליין, שווער געאַרבעט ביים אָפּרייניקן דעם גרוז פון זיין צעקלאַפּט הויז, ביז ער האָט אַרויסגענומען דעם גוף פון זיין אומגעקומענער טאָכטער.

בעת איר קבורה האָט ער געזאָגט: „אין דעם אומגליק מיט מיין טאָכטער זע איך אַן עונש מן השמים פאַר נישט מקיים זיין מיין שבועה, וואָס איך האָב געשווירן ביים אָפענעם קבר פון איר מאַן, מרדכי מאיר לאַנדוי, אַריבערצופאָרן מיט מיין משפחה קיין ארץ־ישראל״.

טריי זיין געוווינהייט שטענדיק צו זיין א שתדלן פאַר זיין עדה, ווען זי איז נאָר געווען אין אַן עת־צרה, איז ער אין אָקטאָבער 1939 אין די ערשטע וואָכן פון נאַצישער הערשאַפט געגאַנגען אין שפּיץ פון א דעלעגאַציע צום דייטשן שטאָט־קאָמענדאַנט בעטן ער זאָל פאַראָרדענען, מען זאָל יידן נישט אַרויסטרייבן פון די רייען, וואָס האָבן געוואַרט פאַר די בעקערייען אויף צו באַקומען ברויט, ווי דאָס האָבן פּראַקטיצירט טיילן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג מיט דער מיטהילף פון דייטשן. די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון שמערל גרינבערג, ד״ר הענריק לעבעל, אליעזר לעווין, הערשל טענענבוים און צו לאַנגע יאָר, לייב גליקסבערג, געפּירט פון ווײַנטרויבן.

דער אַלטער שתדלן איז שפּעטער נאָך עטלעכע מאָל געגאַנגען צו די דייטשע מושלים אין שטאָט אינטערווענירן אין געוויסע שווערע ענינים פאַר יידן, אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט ביז ער האָט זיך איבערצייגט, אַז צו קעמפן מיטן נאַצישן סאַדיזם איז שוין נישט פאַר זיינע כוחות און ער האָט זיך אָפּגערוקט, צוגעלאָזט אַנדערע יונגערע, זיי זאָלן עס מאַכן.

פיל טראַגישע מאָמענטן, האָט דער זקן איבערגעלעבט אין דער געטאָ־תקופה, נישט איינמאָל געזען דעם טויט פאַר די אויגן. דעם שוואַרצן שבת פון 22־טן אויגוסט געווען באַהאַלטן אין א קעלער, שפּעטער געווען באַהאַלטן אין קליינעם געטאָ צוזאַמען מיטן איינציקן אור־אייניקל, וואָס איז נאָך געבליבן ביים לעבן — דאָס זונעלע פון זיין ליבלינג — אַדוואָקאַט יוסף לאַנדוי.

מען דערציילט, אַז אין קליינעם געטאָ האָט ער קיין שום אָנטועכץ און וועש נישט געהאַט א חוץ דאָס אין וואָס ער איז געווען אָנגעטאָן. דער ציכטיקער זקן האָט אָפט אויסגעטאָן זיינע בגדים און וועש, אַליין זיי אויסגעוואַשן און צעהאָנגען זיי אויף דער זון צום טרוקענען.

יום־כפור האָט מען אים געכאַפּט בעת ער האָט געדאַוונט אין באַהעלטעניש מיט נאָך אַנדערע זקנים, מען האָט זיי געטריבן צום באַן אויסצולאָדענען קוילן, דערביי האָבן די דייטשע רוצחים אים שטאַרק צעשלאָגן און אויסגעריסט מיט קוילן־שטויב. מען דערציילט אויך, אַז די גאַנצע צייט פון נאַציי־רעזשים און נאָך מער די לעצטע חדשים, ווו ער איז געווען באַהאַלטן אין קליינעם געטאָ האָט ער זייער פיל געשריבן און איז געווען שטאַרק באַזאָרגט וואָס ער איז נישט זיכער געווען צי זיינע שריפטן וועלן אמאָל דערגיין אין

יידישע הענט, מען זאָל וויסן, ווי אזוי אַן עדה יידן איז אומגעקומען אויף קדוש־השם.

אויף דעם אלטן 80־יאָריקן עסקן און שתדלן איז אויסגעפאלן דער גורל מיטצומאכן דעם לעצטן וועג פון לעצטן רעשטל פון זיין עדה, אויסצוטרונקען דעם כוס פון פיין און ליידן ביז צום סוף. ער האָט מיט זיי דורכגעמאכט דעם גהינום־וועג אין קליינעם געטאָ, אין גענשע בארקי, און אין די וואגאָנען ביז צו די טרעבלינקער גאז־קאמערן.

ו. אַדוואָקאַט לאַנדוי

אַלס מיטגליד אין יודנראַט האָט אַדוו. יוסף לאַנדוי אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג פאר סאָציאלער הילף. דאָס איז געווען אפשר די איינציקע ארבעט אין יודנראַט, וואָס האָט געפּאַסט צו זיין מענטאַליטעט און איידעלן כאַראַק־טער, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין פאָטער מרדכי מאיר, און פון זיין זיידן יצחק נחום וויינטרויב — העלפן אָרעמע, ליידנדע, עלנטע. און די אויפגאַבע האָט ער — ווי מען גיט איבער — אויסגעפירט בשלמות, אויף וויפל עס איז נאָר געווען מעגלעך ביי יענע באַדינגונגען.

לאַנדוי אַלס יונגער אַדוואָקאַט איז געווען שטאַרק באַליבט ביי זיינע קריסטלעכע קאָלעגן, ריכטער און אַדוואָקאַטן. דער ריכטער גאַלאַ האָט דער־ציילט פאַר ל. גליקסבערגן, אַז אין טראַגישן שבת פון 22־טן אויגוסט זענען עטלעכע פון זיינע פאך־קאָלעגן געקומען צום געטאָ־טויער, אים גערופן און מיטגעטיילט, אז זיי האָבן פאר אים צוגעגרייט א באהעלטעניש, ער זאָל זיך באַמיען אַרויסקומען און זיי וועלן אים ראַטעווען. לאַנדוי האָט זיי האַרציק געדאַנקט און געזאָגט: ליידער קען איך אייער הילפס־פּראָפּאָזיציע נישט אָנ־נעמען, איך מוז זיין דאָרט, ווו מיין עדה איז. און ער איז אַוועק צוזאַמען מיט זיין עדה קיין טרעבלינקע.

ז. ד״ר הענריק לעבעל

געבוירן אין קראָקע אין 1897 ביי אינטעליגענטע האלב־אסימילירטע עלטערן, וואָס האָבן אים געגעבן א וועלטלעכע דערציאונג: שטודירט מעדיצין אין קראָקעווער אוניווערסיטעט, פארפולקאָמט אלס גינעקאָלאָג אין ווין, גע־ווען אסיסטענט ביים בארימטן פראָפעסאָר ראסנע, פובליקירט א גרעסער מעדיציניש ווערק אויפן געביט פון גינעקאָלאָגיע און אָפט פארעפנטלעכט וויסנשאפט־מעדיצינישע ארבעטן אין פארשידענע פוילישע און דייטשע צייטשריפטן.

ער האָט חתונה געהאט מיט דער טאָכטער פון ציוניסטישן עסקן אין פשע־מישל מאיר האָניקוואקס, און דערמיט זיך דערנענטערט צו די יידישע נאַ־ציאָנאלע קרייזן. געוואָרן טעטיק אין פארשידענע פאריינען אין פשעמישל, באזונדער אין בני ברית, און דאָרט פראקטיצירט אלס גינעקאָלאָג.

אין יאָר 1933, ווען די יידישע קהילה אין שעדלעץ האָט אויסגעשריבן א קאָנקורס אויף א דירעקטאָר פון שפיטאָל, איז ד״ר לעבעל אויפגענומען געוואָרן אויף דעם אַמט, וו ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס גוטער אָרגאַני־זאטאָר, איבערגעגעבענער דאָקטאָר און פריינט פון זיינע פאציענטן.

ער האָט זיין גאנצע צייט און ענערגיע אָפגעגעבן פאר דער אנטוויקלונג פון שפיטאָל און נישט אנטיילגענומען אין געזעלשאפטלעכן און נישט אין פאָליטיש־פארטייאישן לעבן אין שטאָט. אויסער אלס געוועזענער מיליטער־מאן (מיט פיל אויסצייכענונגען) האָט ער אין שעדלעץ געשאפן דעם פאריין פון קאָמבאטאנטן.

—*—*—

אין אָקטאָבער 1939, ווען די דייטשן האָבן באפוילן צו שאפן דעם יו־דנראט איז אויף ד״ר לעבעל, אלס מענטש מיט פיל ענערגיע און קולטור־קוואליפיקאציעס פון גרעסערן אייראָפּעאישן פארנעם, אויסגעפאלן דער גורל צו זיין דער פאָרזיצער פון דער אינסטיטוציע.

ווי מען גיט איבער האָט ד״ר לעבעל אין גאנג פון זיין טעטיקייט אויף דעם שווערן און פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט, וו מען האָט זיך שטענדיק גע־פונען צווישן האמער און קאָוואדלע, ארויסגעוויזן פול טאקט און אויסגע־האַלטנקייט. זיין האַלטונג איז געווען פיל מיט יידישער און מענטשלעכער ווירדע, וואָס האָט צו אים ארויסגערופן סימפאטיע ביי די געפלאָגטע יי־דישע מאסן.

זייענדיק פאָרזיצער פון יודנראט איז ער אויך ווייטער געבליבן אויף זיין אמט אלס דירעקטאָר פון שפיטאָל פאר וועלכן ער האָט געארבעט זיי־ער פיל. אָפגעגעבן א סך צייט, מי און ענערגיע, און נישט בלויז געהיילט

זיינע דערשלאָגענע פּאַציענטן, נאָר אויך זיי געברענגט טרייסט און האָפע־נונג.

דעם שווארצן שבת פון 22־טן אויגוסט, ווען די תלינים האָבן באַפוילן, אז אלע יידן מוזן זיך שטעלן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ צו דער סעלעקציע איז ד״ר לעבעל געקומען גלייך מיט אלע, כאָטש אלס דירעקטאָר פון שפּיטאָל האָט ער געהאט דאָס רעכט צו בלייבן אין שפּיטאָל־געביידע מיט די קראַנקע און ווי עס האָט פארזיכערט דער תלין פּאַביש, אז ער בלייבט אומבאַרירט.

ווען אויפן אומשלאַג־פּלאַץ און ארום אים האָבן זיך יענעם טראַגישן שבת געוואלגערט אזוי פיל צעשלאָגענע און דערשאָסענע יידן, האָט דער ענערגישער ד״ר לעבעל אינטערוועניִרט ביי די דייטשע רוצחים און אויס־געפועלט אַ דערלויבניש, אַז דער שפּיטאָל זאָל קאָנען קומען צו הילף די אומגליקלעכע און פיל פאַרווונדעטע און אויך געזונטע האָבן אין יענעם מאָמענט זיך געראַטעוועט אין דער שפּיטאָל־געביידע.

דעם זעלבן שבת פאַרנאַכט, ווען די אָפּגעקליבענע אויף דער סעלעקציע ארבעטס־פּעאיקע מענער זענען אָפּגעפירט געוואָרן אין קליינעם געטאָ האָט פּאַביש באַפוילן ד״ר לעבעל צו פארלאָזן זיין וווין־אָרט אין שפּיטאָל און אריבערגיין אין קליינעם געטאָ אויף וואָס ד״ר לעבעל האָט מיט שטאָלץ געענטפערט דעם תלין: „איך וועל דעם שפּיטאָל נישט פאַרלאָזן, איך וויל טיילן דעם גורל פון מיינע קראַנקע שוועסטער און ברידער״.

און ער האָט געטיילט זייער גורל.

צוויי טעג נאָכן ליקווידירן דאָס געטאָ איז אויך ליקווידירט געוואָרן דער שפּיטאָל.

נאָך דעם, ווי אין זיין אָנוועזנהייט זענען אויסגעשאָסן געוואָרן אלע קראַנקע אין זייערע בעטן, קינדערלעך אין זייערע בעטעלעך, איז ד״ר לע־בעל מיט זיין פרוי ארויסגעפירט געוואָרן אונטער דער וואנט אין שפּיטאָל־הויף און מיט אלע מיטארבעטער, קאָלעגן־דאָקטוירים, פעלדשער און קראַנ־קן־שוועסטער דערשאָסן געוואָרן.

אין דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן האָט ד״ר לעבעל אויסגערופן: „א טויט אייך מערדער, דאָס יידישע פאָלק וועט אייך איבערלעבן״. ער איז געפאלן ווי א טרייער זעלנער אויף זיין פּאָסטן.

ה. הערשל טענענבוים

דער באַרוף זיינער פון אַ סעקרעטאַר אין דער יידישער קהילה, ווו עס פלעגן טעגלעך אַדורכגיין אַזוי פיל אינטערעסאַנטן, יעדער מיט זיינע טענות און פּרעטענסיעס — דאָ פון עטאַט־צאָלער, פאַרוואָס זיי דאַרפן צאָלן אַ צו־הויכן עטאַט, דאָ פון פאַרשטייער פון אינסטיטוציעס, פאַרוואָס מען פאַרגרע־סערט נישט זייערע סובסידיעס; פאַרוואָס מען צאָלט נישט אויס צו דער צייט. דאָס מוזן יוצא זיין פאַר זיינע ברוּיטגעבער די אָנגעבלאָזענע דאַזאַרעס מיט זייערע באַזונדערע פּאַרטייאישע אַמביציעס און פּערזענלעכע קאַפּריזן, וואָס יעדער איינער וואָלט געוואָלט, אַז נאָר זיינע פאָדערונגען זאָלן דערפילט ווע־רן בעת די פאַרלאַנגען פון אַנדערן דאַזאַר זענען נישט ווערט קיין שמעק טאַ־באַק... אָט די אַרבעט אויף זיין אַמט האָט אים געמאַכט נערוועאיש, גאַנץ אָפט אים אַרויסגעבערענגט פון גלייכגעוויכט און געענטפערט מיט אַ בייזער, אויפ־געבערעגט, אַז מען האָט פיל מאָל געמיינט, אַז מען האָט צו טאָן מיט אַ ייד אַ כעסן.

אין פּריוואַטן לעבן איז הערשל טענענבוים געווען אַ גאַנץ אַנדערער מענטש — פריינטלעך, צוגעלאָזן, אַ גוטער חבר, אינטים, אַ היפּש ביסל סענ־טימענטאַל און דער עיקר, אַ מענטש מיט אַ וואַרעם האַרץ.

אָפטמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז מען זעט אין אים צוויי מענטשן: איינעם אַן אָפיציעלן, וואָס זיצט אין גמינע־ביוראָ און ענטפערט אָפיציעל, מיט אַ בייזער און כעס, און אַן אַנדערן האָט מען אים געזען ביי זיך אין שטוב, צו גאַסט ביי אַ פריינט, אין געזעלשאַפט אָדער אין פּאַרטייאישן קרייז — פריינט־לעך, גוטמוטיק, אַ שמייכלענדיקן.

ער איז געווען אַ מענטש מיט אַדורכשניטלעכן כאַראַקטער פון אַ דורכ־שניטלעכן באַאַמטן אין אַ יידישער אינסטיטוציע און נישט געהאַט קיין גרויסע פּרעטענסיעס אין לעבן, נישט קיין גרויסע אַספּיראַציעס, נישט אויף רייכטום, נישט אויף כבוד און נישט אויף באַרימט צו ווערן.

ער איז איבערגעוואַקסן זיין דורכשניטלעכקייט, ווען אויף זיין עדה, וואָס ער האָט באַדינט אין משך פון פיל יאָרן אַלס גמינע־סעקרעטאַר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דאָס גרויסע אומגליק פון דער נאַצישער מגפה.

אַ ביטערע טראַגישע אויפגאַבע איז אויסגעפאַלן אויף זיין גורל — ער איז באַשטימט געוואָרן צו זיין דער פאַבינדונגס־מאַן צווישן יודנראַט און געסטאַפּאָ: אָפּשטיין גאַנצע טעג און נעכט אונטער זייערע טירן, איבערנעמען פון די ווילדע סאַדיסטן זייערע משונה׳דיקע אויסטראַכטענישן און פאַרלאַנ־גען, וואָס דער יודנראַט דאַרף היינט צושטעלן.

דאָס קומען טאָג־טעגלעך צו געסטאַפּאָ — אין דער נעסט פון גרעסטער טמאה און בלוטדורשטיקייט, רויב־ און מערדער־שטעלע, האָט געהייסן יעדן

טאָג שטעקן מיטן קאָפּ טיף אין וואָלפּישן פּיסק, אויסשטיין די גרעסטע בזיונות און באליידיקונגען, שרעקלעכע פיזישע און גייסטיקע יסורים און דערנידערונגען.

אלץ האָט טענענבוים געמוזט צושטעלן: די פאנטאסטישסטע מאכלים און געטראנקען, די טייערסטע מלבושים, שיך, וועש, פוטערס, צירונג, מעבל, קיך־געשיר, קאָנטריבוציעס, ארבעטס־מענטשן, ווינונגען און אלץ, וואָס נאָר זייערע ווילדע פאנטאזיעס האָבן געקאָנט אויסטראכטן.

געוויינלעך פלעגן די רויב־באפעלן זיך ענדיקן מיט א באוואָרעניש — פאַר נישט אויספירן זיי, וועלן דערשאָסן ווערן אזוי פיל און אזוי פיל יידן. טענענבוים, וועלנדיק פארהיטן, עס זאָל נישט קומען צו אזעלכע דערשיסונגען, פלעגט ער א דערשלאָגענער, צעווייטיקטער ארומגיין צו די געפּלאָגטע יידן אין געטאָ איינקאסירן דעם געפאָדערטן געסטאַפּאָ־רויב.

מיט די אויסריידן, אז דער רויב איז נישט געוואָרן צוגעשטעלט צו דער צייט, אָדער, אז די זאכן זענען פון שלעכטן קוואַליטעט, האָבן די מנוולים טענענבוימען אָפט צעשלאָגן און מבזה געווען. זיי פלעגן אים צווינגען אויפצועסן די שיריים, וואָס זייערע הינט האָבן איבערגעלאָזט.

צבי ליוּוראנט דערציילט: אין דעצעמבער 1939 האָט דער געסטאַפּאָוויעץ קארל צוזאמענגעטריבן אין סקווער פון סטארי רינעק א 100 יידן און געדראָט, אז זיי וועלן ווערן אויסגעשאָסן, ווייל מען האָט נישט איינגעצאָלט צום טערמין די קאָנטריבוציע פון 20 טויזנט זלאָטעס, וואָס די געסטאַפּאָ האָט ארויפגעלייגט אויפן יודנראט. מען האָט אלארמירט נאָך הערשל טענענבוימען, וועלכער האָט געזאָגט דעם רוצח קארל: די יידן זענען נישט שולדיק. בלויז איך בין שולדיק, וואָס איך האָב נישט באוויזן צוזאמענעמען דאָס געלט צום טערמין, מיך שיסט. — דערביי אנטבלויזט דאָס הארץ. דער דייטש איז א ביסל צעמישט געוואָרן די יידן אָפּגעלאָזן, טענענבוימען גוט צעשלאָגן און די קאָנטריבוציע פארלענגערט נאָך אויף 8 טעג.

מען דערציילט נאָך פיל פאַלן, ווי טענענבוים האָט זיך מוסר נפש געווען, כדי צו ראטעווען יידן, דערביי פיל מאָל צעשלאָגן און דערנידעריקט געוואָרן און געשטעלט זיין אייגן לעבן אין סכנה.

אין לעצטן טאָג פון געטאָ, שבת, דעם 22־טן אויגוסט אין דער פרי, האָט הערשל טענענבוים נאָך אויסגעפילט דעם לעצטן באפעל פון געסטאַפּאָ. ער האָט צוגעשטעלט הינער, וויין, ביר, וויס־געבעקס אויף מיטאָג פאַר די תליינים פון סעלעקציע־טיש. מער האָט מען אים שוין נישט באדארפט. ער מיט זיין פרוי און צוויי זין זענען אָפּגעשיקט געוואָרן מיט דער גאנצער עדה קיין טרעבלינקע.

25. געוועזן אַמאָל אין שעדלעץ דריי בית-עלמינס

ס'איז אַן אַלטער מנהג ביי יידן פון קדמונים, אין טעג פון חשבון־הנפש און התרוממות הרוח צו גיין אויפן בית־עולם און זיך אויסשמועסן מיט די, וואָס זענען אויף אייביק פון אונז אַוועק. אויב אַ טאָג פון יאָרצייט, א תשעה־באב, ימים־נוראים און שטימונגס־מאָמענטן האָבן געקאָנט ארויסרופן אזא נויטווענדיקייט, א פשיטא, אז דאָס וואָגלען עטלעכע טעג אויף די חורבות פון דער אונטערגעגאנגענער היים האָבן ארויסגערופן דעם פארלאנג צו גיין אויף קבר אָבות. אויב עס איז נישט מעגלעך צו זיין ביי די, וואָס מען ווייסט נישט, ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען — ווילט זיך כאָטש באַזוכן די, וואָס האָבן זוכה געווען צו שטארבן פארן היטלער־מבול, קומען צו קבר־ישראל און האָבן אַן אדרעס.

נאָך א פיינלעכער שלאָפלאָזער נאכט — ווי אלע נעכט אין דער חרובער היים — פול מיט בייזע און ווּיסטע חלומות, אין א פרימאָרגן, ווען די זון האָט אין שטאַרקן קאָנטראַסט צו די שטימונגען און געפילן,אַזוי חוצפהדיק געשיינט פונקט ווי איר וואָלט גאָרנישט אָנגיין, וואָס דאָ איז געשען, זענען מיר אוועק אויף די בית־עלמינס.

אויף דעם עלטסטן בית־עולם, וואָס איז געווען ביים שול־הויף, זע־נען מיר שוין געווען, ווען מיר זענען געגאַנגען אויף קבר־אבות, — זוכן די שפורן פון דער גרויסער עדה, וואָס איז פון דאָרט געטריבן געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן קיין טרעבלינקע. מיר ווייסן שוין, אז דער בית־עולם מיט זיינע אַרומיקע אַלטע מויערן איז נישטאָ מער. אויף זיין אָרט איז געבליבן אַן אָפּע־נער דורכגאַנגס־פּלאַץ, אַ הפקר־אָרט, ווו די אַרומיקע שכנים גראָבן ווייס זאַמד. זענען מיר געגאַנגען אויף דעם צווייטן לויט דער ריי.

ווי דער ערשטער בית־עולם ביים שול־הויף, איז אויך דאָס אָרט פון צווייטן געווען אמאָל, מיט הונדערטער יאָרן צוריק, הינטער דער שטאָט, און פונקט ווי דאָרט האָט זיך אויך דאָ מיט דער צייט די שטאָט אויסגעברייטערט אזוי, אז דער בית־עולם איז געבליבן אין מיטן שטאָט. ווי אלטע לייט דער־ציילן — געהערט פון זייערע עלטערן — דארף שוין זיין א הונדערט יאָר זינט דער בית־עולם איז געוואָרן אָפּגעשלאָסן, פארמאכט און אויפגעהערט אויפנעמען מתים.

אַזוי ווי דער אַרומיקער שטח האָט געהערט צו קהל, איז אין זיין שכנות אויפגעבויט געוואָרן עטלעכע קהלשע בנינים. אַ שטייגער, ווי: דער פרעכ־טיקער יידישער שפּיטאָל, וואָס איז לאַנגע יאָרן געווען דער שטאָלץ פון יידי־שן שעדלעץ, ווו הונדערטער קראַנקע און ליידנדע האָבן דאָרט געפונען היי־לונג און א וואַרעמע היים. ווי אויך דער בנין באַקאַנט מיטן נאָמען „קהלשע געוועלבן", וואָס האָבן זיך געצויגן פון פיענקנע־גאַס־אַריין אויפן מאַרק־

פלאַץ ביז צום שפּיטאָל. אויך די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אַרום דעם אַלטן בית־עולם אויפגעבויט קראָמען און בודקעס, אויפגעשטעלט אַ האַנדלס־האַ־ליע און דעם גרויסן פּלאַץ צווישן בית־עולם און תּפיסה־בנין, באַשטימט פאַר אַ האַנדלס־מאַרק. אַזוי האָבן צווישן שטענדיקן טומל און געפילדער פון קראָ־מען־מסחר און מאַרק־האַנדל, צווישן אויפגעלייגטע שטעלן מיט סחורות און פויערשע פירלעך מיט זעק קאַרטאָפל, מייערן און עופות, שטיל געדרימלט זייער אייביקן שלאָף עטלעכע דורות שעדלעצער יידן.

ווי דער ערשטער בית־עולם, ביים שול־הויף, איז אויך דער צווייטער גע־ווען באַוואַקסן מיט די ספּעציפישע בית־עולם־געוויקסן, די קברים בידעריק אַראָפּגעלאָזן, די שטיינערנע מצבות האַלב־איינגעזונקען אין דער ווייכער בית־עולם־ערד, מען האָט באַדאַרפט זיך גוט אָנשטרענגען, כדי צו קענען אי־בערלייענען די אַלטע אויסגעקריצטע אויפשריפטן — די נעמען מיט די ספּע־ציפישע שבחים און טיטולן, וואָס מען פלעגט אַמאָל געבן ד טויטע אויף זייערע שטיינערנע מצבות.

דעם שונא׳ס פייער, וואָס האָט פאַרשלונגען כמעט די גאַנצע פיענקנע גאַס — אַזוי ווי אירע יידישע איינוווינער — האָט נישט געהאַט קיין שליטה איבער די קהלשע געוועלבן און איבערן שפּיטאָל, און זיי נישט פאַרצערט. זיי שטייען אָפן די קהלשע געוועלבן מיט זייערע קראָמען און וואַרשטאַטן, פונקט ווי אַמאָל. נאָר אָנשטאָט זייערע אַמאָליקע יידישע אייגנטימער, באַלע־באַטעווען אין זיי נייע, פרעמדע מענטשן, וואָס זענען פול מיט דאַנקבאַרקייט די אומשטענדן, וואָס האָט זיי איבערגעגעבן אַן אומגעריכטע ירושה. און פון שפּיטאָל־בנין, פון דעם אָרט, וווּ ס׳איז אַמאָל געווען די אויפשריפט: „בית־חולים״, שרייט־אַראָפּ אַ נייע גרויסע אויפשריפט: „קרייז־שפּיטאָל פאַר אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן״ (שפּיטאַל פּאָוויאַטאָווי זאַקאַזשני).

ס׳איז גראָד אַ מאַרק־טאָג, ווי שאַטנס שלייכן מיר זיך אדורך — איך און נאָך צוויי אַזעלכע קברים־זוכער — צווישן די אויסגעשטעלטע טישלעך מיט סחורות און פויערשע פירלעך, מיר זענען די איינציקע דריי יידן אויפן גרויסן שעדלעצער מאַרק און פילן אויף זיך די חוזק־בליקן פון די פריש־געבאַקענע סוחר׳טעס און תּמעוואַטע אויסגעגלאָצטע אויגן פון די דאָרפישע פויערים און פויערטעס.

ביים ראָג אויף די גאַסן שענקעוויטשאַ־שוויענטאָיאַנסקי טרעפן מיר אַ ניי אויפגעשטעלטן טויער (פאַרן חורבן איז אַזעלכער דאָרט נישט געווען), מיר שלייכן זיך אריין אומבאַמערקט, ווי גנבים, קוקן זיך ארום אין אלע זיי־טן, זוכן סימנים פון אַמאָליקן בית־עולם און געפינען נישט. אינעווייניק אַנט־קעגן טויער איז אויפגעשטעלט אַ באַראַק, קענטיק פאַר אַ ביוראָ און אַ דירה פאַר אַ שומר. ביי די פאַרקאַן־ווענט איז אויפגעשטעלט גרויסע לאַנגע שאָפעס, וווּ מען אַרבעט אויס פון צעמענט און בעטאָן דאַכוואָקעס, ציגל און רערן. אי־

בערן גאַנצן שטח פון אַמאָליקן בית־עולם איז אָנגעלייגט גרויסע שטויסן גע־הילץ, ציגל, קאַלך, סמאָלע און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן. אַרום די שטויסן שטייען מענטשן, שלעפּן, לייגן־איין, מעסטן, ציילן, וועגן, אַ יריד! די ערד איז אויסברוקירט מיט די שטיינערנע מצבות, וואָס זענען אַמאָל דאָ געשטאַ־נען צוקאָפּנס פון די פאַרשוועכטע קברים, זענען אויסגעפּלאַסטערט אין שאָ־סיי־וועגן איבערן גאַנצן בית־עולם שטח און עס פאָרן אויף זיי אויטאָ־מאַשי־נען און פורן אָנגעלאָדנטע מיט פאַרשידענע סחורות און בוי־מאַטעריאַלן. אַנדערע מצבות וואַלגערן זיך צווישן די שטויסן ציגל און ברעטער אונטער די פיס אין שטויב.

צווישן געקלאַפּעריי פון געוואָרפענע ברעטער, ציגל, אייזנס, און אין טר־מל און געפילדער, וואָס טראָגט זיך פון יענער זייט פּאַרקאַן, פון מאַרק, הערט מען דאַכט זיך דעם שטומען נישט אויסגעוויינטן יאָמער, וואָס גייט־אויף פון פאַרשוועכטע געשענדעטע קברים, פון פאַרשוועכטע געשענדעטע מצבות מיט זייערע הייליקע אותיות, צעטרעטענע פון גראָבע מענטשלעכע פיס און שווע־רע פערדישע קאָפּיטעס.

ווען איך בין פאַרטיפט א״ז לייענען די אָפּגעריבענע אויפשריפטן אויף די מצבות, וואָס וואַלגערן זיך אונטער די פיס, און די, וואָס זענען איינגעפּלאַס־טעט אין ברוק גלייך איך זאָל וועלן פון זיי עפּעס דערגיין דעם סוד פון אונזער חורבן, ווערט מיין טראַכטן איבערגעריסן פון אַ פראַגע:

— וואָס זוכט דאָ דער בירגער?

— איך זוך דעם אַלטן יידישן בית־עולם, וואָס איז דאָ געווען — ענטפער איך אָפּ קורץ.

— דאָ איז שוין מער קיין בית־עולם נישטאָ. איצט זענען דאָ בלויז סקלאַ־דעס פון קרייז־קאָאָפּעראַטיוו פאַר בוי־מאַטעריאַלן — ענטפערט מיר אַ גוי מיט אַ פּנים, וואָס דריקט אויס אַ סך צופרידנהייט.

דער ענטפער האָט אונז איבערצייגט, אַז מען ווונטשט זיך דאָ נישט אַ־זעלכע באַזוכער. באַגלייט פון נישט היימלעכע בליקן פאַרלאָזן מיר דאָס פאַר־שוועכטע הייליקע אָרט.

—*—*—

מיר גייען צום לעצטן בית־עולם, צו דעם, וואָס איז געווען דער „לעבע־דיקסטער" צווישן אַלע דריי בית־עלמינס אין שטאָט.

די פיל מצבות, וואָס מיר טרעפן אָן אין וועג, איינגעפּלאַסטערטע אין ברוק און אין טראָטואַר, איז געווען אַן אָנזאָג, אַז אויך דאָרט האָט די מערדער־האַנט דערגרייכט און מיט פיינלעכן אומרו און אין ציטער צאַפּלט דאָס האַרץ, ווען מען טראַכט: צי וועט מען כאָטש טרעפן די קברים פון די נאָענטע?

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און פאַר די אויגן איז געשטאַנען דאָס גאַנ־צע שוידערלעכע בילד אין דער גאַנצער גרויס:

דער געמויערטער פאַרקאַן אַרום בית־עולם אין זיין גאַנצער לענג אויף דער שקאַלנער גאַס ליגט צעקלאַפּט, צעשמעטערט, אַנגעוואָרפן אין קופּעס גרוז. פון דאַנען זעט מען א ים פון צעקלאַפּטע, צעקרישלטע, פאַרמלאַזע שטי־קער און שטיקלעך ווייסן און גרויען מאַרמאָר זיך וואַלגערן צווישן הויכע ווילדע געוויקסן. ווייט און ברייט, ווי גרויס עס איז געווען דער בית־עולם זעט מען איין ווילדן שטיין־ברוכיקן דזשונגל. מיט פאַרלאַפּענע אויגן און פאַר־קלעמטע הערצער הייבן מיר אָן גיין צווישן ים ברוכווארג און ווילדע געוויקסן און טרעפן באַלד אָן אויף ווייסן זאַמד פון אויפגעגראָבענע קברים. מיר ווייסן נישט צי איז דאָס די אַרבעט פון רויב־גיריקע זוכער פון גאָלדענע ציין ביי טויטע, אָדער דאָס איז אָן אַרבעט, געטאָן גלאַט אַזוי פון מצווה־וועגן: ווען עס איז שוין נישט געווען אונטער דער האַנט א לע־בעדיקער ייד צום שענדן, האָט מען כאָטש געשענדעט טויטע יידן אין זייערע קברים. ווער קאָן דאָס אויפקלערן? נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן.

מיר זענען אין דער געגנט, וווּ עס האָבן גערוט אין זייערע אוהלים די שעדלעצער רבנים און רביים פון עטלעכע דורות. אַז מען פלעגט אַמאָל דאָ אַדורכגיין, איז מען אַדורכגעגאַנגען געוואָרן מיט א געפיל פון גרעסטן יראת־הכבוד און דרך־ארץ פאַר די קברים, וווּ עס האָבן גערוט די ביינער פון אַמאָליקן אין פוילן באַרימטן גדול בתורה דער שעדלעצער רב ר׳ מרדכי׳לע ז״ל, פון גרויסן אוהב ישראל, וואָס האָט זיך אַזוי באַרימט געמאַכט מיט זיין מסירת־נפש פאַר יידן אין צייט פון פּאָגראָם אין 1906; דער רב ר׳ שמעון דוב אנאליק ז״ל, פון לעצטן רב אין שעדלעץ דעם גרויסן תלמוד־חכם און ערלעכן ייד ר׳ יהודה לייב גינצבורג ז״ל; דאָ האָבן גערוט אין זייערע אָ־הלים די אין פוילן באַרימטע רביים: דער ביאַלער רבי ר׳ הערשעלע ז״ל, דער זשעלעכאָווער רבי ר׳ גרשון ז״ל, דער פּאַרטשעווער רבי ר׳ נתן דוד ז״ל. טויזנטער חסידים פלעגן אַהערקומען אויסגיסן זייערע שווערע הער־צער און פאַרוואַרפן די קברים מיט א מבול פון קוויטלעך. פון זייערע אָ־הלים און מצבות איז קיין זכר נישט געבליבן, מען דערקענט אפילו נישט זייערע קברים, וואָס ליגן, ווי אַלע אַנדערע צעטרעטענע, פאַרשטיינערטע און ווילד באַוואַקסענע.

מיט שוועריקייט שפּאַנען מיר ווייטער און געפינען צווישן די מצבות־ברוכוואַרג א שטיק אָפּגעבראָכענעם מאַרמאָר מיט די אויסגעקריצטע אויפ־שריפט „לינקע פועלי־ציון אין שעדלעץ״. דאָס האָט געגעבן אָנרעגונג ווייטער צו זוכן אויף דעם שטח און מיר געפינען נאָך א שטיק מיט דעם אויפ־שריפט „יוסף״. מיר זוכן ווייטער און געפינען נאָך א שטיק מיט דער אויפ־שריפט „סלושנ:״ פון א גרויסע צאָל ברוך־שטיקער האָבן מיר צוזאַמענגע־שטעלט די מצבה, וואָס די אָרגאַניזאַציע לינקע פועלי־ציון האָט געשטעלט

אויפֿן קבר פֿון איר פֿירער, דעם טריבון פֿון דער יידישער ארבעטערשאַפֿט אין שעדלעץ, יוסף סלושני.

אויך אַן ענלעכן אופֿן האָבן מיר צוזאַמענגעלייגט פֿארשידענע אַנדערע שטיקער צעהאַקטע מצבות, ווו מיר האָבן איבערגעלייענט דעם נאָמען אַברהם גרינשפּאַן (דערשאָסן געוואָרן אין 1920 פֿון פּוילישן מיליטער) און נאָך אַנדערע באַקאַנטע נעמען.

צווישן דעם גרויסן ים פֿון ברוכוואַרג האָבן מיר אויך געטראָפֿן עטלעכע מצבות גאַנצע, איינצלנע געציילטע, וואָס עס איז אַ סוד, ווי אַזוי זיי זענען ניצול געוואָרן פֿון די וואַנדאַלן. זיי זענען אַרויסגעריסן פֿון זייערע ערטער און וואַלגערן זיך צעטרעטענע צווישן ברוך און זאַמד איבער די פֿאַרשוועכ־טע קברים. מיר לייענען איבער עטלעכע באַקאַנטע נעמען: ר׳ אביגדור ריי־דעל ז״ל, ר׳ דוד רובינשטיין ז״ל, רעדאַקטאָר פֿון „שעדלעצער וואָכנבלאַט״, אשר ליוראַנט ז״ל און נאָך עטלעכע באַקאַנטע און נישט באַקאַנטע נעמען.

מיר דערנענטערן זיך צו דער געמויערטער וואַנט פֿון בית־עולם־פֿאַר־קאַן אין מזרח־זייט, און דאָ וויקלען זיך אויף פֿרישע בלעטער, ווו עס איז אויפֿגעצייכנט די גרויס פֿון אונזער טראַגעדיע: דער טייל בית־עולם, וואָס איז פֿעט געוואָרן די לעצטע צייט פֿון איינגעזאַפּטן בלוט, איז באַוואַקסן מיט געדיכטן גראָז און ווערט דעריבער אויסגענוצט פֿון די אַרומיקע שכנים פֿאַר אַ פּאַשע־פֿעלד פֿאַר זייערע בהמות. ווער ווייסט זיי דערין שטערן? ליגט זיך אַ יונגער פּאַסטוך אויסגעצויגן אויף די צעטרעטענע קברים, לאָזט זיך וואַרעמען פֿון די שטראַלן פֿון דער פֿרילינגס־זון, פּייפֿט זיך זאָרג־לאָז צו אַ לידל בעת זיינע בהמות פּאַשען זיך.

און באַלד נישט ווייט, אין דער מיט פֿון דעם גרינעם גראָז־פֿעלד, גלאַנצט־אַרויס אַ ווייסער רונדיקער שטח. מיר קומען צו און שטייען פֿאַר אַ פֿלאַץ, ווו אַנומלט, אונטערגעצונדן פֿון ווילדער שנאה און רשעות, האָבן דאָ געברענט די גופֿים פֿון אונזערע טויטע. און ווער ווייסט: אפשר אויך לעבעדיקע שוועסטער און ברידער? דער ווינט האָט נאָך נישט צעטראָגן זייער אַש. און דאָס ליגט נאָך דאָ אַנגעשאָטן דאָס ווייסע אַש, קופּקעסווייז פֿאַר אַ זכר נאָך זייערע פֿאַרברענטע לעבנס, אויסגעמישט צוזאַמען מיט נישט דערברענטע שטיקער ביינער, מענטשלעכע ביינער און שטיקלעך נישט אויסגעברענטע שיך און נישט אויסגעברענטע האָלץ־קוילן.

מיר שטייען פֿאַרשטיינערטע, פֿאַרשטומטע ביי דעם נאַקעטן פֿאַרשאָל־טענעם אוישטאָ־דאַ־פֿע־פֿלאַץ און טראַכטן... טראַכטן... מיר ווילן זיך באַ־העפֿטן אין אונזער איצטיקן טראַכטן מיט דעם, וואָס עס האָבן געטראַכט אין די מינוטן פֿון זייער העכסטער פּיין אונזערע טייערע און נאָענטע וועגן גאָט, מענטש און וועלט, וועגן געשענדעטע און פֿאַרברענטע טויזנט־יאָריקע אי־דעאַלן, וועגן די איינגערעדטע אייביקע עטישע ווערטן... און... נישט ווייט

באוויזט זיך א גרויסער קודלאטער שווארצער הונט, און באלד דערנעבן נאָך עטלעכע. א גאנצע כאפטע הינט באוועגן זיך אין גראָז, שמעקן, זוכן און נישטערן הינטיש. מיר גייען אין זייער ריכטונג און טרעפן אין א פלאכן אָפּענעם גרוב א קופּע בייִנער פון פארשידענע קערפּער־טיילן פון פארשידע־נער גרויס: בייִנער פון מוח־שארבנס, פון הענט, פון פיס; בייִנער פון קינ־דערשע אברים גאנץ קלייִנינקע פון יונגע עופעלעך, וואלגערן זיך ארום הפקר, ווערן געגריזשעט און צעטראָגן פון וואנדערנדיקע הינט, וואָס האָבן זיך דערשראָקן, און עטוואָס זיך צוריקגעצויגן מיט אונזער אָנקומען, קוקן אויף אונז מיט בייזע הינטישע אויגן, פאַר דער העזה, וואָס מיר שטערן זיי, אנטלויפן אָבער נישט, זיי ווארטן ביז מיר וועלן אוועקגיין, כדי ווייטער פאַר־צוזעצן זייער הינטישע סעודה...

בעת מיר קוקן אויף די אויסגעצטריקנטע בייִנער, וואָס זענען דאָ צעוואָרפן אין דעם קלייִנעם טאָל פון פארשוועכטן בית־עולם, דערמאָנט עס אין יענע פארטריקנטע קופּעס בייִנער פון אונזערע אמאָליקע דורות, וואָס האָבן נאָכן ערשטן חורבן אָנגעפילט די טאָלן פון בבל, און עס טראַכט זיך: מען דאַרף זײַן באפליגלט מיט אזויפיל גייסטיקער גבורה און נביאישן גלויבן, ווי עס איז דעמאָלט געווען דער נביא יחזקאל, כדי צו גלויבן, אז די עצמות היבשות, וואָס מיר זעען דאָ פאר אונזערע אויגן זאָלן נאָך קאָנען אויפשטיין תחית המתים.

מיר שפּאנען פון איין שחיטה־פלאץ צום צווייטן און געפינען זיך ביי דעם טייל פארקאן,וואָס האָט געדינט פאר אן עקזעקוציע־וואנט פאר הונ־דערטער און אפשר טויזנטער פון אונזערע אומגעקומענע בני־עיר. דאָ איז די ערד נאָך א פריש־צעגראָבענע, פול מיט בערגלעך און גריבלעך, ערטער־ווייז ווייך. ביים שטעלן א טריט צאפּלט זי די ערד פונקט, ווי עס האָבן גע־צאפּלט די פארשניטענע לעבנס, וואָס זענען אריינגעשליידערט געוואָרן אין די קברים, וואָס זיי האָבן זיך אליין געמוזט גראָבן. דורך דעם דינעם שיכט ערד, וואָס דעקט זיי קוים צו, זעען זיך די פאלדן פון זייערע פארפייניקטע גופים, וואָס זענען געלייטערט געוואָרן אין אלע שבעה־מדורי גיהנום, און זיי דערציילן אזוי פיל, די קברים־פאלדן, אזוי פיל...

און נאָך מער, ווי די ערד, דערציילט די שטומע וואנט, וואָס שטייט צוקאָפּנס פון די פארפייניקטע קדושים, די גרויס פון אונזער בראָך — אָן א צאָל איז אין איר, אין דער אומגליקלעכער וואנט אָנגעהאָגלט די קוילן, וואָס זענען אויף איר אָפּגעשפּרונגען פון די אדורכגעלעכערטע גופים פון אונ־זערע פארפייניקטע שוועסטער און ברידער. זיי שטעקן דאָרט טיף די בליי־ערנע קוילן און גלאנצן ארויס אנטקעגן דער זון, ווי לעבעדיקע פייערדיקע אותיות אויף א גרויסער לאנגער מצבה. אנדערע האָבן זיך נאָר אָנגעקלאפּט

אין דער וואַנט, אויסגעגראָבן אין איר קליינע גריבלעך, אַראָפּגעפאַלן און וואַלגערן זיך נאָך אַרום צווישן די בית־עולם־גראָזן.

און נאָך אויפשריפטן לייענען מיר אַראָפּ פון דער גרויסער שטומער עקזעקוציע־מצבה־וואַנט — דאָס זענען די אויפשריפטן, וואָס עס האָבן דאָ געצייכנט מיט זייער אייגן בלוט די קדושים וטהורים, וואָס זענען דאָ אומגעקומען ביי דער וואַנט.

און עס דערציילן די לעבנגעבליבענע:

עטלעכע טעג נאָך דער ליקווידאַציע פון גרויסן געטאָ, ווען די שעדלעצער יידן זענען געווען שוין אָפּטראַנספּאָרטירט קיין טרעבלינקע, זענען אין קליינעם געטאָ, וווּ עס האָבן זיך געפונען צוזאַמענגעפּרעסט דאָס קליינע רעשטל פון דער שעדלעצער עדה — אַריין אַ באַנדע מערדער און אַרויסגענומען דרייסיק פרויען און מיידלעך, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, געטריבן זיי אין אויסגעליידיקטן געטאָ, זיי זאָלן סאָרטירן און פּאַקן דאָס פאַרלאָזענע און רויבירטע יידישע האָב־און־גוטס פאַר זיי, פאַר די תלינים וועגן. ביי דער אַרבעט האָבן די פרויען אויף זיך אַרויפגעצויגן ווער אַ קליידל, ווער אַ מאַנטל, ווער אַ שטיקל וועש, כדי דאָס צו פאַרטיילן פאַר די נויטבאַדאַרפטיקע אין קליינעם געטאָ. אויף דעם איז אָנגעקומען דער הויפּט־תלין פון די שעדלעצער יידן — פאַביש. נאָכן פעסטשטעלן דאָס „פאַרברעכן”, האָט ער באַפוילן די פרויען אומצוברענגען. די געהילף־תלינים האָבן די אומגליקלעכע פאַרשפּאַרט אין די שול־געוועלבן, וואָס האָבן געדינט פאַר אַ תפיסה אין געטאָ, פון וואַנען איינע נאָר — אסתר ספּעקטאָר — האָט זיך דורך אַ נס אַרויסגעקריגן. אַלע ניין און צוואַנציק פרויען זענען מיט געבונדענע הענט אויף הינטן אָפּגעפירט געוואָרן אויפן בית־עולם, געצוווּנגען געוואָרן אַליין זיך אויסצוגראָבן קברים־גריבער און דאָ ביי דער עקזעקוציע־וואַנט, פריער צעשלאָגן, געפּייניקט און טאָרטירט געוואָרן, נאָכהער דערשאָסן.

דאָס זענען זייערע נעמען:

לאַנדוי רוזשע, יאַבלקאָוויטש שרה, פּיעקאַרזש חנה, צווייג שוועסטערן סטאָלאָווע, וואַקשטיין שרה, פּערסטער־ווײַמאַן, געלבפיש שרה, לעדערהענדלער יענטע, גאָלדרינג גאָלדע, פּעלזענשטיין חוה, פּעלזענשטיין־מיאַדאָוויק, קראַמאַרזש חנה, קראַמאַרזש גיטל, בראָנשטיין, גרינוואַלד שרה, סוכאַדאָלסקי (פרוי פון נחמן), ראַדושינסקאַ־ניימאַן ברכה, צוקערמאַן רחל, פּעלזענשטיין רבקה, קאַן רחל, קליינלערער שרה, איינעמער רחל, עפּעלבלאַט טויבע, קישעלינסקאַ אסתר, פּעלזענשטיין ניוניאַ, ריבאַק פּערל, קאַרניצקאַ.

זייערע נעמען זענען נישט אויסגעקריצט אויף אַן אָנדענק־טאָוול אויף דער עקזעקוציע־וואַנט. צו זייערע אָרעמע איינגעפאַלענע קברים קומט ניט קיינער לאָזן אַ טרער, פאַרפלאַנצן אַ בלימל, אָדער זאָגן אַ קדיש. בלויז דאָס שווארצע בלוט זייערס, וואָס איז איינגעטרוקנט אין די קאַרבן פון דער עקזע־

קוציע־וואַנט און די בלייערנע קוילן, וואָס האָבן איבערגעריסן זייערע יונגע לעבנס — וואַכן איבער זייערע פאַרלאָזענע קברים, שרייען אַראָפּ פון דער אומגליקלעכער וואַנט, מאָנען, וועקן און רופן צו נקמה!

—*—*—

דער איינציקער לעבעדיקער עדות, וואָס איז אָנוועזנד געווען ביי דעם שוידערלעכן אקט, דער לאָווניק גלוכאָווסקי, האָט באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק און איז אין עטלעכע טעג אַרום געשטאָרבן.

—*—*—

אין ווייטערדיקן וואַגלען אויפן פאַרשוועכטן בית־עולם, טרעפן מיר שוין אָן דאָס ערשטע ברידער־קבר פון עטלעכע צענדליק קדושים, וואָס זענען געווען צעוואָרפן אין פאַרשידענע עקן פון געגנט — עטלעכע יידן, וואָס זע־נען נישט לאַנג אַרויס פון אונטערערדישע בונקערס. האָבן זיי צוזאַמענגע־קליבן, און געבראַכט צו קבר ישראל.

נישט ווייט פון דעם אָרט, טרעפן מיר אָן אויף אַ נעסט פון מוראַשקעס. מיר שטעלן זיך אָפּ און קוקן מיט קנאה, ווי די קליינע ענערגישע באַשעפענישן באַוועגן זיך אַזוי פריי, קריכן אַריין און אַרויס דורך די שמאָלע ערד־שפּאַלטן אין זייערע אונטערערדישע בונקערס. גליקלעכע באַשעפענישן! קיין בייזע הינט און ווילדע מענטשן־פרעסער יאָגן זיך נישט נאָך זייערע אָרעמע לעבנס, ווי מ׳האָט זיך געיאָגט נאָך אונזערע.

מיר קומען צו אין דער זייט פון בית־עולם, וואָס איז נאָענט צום שכנות־דיקן קריסטלעכן צמענטאַרזש. אויך אַהין קוקן מיר אַריבער מיט קנאה אויף די גלייכע, סימעטריש־אויסגעשטעלטע רייען, צלמים־מצבות, וואָס שטייען ביי די פולע קברים באַדעקטע מיט גרינס און בלומען. מען דערקענט אין די קברים, אַז יעדער איינער, וואָס רוט דאָ, האָט געלאָזן נאָך זיך אַ האַרץ, וואָס בענקט, אַ צאַרטע האַנט, וואָס זאָרגט פאַר זיין אָנדענק. אָט קניט אַן עלטערע פרוי, אָנגעטאָן אין שוואַרצן איבער אַ קבר און שעפּטשעט שטיל אַ תפילה פאַר דער נשמה פון דעם, וואָס רוט דאָ. אָט זענען צוויי יונגע מייד־לעך איבער אַן אַנדער קבר, איינע פלאַנצט אויף אים בלימלעך, די צווייטע באַגיסט מיט אַ קענדל וואַסער, און נאָך, נאָך...

מיר קערן זיך אום צוריק צום חרוב׳ן בית־עולם, צו די צעהאַקטע מצבות, צו די צעטרעטענע געשענדעטע קברים, צו די ביינער, וואָס וואַלגערן זיך דאָ אַרום הפקר, צו די קופּקעס אש, וואָס זענען געבליבן נאָך אונזערע קדו־שים, צום פאַרטריקנטן שוואַרצן בלוט אויף די בית־עולם־ווענט. און פון האַרצן רייסט זיך אַרויס אַ קללה, אַ וויסטע קללה פאַר דער רשעות׳דיקער וועלט מיט אירע מענטשן, מיט איר נאַטור, און באַזונדער, פאַר דער ערד, וואָס האָט קיין אָרט נישט, נישט נאָר פאַר אונזערע לעבעדיקע, נאָר אויך נישט פאַר אונזערע טויטע.



יאָנטל גאָלדמאן מיט די שארית הפליטה ברענגען צו קבר־
ישׂראל עקסהומירטע יידן



די שארית־הפליטה ביים דענקמאָל־שטיין פון די צו קבורה־געברענגטע
ביינער און סקעלעטן

לעבן-געבליבענע יידן זאגן קדיש

מאָניש רידעל איז מספיד

שמחה לעוו איז מזכיר נשמות

דער לעצטער געזעגענונגס־בליק פאַלט אויפן חרוב׳ן און געשענדעטן בית־עולם און כ׳זע ווי ביי אַ ריזיקן באַרג פון ציגל־ און שטיין־ברוכוואַרג זענען באַשעפטיקט אַרבעטער — אָנגעשטעלטע פון יידישן קאָמיטעט — ביים צוריק־אויפשטעלן דעם צעקלאַפּטן פּאַרקאַן; אויף אַן אַנדער אָרט פּאַרעט מען זיך ביים אָפּווישן אַנדערע טיילן פון חורבן — מיט פאַרשיטן אויפגע־גראָבענע קברים; מיט אויפשטעלן צעקלאַפּטע מצבות; מיט צונויפקלויבן אַרומוואַלגערנדיקע ביינער, און אַ פאַרדרוס נעמט אָן אויפן קאָמיטעט מיט די אַרבעטער, עס ווילט זיך אויסשרייען: לאָזט־אָפּ! פאַרשווענכט נישט דאָס אומגליק מיט אייער קליינלעכער ווילטעטיקייט! רעסטאַווירט גאָרנישט! דער חרובער בית־עולם, אַזוי ווי ער איז, איז דער פּאַסיקסטער דענקמאָל נאָך דער חרובער, פאַרשניטענער עדה; אויפהיטן דאַרף מען פאַר די קינפטיקע דורות דעם ברוך־דענקמאָל — דאָס ווערק פון קריסטלעכער ציוויליזאַציע און עטיק, און די אויסגעטריקנטע ווייסע מענטשלעכע ביינער, וואָס פילן דאָ אָן די טאָלן, צוזאַמען מיט די אָפענע אויפגעגראָבענע קברים, זאָלן אייביק בלייבן אָפן, און ווי אָפענע מיילער נישט אויפהערן באַוויינען דעם חורבן עד סוף כל הדורות!

—*—*—

צעבראָכענע מיט צעווייטיקטע הערצער פאַרלאָזן מיר דעם חרוב׳ן און געשענדעטן בית־עולם. כ׳רייס אויס אַ בינטל גראָז, וואַרף דאָס צוריק אויף הינטער זיך, און זאָג דערביי: אַזוי זאָלן אויסגעריסן ווערן די, וואָס האָבן אויסגעריסן מיין פאָלק!

אַ פרילינגס־ווינטל האָט אַ לייכטן בלאָז־געטאָן און באַוויגן די עטלעכע ביימער, וואָס שטייען ביים אַריינגאַנג פון חרוב׳ן בית־עולם — די געציילטע עדות, וואָס האָבן געזען אונזער בראָך און שאַנד. פון זייער שטילן בלעטער־גערויש גייען אונז נאָך די יתומ׳דיקע טענער פון יתגדל ויתקדש שמיה רבא...

26. דאַטעס פון יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין שעדלעץ

7־טער סעפּטעמבער 1939 (כ״ג אלול תרצ״ט), דאָנערשטיק פרי: די דייטשן האָבן אָנגעהויבן זייער לופט־אָנגריף אויף שעדלעץ, ספּעציעל אי־בער די יידישע גאסן. די באָמבארדירונג האָט, מיט קליינע הפסקות, אָנגעהאלטן ביז מאָנטיק (11.9.39) ביינאכט. אין די טעג זענען אומגעקומען ביז צוויי טויזנט פּערזאָן, מערסטנס יידן.

9־טער סעפּטעמבער 1939: וועלנדיק ראטעווען דאָס נאקעטע לעבן פון באר־באַרישן לופט־אָנגריף, איז כמעט די גאנצע ציווילע באפעלקערונג אוועק פון שטאָט, איבערלאָזנדיק אויף הפקר זייערע וווינונגען מיט האָב און גוטס. די שטאָט איז געשטאנען אין פלאמען. אין צווישן צייט פון תהו ובהו זענען פון די ארומיקע דערפער אָנגע־געקומען מחנות פויערים און ראבירט די יידישע וווינונגען און געשעפטן.

11־טער סעפּטעמבער 1939 (כ״ז אלול תרצ״ט) מאָנטיק ביינאכט זענען די דייטשע האָרדעס אריין קיין שעדלעץ.

14־טער סעפּטעמבער 1939: (ערשטער טאָג ראש השנה). א באנדע דייטשן האָבן ארומגערינגלט די שול, ווו עס האָבן געדאוונט א ביסל יידן, אריין אינעווייניק און געשלאָגן מכות רצח, אראָפּרייסנדיק די טליתים. זיי האָבן געשאָסן צו די, וואָס זענען געשפּרונגען דורך די פענצטער. יוסף רובין איז דערשאָסן געווארן. א גאנצע נאכט האָבן באנדעס דייטשן ראבירט אין יידישע הייזער און געשעפ־טן. ארויסגענומען מענטשן פון די הייזער און פארשלעפּט זיי קיין ווענגראָוו אין קאָנצענטראציע־לאגער.

18־טער סעפּטעמבער 1939: די דייטשן האָבן אָפּגעשלאָסן די שטאָט, גע־מאכט אַן אָבלאווע איבער אלע גאסן און הייזער, אלע מענער פון 14 יאָר אָן ווערן פארהאלטן און געטריבן אין תפיסה. זיי ווערן דאָרט געהאלטן צוויי מעת־לעת.

20־טער סעפּטעמבער 1939: אלע פארהאלטענע מענער, יידן, א טייל אויך קריסטן, אין א צאָל פון צען טויזנט מאן ווערן געטריבן אין א שאנד־מארש, מיט אנטבלויזטע קעפּ קיין ווענגראָוו אין קאָנצענ־טראציע־לאגער.

אָקטאָבער 1939: א. די דייטשן באפעלן צו שאפן א יודנראט פון 25 מענטשן.
ב. דער געשאפענער יודנראט באקומען א באפעל פון די דייטשן צו באצאָלן צען טויזנט זלאָטעס קאָנטריבוציע.

ענדע אָקטאָבער 1939: א באנדע דייטשן ארייגעריסן זיך אין שול און אין בית המדרש, ארויסגעוואָרפן פון אָרון קודש די ספרי־תורות, געריסן שטיקערווייז און געטרעטן מיט די פיס.

דעצעמבער 1939: דער יודנראט באקומען א באפעל צו באצאָלן ווייטערע 20.000 זלאָטעס קאָנטריבוציע.

24־טער דעצעמבער 1939: אין מיטן נאכט האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן די שול מיטן בית המדרש. דערביי ווערן פיל יידן אָפגעבריט און פארוונדעט. איין ייד פארברענט געוואָרן.

נאָוועמבער 1940: דער יודנראט ווידער באקומען א באפעל צו באצאָלן קאָנטריבוציע. דאָס מאָל שוין 100.000 זלאָטעס.

12־טער יוני: (ערשטער טאָג שבועות) א באנדע צעיושעטע דייטשן גע־מאכט א געיעג איבער יידן אין שטאָט, דערשאָסן געוואָרן דער אייזן סוחר בנימין הערץ.

מערץ 1941: דער יודנראט ווידער באקומען א באפעל איינצוצאָלן 100 טוי־זנט זלאָטעס קאָנטריבוציע.

23־טער מערץ 1941: דאָס דייטשע מיליטער אין שעדלעץ האָט אדורכגע־פירט א פאָגראָם אויף יידן, וואָס דויערט דריי טעג. זיי האָבן ראַ־בירט און געפלינדערט. דערביי זענען זעקס יידן דערשאָסן געוואָרן און בערך הונדערט ווערן פארוונדעט. דאָס איז געווען א רעזול־טאט פון א פראָוואָקאציע: אויף סטארי רינעק האָט מען געהערט א שאָס. דייטשן האָבן געזאָגט, אז דאָס האָבן יידן געשאָסן.

ענדע יוני 1941: מיטן אָנפאל פון די דייטשן אויף רוסלאנד פארשטארקן זיך די רעפרעסיעס אויף יידן. זיי ווערן מאסנווייז ארויסגעוואָר־פן פון זייערע דירות.

1־טער אויגוסט 1941: (ערב תשעה באב תש״א) עס ווערט פארעפנטלעך א פאראָרדנונג: איינצושליסן די שעדלעצער יידן אין א געטאָ.

1־טער אָקטאָבער 1941: (יום־כפור תש״ב) אָפגעשלאָסן געוואָרן דאָס גרויסע געטאָ, וואָס האָט ארומגענומען די גאסן, פון דער רעכטער זייט: קאָכאנאָווסקיעגאָ (שפּיטאלנע), סטארי רינעק, בערעק יאָסעלעוויטש, מאלא, ערשטער מאי, ביז סאנדאָווע. לינקע זייט: פוסטע, אסלאנאָוויטשא (פּראָספּעקטאָווע), טארגאָווע (יאטקאָווע), בראָווארנע, אָקאָפּאָווע, בלאָניע. נאָכן אָפשליסן דאָס געטאָ פארשטארקן זיך די עפּידעמישע קראנקהייטן, עס פארגרעסערט זיך די שטערבלעכקייט.

דעצעמבער 1941: די דייטשן אויפגעפאָדערט דעם יודנראט צוצושטעלן זיי אלע פוטערס און פעלץ־אויסארבעטונגען, וואָס געפונען זיך ביי יידן.

יאנואר 1942: די דייטשן ארויפגעלייגט אויף די יידן א קאָנטריבוציע פון הונדערט טויזנט זלאָטעס א חודש.

3־טער מערץ 1942: (פּורים תש״ב) די דייטשן כאפּן צען יידן, פארשלעפּן זיי קיין סטאק־לאצקי (א דאָרף לעבן שעדלעץ) לויט א באפעל פון שעף פון רעגירונגס־ראט ביים ארבעטס־אמט ווערן זיי דערשאָסן מיטן אויסרייד, אז זיי האָבן נישט געוואָלט ארבעטן. דער יודנראט ווערט געצוואונגען צו פאַרעפנטלעכן א באקאנטמאכונג, אז די דייטשן זענען גערעכט און זייער פסק־דין פון אומברענגען די צען יידן — איז א גערעכטער.

יוני 1942: די דייטשן פאָדערן פון יודנראט צוצושטעלן פארשידענע פאַךלייט מיט זייערע מאשינען און ארבעטס־מכשירים. די צוגעשטעלטע יידן זענען ערגעץ־ווו אוועקגעשיקט געוואָרן. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אז מען האָט זיי אָפּטראנספּאָרטירט קיין מיידאנעק צום פארניכטן.

יולי 1942: די דייטשן ארעסטירן דרייצן יידן, מיטן אויסרייד, אז זיי האָבן זיך ארויסגעדרייט פון גיין צו דער ארבעט. עטלעכע טעג ווערן די יידן געפייניקט אין ארעסט, דערנאָך פירט מען זיי צוריק אין

געטאָ, און ביים אריינגאַנג דורכן געטאָ־טירל ווערן זיי דערשאָסן.

22־טער אויגוסט 1942: (שבת, ט׳ אלול תש״ב) — ליקווידאַציע פון גרויסן געטאָ. אין מיטן דער נאַכט איז דאָס גרויסע געטאָ ארומגעשטעלט געוואָרן מיט דייטשן, אוקראַינער און פוילישע פּאָליציאַנטן. אין דער פרי ווערן אלע יידן ארויסגעטריבן אויפן אלטן בית־עולם. דעם זעלבן טאָג ווערט אדורכגעפירט די סעלעקציע. געשאַפן דאָס אזוי־גערופענע „קליינע געטאָ״ אין דריי־עק פון די גאַסן: סאָקאָלאָווער—אסלאַנאָוויטשא—טאַרגאָווע.

23־טער אויגוסט 1942: אָפּגעפירט די קרבנות צו דער באַן־סטאַציע.

24־טער אויגוסט 1942: זיך אָנגעהויבן דאָס פארלאָדן די קרבנות אין די וואַגאָנען. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אויך דעם צווייטן טאָג, דעם 25־טן אויגוסט (מאָנטיק און דינסטיק) ביז אלע יידן זענען אָפּטראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

24־טער אויגוסט 1942: ליקווידאַציע פון געטאָ־שפּיטאָל. א באַנדע דייטשן מיט אוקראַינער, אונטער דער אָנפירונג פון שטאָט־קאָמענדאַנט פּאַביש, האָבן באַלאַגערט דעם געטאָ־שפּיטאָל אויף דלוגע גאַס, אויסגעשאָסן אלע קראַנקע (בערך הונדערט פּערזאָן) אין זייערע בעטן, ווי אויך ביי צען נאַר־וואָס געבוירענע קינדערלעך. די דאָקטוירים, פעלדשער, קראַנקן־שוועסטער און דער גאַנצער שפּיטאָל־פּערסאָנאַל ווערן ארויסגעפירט אויפן הויף — און דערשאָסן.

26־טער אויגוסט 1942: (י״ג אלול תש״ב) די דייטשן האָבן פארנומען דריי־סיק יונגע פרויען צו ארבעט אין אויסגעליידיקטן געטאָ: צו סאָרטירן און פארפּאַקן דאָס אָנגערויבטע יידישע האָב און גוטס. פאַר־נאַכט נאָך דער ארבעט ווערן די פרויען אָפּגעפירט אויפן בית־עולם, ווו זיי ווערן אויסגעשטעלט ביי א וואַנט — און דערשאָסן.

25־טער נאָוועמבער 1942: (ט״ז כסלו תש״ג) ליקווידאַציע פון קליינעם געטאָ. די פארשפּאַרטע יידן אריבערגעפירט קיין גענשע־באַרקי. (אַן ערך פון 2000 נפשות).

28־טער נאָוועמבער 1942: אין מיטן דער נאַכט איז גענשע באַרקי געוואָרן ארומגעשטעלט מיט א קייט פון דייטשן, אוקראַינער און פוילישע פּאָליציי.

30־טער נאָוועמבער 1942: (כ״א כסלו תש״ג) די לעצטע 3000 יידן פון שעדלעץ און אומגעגנט ווערן אָפּגעפירט פון געגשע באַרקי צום באַן, ווו זיי ווערן אַריינגעפּאַקט אין די וואַגאָנען און אָפּטראַנס־פּאָרטירט קיין טרעבלינקע.

1־טער יאַנואר 1943: דאָס נייע יאָר האָט שוין געטראָפן שעדלעץ — יידן־ריין.

זוך-צעטל פון נעמען

וואָס ווערן דערמאָנט אין בוך:

א

אבארבאַנעל שלמה שמואל — 27, 57, 115, 124, 138
אדלער העניעק — 34, 162
אייכנשטיין שלמה, רב — 172
אייבעשיץ יונתן — 66
אייזנבערג הערשל — 67, 71, 128, 135
אייזנבערג י. ח. — 13
אייזנבערג חנה׳לע — 99
אייזנשטאַט־לעווין — 76
אייזנשטאַט משה אבע — 85, 227, 233
אייזנשטאַט פלטיאל — 227
איינעמער רחל — 247
אלטנבערג אברהם — 66, 229
אלטמאַן דוד — 66
אלבערג יוסף — 76
אלבערג קובאַ — 193
אלבערג עדזשע — 76
אנאַליק שמעון דב, רב — 244
אסינאַ אברהם הערש — 217
אָפּנהיים — 84
אַפּעל האנקע — 98
אויפגאַנג הערשל — 89
אַקון יוסף — 228
אָרזשל אשר — 13, 25, 80, 227, 229
אָרזשל משה — 227
אָרזשל איצל — 80
אָרזשל גדליה — 233
אָרזשל קלמן — 141
אָזשעל קלמן — 212
אָרזשעך — 188
אַראָנאָוויטש — 151
אָרלאַנטשיק ישראל — 183
אָרלאַנטשיק לוי — 183, 198
אָרלאַנסקי מאָטל — 177, 212

ב

באַגאַנאַן בערל — 164
באַנאַלעוויטש הענעך — 183
באָקסער צבי — 229
באַרכאָווסקי פייגע — 44
באָרנשטיין יצחק — 185
באַרג וועלוול — 66
באַרג רבקה — 76
בורשטין צעשע — 178
בייער מענדל — 80
בערגמאַן ד״ר — 229
בערגמאַן לייב — 163
בעלפער ד״ר — 66, 71, 76
בענקאָוויטש סאַבקע — 75, 178
בענקאָוויטש לאָלעק — 179
בלושטיין אברהם — 163
בלושטיין דוד — 164
בליאַכער משה — 157
בליאַכאַזש ראובן — 219
ברעסלער אברהם — 13, 135
בראָנשטיין — 229, 247

ג

גאַזשעלינסקי אליהו — 184
גאָלדמאַן יאָנטל — 107, 181, 197
גאָלדבלאַט מענדל — 66
גאָלדבלאַט דבורה — 76
גאָלדפאַרב העניעק — 115, 122, 138
גאָלדפאַרב עקיבאַ — 227
גאָלדפאַרב אנאַטאָל — 125
גאָלדפאַרב לייב — 158
גאָלדפאַרב גדליה — 158
גאָלדפאַרב נינאַ — 226
גאָלדפאַרב צינע — 160
גאָלדבערג נתן — 199

גאָלדבערג אסתר — 162
גאָלדבערג פעלעק — 193
גאָלדבערג יהושע — 13
גאָלדזאַק חיים שמואל — 17
גאָלדפינגער שרה — 189
גאָלדפינגער וואָלף — 180
גאָלדרינג גאָלדע — 247
גאַליצקי — 186
גאַרבאַרזש שמעון — 160, 211
גאַרבאַרזש אברהם — 211
גאָלאַנסקי נחמ״ה — 163
גאַנצוואָל — 99, 166
גוטאָווסקי יענטע — 162
גוטגאָלד — 9
גוטגעלד יוסף — 13
גוטגעלד לוי — 13, 226
גוטגעלד ישראל — 25
גורשטיין לוסיע — 98
גורשטיין אידא — 99
גורא לאה — 161
גורא משה מענדל — 184
גינצבורג יהודה לייב — 244
גלאַזאָווסקי ד״ר — 66, 71, 76
גלאַזאָווסקי ראָמעק — 144, 185
גליקסבערג לעאָן — 179, 235
גליקסבערג נתן דוד — 85, 233
גראַוויצקי יוסף — 227
גרשון, רבי — 244
געלבפיש שרה — 247
גרינבערג דוד — 186, 233
גרינבערג מאָטל — 35
גרינבערג יחיאל — 218
גרינבערג שמערל — 70, 84, 235
גרינבערג שמעון — 216, 232
גרינבערג לעאָן — 66
גרינבערג יהודית — 190
גרינשפאַן פייוול — 19
גרינשפאַן עווא — 76
גרינשפאַן אברהם — 245
גרינשפאַן לעאָניע — 76, 186
גרינפאַרב מאָזעס — 218
גרינפאַרב דוד — 13, 218
גרינפאַרב זלמן — 218
וואַסערצוג אברהם — 48
גרינוואַלד משה — 66
גרינוואַלד שרה — 247
גראַביע משה — 13, 88, 226
גראַיאַנצי יעקב — 162
גראַנאַטאָווע רודע — 211
גראַנאַטאָווע פייגע — 211

ד

דאַמבאַק חנה — 161
דודקעוויטש חיים׳ל — 144
דודקעוויטש ישראל — 162
דוא — 187
דוואָש־מיעדזשינסקי חנטשע — 194
דוואָש מאָטל — 194
דוואָש פעשקע — 194
דוואָש שמילקע — 194
דוואָש יאָסעלע — 194
דוואָש שיעלע — 194
דבורה׳לע — 206

ה

האַלבערשטאַט נחום — 115, 124, 138
האַלבערשטאַט הערצל — 115, 124, 138
האַלבערשטאַט בנימין — 105
האַלבערשטאַט משה — 179
האַלבערשטאַט מאָטל — 233
האַלבערשטאַט־יום־טוב שרה — 75
האַלבער אברהם — 98, 164, 186
האַלבער איטשע — 186
האַלבער מלך — 186
האַלבער האַנקע — 164
האַנדלאַזש יעקב — 151
האַניקוואַקס מאיר — 237
הובערמאַן מאָטל — 163
הובערמאַן בונעם — 66
העלער רחל — 228
הערץ בנימין — 179
הערשעלע, רב — 244

ו

וואָלאַנאָוויטש מאיר — 169
וואַסערבורג יהודה — 135

וואסערצוג אברהם — 48
וואסערצוג יהודה — 135
וואסערשטיין בן־ציון — 151
וואקשטיין שרה — 247
ווארשאווסקי אשר — 193
וויינטרויב יצחק נחום — 27, 65, 71, 85, 115, 124, 137, 219, 227; 232
וויינטרויב מיניע — 218
וויינאפעל אברהם — 13, 22, 89
וויינשטיין לייבוש — 13
וויינגארטן — 84
ווייסבערג געצל — 199
וונדערבוים יידל — 154
וונדערבוים יוסף — 212
וונדערבוים בערל — 154
ווילק יעקב — 162
וויטשקאווסקי — 181
ווישניע — 144
ווישניע לייב — 185
ווישניע ישראל — 185
וולאדאווער יצחק — 200
וולאדאווער וועלוול — 200

ז

זאטארסקי — 185
זאלצמאן מאיר — 144
זאלצמאן אסתר — 76
זאלצמאן שלום — 13, 229
זאלצמאן לאלא — 76, 78, 144, 185
זאקאליק אלתר — 193
זילבערשטיין שלום — 162, 164
זילבערשטיין דבורה — 195
זילבערגלייט — 218
זאנשיין יעקב — 136, 186
זאנשיין טשיפע — 186
זאנשיין רחל׳ע — 186
זובראוויטש יוסף — 185
זיידנצייג יחיאל מאיר — 18
זיידנצייג שמואל — 89
זיידנצייג ליבע — 218
זשעפא כאשע — 161
זלאטאווסקי — 9

ט

טאבאקמאן יעקב — 65, 177
טאבאקמאן סאלעק — 189
טאנדעציאזש ישראל — 158
טענענבוים שלמה, ד״ר — 66, 71, 73, 76
טענענבוים יעקב — 13, 76, 226
טענענבוים חיה — 13
טענענבוים רוזשע — 226
טענענבוים הערשל — 67, 71, 179, 235, 239
טענענבוים יודל — 227
טענענבוים־יום־טוב אידא — 128
טוכמינץ דבורה — 165, 211
טוכקלאפער וואלף — 218, 227, 229
טעמקין צעשע — 76
טעמקין משה — 219, 232
טעמפעלדינער שמילקע — 162
טשארנאבראדע בערל — 13, 76, 226
טשארנאבראדע מנשה — 13, 65
טשארנאבראדע הערש יוסף — 85
טשאך פינטשע — 32
טשיבוצקא דינטשע — 99
טשיבוצקי בערל — 66

י

יאבלאן חיים שלמה — 53
יאבלאן ישראל — 66
יאבלאן לילא — 99
יאבלאן סאלעק — 99
יאבלאן בראנקע — 99
יאבלאן פייגעלע — 99
יאבלקאוויטש יוסף — 177
יאבלקאוויטש שרה — 247
יאבקאווסקי הערשל — 151
יום־טוב יעקב — 13
יום־טוב אליעזר ליפע, רב — 53
יום־טוב בעריש — 53, 174
יום־טוב ישראלטשע — 43
יום־טוב משה — 229
יודענגלויבן משה — 13, 229
יאסעלעוויטש — 228
יהושועלע, רבי — 53

יפה ברוך — 227
יפה מרדכי — 227

כ

כאַנאַלעוויטש הענעך — 216
כיבאָווסקי שמואל — 200
כהנה מאַדזיע — 218
כץ — 157

ל

לאַנדוי יוסף, אדוו. — 26, 236
לאַנדוי רוזשע — 78, 118, 247
לאָוטענבערג לילקא — 200
לוסטיק לייבל — 178
לוסטיק דוד — 178, 183, 197
ליבערמאַן דוד — 66
ליבערמאַן בערל — 184
ליבערמאַן יואל — 184
ליפּסקער אייזיק — 66
ליוראַנט אשר — 227, 245
ליוראַנט צבי — 178, 240
לעבעל הענריק, ד״ר — 35, 65, 73, 235, 237
לעבעל וויטעק — 78, 144, 185
לעדערהענדלער יענטע — 247
לעוו נחמן — 27, 53, 174
לעווין מאַרישע — 99
לעווין קובא — 99, 107
לעווין אנדזשע — 99
לעווין יעקב — 72
לעווין־אדלער פעלע — 193
לעווין אליעזר — 235
לעווין יואל — 66
לעווין נאַטקע — 162, 164, 193
לעוויטע שמואל — 49
לעוונשטיין אסתר — 13

מ

מאַלין נחמיה — 227, 229
מאַנדלמאַן משה — 13
מאַנדלבוים לייב — 51, 139
מאַנדלצווייג לייבל — 44
מאַנציאַרזש גדליה — 199
מאַרגנשטערן דוד — 227
מאַרכביין — 84
מילער — 162
מינץ בערל — 218
מרדכי׳לע, רב — 244

נ

נאַדוואָרנע אברהם — 189
נייגאָלדבערג נפתלי — 80, 83
ניעדזשוויעדזש — 218
נתן דוד, רבי — 244

ס

סאַדאָווניק יוסף — 135
סאַרנאַצקי יאנקל — 65
סוכאַדאָלסקי — 247
סוקענניק — 10
סטאַלאָווע — 247
סלושנע אברהם — 13, 90
סלושנע י. ס. — 90, 245
ספּעקטאָר אסתר — 117, 247
ספּעקטאָר חנה — 227
סרעברניק מלך — 174

ע

ענגלענדער אברהם שלמה — 13
עפּעלבלאַט טויבע — 247
עפּשטיין — 70, 76
עקערמאַן יהושע — 13, 18, 65, 227
עקהייזער בעריש — 216

פ

פּאַפּאָווסקי פישל — 13, 229
פּיעקאַרזש חנה — 75, 247
פּיעקאַרזש יעקב — 104
פּיעקאַרזש אלי — 161
פּיעקאַרזש יידל — 151
פּיעקאַרזש ניסן — 151
פּיאַטקאָווסקי חיים מרדכי — 161
פּערלמאַן אהרן — 184
פּפאַו, ד״ר — 46
פּרנס — 99
פּריוועס לייבל — 53

פּ

פורמאַן — 160, 211
פיגאָווע דוד — 162
פינקלשטיין — 193
פיינזילבער שלמה — 192
פיינזילבער דוד — 192
פיינהאָלץ שמערל — 141, 184
פלאַשין — 228
פערסטער גוטשע — 13
פערסטער־וויימאַן — 247
פעדערמאַן — 105
פעלזענשטיין שאַלקע — 44
פעלזענשטיין חוה — 247
פעלזענשטיין ניוניאַ — 247
פעלזענשטיין רבקה — 247
פעלזענשטיין־מיאַדאָווניק — 247
פרידמאַן עזריאל — 67, 72
פרידמאַן פייגע — 76
פרידמאַן אידאַ — 99
פרידמאַן קלמן — 115, 124, 138
פרידמאַן אברהם — 107
פרידריך יודל — 13, 89
פריימאַן שלמה — 162
פרענקעל מאיר — 233
פרענקעל פישל — 220

צ

צוקער בן־ציון — 89, 105, 115, 124, 138
צוקער גבריאל — 200
צוקער ישראליק — 164
צוקערמאַן רחל — 247
צוקערמאַן אשר 226
ציגלשטיין — 144
צעלניק אפרים — 72

ק

קאגאַן יצחק — 115, 138
קאָוויצקי משה — 164
קאַסטן אברהם — 160
קאַמינסקי אלטער — 220
קאַנטאָר סנדר — 53, 57
קאַנאַפּנע — 193
קאַניאַק גיטל — 164
קאַפּלאַן יהושע — 211
קאַפּלאַן צירל — 192
קאַזשעניצער הערשל — 89
קאַרניצקאַ — 247
קאַרטאָפּליע אביגדור — 29
קאַראַנאַ יעקב דוד — 216
קאַרניצקי אברהם יוסף — 66
קאַרן רחל — 247
קאַרטש־טשאַרנאָבראָדע שרה — 205
קדיש משה — 89
קוויאַטעק אברהם אשר — 25
קוויאַטעק־גרינוואלד יהודית — 183
קישעלינסקי משה — 185
קישעלינסקאַ אסתר — 247
קליינמאַן העניע — 180
קליידערמאכער שעפסל — 211
קליינלערער שרה — 247
קעלמאַן — 181
קעסלברענער יוסף — 192
קראַוויעץ ישראל 23, 107
קראַמאַרזש חנה — 247
קראַמאַרזש גיטל 247
קרוזשעל משה — 65

ר

ראַבינאָוויטש בערל — 185
ראַבינאָוויטש יחיאל, רבי — 173
ראַבינאָוויטש שרה — 76
ראַבינאָוויטש ישעיה — 85
ראַגאָוויקאַמיען נחמן — 48
ראָווינסקי ברכה — 144, 185
ראַדאשינסקי איטע — 165
ראַדאשינסקי ברכה — 75, 247
ראַדזינסקי משה — 20, 66, 71
ראָזנבוים יוסף — 13, 53, 66
ראָזנבוים זיסקינד — 164
ראָזנבערג פסח — 44
ראָזנבערג מארקל — 200
ראָזנגאַרטן הערשל — 13

ראָטביין משה — 23, 66, 71, 125, 187,
192
ראָטענבערג בונים — 221
ראָטבערג איטשע — 162
ראָטבארד פרימעט — 193
רובינשטיין, אַדוו. — 66
רובינשטיין פלתיאל — 27
רובינשטיין ישראל — 85
רובינשטיין דוד — 245
רובין יוסף — 172
רודזקי משה — 200
רוזשאָוויקוויאַט יידל — 120
רזאָנצאַדזשעווא מאיר — 13, 18, 89
רידעל שמעון — 53
רידעל מאניש — 18, 220
רידעל אביגדור — 53, 245
רידעל ברוך — 174
ריבאק חנוך — 13, 229
ריבאַק פערל — 247
רימאַרזש מלך — 152

ש

שאַליטאַ — 228
שאַנשיין שמעון — 195
שאַפּיראָ הערש מענדל — 13
שאַפּירמאַן בראָנקע — 76
שאַסנפויגל — 144
שולמייסטער ישראל 211
שוחט איטשע מאיר — 89, 115, 124,
138
שווארץ, ד״ר — 66, 71, 76
שווארצבאָרד אהרן — 195
שינאַלאָווא גוטשע — 186
שינאַלאָווא לילי — 186
שליפקע הערשל — 219, 232
שליפקע אליעזר — 29
שלאָסער ישראלקעלע — 18
שלייכער, ד״ר — 229
שלייפער חיים — 13
שמש אברהמ׳לע — 104
שפאדעל יעקב 161
שפּילפּידל אהרן — 13, 226

קליינער געטאָ



אינהאלט:

א פאָר ווערטער פון יואל מאסטבוים — — — — — — — — זייט 4
א וואָרט פון מחבר — — — — — — — — — — — — „ 5
צוריק אהיים — — — — — — — — — — — — „ 7
אויף די חורבות — — — — — — — — — — — — „ 12
פיענקנע גאס — — — — — — — — — — — — „ 16
קילינסקע גאס — — — — — — — — — — — — „ 23
אויפן הייליקן שטח — — — — — — — — — — — — „ 26
אויפן אלטן בית־עולם — — — — — — — — — — — — „ 32
די לעצטע שעה׳ן אין גרויסן געטאָ — — — — — — — — „ 34
אויפן אומשלאג ־ פלאץ — — — — — — — — — — — „ 38
בלוטיקע סטאטיסטיק — — — — — — — — — — — „ 50
דאָס גרויסע געטאָ — — — — — — — — — — — — „ 52
סטארי רינעק — — — — — — — — — — — — „ 52
דלוגע גאס — — — — — — — — — — — — „ 63
יודנראט — — — — — — — — — — — — „ 65
קאָנטריבוציעס — — — — — — — — — — — — „ 68
טראגישער סוף פון יודנראט — — — — — — — — — — „ 70
דער געטאָ ־ שפיטאָל — — — — — — — — — — — — „ 72
אשר אָרזשל — — — — — — — — — — — — „ 80
די אלט־שטאָט — — — — — — — — — — — — „ 85
קינדער פאר קינדער אין געטאָ — — — — — — — — — „ 98
ביי דער חורבה פון קצבים בית־המדרש — — — — — — — — „ 100
אין דער אמאָליקער מקוה — — — — — — — — — — — „ 106

דאָס קליינע געטאָ — — — — — — — — — — — — — — „ 111

ארבעטס־לאַגערן — — — — — — — — — — — — — — „ 118

לעבן און טויט אין קליינעם געטאָ — — — — — — — — „ 121

דער נייער יודנראַט — — — — — — — — — — — — — „ 124

די לעצטע טעג אין קליינעם געטאָ — — — — — — — — „ 126

געגעשע באַרקי — — — — — — — — — — — — — — „ 129

דער לעצטער וועג — — — — — — — — — — — — — — „ 137

לעבנגעבליבענע דערציילן — — — — — — — — — — — „ 140

גויים דערציילן — — — — — — — — — — — — — — „ 167

סאַדיזם, ווילדקייט און אכזריות — — — — — — — — — „ 171

גויים, וואָס האָבן געראַטעוועט און
גויים, וואָס האָבן געמאָרדעט יידן — — — — — — — — „ 182

אויף קבר־אָבות — — — — — — — — — — — — — — „ 213

תלמוד־תורה — — — — — — — — — — — — — — — „ 214

עזרת־יתומים — — — — — — — — — — — — — — — „ 217

הזמיר — — — — — — — — — — — — — — — — — „ 223

תרבות — — — — — — — — — — — — — — — — — „ 227

יצחק נחום וויינטרויב — — — — — — — — — — — — „ 232

אדוואָקאַט יוסף לאַנדוי — — — — — — — — — — — — „ 236

ד״ר העגריק לעבעל — — — — — — — — — — — — — „ 237

הערשל טענענבוים — — — — — — — — — — — — — — „ 239

געווען אמאָל אין שעדלעץ דריי בית־עלמינס — — — — — „ 241

דאַטעס פון יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין שעדלעץ — — — — „ 250

זוכצעטל פון נעמען — — — — — — — — — — — — — „ 255

אינהאַלט פון די בילדער:

1) די גרויסע שול אין שעדלעץ
2) געטאָ־טויער ביים סטאַרי־רינעק
3) געטאָ־עגלה פירט מתים
4) אָשר אָרזשל
5) משה אבע אייזנשטאט מיט זיין פרוי איטע
6) מען פירט צום טרעבלינקער טויטן־צוג.
7) " " " " " "
8) קבורה פון עקסהומירטע יידן
9) ביים דענקמאָל־שטיין
10) מאָניש רידעל איז מספיד
11) הזכרה
12) דער לעצטער ביטערער שמייכל
13) מען פירט אלטע און קראנקע קיין גענשע־בארקי
14) פארוואלטונג פון קרעדיט־געזעלשאַפט אין שעדלעץ
15) תרבות־עסקנים און לערער
16) גרינדער פון עזרת־יתומים
17) קאַרטע פון גרויסן און קליינעם געטאָ

באַמערקטע דרוקפעלערן:

זייט 9, 15־טע שורה פון אויבן, אַנשטאָט אזלעכע דארף זיין אזעלכע
" 18, 17־טע שורה פון אויבן, אַנשטאָט אויסגעלאָזט דארף זיין אויסגעלאָזט
" 26, 6־טע שורה פון אויבן, אַנשטאָט בית־המקדש דארף זיין בית־המדרש
" 47, 7־טע שורה פון אויבן, אַנשטאָט מגן זיין דארף זיין מגין זיין
" 47, 17־טע שורה פון אויבן, אַנשטאָט מזמין זיי דארף זיין מזמין זיין
" 66, 18־טע שורה פון אויבן, אַנשטאָט טרייע דארף זיין טרייען
" 73, 15־טע שורה פון אויבן, אַנשטאָט הבכה דארף זיין עמק־הבכה
" 119, 12־טע שורה פון אויבן, אַנשטאָט אברעטער דארף זיין ארבעטער
" 123, 13־טע שורה פון אונטן, אַנשטאָט ארויסוואָרפן דארף זיין ארויפוואַרפן
" 130, 14־טע שורה פון אויבן, אַנשטאָט זיירע דארף זיין זייערע
" 132, 11־טע שורה פון אויבן, אַנשטאָט קיי דארף זיין קיין
" 135, 12־טע שורה פון אויבן, אַנשטאָט וואסערבורג דארף זיין וואסערצוג
" 138, 12־טע שורה פון אונטן, דארף זיך לייענען: האלטן זיך צוזאמען און זענען אָנגעטאָן
" 150, 13־טע שורה פון אונטן, אַנשטאָט פייערלעכקייט דארף זיין פרייילעכקייט
" 151, 9־טע שורה פון אונטן, אַנשטאָט דערפער דארף זיין געטאָס
" 164, 10־טע שורה פון אויבן, אַנשטאָט 16 דארף זיין 6
" 165, 3־טע שורה פון אויבן, אַנשטאָט זיי דארף זיין זיין
" 177, 10־טע שורה פון אונטן, אַנשטאָט יאבלאָנאָוויטש דארף זיין יאבלקאָוויטש
" 178, 13־טע שורה פון אויבן, אַנשטאָט דייטשע דארף זיין דייטשן
" 183, 16־טע שורה פון אונטן, אַנשטאָט באנאלעוויטש דארף זיין כאנאלעוויטש
" 198, 7־טע שורה פון אויבן, אַנשטאָט אראנטשיק דארף זיין אָרלאַנטשיק
" 215, 12־טע שורה פון אונטן, אַנשטאָט אָדער דארף זיין אָבער
" 215, 3־טע שורה פון אונטן דארף זיך לייענען: כל המלמד בתו תורה כאילו מלמדה תפלות
" 218, 17־טע שורה פון אינטן, אַנשטאָט זיידענצווייג דארף זיין זיידנצייג
" 220, 10־טע שורה פון אויבן, אַנשטאָט בית־דין דארף זיין בית־דין שטוב
" 255, 8־טע שורה פון אונטן, אַנשטאָט גאָלדפארב העניעק דארף זיין גאָלדפארב הענעך

מסיפורי השואה בשדליץ

נוצרי שומר בית החיים
הראה לי מקום הזבח
עיניו זלגו דמעות כמים
לזכר הנורא בשוד וטבח.

שם מצאתי אשה צעירה לימים
מתיפחת על קבר הוריה
מספד מר נשאה למרומים
על הוריה פה נחנקו לעיניה.

סיפר לי הנוצרי

נערים ונערות עוללים ויונקים
אנשים חכמים ונשים עדינות
נסחבו יחדיו אל בית החיים
עינו והומתו במיתות משונות.

אשה עזובה ומרת נפש
בתה הרכה חובקת בזרועותיה
סחבה נאצי למקום רפש
ובכידון דקר את שתי עיניה.

גנחה הילדה וקראה בדמויה
אמא, אמא, אמא מתוקה
עבר נאצי וסתם פיה
מתה הילדה גועה, חנוקה.

לא אפיח דברים כלפי מעלה
ברוב דברים לא יחדל רשע
אבל מי יודע פתרון השאלה
למה נשמדו עוללים חפים מפשע.

נסתרים דרכי ה׳ תשובה לכל השאלות
ללמדם להבינם, למרום מן הנמנע לעלות.

מוניש רידל